STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07886

www.libtool.com.cn

TSVISHN SHAKALN

Betsalel Terkel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

www.libtool.com.cn
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

צווישן שאַקאַלן

www.libtool.com.cn

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

139

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו
פאַרלאַגס-ליטער:
אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

צווישן שאַקאַלן

(שבעה מדורי „גן־עדן"...)

✶

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, 1959 — תשי"ט

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אַ מצבה לזכרון אייך אַלע, אומגעקומענע ברידער און שוועסטער — פּליטים, וואָס האָבן פאַרלוירן דאָס לעבן אין הונגער, פּיין און עלנט אויף די וועגן פון נע־ונד אין די מאוים־דיקע וואַנדער־יאָרן און וואָס זענען נישט געקומען צו קבר ישראל.

אויף אייערע אומבאַקאַנטע קברים אין די סיבירער טייגעס און טונדרעס, אין די וועל־דער, פּאָסיאָלקעס און סטעפּעס — אַ נאָמענ־לאָזער שטיין פאַר אייער הייליקן אָנדענק.

דער מחבר

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אינהאלט

אין די פאַרנומענע געביטן
אין באַפרייטן ביאַליסטאָק — 13
אַהיים — 17
וועלוול בעקער — 23
די לעצטע נאַכט — 30
פּליטים אויף די וועגן — 34

אויפן ווייטן צפון
ערב פּסח — 41
אַ נאַכט־וויזיט ביי טימאָשענקאָ — 50
די גוטע בשורה פון קאָמענדאַנט — 57
דער פּאָסיאָלאָק ליידיקט זיך אויס — 63
קאַזאַכסטאַנער סטעפּעס — 69

אין שיינעם פּאַמאַרקאַנד
„סאַן אַבראַבאַטקי״ — 75
צוויי חברים — 81
פון וואָס מען קאָן אַלץ מאַכן אַ לעבן... — 88
מיטן „קאָנוואָי״ — 94
אין תפיסה — 101

אַבלאַוועס און אַרעסטן
אַבלאַוועס — 109
אין מיליץ אַרעסט — 116
אין דער צענטראַלער טורמע — 122
צוריק אויף דער פריי — 129

הונגער
אַ מעשה מיט אַ באַראַן — 139
הערינג און וואָדקאָ — 146

www.libtool.com.cn

אַ חלום וועגן עסן — 151
אין אַ פינצטערער נאַכט — 155

נאַטשאַלניקעס

אַ פריש געבאַקענער... — 163
אַן ערלעכער... — 171
דער אינוואַליד — 177
נאַטשאַלניק קים — 182
אַ בוכאַרער ייִד — 189

יאַנקל קאַלכאָזניק

„קאַלכאָז אימעניא פושקינאַ" — 197
אַבדול ראַכמאַנאָוו — 203
אַ קאָמאַנדיראָווקע אויף אַרבעט — 210
מע גלייכט אויס די ערד... — 215
אין אַ פאַרבלאָנדזשעטן פוילישן וואַגאָן — 221
אַלץ פאַרן שטיקל ברויט — 226
ביים קאַנאַל — 231

„מ י ל י אָ נ ע ר ן"

קאַגאַנאָוויטש קאָלכאָז — 241
קאַראַבטשוק! — 246
די אוזבעקטשקע פּאַרוואַ — 251
ווען איז זי געשטאָרבן? — 255
אויף אַ ברית־מילה ביי אוזבעקן — 261
שיין זענען דיינע נעכט, סאַמאַרקאַנד — 267

א י ל ו ז י ע ס . . .

אויף דער עוואַקואַציע — 273
אַנדערע צייטן — 279
אַ שרייבער־פּליט — 285
דער אַקראָבאַט — 291
אַ ייִדישער קינסטלער — 296
דער אימפּרעסאַריאָ — 300

www.libtool.com.cn

עשאַלאָנען

ענדלעך דערלעבט — — — — — — — — — — — 309
נע־ונד — — — — — — — — — — — — — — — 316
אויף דער פוילישער טעריטאָריע — — — — — — — 324

מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ

קאַטאָוויץ — — — — — — — — — — — — — — 331
נייע צרות — — — — — — — — — — — — — — 336
דער אַלטער קאַשטאַן־בוים — — — — — — — — — 341
אין דער וועלט אַריין — — — — — — — — — — 345
אויף אַ באַנק ביים אייפּעל־טורעם — — — — — — — 348
צוויי וועלטן — — — — — — — — — — — — — 352
אַ הויז אין די בערג — — — — — — — — — — — 357

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אין די פֿאַרנומענע געביטן

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אין באַפרייטן ביאַליסטאָק

פון גרענעץ־שטעטל זאַרעמבי־קאָשטשעלני האָט זיך דער צוג אַריינ־געלאָזט מיט אימפּעט אין דער באַפרייטער שטאָט ביאַליסטאָק.

חיים גרינשטיין, איז דער ערשטער אַ פריידיקער אַרויסגעשפּרונגען פונעם פראַכט־וואַגאָן, וואָס האָט נאָך עטלעכע טעג וואַנדערן איבער גרע־נעצן און טויט־געפאַרן אים געבראַכט אין זיין באַליבטער שטאָט, ווו ער האָט אַמאָל אין די יונגע יאָרן געוווינט.

אויפן וואָקזאַל איז געווען אַ רעש און טומל פון אָנגעפּאָרענע מענטשן, צעשטראַלטע גרופּעס רויטאַרמייער מיט אָפענע פּנימער, אָפּגעברענטע פון דער זון, האָבן זיך אַרומגעדרייט ליידיקגייעריש, זאַרגלאָז איבערן שטאָט. די גאַסן זענען נישט צו דערקענען. אַלע שטאָט־מויערן באַהאַנגען מיט גרויסע פּאָרטרעטן פון לענין מיטן גאָלן קאָפּ, סטאַלין מיט די וואָנ־סעס, מאָלאָטאָוו אין די ברילן, דער אַלטיטשקער קאַגאַנאָוויטש אין דער מאַטשעיעווקע, וואָראָשילאָוו אין מאַרשאַל־אוניפאָרם. די גאַסן האָבן אויס־געזען יום־טובדיקע. אַ סך געמיטלעך־שפּאַצירנדיקע ציווילע און זעלנער מיט שפּיציק־הויכע היטלען מיטן פינפקאַנטיקן שטערן פון רויטן עמאַל, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט מיט אַ זעלבסטזיכערקייט און שטאָלץ פון אַ זי־גער, אַ באַפרייער.

די אָפענע געשעפטן זענען געשטאַנען האַלב־ליידיק. אויף די פּאָלי־צעס האָט מען געזען אַרטיקלען וואָס זענען כמעט קיינעם נישט נייטיק, צומייסטנס צודאַטן צו שוסטעריי, שניידעריי, טאַשמעס, שטייפע לייוונט, קעלנער, שאַלן, וואַנט־זייגערס, טעפּ, שיסלען. די רויטאַרמייער האָבן אַלץ אויסגעקויפט. באַצאָלט וויפל מען האָט געבעטן, זיך נישט געדונגען און אַרויסגעטראָגן גאַנצע פּעק, אונטער די אָרעמס.

אין אַלע ראָגן גאַסן זענען געווען אויסגעשטעלט מעגאַפאָנען, וואָס

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

האָבן הילכיק צעטראָגן דאָס רוסישע ליד „יעסלי זאַווטראַ וואָינאַ״ [1], וואָס איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון אַלעמען. גרויס און קליין האָבן שוין געקענט די היימישע איבער נאַכט פּאָפּולער געוואָרענע מעלאָדיע פון דעם זעלנערישן מאַרש־ליד.

צום אָוונט־צוג וואָס דאַרף אָפּפאָרן אין זיין געבוירן־שטאָט, איז נאָך דאָ גענוג צייט. ער קוקט יעדן פאַרבייגייער אין פּנים, אפשר וועט ער טרעפן וועמען, אַ באַקאַנטן, אַ נאָענטן. ער דרייט זיך אַרום איבער די גאַסן, באַוווּנדערט אַלץ, ווי ס׳וואָלט דאָ געווען גאָר אַן אַנדערע וועלט, אַ זאָרגלאָזע און צופרידענע. בסך הכל אַ פּאָר שעה ווי ער איז דאָ אין באַפרייטן ביאַליסטאָק, און שוין האָט ער פאַרגעסן אין די איבערלעבענישן פון די לעצטע טעג, ווי ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון וואַרשע, איבערגעלאָזט הינטער זיך אַזוי פיל חורבות, אומגליק און פּיין, צעבראָכענע און פאַרפייניקטע לעבנס, אַרומגעכאַפּטע פון טויט־שרעק אונטערן שווערן שטיוול פון דייטשן אָקופּאַנט. ער האָט שוין פאַרגעסן אין זיין לויפן צו דער גרענעץ, ווו ער איז באַרויבט געוואָרן פון אַלעם, וואָס ער האָט נאָך באַוויזן אַרויסצוראַטעווען פון וואַרשע.

— און דאָך, איז נאָך נישט אַלץ פאַרלוירן — האָט ער זיך אַליין געטרייסט — דאָרט האָב איך געלאָזט פינצטערניש און עלנט, דאָ גייט אויף אַ לעבן, אַ לעבן פון ס׳ניי.

אין שטאָט האָבן זיך גענומען צינדן די עלעקטרישע לאָמפּן. ביי־נאַכט, זעט אויס, איז דאָ ליכטיק, נישט ווי אין וואַרשע, וואָס איז אין די נעכט איינגעהילט אין חושך, אין געדיכטער קלעפּיקער פאַרטונקלעניש.

אין די נאַכט־שעהן איז ביאַליסטאָק נאָך לעבעדיקער געוואָרן. מענגעס מענטשן שפּאַרן זיך אין די קינאָס, ווי קיינמאָל גאָרנישט, מחנות שפּאַצירנדיקע פאַרפולן די טראָטואַרן. ווי קומט צו דער דאָזיקער שטאָט אַזויפיל מענטשן? נאָך קיינמאָל זינט גרינשטיין געדענקט, איז נאָך אַזאַ לעבעדיקייט און פריילעכקייט נישט געווען אויסגעגאָסן אויף דער דאָזיקער שטאָט. עס איז שווער צו דערקענען, אַז ס׳איז איצט גאָר מלחמה־צייט. אַלץ לעבט, ברויזט און קאָכט אין דעם פריילעכן האַרמידער.

---

[1] אויב ס׳וועט מאָרגן זיין קריג.

www.libtool.com.cn

פריי, מיט שטאָלץ אויפגעהויבענע קעפּ, שפּאַצירן יידישע מיידלעך, גערעמט מיט יידישע און רוסישע רויטאַרמייער. זיי שמייכלען צו די זעלנער צופרידענע, פול מיט דאַנקבאַרקייט צו זייערע באַפרייער און רעטער.

גרינשטיינען איז געווען אַ שאָד צו פאַרלאָזן די שטאָט, וואָס לעבט שוין אַ באַפרייטע פון אַלע סכנות און קאָשמאַרן, מלחמה־שרעקן און שי־סערייען.

* * *

אויפן וואָקזאַל האָט גערוישט ווי אין אַ בינשטאָק. שווער זיך דורכ־צושטופן דורכן גרויסן המון, וואָס האָט באַלאַגערט אַלע איינגענג און דעם צוטריט צו די בילעטן־קאַסעס. מענטשן אין די טויזנטער מיט פעקלעך און וואַליזעס, מיט טעקעס און האַנט־רענצלעך איילן ווי אויף אַ חתונה, וואָס דאַרף ערגעץ פאַרקומען, און מ׳האָט מורא מען זאָל נישט אָנקומען נאָך אַלעמען, ווען ס׳וועט שוין זיין נאָך דער חופּה.

חיים גרינשטיין שטופּט זיך מיט אַלעמען אינעם געשפּאַר פון די מאָדנע פּאַסאַזשירן, ציווילע ווי מיליטערישע.

פּלוצים ווערט אַ געזעמל: יונגע קאָזאַקן אין פאַרשיידנפאַרביקע קליי־דער, רויטאַרמייער פון די ווייטסטע רוסישע געגנטן, שטעלן זיך אַרום בופעט אין ערשטן קלאַס. איינער פון זיי ציט אַרויס אַ מויל־האַרמאָשקע, דער צווייטער אַן אַקאָרדעאָן און באַלד לאָזט זיך אַ גרופּע פון זיי אין אַ ווילדן טאַנץ, אַזש ס׳נעמט שווינדלען פאַר די אויגן. דער גאַנצער וואָקזאַל־בנין האָט זיך צעזונגען און צעהוידעט, אַלץ איז מיטגעריסן געוואָרן אינעם התלהבותדיקן מזרח־טאַנץ, באַגלייט פון אויסגעשרייען פון די שפּילער און טענצער.

אין האַרצן ביי חיים גרינשטיינען נאָגט און צופּט אַ ווייטיק. פאַר זיינע אויגן שוועבן פאַרביי די אימהדיקע אַנפּליען פון די דייטשע אַעראָ־פּלאַנען, וואָס האָבן געזייט טויט און חורבן. אין די אויערן הילכן אָפּ די טעמפּע אויפרייסן פון די שראַפּנעלן און סנאַריאַדן, וואָס האָבן אַן אויפ־הער געדונערט איבער די וואַרשעווער מויערן. אין די נאָזלעכער שפּירט זיך נאָך אָפּ דער עסנדיקער רויך פון די ברענענדיקע און איינגעפאַלענע

www.libtool.com.cn

הייזער, וואָס האָבן פאַרשאָטן אונטער זיך הונדערטער מענטשן און דער גערוך פון די פוילנדיקע טויטע פערד אויף די רואינירטע, גרוז־באַשאָטענע וואַרשעווער גאַסן.

די מחנה טאַנצנדיקע און צעזונגענע רויטאַרמייער, האָט מיט מזרח־ברען פאַרדבקהט, ווי חסידים זיך אַריינגעוואָרפן מיט מער פייער אין טאַנץ, די ווענט פונעם וואָקזאַל האָבן אַזש אונטערגעציטערט, די מאָסע פּאַסאַזשירן האָבן זיך מיטגעוויגט מיטן טאַקט פון דער עקזאָטישער צעהוליעטקייט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און אַלע אין איין קול האָבן מיטגעזונגען, ווי אַן אויסגעשטודירטער כאָר און הילכיקע בראַוואָ־פּאַטשערייען האָבן באַגלייט די אויסגעשרייען „זאַ פּאָביעדו״! זאַ סטאַלינאַ! הוראַ! הוראַ! הוראַ! [1]

פּלוצים איז שטיל געוואָרן. דער זייגער אויפן ווייטן קרעמל־טורעם האָט אויסגעשלאָגן צוועלף, כאָטש דאָ איז נאָך געווען ערשט אַזייגער צען. מאָסקווע האָט דורך אירע מעגאַפאָנען געלאָזט הערן דעם זייגער־געקלאַפּ פונעם קרעמל און די קלאַנגען פון „אינטערנאַציאָנאַל״, וואָס האָבן זיך רחבותדיק צעשאָטן איבער די פּוסטע, אויסגעשטאָרבענע גאַסן און הויך אָפּגעקלונגען צווישן די ווענט פון ביאַליסטאָקער וואָקזאַל...

---

[1] פאַרן נצחון, פאַר סטאַלינען.

www.libtool.com.cn

אַ היים

דער צוג האָט געריִרט פון אָרט. אַ לאַנגער מאַנאָטאָנער פייף האָט דורכגעשניטן די נאַכט־שטילקייט און פאַרפאַלן געוואָרן אין דער ווייט. דער צוג האָט זיך געטראָגן איבער פעלדער פאַרגאָסענע מיט נאַכטיקער פינצטערניש. דאָ און דאָרט האָט זיך דורכן אויסגעהאַקטן וואַגאָן־פענצטער געזען לויכטן אַ פלעמל פון אַ פויערישער איינזאַמער כאַטע אין לייִדיקן פעלד. אַ קאַלטער צוג־ווינט האָט דורכגענומען די ביינער.

חיים גרינשטיין איז געזעסן איינגעטוליעט אין זיין האַרבסט־מאַנטל. דער קאָפּ זיינער איז געווען אַריינגעצויגן אינעם אויפגעשטעלטן קאָלנער. די טרויעריקע געדאַנקען האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון אים, געמאַטערט נאָכאַנאַנד. ווי לאַנג נאָך ווי ער האָט פאַרלאָזט ווילנע און אַוועק אַרבעטן אין וואַרשע. פון צייט צו צייט באַקומען אַ בריוול פון ווייב, אַז ס'קינד גייט שוין אויף די אייגענע פיסלעך. ס'רוט נישט איין. די „מויד" דרייט אויס די הענט. ער וואָלט זיי געוואָלט אָנקוקן ווי זיי זעען אויס.

דער צוג האָט זיך אַלץ נענטער צוגערוקט צו זיין געבוירן־שטאָט. אָט זעט מען שוין דורכן פענצטער די פלעמלעך פון פאָרשטאָט. אָט שניידט זיך אַרויס פון דער נאַכט־פינצטערניש דער ווייסער שפּיטאָל־דאַך, און אָט זעט זיך שוין אַרויס מאַיעסטעטיש דער הויכער שיפער דאַך פון דער שטאָט־שול. דער צוג איז אַ שווער סאָפּענדיקער געבליבן שטיין אויפן שוואַך־באַלויכטענעם וואָקזאַל.

דאָס האַרץ ביי חיים גרינשטיינען הייבט אָן שטאַרקער צו קלאַפּן. ווער ווייסט? עס זעט אויס ווי אַלץ וואָלט דאָ געווען אין אָרדענונג, דער וואָקזאַל איז גאַנץ, נישט באַשעדיקט. אַלץ איז איינגעהילט אין אַ טויטער שטילקייט. די עטלעכע דראָזשקאַזשעס, וואָס פלעגן פאַר דער מלחמה וואַרטן אויף אַ פּאַסאַזשיר, זענען פאַרשוואונדן. אַרום וואָקזאַל איז שטיל און ליידיק, קיין לעבעדיקער נפש.

מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם לאָזט זיך חיים גרינשטיין גיין אי־

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

בער די גאַסן. זיין טראָט הילכט אָפּ הויל און הילכיק, ווי ער וואָלט זיך אַליין געשראָקן פאַר אים. אין שטוב ביי אים האַלט מען שוין זיכער, אַז ער לעבט נישט מער, מ׳האָט דאָך דאָ געוווּסט פון די אַלע גרוילן און צרות וואָס די וואַרשעווער איינוווינער האָבן דורכגעמאַכט אין די געציילטע מלחמה־טעג.

ער גייט איינגעהאַלטענער, שטילער איבער די גוט באַקאַנטע געסלעך. די רואיקייט דריקט אויף אים ווי אַ שרעקלעכע משא. מען זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטשן, און פּלוצים:

— קטאָ טאַם? רוקי וויערך! [1]

חיים גרינשטיין האָט דערזען אַ בלאַנקענדיקן שפּיז אַרויפגעזעצט אויף אַ ביקס און אינסטינקטיוו פאַרהאַלטן דעם טראָט.

— לאָזשיס! [2]

ער האָט זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער גרויס אויפן טראָטואַר. אין דער געדיכטער פינצטערניש האָט ער געזען אַ סילועט פון אַ מענטש וואָס שפּרייזט אַרום אים מיט אַן אָנגעצילטער ביקס און באַטראַכט אים פון אַלע זייטן.

— לאַדנאָ, ווסטאַוואַי! [3]

אַן איבערגעשראָקענער האָט זיך חיים גרינשטיין קוים אויפגעשטעלט און דערזען פאַר זיך אַ רויטאַרמייער מיט אַן אויטאָמאַט אין דער האַנט.

— פון וואַנען? — פרעגט אים דער זעלנער.

— פון וואָקזאַל איצט געקומען — פּרווט חיים גרינשטיין מיט זיין צעבראָכענעם רוסיש צו דערקלערן דעם זעלנער.

— צו וועמען ביסטו אַהער געקומען?

— איך האָב דאָ אַ פאָטער, שוועסטער, אַ ווייב.

— אַ טשטאָ זאַקוריט או טיעביאַ יעסט? [4] — פרעגט אים דער זעלנער.

---

1 ווער איז דאָרט? די הענט אין דער הויך!
2 לייג דיך!
3 גוט, שטיי אויף!
4 וואָס צום רויכערן האָסטו?

www.libtool.com.cn

— נייך, — ענטפערט חיים גרינשטיין — איך האָב געהאַט ביז נישט לאַנג פּאַפּיראָסן, געקויפט ביי אַ פּוילישן באַן־באַאַמטן לעבן מאַלקין. איצט האָב איך אין ערגעץ נישט געקריגן צו קויפן קיין פּאַפּיראָסן.

— טאַק יאַ אימעיו [5].

דער רויטאַרמייער האָט גדלותדיק אַרויסגעשלעפּט פון זיין קעשענע אַ גרויס שטיק צייטונג און אים דערלאַנגט:

— דיערזשיקאַ [6].

דער זעלנער האָט אים אָנגעשיט אין שטיקל צייטונג־פּאַפּיר, אַ הויפן דריבנע פאַרפעלעך, וואָס ער האָט אַרויסגעקראַצט פון דער הויזן־קעשענע:

— נאַ, פאַרוויקל אַ ציגאַר.

אַ שפּיץ פון דער לבנה האָט זיך אַרויסגערוקט פון הינטער דער רוסי־שער צערקווע און שעלמיש אַ קוק געטאָן אויף די צוויי נאַכט־פאַרשווינען, איינער מיט אַ פּאַפּיר וואָס קוקט פאַרגאַפט דערויף און ווייסט נישט וואָס דערמיט צו טאָן, און דער צווייטער וואָס פאַרדרייט אויגנבליקלעך אַזאַ ליולקעלע, ווי אַ שקאָרמעץ, צופּט אָפּ דעם ברעג פון פּאַפּיר און שפּייט אויס מעשה תקיף פון צווישן די ציין און נעמט עס אין מ׳ויל אַריין:

— דאַוואַי ספּיטשקו! [7]

חיים גרינשטיין האָט אַרויסגענומען זיין ציינד־מאַשינקע אונטערגע־טראָגן דעם זעלנער און אַ זיסלעך־ביטערער אַראָמאַט האָט זיך צעטראָגן שאַרף פונעם אָנגעצונדענעם פּאַפּיראָס.

— נו, און דו פאַרוואָס רויכערסט נישט?

חיים גרינשטיין האָט געפּרוווט צונויפדרייען אַ פּאַפּיראָס און ס׳איז אים נישט געלונגען און איידער וואָס־ווען האָט אים דער זעלנער אונטער־גערוקט אַן אָנגעצונדן שוועבעלע, וואָס ער׳ האָט אויסגעפונען אין קעשענע פון זיין שינעל:

— קורי! [8]

---

[5] האָב איך.
[6] האַלט.
[7] גיב אַ שוועבעלע!
[8] רויכער!

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

גרינשטיין האָט פאַרצויגן און זיך שטאַרק פאַרהוסט.

דער רויטאַרמייער האָט אים באַטראַכט פון אַלע זייטן און גדלותדיק זיך אָפּגערופן:

— אָט, איר פּאַנעס, צו אַלע ווילטאָגן זענט איר געווינט. אַזעלכע ווייסע אויסגעאײדלטע הענטעלעך, וואָס קאָנען זיי אויפטאָן. ווען נישט מיר, אייערע באַפרייער, וואָלט איר אַפילו קיין ספּיטשקעס [9] נישט געהאַט — און זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט אין דער אַרומיקער שטילקייט.

גרינשטיינען האָט געברענט די ערד אונטער די פיס. ס׳האָט זיך אים שוין געוואָלט וואָס גיכער זיין אין דער היים. נאָך אַ שפּאַר שטיקל וועג ביזן שטוב אַריין. ער האָט געפרוווט בעטןביים זעלנער ער זאָל אים לאָזן גיין.

— ניעט! [10] אונדזער וולאַסט [11] ווייסט נישט ווער דו ביסט, אָט ביסטו געקומען אינמיטן דער נאַכט, אפשר ביסטו אַ שפּיאָן. די סאָוויעטס־קי וולאַסט [12] האָט מיר פאַרטרויט אַ וויכטיקן אַמט, אַכטונג צו געבן אויף שפּיאָנען.

פון זיינע רייד האָט גרינשטיין דערפילט, אַז דאָס עסק איז נישט גלאַט. האָט ער מיט אַלע כוחות געפרוווט מיט זיינע רוסישע פּאָר צע־בראָכענע ווערטער איבערצייגן דעם זעלנער, אַז ער איז אַ היי־געבוירענער, אַז ער קומט פון וואַרשע פון פאַרשאָלטענעם דייטש, אַז ער גייט איצט גלייך פון וואָקזאַל צו זיך אַהיים.

דער זעלנער האָט אים, ווייזט אויס, יאָ אַביסל פאַרשטאַנען. ער האָט זיך גלייך אָפּגערופן צו אים:

— טשטאָ טי סקאַזאַל, פּראָקליאַטי ניעמעץ, ניע לזיאַ! [13] מען טאָר אַזוי נישט רעדן, עטאָ, ווען נאַש סאָיוזניק [14].

---

9 שוועבעלעך.
10 ניין.
11 רעגירונג.
12 סאָוויעטישע רעגירונג.
13 וואָס האָסטו געזאָגט, פאַרשאָלטענער דייטש, מען טאָר אַזוי נישט ריידן.
14 דאָס איז דאָך אונדזער פאַרבינדעטער.

www.libtool.com.cn

אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרן. דאָס צונויפגעדרייטע לוילקעלע בײַם רויטאַרמייער איז געבליבן שטעקן צווישן זײַנע גראָבע ליפּן, אַן אויסגע־לאָשנס. אַ פאַרחלומטער ערגעצווו פאַרקוקט אין דער נאַכט, האָט ער זיך אָנגערופן צו גרינשטיינען, נישט קוקנדיק אין זײַן זײַט:

— נו, לאַדנאָ, קאַק טעביאַ זאָוווט? [15]

— גרינשטיין.

— וווּ וווינט דאָ דײַן פאָטער?

— אויף ביאַליסטאָקער גאַס 58.

— קאַק טי סקאַזאַל? גרינשטיין! עטאָ טוואָי אָטיעץ? אַן או נאַס באָלשאַיאַ שישקאַ [16]. גיי אַהיים, מאָרגן וועט מען עס אויפקלערן.

גרינשטיין האָט מיט איין אָטעם אָנגעהויבן לויפן דאָס שטיקל גאַס וואָס פירט צום הויז פון זײַן פאָטער. מיט גיכע טריט האָט זיך גרינשטיין גענומען דערווייטערן פונעם זעלנער. געטראַכט צום ערשטן גיין צו זיך, צום ווייב און קינד. נאָר באַלד זיך באַרעכנט, אַז ס׳איז צו ווייט. ער וועט שוין פריער אַרײַנגיין צום טאַטן, וואָס וווינט דאָ נישט ווייט, אין אַנדערן געסל און פאַרטאָגס צווויסן טאָן אין שטוב, אַז ער איז געקומען.

* * *

אַלע לאַדנס פון דער פאַרטער־וווינונג, ווו עס האָט געוווינט דער אַלטער, אייזיק גרינשטיין, זענען געווען צוגעמאַכט. שטיל מיט אַן איינ־געהאַלטענעם אָטעם, איז חיים שטיל צוגעגאַנגען צום הויז. באַבעק האָט באַלד אָנגעשמעקט אַ נייעם מענטשן און זיך הילכיק פונאַנדערגעוואָיעט, ער איז האַסטיק צוגעלאָפן צו חיימען, און גלייך דערקענט אין אים אַן אייגענעם, ער האָט אים אָנגעהויבן לעקן און טאַנצן פריידיק אויף אים.

חיים האָט שטיל אָנגעקלאַפּט אין טיר און באַלד, האָט ער דערהערט זײַן פאָטערס קול:

— ווער איז?

---

15 ווי רופט מען דיך?

16 וואָס האָסטו געזאָגט, גרינשטיין, דאָס איז דײַן פאָטער? ער איז ביי אונדז אַ גרויסע שישקע.

www.libtool.com.cn

— איך, חיים.

נאָך אַ פּאָרען זיך ביים קלאַפּ־שלאָס האָט זיך די טיר געעפנט. פאָ־טער און זון האָבן זיך אַרומגענומען און צעקושט.

— נאָך וואָס ביסטו געקומען אַהער, האָסט נישט געקאָנט בלייבן אין וואַרשע?

— וואָס הייסט? ווי אַזוי? איך פאַרשטיי נישט...

— עס עפּעס אָפּ און לייג זיך שלאָפן. מאָרגן וועלן מיר שמועסן.

חיים האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעטאָן און זיך אַוועקגעלייגט אין בעט אַריין אַן אויסגעמאַטערטער. נאָך וואָכן זיך אַרומוואַלגערן אין דער פרעמד און שלעפּן זיך איבער פעלדער און וועלדער, ביזן דערשלאָגן זיך אַהיים, האָט חיים איצט דערפילט דעם לאַנג אויסגעבענקטן תענוג פון ליגן אַן אויסגעטוענער אין אַן איבערגעצויגן ריין בעט.

www.libtool.com.cn

וועלוול בעקער

וועלוול בעקער איז געווען אַ לינקער פון קליינוויין אויף. עס טרעפט זיך, עס זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן, אַז אַ מענטש ווערט בלינד. ערגער איז אָבער, ווען איינער מאַכט זיך בלינד און וויל נישט זען, וואָס אַרום אים טוט זיך. וועלוול איז נאָך צו דעם געווען אַן עקשן און אַזאַ פאַרביסענער, אַז ער האָט נישט געלאָזט צו זיך ריידן. אַפילו קאָסטעק ביערנאַצקעס קאַרטוז־בערעזע, די באַרימטע לאַגערן פאַר די קאָמוניסטן אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן, האָבן אים אויך נישט געקאָנט אויסהיילן, און נישט געהאַט אויף אים די מינדסטע פּעולה.

פון פאַך איז ער געווען אַ בעקער. ער איז אָבער מער געזעסן אין די תפיסות ווי געאַרבעט. די גאַנצע וועלט מיט אַלע אירע צרות האָט ער געטראָגן אויף זיין קאָפּ און זי רק געוואָלט אויסבעסערן און איבעראַנ־דערשן. האָט ער דערפאַר דאָס טייג שלעכט פאַרקנאָטן, און דאָס ברויט איז ביי אים שטענדיק פון אויוון אַרויס פאַרברענט, אָדער נישט דערבאַקן ווי אַ שטיק ליים.

כאַצקל פורמאַן, דער אייגנטימער פון דער בעקעריי, האָט זיך מיט רוגזה געוואָרפן אויף וועלוולען און געשריגן:

— וואָס מאַכסטו מיר אַ תל פון דעם געבעקס, האָסט דאָך היינט פאַרשרפהט דאָס ברויט, אַז מע קאָן עס אין מויל נישט נעמען.

וועלוול בעקער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, געריבן אַ האַנט אין אַ האַנט, אָפּקרישנדיק שטיקלעך ברויט פון דער דייזשע און מיט אַ טראָציק שמייכעלע געענטפערט:

— אַזאַ וועלט און אַזעלכע מענטשן מעגן עסן פאַרשרפהט ברויט אויך. זיי האָבן נישט קיין שכל ווי אַזוי צו לעבן אויף דער וועלט, זאָלן זיי עסן היי.

כאַצקל פורמאַן איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער:

— אַ שיין פּנים וועט האָבן דיין וועלט, אַז אַזעלכע ווי דו וועלן זיין

www.libtool.com.cn

זייערע ברויטגעבער, זיי וועלן אַזאַ באַנדע־ברויט אויך נישט האָבן, מען וועט זיך איינער דעם צווייטן אַרויסרייסן דעם ביסן פון מויל. וועסט זען, וועלוועלע, ווער עס איז געווען גערעכט, פון דיר וועט שוין קיין לייט נישט זיין...

אַ דרייסטער יונג איז ער געווען, וועלוול בעקער — וואָס, פאַר וועמען זאָל ער מורא האָבן? אין דער תפיסה איז ער שוין גענוג זיך אָנגעזעסן. אַזאַ וועלט, זאָגט ער, געפעלט אים נישט. אָט דאָרטן, דאָרטן איז אַ לעבן: אַלע זענען גלייך, אַלע גייען אַלצאַיינס אָנגעטאָן, נישטאָ קיין באַלעבאַטים. אַלע זענען אַרבעטער און דער עיקר מען בויט אַ נייע געזעלשאַפט אויף נייע יסודות, און דערפאַר לוינט צו זיצן אין תפיסה.

איי דאָס געזונט זיינס איז אינגאַנצן צעבראָכן, די תפיסה מאַכט פון אים אַ תל. נאַרישקייטן. אַ כפרה דאָס אַלץ, אַבי די וועלט זאָל באַקומען אַן אַנדער פנים, פאַר אַזאַ אידייע מעג מען אַפילו דאָס געזונט פאַרלירן. עס איז אַלץ כדאַי.

וועלוול איז געווען אַ גרויסער בר־מזל. נישט אַלע אידעאַליסטן האָבן געהאַט אַזאַ מין מזל ווי ער. אָט האָט מען אים געכאַפּט, איינגעזעצט, געמיינט, אַז ער קריגט אַ צענערל, און אָפּגעקומען מיט גאָרנישט, מיט אַ חודש, צוויי, אַמאָל אַ יאָר. ער האָט זיך שטענדיק באַוויזן אַרויסצודרייען פון די גוישע הענט. האַרט פאַר דער מלחמה האָט מען אים געכאַפּט אויף אַן אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג און אָפּגעשיקט קיין קאַרטוז בערעזע ווייטער זיצן און אָפּקומען פאַר זיין אידייע. און אין אַ חודש שפּעטער, ווען ער האָט נאָך נישט באַוויזן אָנצוואַרעמען די פיס דאָרט, איז געקומען די רויטע אַרמיי, באַפרייט אַלע אַרעסטאַנטן און אויך אים, וועלוועלען, צוריקגעגעבן די פריי.

ווויל און ליכטיק איז אים געוואָרן זיין לעבן, וועלוועלען. אַנשטאָט צו קעמפן פאַר דער אידייע, אַנשטאָט זיך מקריב צו זיין פאַר איר און שמאַכטן אַלע זיינע יאָרן אין תפיסה, קומט זי גאָר, די אידייע צו אים אַ פאַרווירקלעכטע און נעמט זיך מיט אים אָרום גוטברודעריש, טוט אים אָן אַ פאַליצייַ־היטל, הייסט אים ווערן באַלעבאָס אויף זיך און אויף אַלע מענטשן און אַפילו אויך אויף זיין באַלעבאָס כאַצקל פורמאַן.

www.libtool.com.cn

מיט איין וואָרט, וועלוול איז געוואָרן אַ גאַנצע שישקע ביי די סאָ־וויעטן, אַ גאַנצער יאַ־טעבע־דאַם, פּאַזעוועט ער, וועלוול, נישטאָ זיינס גלייכן.

זוכט ער און נישטערט און אַ ליאַדע קליינינקייט איז ביי אים אַ פאַרברעכן. אַלץ איז פאַרבאָטן. ער נעמט זיך אויסצוגלייכן די וועלט, אַז אויף גלייכהייט איז געבויט דער נייער שטייגער, מוז מען עס איינפירן אין לעבן.

נעמט ער דעם אַפּטייקער יידל ווערנער, אַ ייד אַן אינטעליגענט, און זעצט אים אַוועק אין טעאַטער־זאַל, אויף די מיטינגען, צו וועלכע אַלע מוזן קומען לויט זיין פאַראָרדענונג — סאַמע הינטן, אויף די גאָר היג־טערשטע בענק, און מאַטיע־עליען, דעם אַסעניזאַטאָר, זעצט ער אַוועק אין דער ערשטער ריי. דעם שטאָט־בעדערס קינדער אָרדנט ער איין אויבנאַן און יואל גראָסבערגן, דעם רייכן באַקאַליי־סוחר לאָזט ער זיצן פון הינטן. אַז מען שמועסט יושר איז דאָך נישט שייך צו זאָגן. איז וועלוול צופרידן, קוועלט פון נחת. די ביז היינט אומצופרידענע דערפילן דעם זיסן טעם פון כבוד און מאַכן זיך באַקוועם אין די אויסגעבעטע שטולן, און די אַלע, וואָס האָבן ביז היינט געלעבט אין ווילטאָג מאַכן אויך שלום מיטן געדאַנק, אַז צייטן בייטן זיך, וואָס איז דער חילוק ווו מען זיצט? אַבי נישט אין טורמע...

אין לעבן גייט עס אָבער נישט אַזוי גלאַטיק ווי מען וויל. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז פאַר דער אידייע דאַרף מען נאָך, דאָ אינעם לאַנד פון די פאַרווירקלעכטע אידעאַלן — קעמפן. מ'האָט פון דאָרט, פונעם צענטער, אַראָפּגעשיקט אַן אַנדערן פּאָליציי־נאַטשאַלניק, אַן אייגענעם, וואָס האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון וועלוול בעקער, און אים האָט מען באַשטימט פאַר דירעקטאָר איבער אַלע פאַראייניקטע בעקערייען אין דער שטאָט. אַנשטאָט אַן אַרבעטער ביי יענעם, איז ער געוואָרן אַ באַלעבאָס איבער די אַרבעטער און ער דיקטירט דאָרט אַלעמען. אַלע זענען אָפּהענגיק פון אים, פון זיין וואָרט, פון זיין ווונק.

און אַ באַלעבאָס איז ער געוואָרן אויף אַ וויכטיק אַרטיקל: אויף ברויט. איין קליינינקייט: ברויט. האָט עס שוין וועלוולען נישט געאַרט,

www.libtool.com.cn

וואָס מ׳האָט אים צוגענומען פון זיין פריערדיקן פּאָסטן, געוואָרן אויס נאַטשאַלניק פון דער פאָלקס־מיליץ. זיינס האָט ער שוין אָפּגעטאָן: די אַלע פּערזענלעכע קעגנער זיינע, די שונאים פון אַרבעטער־קלאַס און פון דער רעוואָלוציע האָט ער שוין כמעט ווי ליקווידירט, זיי אומשעדלעך געמאַכט. איצט קאָן מען שוין אָנגיין מיט פרידלעכער אַרבעט און בויען דאָס לעבן אויף נייע יסודות.

האָט ער אויף אַן אמת אויסגעגלייכט די ביינער. וואָסי, אַז ס׳איז שוין לויט אים געוועזן אַלץ אין אָרדענונג. די וועלט גלייכט זיך שוין אויך אויס. האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן פון אַ ביסל פּערזענלעך גליק. די גאַנצע יאָרן זיצן אין תפיסה האָבן אים געהאַלטן אין אַזאַ קלעם, אַז ער האָט פון קיין זאַך נישט געטראַכט. איצט, אַז ער גייט שוין בעסער אָנגעטאָן, איז זאַט און האָט אַ מזומנעם רובל אין קעשענע, אמת נישט קיין גאָר כשרן, ווייל פון די 200 רובל פּענסיע קלעקט אים נישט אויף אַלץ, האָט ער אָנגעהויבן מאַכן קאָמבינאַציעס מיט גוטע ברידער, פאַרקויפט אַ זעקל מעל אויף לינקס, גענומען וויזיאַטקעס אויף אַ קעסטל הייוון, ווילט זיך, אַ גוטן אָנצוג דאַרף מען, איז ער אַריין אין דעם מסחר און עס איז אַוועק אַ גאַנג.

דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן. אַלע יונגעלייט פירן ליבעס, מ׳האָט מיידלעך נאָר ער נישט. ער דרייט זיך נאָך אַלץ אַרום מיט די הענט אין וואָס איז מיט גאָלד צוגלייך. נו, וואָס זאָל ער טאָן, אַז אַ שנעפּסל מאַכן די קעשענעס. עפּעס איז געוואָרן אין שטאָט אַ בהלה, אַן אויסכאַפּעניש אויף די אַלע מיידלעך, וועלכע זענען פריער געלעגן אַזוי שטיל איינגעלייגט, די קעפּ נישט אויפגעהויבן. יעדער איינער סמאַרקאַטש האָט זיך געהייסן געבן נדן גאָט ווייסט וויפל, פאַרן וועלן חתונה־האָבן. דאָ זענען אָנגעקומען אַזויפיל רויטאַרמייער און אַלע מיידלעך זענען ממש פאַרצוקערט געוואָרן. ער, ווערלוול, האָט זיך אויך גענומען אַרומקוקן און געוואָרפן אַן אויג אויף כאַנטשע פרידבערג, דעם אַדוואָקאַטס טעכטערל, אַ שיין מיידל ווי גאָלד, דווקא זי געפעלט אים.

איז אָבער אַ צרה. מ׳עגסט טאַקע זיין דער גרעסטער אידעאַליסט: מעג דיין יחוס פאַר דער רעוואָלוציע זיין ווי גרויס און וויכטיק, צו ליבע אָבער

www.libtool.com.cn

קומט עס נישט. דאָס האַרץ האָט דערמיט נישט קיין שייכות. מעג דער מוח זיין ווי אָנגעשטאָפּט מיט מאַרקסיזם און די קעשענעס אָנגעפּראָפּט מיט רובלס, מיט רוסישע טשערוואָנצעס, דאָך איז עס אַלץ נישט קיין תכלית. מען מוז געפינען עפּעס פאַר זיך אויך און ווי אויף צו להכעיס געפעלט אים דווקא דאָס בירגערלעכע מיידל, דעם אַדוואָקאַטס אויסגעכאַליעטע, גוט־דערצויגענע טעכטערל, און נישט קיין פּראָלעטאַריש מיידל, אָט אַזאַ פון זיין שטאַנד.

כאַנטשע פרידבערג, איז אָבער נישט קיין נאַריש מיידל. דער טאַטע אירער איז שוין אויס אַדוואָקאַט. ער איז נישט קיין אָנהענגער פון די היינטיקע מאַכטהאָבער און ערגער איז, וואָס אַלע באַטראַכטן אים פאַר אַ שונא. האָט זי, די טאָכטער, באַשלאָסן זיך צו פּראָלעטאַריזירן און איז אַוועק אַרבעטן אויף דער פּאָסט. דאָרט איז פאַראַן אַ נאַטשאַלניק, אַ יונגערמאַנטשיק פון מינסק, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגעלעך, אַ געשיקטער פון צענטער. נו, דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסער יחוס. פאַרליבט ער זיך אין כאַנטשען און כאַנטשע אין אים, און...

אויף וועלוולען איז אויסגעפאַלן די ראָל צו באַקעמפן זיין אידייען־חבר, הלמאַי, ער איז אַראָפּ פון דרך־הישר און האָט זיך דווקא פאַרליבט אין אַ בורזשואַזע מיידל, וועמענס טאַטע איז אַ שונא פון פּראָלעטאַריאַט, אַ קעגנער פון דער רעוואָלוציע. די פּראָלעטאַרישע מיידלעך האָבן גאָרנישט אַזאַ מזל. פאַר זיי שלאָגט זיך קיינער נישט, איבער זיי גייט נישט אָן קיין קאַמף. נאָר אויב מען קריגט זיך אַרום, איז עס נאָר צוליב די אויסגעכאַליעטע, אויסגעצערטלטע פּאַניענקעלעך פון די בורזשואַזע היימען, די נעסטן פון קאָנטררעוואָלוציע, די שונאים פון פאָלק.

* * *

וועלוול בעקער איז אַראָפּ פון דורך־הישר. עפּעס האָבן אים אַרומגענומען מאָדנע צווייפלען, מאָדנע מחשבותן האָבן אים אָנגעהויבן עגבערן אין מוח. ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז עס שטימט נישט. עפּעס איז דאָס נישט אַלץ וועגן וואָס ער האָט געחלומט, אַלע זיינע יוגנט־חלומות וועגן פרייהייט און גלייכהייט זענען ווי אויסגערונען געוואָרן, צעגאַנגען צווישן די פינגער.

www.libtool.com.cn

די ניי־געקומענע נאַטשאַלניקעס הוליען און לעבן אַ גוטן טאָג. וואָס זיי זעען, קויפן זיי איין פאַר זיך. גאַנצע סקלאַדעס האָבן זיי ביי זיך אין די פאַרכאַפּטע וווינונגען און זיי שיקן דאָס אַלץ אַוועק צו זיך אַהיים, אויף יענער זייט גרענעץ, אין טיף ראַסיי. אַלע טענהן זיי — די 20־יעריקע ווי די עלטערע ביי די פופציקער — אַז זיי זענען בחורים און פאַדרייען אַלע מיידלעך די קעפּ.

עפּעס הפקר איז דאָ געוואָרן דאָס לעבן. אין די פאַבריקן ווערן די אַרבעטער באַזוכט, נאָכן אַרויסגיין פון דער אַרבעט באַטאַפּט מען זיי פון אַלע זייטן, אַזאַ זאַך וואָלט פריער קיינמאָל נישט געקאָנט געשען. אויף אַלע מענטשן קוקט מען מיט פאַרדאַכט. נישטאָ קיין צוטרוי פון איינעם צום אַנדערן. די „וואָסטאָטשניקעס" [1] פאַרכאַפּן אַלץ פאַר זיך. ס׳גייט אָן אַ געיעג ווי אויף רויב. דער אַרבעטער פאַרדינט ווייניק, ס׳קלעקט אים קוים אויף צו קויפן ברויט. וועגן פלייש חלומט ער שוין אַפילו נישט, און זיי, די נייע מאַכטהאָבער, האָבן צו זייער דיספּאָזיציע רעסטאָראַנען, ווו זיי האָבן פון אַלץ לרוב פון שענסטן און בעסטן. אַפילו די גוטע פּאָסטנס האָט מען באַזעצט מיט די ניי־אָנגעקומענע פון מזרח.

וועלוול בעקער איז געוואָרן אויס דירעקטאָר פון די בעקערייען. ער האָט געמוזט צוריק פאַרשאַרצן די אַרבל. געוואָרן אַ געוויינלעכער בעקער־אַרבעטער. אָט אַזוי ווי אין יענע גוטע צייטן, אין די צייטן פון קאָסטעק ביערנאַצקי.

די אַלע דרשות וועגן גלייכהייט און פרייהייט, וואָס ווערן יעדן אָוונט צום הונדערטסטן מאָל איבערגעחזרט פאַרן גרויסן עולם אין די עפנטלעכע זאַלן אין שטאָט, זענען נמאס געוואָרן. מען פילט, אַז רייד זענען עפּעס אַנדערש און מעשים זענען גאָר עפּעס אַנדערש. עס האָט אָנגעהויבן שלאָגן צו דער גאַל. די אויפפירונג און די האַנדלונגען פון די פירער פון דער אַדמיניסטראַציע. אין די פאַבריקן, אין די אַמטן — אומעטום הערשט כאַבאַר, קאָרופּציע, פּשוטע גנבה און ס׳איז נישטאָ פאַר וועמען צו פאַרקלאָגן. עק וועלט.

* * *

---

[1] מזרחדיקע.

www.libtool.com.cn

טענהט ער זיך אויס, װעלװל בעקער, אין דער בעקעריי ביים פאַר־קנעטן אַ דייזשע ברויט:

— ס'טויג נישט, גוטער ברודער. איך הייב אָן איינצוזען, אַז מיינע פאַרלוירענע יאָרן אין דער תפיסה זענען געווען אומזיסט אַרויסגעוואָרפן. ס'האָט זיך נישט געלוינט צו קעמפן פאַר אַזאַ פאַרקריפּלטקייט. נישט דאָס האָב איך געמיינט. נישט אַזוי דאַרף עס אויסזען די נייע וועלט, די באַפרייטע, די געענדערטע. ס'איז איין גרויסער באַלאַגאַן, נישט מער.

ווער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן אַזאַ זאַך, אַז ס'וועט זיין אַזאַ גרויסער אונטערשייד צווישן מענטש און זיינע מעשים. ס'איז דאָך אַ קאַריקאַטור און נישט קיין סאָציאַליזם. די מענטשלעכע שפּראַך איז צו אָרעם דאָס אַלץ איבערצוגעבן, וואָס מען זעט זיך אָן טאָג־טעגלעך אין לעבן. מען דאַרף עס דורכמאַכן אויף די אייגענע פּלייצעס, דורכוויטיקן אַליין, כדי צו קאָנען עס באַגרייפן וואָס דאָ קומט פאָר — יאָ, ברודערקע, ס'איז אסור נישט כדאַי געווען.

װעלװל בעקער איז געבליבן אַן איינגעהויקערטער, אַ פאַרפּייניקטער און צעווייטיקטער ווי דאַן, ווען ער האָט עס איבערגעטראָגן באהבה, אַלץ גענומען פאַר ליב. יעדער קלאַפּ, יעדער רוט, יעדע שיקאַנע, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין, האָט אים געגעבן מוט און כוח אויסדויערן, צו דער־וואַרטן דעם גליקלעכן טאָג, ווען די וועלט וועט אויפשטיין אַ נייע, אַ פרייע און אָט האָסטו זי, קוק זי אָן. ס'איז נישט די זעלבע וואָס דו האָסט געזען אין חלום. היינט ווערסטו געשלאָגן פון אייגענע, פון די וועלכע האָבן געדאַרפט ברענגען גליק און פרייד פאַרן מענטש...

— יאָ, חברל — האָט ער אַריינגערעדט ביים אָנגעשרפּהטן אויוון צום געהילף־שיבער. די פּוילישע פּאַנעס האָבן מיך נישט געקענט אויסהיילן פון מיינע איבערצייגונגען, זיי, די „טאָוואַרישטשעס", האָבן מ'ר געעפנט די אויגן, זיי האָבן מ'יך ראַדיקאַל אויסגעהיילט.

דער צעגליטער אויוון האָט אויפגעכאַפּט די פאַרקנעטענע ברויטלעך אין זיין אינגעווייד אַריין צוזאַמען מיט די היציקע טענות פון װעלװל בעקער.

www.libtool.com.cn

די לעצטע נאַכט

מעכעלע זאַרעצקי איז אַהיימגעקומען אַ מידער, אַ פאַרמאַטערטער נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אין דער גאַרבעריי. ער האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעוווינט פון דער שווערער לופט און זויערע ריחות פון די רויע פעלן, וואָס האָבן זיך געפּאַרעט שטויסנווייז איִן די ווינקלען פון קאָזש־זאַוואָד [1].

ער האָט זיך אויסגעטאָן אין דער פינצטער ביים בלייכן שיין פון דער פולער לבנה, וואָס האָט פאַרפולט דאָס גאַנצע צימער. ווי נאָר ער האָט זיך געלייגט, איז ער גלייך געוואָרן אַנטשלאָפן.

דאָס ווייב און קינד זענען שוין געשלאָפן.

אַ האַסטיקער קלאַפּ אין דער טיר, האָט אויפגעוועקט די גאַנצע שטוב.

— אָטקריוואַי! ביסטרעי! [2] — האָט זיך אַ דומפּיקע שטים אַריינגעריסן אין דער פאַרשלאָפענער שטוביקער מיטנאַכטיקייט.

מעכעלע זאַרעצקי האָט זיך, נישט טויט נישט לעבעדיק, אויפגעריסן פון זיין געלעגער אַ פאַרשלאָפענער, מיט האַרצקלאַפּעניש, איז ער צו עפענען די טיר.

נאָכאַמאָל האָט זיך צעבייזערט דאָס כריפּענדיקע קול אויף יענער זייט טיר:

— אָטקריוואַי! ביסטראָ! אָטקריוואַי!

אין צימער האָבן זיך אַריינגעריסן דריי פאַרשווינען, מיליטעריש אָנגעטאָן און באַפּוילן:

— גיך זיך אָנטאָן, נעמען די זאַכן און היידאַ!

אַ סקרוך איז דורך איבער די ביינער. פון די געשרייען האָט זיך אויפגעכאַפּט דאָס אַנדערטהאַלבן יעריק מיידעלע. זיין ווייב ריווטשע, איז אַרויס מיט אַ געכליפּעריי.

---

[1] לעדער־זאַוואָד.

[2] עפן, שנעל!

www.libtool.com.cn

אין געציילטע מינוטן איז פּאַרטיק געוואָרן דאָס פּעקל, איינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע. זאַרעצקי מיט זיין ווייב און דאָס קינד אויף דער האַנט זענען אַרויס אין דער נאַכטיקער קילקייט באַגלייט פון דריי מיליטער־לייט, באַוואָפנט מיט ביקסן.

אַ פריש קיל יוני־ווינטל, האָט אַרומגעהילט דאָס נאַכטיקע שווייגן. פון ערגעצווו האָבן זיך צעבילט הינט אויפן אָפּהילך פון די באַשטיוולטע טריט.

דער וועג האָט זיך פאַרנומען צום וואָקזאַל.

זאַרעצקי האָט מיט די פאַרנעפּלטע אויגן, אינגאַנצן אַ מבולבלער אַרומגענומען די פאַרשלאָפענע געסלעך, געוואָרפן אַ לעצטן בליק אויף צוריק. דאָס קינד אויף דער מוטערס האַנט האָט שטיל געכליפּעט...

* * *

אויף אַ זייטיקער באַן־ליניע, פאַרוואָרפן הינטערן באַן־דעפּאָ, זענען געשטאַנען עטלעכע משא־וואַגאָנען. אויף דער פּלאַטפאָרמע איז געזעסן אַ זעלנער מיט אַ רויטער אָקאָלאָשקע און שנעל פאַרשריבן די נעמען פון די געבראַכטע פון דער גאַנצער שטאָט. אַ רויטאַרמייער מיט אַ ביקס האָט די פאַררעגיסטרירטע אַריינגעשטופּט אין וואַגאָן אַריין און צוגעהאַמערט די טיר.

פון אַלע גאַסן זענען זיי געגאַנגען — איינציקע און גרופּנווייז — אונטערן קאָנוואָי אַהער, צום לאַנגן צוג.

די פאַרמאַכטע וואַגאָנען זענען געשטאַנען פאַרטייעטע אין דער פינצ־טערניש פון דער נאַכט. אין דער דושנער היץ זענען צענדליקער גופים געלעגן אויסגעצויגן אויף די נאַרעס מיטן געפּעק לעבן זיך.

מעכעלען האָט ביים אַריינגיין אין וואַגאָן אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז אַן איבל פון שווייסיק־זויערלעכער דושנעקייט און עס האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן. אַ רעזיגנירטער איז ער אַנידערגעפאַלן אויף זיין פּעקל און זיך שטיל צעכליפּעט. דעם ערשטן מאָל אין זיין לעבן, האָט ער דערפילט אויף זיינע באַקן אַזעלכע געזאַלצענע טרערן. זיי זענען אים גערונען איבער די ליפּן און גאָמבע:

www.libtool.com.cn

— שוין אַ סוף — האָט ער אויסגעצישעט אין דער גופים־מאַסע — זיי האָבן אונדז אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין.

* * *

מעכעלע זאַרעצקי איז אַנטלאָפן פון וואַרשע ביים אויסברוך פון דער מלחמה. זיך קוים מיטן לעבן געראַטעוועט דורך אַלע אומוועגן מיט ווייב און קינד. ריזיקירט ביים אַריבערגיין די גרענעץ און זיך אַריינבאַקומען אַהער אין דער מערב־ווייסרוסישער שטאָט, וואָס איז פאַרנומען געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי.

דאָס לעבן אין די פאַרנומענע געביטן האָט זיך שוין סטאַביליזירט. די מלחמה איז אָבער נאָך געגאַנגען אין פולן ברען. דער דייטש האָט מאַרשירט פאָרויס, אַריין אין בעלגיע, פראַנקרייך, אַראָפּגעלאָזט דעסאַנטן און דאָ אין אַלע פּוילישע ראַנדשטעט און שטעטלעך אָנגעלאָפענע פון פּליטים, קומט פאַר אַ רעגיסטראַציע: — ווילסטו בלייבן דאָ, אָדער פאָרן אַהיים?

— אַהיים צום דייטש? — ניין. אָבער דערלויבט מיר צו ברענגען אַהער מיין פאָטער און מוטער — האָט זיך זאַרעצקי געבעטן אין רעגיס־טראַציע־אַמט.

— דאָס קאָנען מיר נישט טאָן — איז געפאַלן אַן ענטפער פון אַ באַאַמטן.

מעכל זאַרעצקי האָט נישט געוואָלט רעזיגנירן פון זען אַמאָל זיינע עלטערן, זיינע ברידער און שוועסטער, קרובים און פריינט, וועלכע זענען געבליבן אויף יענער זייט, האָט ער באַשלאָסן:

— איך וויל אַהיים! צוריק אַהיים!

איז אָט האָט ער די היים דאָ, אין פאַרהאַמערטן וואַגאָן...

עס קלינגט אים אָפּ אין די אויערן דער ענטפער פונעם זעלנער בעת מען איז אים געקומען נעמען: — האָסט געוואָלט אַהיים, פאָרסטו אַהיים...

אין דער טונקלקייט האָבן זיך אויסגעשיילט די סילועטן פון די מיט־ברידער אין דער צרה — אַ גרויסער עולם. דער גאַנצער וואַגאָן אָנגע־

www.libtool.com.cn

פראָפט ביז איבער די ברעגן. אַלץ ליגט רעזיגנירט און צעבראָכן, מיט אַ פולן קאָפּ טראַכטענישן און שווערע דאגות.

— ווו וועלן זיי אונדז פירן? וואָס וועלן זיי מיט אונדז טאָן?

אַ פרוי האָט געטענהט אין דער וואַגאָן־טונקלקייט:

—איצט קאָן מען שוין זיין רואיק. אויס מיט דער גריזשעניש אַהער־אַהין. איינמאָל פּטור געוואָרן און שוין.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט געסאָפּעט שווער, זיך לאַנג געגרייט צו דער נסיעה. מיטאַמאָל אַ ריס געטאָן די וואַגאָנען, געריררט פון אָרט און זיך געלאָזט אין וועג אַריין, אין לאַנגן, ווייטן, אומבאַקאַנטן וועג.

www.libtool.com.cn

פּליטים אויף די וועגן

מען פאָרט...

די וואַגאָנען זענען פאַרריגלט אויף שלאָס. בלויז דאָס קליינע פאַר־קראַטעוועטע פענצטערל אין דער וואַנט וואַרפט אַריין קאַרגע שטראַלן ליכט פון דער אויפגייענדיקער זון. אַ פריש ווינטל גלעט מחיהדיק דאָס פּנים. מעכעלע האָט זיך צוגעקריגן צו דער פענצטער־עפענונג. ער שטייט מיט אַ פוס אויף עמעצנס געפעק און קוקט אַרויס. ער באַטראַכט מיט די בליקן דעם אַרום און וויל דערגיין אין וועלכער ריכטונג דער צוג גייט.

— זיכער נישט אַהיים — האָט ער שטיל פאַר זיך אָפּגעזיפצט — מען פירט אונדז צו די ווייסע בערן. ער וועט עס איר נישט זאָגן, ריוו־טשען. נאָך וואָס דאַרף זי זיך שוין עסן. ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער נארע שטיל און רעזיגנירט ווי אַ געקוילעטער האָן.

ביסלעכווייז האָט דער עולם אין וואַגאָן גענומען קומען צו זיך. מען האָט זיך אָנגעהויבן באַקענען איינער מ׳טן צווייטן. זיך נאָכגעפרעגט פון וואַנען מען איז און ווען מ׳איז געוואָרן אַרעסטירט. אַלע, ווייזט זיך אַרויס, זיצן דאָ פאַר איין חטא: פאַר וועלן קומען צוריק אַהיים. ווער עס האָט אויף יענער זייט געלאָזט אַ פרוי מיט קינדער, ווער אַ מאַן, ווער אַ גע־ליבטן, טאַטע־מאַמע, קיינער האָט נישט געוואָלט רעזיגנירן, ווערן איינ־גאַנצן אָפּגעריסן פון זיי, בלייבן עלנט, אין דער פרעמד. נו, איז דאַרף מען אָפּקומען פאַר אָט די זינד.

אין דער צרה הייבט מען אָן ווערן צוגעוווינט צו זיך. ווערט שוין אייגן די גרילצערײַ פון די רעדער, די נאַרעס און איינער מיטן צווייטן ווערט באַפריינדעט. ווער ווייסט אויף ווי לאַנג און ווו דער גורל וועט פאַרוואַרפן.

דער צוג רייסט זיך מיט אימפּעט, אָן אָפּהאַלט. גייט זיין גאַנג אין דער אומבאַוווסטער ווייט אַריין און פירט אין זיינע אינגעווייד **פּליטים, אַ נייע קאַטעגאָריע קרבנות, יידישע פּליטים. אַרויסגעשלעפּטע פון וואַ־**

www.libtool.com.cn

רעמע היימען, פאַרוואָרפן אין נייע שטעט, אָן אויסזיכטן אויף מאָרגנדיקן טאָג און איצט טיילן זיי איין גורל: אָן אומבאַוווסטער וועג.

דער עשאַלאָן האָט דעם גאַנצן טאָג אינערגעץ זיך נישט אָפּגעשטעלט. דער עולם איז געזעסן אָן ברויט און אָן וואַסער. דער וואָס איז געוועזן קליגערער, און אין דער נאַכטיקער בהלה וואָס נישט איז פאַרכאַפּט האָט צוגעביסן, די אַנדערע זענען געזעסן און געקוקט מ'ט קנאה יענעם אין מויל אַריין.

דער ערשטער סימפּטאָם פון פּליטים־לעבן: הונגער.

קינדער אויף די נאַרעס וויינען אין כאָר. בעטן עסן, אַ טרונק, מאַמי־שע הערצער ווערן אויסגעריסן. צו וועמען שרייען אין די פּוסטע פעלדער און פּראַביי־יאַגנדיקע וועלדער? מישט זיך אויס דער האַרצרייסנדיקער גע־ווײַן פון די יונגע עופהלעך מיטן רעדער־געטראַסק אין איין גרויסן אומ־ענדלעכן טרויער־מאַרש, וואָס לעכערט דעם מוח.

די נאַכט איז צוגעפּאַלן. יונגוואַרג אויף די נאַרעס האָט זיך באַקענט, זיך צעשמועסט. פון נודנעקייט און אומהיימלעכקייט האָבן זיך צעגאָסן שטילע, פאַרבענקטע יידישע ניגונים, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך די וואַגאָן־ווענט אַרויס, איבער די אומבאַקאַנטע רוסישע ווייטן.

דער וואַגאָן זינגט אויס זיין ערשטן הונגער־ און דורשט־געזאַנג. מען פאַרגעסט אַ ווייל ווו מען געפינט זיך. אָבער בלויז אַ ווייל. דאָס רוישן און קלאַפּן פון די רעדער דערמאָנט, וועקט אויף און ניכטערט גלייך אויס.

דער לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט און פּרייכט און וואַרפט אַריין קנוילן רויך אין די קליינע פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך.

צו פאַרגעסן זיך און פאַרוויגן דעם הונגער זינגט די יוגנט העכער. שטילט אים איין מיט פאַרבענקט געזאַנג. די קליינע קינדערלעך אויף די נאַרעס וויינען אַריין אין דער נאַכט זייער נאָגנדיקע הונגעריקייט. די יונגע שלינגען אַראָפּ די טרערן אין דער שטיקעניש און ענגשאַפט פון וואַגאָן.

דער עשאַלאָן טראָגט זיך אין וועג לויט זיין אָנגעצייכנטן מאַרשרוט, אָן אָפּרו, אָן אָפּהאַלט, שפּאַלט דעם חושך פון דער נאַכט און שלינגט די

www.libtool.com.cn

שטחים אַלץ גיכער און גיכער. דער צוג האָט געשניטן די ברייטע רחבותן פון מאַטושקאַ ראַסיי. דער עולם האָט געשלונגען מיט די אויגן די נייע פייזאַזשן, די נישט ענלעכע צו דער היים, נייע מענטשן, נייע פּנימער קוקן מ׳יט אַרויסגעסטאַרטשעטע אויגן, קוקן נאָך דעם צוג און דערנענטערן זיך נישט צו די פּליטים־וואַגאָנען, בעת מ׳ען בלייבט שטיין צו נעמען ברויט און זופּ.

דער עולם האָט זיך צוגעוווינט צו די צרות. די קינדער האָבן זיך באַרואיקט און שטיפן אַרום איבער דעם וואַגאָן. דאָס פּאָרן איז לייכטער געוואָרן. מ׳ען קאָן שוין עפענען אַ טיר אינמיטן געלויף פון צוג און שעפּן ברחבותדיק לופט.

מען פאָרט אַלץ ווייטער און ווייטער. די טעג ציען זיך ווי שפּינוועבס, איינער ענלעך אויפן אַנדערן.

* * *

אין אַ מיטן נאַכט, איז דער לאַנגער עשאַלאָן געבליבן שטיין. פון אַלע זייטן איז ער אַרומגערינגלט געוואָרן פון זעלנער מיט גרינע היטלען. פּויערשע פורלעך זענען געשטאַנען גרייט אויפצונעמען די פּליטים.

אַ גרויסער אומהיימלעכער שוואַרצער וואַלד האָט איינגעשלונגען דעם עשאַלאָן. פונדערווייטנס האָט מען געזען אייניקע נידעריקע הייזלעך.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט איבערגעלאָזן דריי וואַגאָנען און ווייטער אַוועק אין געאייל.

מעכעלע זאַרעצקי איז געשטאַנען אויף די שינעס. באַטראַכט דעם אַרום און געוואַרט אָפּגעפּירט צו ווערן אין זיין נייעם ווינאָרט.

גאָר נאָענט האָבן זיך געצייכנט די קאָנטורן פון גראָע באַראַקן אויס־געשטעלט אין אַ ריי. עס איז צוגעקומען אַ מיליטערמאַן און אין דער שטילקייט פון דער נאַכט אויסגעשריגן צו די פּליטים:

— דאָ איז אייער אָרט. דאָ וועט איר אַרבעטן און לעבן. פון דאַנען איז שוין קיין צוריקוועג נישטאָ. דאָ וועט איר שוין פאַרבלייבן אויף אייביק!

דער עולם האָט זיך אָנגעקוקט איינס ס׳אַנדערע מיט אויגן פאַרלאָ־פענע פון טרערן,

www.libtool.com.cn

— איר געפינט זיך אין פּאָסיאָלאָק לוגאָוואָי, אין אַרכאַנגעלסקער אָבלאַסט. ווייטער ווי הונדערט מעטער פון אייער באַראַק טאָרט איר נישט אַוועק. ווער ס׳וועט זיך נישט צופּאַסן וועט ווערן דערשאָסן. פּאָניאַלי?[3].

אַ סקרוך איז אַלעמען אַדורך איבערן לייב. די נאַכטיקע קעלט האָט אויפגעשווידערט אין די ביינער.

איינציקווייז האָבן די פּליטים פאַרגרוזעוועט זייערע מאָגערע פּעקלעך אויף די קליינע פויערישע וועגעלעך און צוגעפאָרן צו זייערע באַראַקן.

געענדיקט די רייזע.

אַן אָנהייב פון אַ ניי לעבן אין דער אומבאַוווסטקייט. אין אַלעמענס אויערן האָבן נאָך געגרילצט די האַמעטנע ווערטער פון דעם רוסישן מי־ליטערמאַן.

— איר וועט שוין דאָ פאַרבלייבן אויף אייביק! יאָ, פאַרבלייבן אין דער גרויסער אימהדיקער וואַלדיקייט, וואָס האָט זיך שוואַרץ געפלעקט הינטער די באַראַקן און פאַרצוימט דעם וועג צו דער אָפענער פרייער וועלט.

מעכעלע מיט ריוועטשען, וואָס האָט נישט אַראָפּגעלאָזט דאָס קינד פון דער האַנט, האָבן נאָכגעשפּאַנט נאָך זייער וועגעלע צום באַראַק.

די סירענע פון דער גרויסער וואַלד־אונטערנעמונג, האָט זיך צעוואָ־יעט און מיט טויזנטער עכאָס אָפּגעשלאָגן אין דער חושכדיקער טיפקייט פון די אוראַלטע פאַרוואַקסענע וועלדער פון אַרכאַנגעלסקער אָבלאַסט אין דעם ווייטן צפון.

---

[3] פאַרשטאַנען?

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אויפן ווייטן צפון

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

ערב פסח

עס האָט זיך אונטערגערוקט דער פסח פון יאָר 1941. דער ערשטער פסח אויף פאַרשיקונג.

די גרויסע פרעסט האָבן נאָך גוט געסמאַליעט. דאָס טייכל האָט נאָך נישט געטראַכט אַרויסצוכאַפּן זיך פון דער ווינטערדיקער איינגעקאָוועטקייט. מ׳איז נאָך געגאַנגען אָנגעפּעלצט און אַרומגעוויקלט מיט די שמאַטעס, אָבער אין יעדנס נשמה און האַרץ האָט דערוואַכט אַ פונק פון האָפענונג און אַלץ האָט געגאַרט און געוואַרט אויף אַ גוטער בשורה, אויף באַפרייאונג.

די פרומע יידן פון אַלגעמיינעם באַראַק, דאָס רוב גאַליציאַנער, צווישן זיי אַ סך חסידים, האָבן אין דער שטיל זיך געגרייט, ביי די סאַמע שווערסטע באַדינגונגען צו פייערן אויף אַ יידישן שטייגער דעם פסח, ער זאָל זיין אויף אַן אמת פסחדיק. אין די זונטיקן, האָט מען זיי געזען איינגעשפּאַנט אין שליטעלעך פאָרן אין די אַרומיקע קאָלכאָזן נאָך קאַרטאָפל. ווער ס׳האָט נאָר באַקומען אין אַ פּעקל אַביסל מעל האָבן זיי געצאָלט יעדן פּרייז און עס אויסגעקויפט. מ׳האָט געפילט, אַז דער גאַנצער באַראַק פיבערט אין דערוואַרטונג פונעם גרויסן יום־טוב.

ווער ס׳האָט געהאַט אַ געניט אויג האָט געקאָנט באַמערקן די גרויסע שינויים, וואָס זענען פאָרגעקומען אינעם באַראַק.

אָבער אויך די נישט־פרומע, האָבן געזוכט מיטלען און געמאַכט אָנשטרענגונגען מ׳יט וואָס ס׳זאָל נישט זיין אויסצוצייכענען די דאָזיקע פסח־טעג פון די קאָלעמוטנע גראָע טעג פון גאַנצן שווערן ווינטער אויפן פּאָסיאָלאָק.

שטיל און מאָנאָטאָן האָט זיך צעוואָיעט די סירענע, וואָס האָט גערופן צו דער אַרבעט אין גראָען באַגין. דער גודאָק[1] האָט אַלעמען אַרויס־

---

[1] פאַבריק־סירענע.

www.libtool.com.cn

גערויסן פון שווערן שלאָף. מידע און גענעצנדיקע האָבן זיך געצויגן רייען צו דער לעסאָ־בירזשי [2].

דער אַלטער 60־יאָריקער ר׳ משה האַלבערשטאַם, האָט בנעימותדיק געשפּאַנט מיט דער זעג אויף דער פּלייצע איבערן סקריפּנדיקן איינגע־פּרוירענעם שניי. ער האָט שטיל פאַר זיך, אונטערגעברומט אַ הייטער ניגונדל. דער אַלטיטשקער איז היינט געווען מער אויפגעלייגט, אויף זיין פּנים האָט געשוועבט אַ נחתדיק שמייכעלע.

ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט מיט זיין נאָפּאַרניק [3] יאַנקל מאַרגאַליס — אַ בחור פון דער אָפּשעזשיטשע [4] — ביי דער סטאָיקע [5] און ציענדיק די זעג הין־און־הער אין דער טיף פונעם בוים, האָט ער שטיל איבער־געגעבן, מאַרגאַליסן:

— מיר האָבן שוין, ברוך השם, אַריינגעשלעפּט דעם פּסח אין באַ־ראַק. די ווייבער האָבן אין די נעכט, ביי פאַרשטעלטע פענצטער, געבאַקן מצות אויפן אייוועלע. ווייַן אויף ארבע כוסות האָבן מיר זיך שוין פאַר־זאָרגט פון סאַמע זומער אָן. אַ גאַנצן זומער האָבן מיר געקליבן יאַגדעס און מאַלינעס און פאַרשאָטן אין פלעשער און אויב גאָט וועט וועלן, וועלן מיר היינט פייערן די ערשטע סדר־נאַכט.

די זעג האָט ווי צוגעשפּילט צו דער פרייד פונעם אַלטן ר׳ משה, מען האָט געפילט, אַז זי איז געגאַנגען ווי געשמירט און אַז דער דאָזיקער שוואַכער, צעבראָכענער און פאַרפייניקטער אַלטיטשקער קאָן היינט וועלטן איבערקערן. בלויז אין הארצן האָט נאָך באַהאַלטן געלויערט די מורא פאַר דער היינטיקער נאַכט, טאָמער וועט דער קאָמענדאַנט זיך דערוויסן, אַז היינט איז פּסח און ער וועט פּרווון שטערן דעם סדר...

ביידע זעגער האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויף דער סטאָיקע און זיך געוואָרעמט אין די קאַלטע זון־שטראַלן. ביי אַלע אַרבעטער האָט מען היינט אַרויסגעפילט אַ יום־טובדיקע שטימונג. די זעגן האָבן זיך פּאַראייניקט אין

2 האָלצקאָמבינאַט.
3 מיטזעגער פון דער צווייטער זייט.
4 צוזאַמענוויינונג.
5 ספּעציעלער געשטעל צו זעגן האָלץ.

www.libtool.com.cn

אײן קלינגענדיקן כאָר. אויף פֿאַרשיידענע קולות און קלאַנגען האָבן זעג צו זעג זיך אָפּגעענטפֿערט מיט שטאָלענער שאַרפֿקייט: היינט איז יום־טוב! דער גרויסטער יום־טוב פֿון באַפֿרייאונג; היינט איז פּסח אויף דער וועלט...

מיט רעשיקן טעמפּאָ האָבן אָפּגעהילכט די אַריינגעוואָרפֿענע קלעצער אין די וואַגאָנען. אויך די גרוזטשיקעס [6] האָבן זיך צעהוליעט אין דער אַרבעט און געטראַסקעט די קלעצער מיט זאָרגלאָזער ווילערישקייט און אימפּעט, ווי זיי וואָלטן איינער דעם אַנדערן געוואָלט איבערשטייגן, אי־בערייאָגן אויף אַ סטאַכאַנאָווישן אופֿן. די גאַנצע ליעסאָ־בירזשי האָט גע־קאָכט און געזאָדן ווי מיט באַנייטע כוחות.

* * *

אַ שטילע און צניעותדיקע האָט די אייז־קאַלטע זון באַפּערלט די איינ־געקאָוועטע שנייאיקע ערד מיט פֿרישן טוי, זיך געצירט מיט שניי־פֿליטער־לעך לכּבֿוד יום־טוב.

דער גודאָק האָט ענדלעך זיך צעוויגט מיטן אָנזאָג, אַז דער אַרבעט־טאָג איז געענדיקט, זיי דערלויבט צו וואַרפֿן די אַרבעט און גיין מקבל־פּנים זיין דעם גרויסן יום־טוב. דאָס סקריפּעדיק־הייזעריקע קול פֿון גודאָק האָט היינט, ווי נאָך קיינמאָל נישט, אַזוי פֿריילעך געפּייפֿט און זיין עכאָ האָט אָפּגעשלאָגן ווייט אין דער טיפֿעניש פֿון די אַרומיקע שטאַרע אור־אַלטע וועלדער.

מיט מונטערע טריט האָבן די פֿאַרשיקטע געשפּאַנט מיט זעגן און העק אויף די פּלייצעס. עס האָט געמאַכט אַן איינדרוק ווי די גאַנצע מחנה וואָלט זיך אַריינגעלאָזט אין שגעונדיקן טאַנץ.

ביים אַלגעמיינעם באַראַק זענען די עלטערע פּרויען געשטאַנען אַרומ־געבונדן די קעפּ מיט טיכלעך. געשייערט און געוואַשן און געסקראָבעט די טישן מיט די בענק, געלופֿטערט די מאַטראַצן. דאָ האָט זיך געפֿילט דער ערבֿ־פּסח ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן אינדערהיים.

די זון האָט זיך אָנגעהויבן צו דערווייטערן פֿון פּאָסיאָלאָק, לייכט אַ

[6] אַרבעטער וואָס פֿאַרלאָדן דאָס האָלץ אין די וואַגאָנען.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

גלעט געטאָן די באַשינדלטע באַראַקן־דעכער און זיך אָפּגעטראָגן אויף אַראָפּ. פריער איבער די ביימער־קרוינען, און נאָכדעם אַלץ ווייטער אַרונטער, איבערגעבנדיק די מאַכט דער נאַכטיקער איינגעפרוירענער שטילקייט.

* * *

עמעצער האָט וואַרשיינלעך צוגעטראָגן דעם קאָמאַנדאַנט שוואַריאָוו, אַז היינט גרייטן זיך די יידן צו פייערן אַ גרויסן פּראַזדניק [7]. תיכף האָט זיך אַרויסגעלאָזט דער געהילף־קאָמענדאַנט פּאָפּאָוו און דער באַפולמעכטיקטער אַלעקסאַנדראָווסקי [8] איבער די באַראַקן און גערופן אַלעמען אין בנין פון דער שקאָלע אויף אַ דרינגנדיקער סאָבראַניע [9].

— אַלע מוזן קומען! קיינער טאָר נישט פעלן! — האָט פּאָפּאָוו באַפוילן שטרענג. — פאַר נישט קומען דראָט אַ גרויסע שטראָף!

אַ פּחד איז געפאַלן אויף אַלעמען. מ'האָט געפילט בחוש, אַז היינט וועט מען שוין גלאַט נישט אָפּשניידן.

גרופּנווייז איז דער עולם אָנגעקומען אין דער שקאָלע. דער קאָמענדאַנט האָט זיך שוין דאָ אַרומגעדרייט אַ בייזער און צאָרנדיקער. דאָס בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין און פאַרדעקט מיט דורכזיכטיקער רויטקייט זיין אָנגעגאָסענעם גלאַט־אונטערגעשווירענעם קאַרק.

אַלע זענען געזעסן שטיל מיט אַ פאַרכאַפּטן אָנגעשטרענגטן אָטעם, און געוואַרט מיט אומגעדולד.

קיינער האָט כמעט נישט געפעלט פונעם דערוואַקסענעם עולם. די צוויי פליגל־אַדיוטאַנטן, פּאָפּאָוו און אַלעקסאַנדראָווסקי, זענען געשטאַנען שטאַר אָנגעצויגן, און הכנעהדיק געקוקט שוואַריאָוון אין מויל אַריין, וואַרטנדיק אויף זיינע באַפעלן.

— גראַזשדאַני! [10] — האָט שוואַריאָוו אַרויסגעפּלאַצט און די נאָז־

---

[7] יום־טוב.
[8] ענקאַווערדיסטן.
[9] פאַרזאַמלונג.
[10] בירגער.

www.libtool.com.cn

לעכער האָבן מיט רוגזה ביי אים געציטערט — די סאָוויעטסקי וולאַסט [11] ווייסט אַלץ. פאַר אונדז זענען נישטאָ קיין פאַרבאָרגענע זאַכן, פאָניאַט־נאָ! [12] — האָט ער צוגעקלאַפּט מיט זיין געקאָוועטן שטיוול אין דיל. די העל־בלאָנדע טשופּרינע, וואָס האָט כמעט אַריינגעשלאָגן אין אַ רויטקייט, האָט זיך געריסן בייז און זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן, דאָ פאַרדעקנדיק אים אַן אויג, דאָ אַראָפּגעשלייכט אויף אַן אויער. די צורה איז נאָך רויטער געוואָרן ווי דורכגעשלאָגן מיט אַ בלויקייט.

— מי ווסיאָ זנאַיעם [13], מיר זענען נישט קיין מאַלטשישקעס! [14] ביי אייך איז היינט אַ גרויסער פּראַזדניק, פּאַסכאַ [15]. מיר ווייסן צו גוט אייערע מאַכינאַציעס. איר האָט זיך צוגעגרייט צום יום־טוב קאָנספּיראַטיוו, און ביי אונדז איז עס פּאָ־זאַקאָנו [16] פאַרבאָטן. מיר פייערן שוין לאַנג נישט די רעליגיעזע פּראַזדניקעס. ביי אונדז זענען פאַראַן ליכטיקע ימים־טובים, פריידיקע פאַרן גאַנצן פאָלק. מיט קיין זאַבאָבאָנעס פאַרנעמען מיר זיך נישט. פאָניאַטנאָ!

זיין שטים האָט געדונערט און זיך אָפּגעשלאָגן אין די ווענט.

דער עולם איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. אַרום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. עס האָט זיך בלויז געהערט דער האַסטיקער טיק־טאַק פון די פאַרצערטע הערצער.

— פאָניעמאַיטיע, ניע לזיאַ [17], איר האָט נישט קיין רעכט צו פּראַווען קיין יעווריעסקי פּראַזדניקעס [18], וואַרפט אַוועק די אַלטע זאַבאָבאָנעס. איר זענט אין אונדזער רשות און איר דאַרפט בלויז אויספילן אונדזערע פּריקאַזן און באָלשע ניטשעוואָ! פאָניאַטנאָ! [19]

---

11 די סאָוויעטישע מאַכט.

12 פאַרשטאַנען.

13 מיר ווייסן אַלץ.

14 יינגלעך.

15 פסח.

16 לויטן געזעץ.

17 מען טאָר נישט.

18 יידישע ימים־טובים.

19 מער גאָרנישט, פאַרשטאַנען.

www.libtool.com.cn

ער האָט זיך פּאָפּראַוועט דעם פּאַסיק, געעפנט דעם שנאָל און איינ־געצויגן דעם רימען פעסטער, אַזוי ווי ער וואָלט זיך ערשט רעכט אונטער־געגאַרטלט צו אַ שווער שטיקל אַרבעט, געוואָרפן אַ בליק איבערן עולם, דורכדרינגענדיק, שפּיזיק און ווייטער אַ דונער געטאָן מיט זיין כריפּעדיקן קול:

— איר זענט אַ פאָלק פון ציגיינער און סאַמאָיעדן [20], איר האָט נישט קיין רעכט אויף קיין פּראַזדניקעס. איר דאַרפט פאַרגעסן אייערע אַלטע געוווינהייטן. איר ווילט נאָך אַלץ נישט אויספּאַקן אייערע טשעמאָדאַנעס. איר האָט נאָך אַלץ נישט קיין חשק זיך איינוואָרצלען אין היגן לעבן. פאַר־געסט אויף אייביק אייערע היימען. דאָ זענט איר געקומען אַרבעטן, דאָ וועט איר לעבן און דאָ וועט איר אומקומען, פּאָניאַטנאָ!

אַ מעכטיקער אויפברויז פון ווייטיק און באַליידיקונג האָט דורכגעגו־מען דעם עולם. יעדער איז געזעסן ווי אויף גליענדיקע קוילן. עס האָט זיך געפילט, אַז דאָ וועט אויסברעכן אַ שטורעם און ווער ווייסט צו וואָס עס קאָן דערגיין.

ס׳האָט זיך אויפגעריסן פון זיין אָרט דער אַלטער 70־יעריקער ר׳ שמעון ראַפּאָפּאָרט, און ווי נישט מיט זיין קול געגומען העשען:

— גראַזשדאַנין קאָמענדאַנט, — האָט ער אָנגעהויבן וואַרפן ווער־טער — איך בין שוין אַן אַלטער. איך האָב שוין נישט קיין מורא פאַר גאָרנישט. איך וועל שוין גאָרנישט פאַרלירן און איך זאָג דיר: קאַק טיע־ביע ניע װסטידנאָ [21] צו רעדן אַזוי צו קינדער פון אַן אַלט פאָלק! מ׳ער זענען נישט קיין ציגיינער און מענטשן־פרעסער, מיר האָבן געהאַט אַ לאַנד און אַ היים און מיר וועלן זי נאָך האָבן צוריק. מיר האָבן שוין געגוג גרוילן איבערגעלעבט. אונדזער גייסט האָט קיינער נישט איינגע־בראָכן. מיר וועלן זיך זשאַלעווען [22] אויף אייך, גראַזשדאַנין קאָמענדאַנט צו דער העכערע מאַכט, וואַט־טשטאָ, עס איז נאָך דאָ אַ זאַקאָן [23] —

20 מענטשן־פרעסער.
21 וויאַזוי שעמסטו זיך נישט.
22 זיך קאָלגן.
23 אַ געזעץ.

www.libtool.com.cn

האָט דער אַלטער דראָענדיק געשריגן אַ בייזער און אויפגעבראַכטער, ווי נישט מיט זיין קול.

שוואַריאָוו איז געשטאַנען אַ צעקאָכטער. ער האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט פון רציחה. די קאָלירן אויף זיין פנים האָבן זיך געביטן, אָט אין רויט, אָט אין בלוי, און אָט איז ער געוואָרן בלייך ווי קאַלך. די פיס אונטער אים אין די באַפּאָדקאָוועטע שטיוואַלעס האָבן נישט גערוט.

— ראַסכאָדיטיעס, מערזאַווצי, סוקיני־סיני! [24] — האָט ער אָנגעהויבן שרייען — אַ טי, סטאַרי דוראַק [25] — האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צום אַלטן ראַפּאָפּאָרט, וועלכער איז געשטאַנען ווי עקזאַלטירט אין אַ ווינקל און רואיק געשמייכלט — אידי וו'קאַרצער [26].

תיכף זענען צום אַלטן ר' שמעון צוגעלאָפן די טרייע משרתים, פּאָפּאָוו און אַלעקסאַנדראָווסקי, און אים צוגענומען פון זאַל. שוואַריאָוו איז אַרויס אַ צעקאָכטער מיט אַ ווייסער שוים אויף זיינע גראָבע באַפּליישטע ליפּן, אַ קנאַק טוענדיק מיט דער טיר, אַז די ווענט האָבן זיך צעטרייסלט.

* * *

אַ צניעותדיקע, אַ פאַרשעמטע, האָט זיך די לבנה אַרויסגעשלייכט אַ פאַרוויטלטע פון צווישן די ביימער־שפּיצןביים ראַנד פון געדיכטן וואַלד, זיך בנעימותדיק שפּאַצירט, אַרומגערינגלט מיט מיליאָנען מיליאַסן שטערן, תמימותדיק זיך ארומגעקוקט, געוואָרפן בליקן אין פאַרשטעלטע האַלבטונקעלע באַראַקן־פענצטערלעך, געקוקט אויף די פּליטים וואָס זענען געזעסן פאַרוואָגלטע און פאַרשטויסענע, אָנגעשפּאַרטע אויף צונויפגערוקטע בעטלעך, און שטיל געזאָגט:

— מה נשתנה? פאַרוואָס איז די נאַכט ערגער ווי אַלע אַנדערע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר? אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר, דאָ אויפן פּאָסיאָלאָק, זענען מיר געזעסן פאַרבענקטע, פאַרדמיונגטע און געטראַכט וועגן טאָג פון באַפרייאונג, און היינט לויערט אויף אונדז אַ שונא און לאָזט אונדז נישט

---

[24] זיך פאַנאַנדערגיין, הינטישע זין.

[25] דו אַלטער נאַר.

[26] גיי אין קאַרצער.

www.libtool.com.cn

רואיק זיך קוויקן מיט חלומות, דערמאָנען אַלטע פאַרגאַנגענע צייטן, אין וועלכע מיר קאָנען געפינען אַ טרייסט אין דער היינטיקער שווערער פאַר־שקלאַפטער צייט.

דער אַלטער האַלבערשטאַם האָט קיינעם נישט געלאָזט פרעגן די דאָזיקע האַרבע קשיה. אַליין האָט ער זי געפרעגט און אַליין געענטפערט, זיך באַוואַשנדיק מיט הייסע זודיקע טרערן, וואָס האָבן טראָפנווייז גע־קאַפּעט פון זיינע אויגן און אויסגעווייקט די האַרטע, האַלב־שוואַרץ פאַר־ברענטע מצות, וואָס די באַלעבאָסטעס האָבן געבאַקן מיט גרויס מי אין די לאַנגע נעכט.

— עבדים היינו לשוואַריאָוו, בפּאָסיאַלאָק לוגאָוואָי [27] — האָט ער געזאָגט כליפּענדיק — העלף אונדז אַרויס, רבונו של עולם, ראַטעווע אונדז פון דעם עמלק וואָס האָט זיך אָנגעזעצט און וויל אונדז פאַרניכטן מיט שווערער אַרבעט, אומברענגען אין פּיין...

די טיר האָט זיך מיט אַ ווילדער קראַפּט אויפגעריסן אין דער גאַנצער ברייט, צוזאַמען מיט שניידיקן ווינט, האָבן זיך אַריינגעריסן ווי וואַלד־גזלנים מיט אָנגעצונדענע רויט־צעפלאַמטע פּנימער שוואַריאָוו מיט זיינע געהילפן. אין זיין צעיאַכמערטקייט האָט ער זיך נישט געקאָנט באַהערשן. ער איז צוגעלאָפן צום טיש און מיט איין אָטעם־צוג אויסגעלאָשן די אָנגע־צונדענע יום־טוב־ליכט, אַראָפּגעריסן דעם שניי־ווייסן ליילעך, וואָס האָט געדינט פאַר אַ טישטוך, און דער געבראַזג פון די צעבראָכענע גלעזער מיט ווייַן האָט זיך אַריינגעשניטן אין די הערצער פון די פּוילישע יידן.

אַ צעיושעטער פון כעס האָט שוואַריאָוו געטראָטן מיט די פיס די מצות און באַפוילן זיינע געהילפן מיטצונעמען דעם אַלטן האַלבערשטאַם און אייניקע עלטערע מענטשן פון באַראַק. זיין רציחה האָט ער אויך אויס־געלאָזט צום אַלטן קראַנקן, שטענדיק פאַרהונגערטן יעקב וויגאָדאַ, אים געשטופּט און געשטויסן צו דער טיר אין דרויסן אַרויס:

— אַלע אין קאַרצער אַריין! אָט דאָ וועט איר ביי מיר פּגרן, מער־זאַוווצי — האָט ער אויסגעשריגן צו די צעשראָקענע אַלטע יידן אינעם

[27] קנעכט זענען מיר געווען צו שוואַריאָוון אין פאַרשיקונגס־אָרט לוגאָוואָי.

www.libtool.com.cn

פינצטערן קעלער און מיט אַ האַסטיקן אָפּהילך פאַרקלאַפּט די טיר פון קאַרצער...

* * *

נאָך לאַנגע, לאַנגע שעהן האָט זיך אין דער האַלב־חושכדיקייט פון דער נאַכט אדורכגעבראָכן דורך די ווענט פון קאַרצער דאָס געזאַנג פון חד־גדיא, וואָס האָט מיט זיין מתיקות זיך אויסגעשפּרייט ווי אַ טלית איבער דער אַרומיקער פּראָסטיקער פּאַנאָראַמע פונעם צעשראָקענעם און פאַרפּייניקטן פּאָסיאָלאָק לוגאָוואָי, וואָס איז איצט געלעגן איינגעזונקען אין שווערן האַרטן שלאָף.

www.libtool.com.cn

אַ נאַכט־וויזיט ביי טימאָשענקאָ

אַ קאַלטע פראָסטיקע נאַכט. דער באַראָמעטער איבערן שטיבל פון דער קאָמענדאַנטור, האָט געוויזן 65 גראַד אונטער נול. די העלע צפון־נאַכט האָט זיך געשפּרייט אַרום די וועלדער און צעוואָרפן סנאָפּעס ווייסע, שניי־בלענדנדיקע ליכטיקייט איבער דער שוואַרצער נאַכט, ווי אומגע־זעענע רעפלעקטאָרן וואָלטן געהיים אויפגעשפּיזט יעדן שפּאַן ערד אינעם שטאַרן אַרום.

אין די שוואַך־באַלויכטענע פענצטערלעך פון די באַראַקן, האָט זיך געטונקט דאָס ליכט. אין די פענצטער ביים קאָמענדאַנט האָט אין דער ווייסער נאַכט־ליכטיקייט אַרויסגעבלאַסט דורך די פאַרשטעלטע פענצטער פאַסן שיין.

ביי חיים גרינשטיינען אינעם באַראַק־צימער, זענען געזעסן אייניקע באַקאַנטע פאַרטאָן אין אַ שמועס. פלוצים האָט זיך געעפנט די טיר. ס'איז אַריין דער זאַמעסטיטעל [1] פון קאָמענדאַנט, פּאָפּאָוו, באַגלייט פון נאַ־טשאַלניק פון דער נ.ק.וו.ד. טימאָשענקאָ.

זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט אויפן עולם, זיך לייכט באַגריסט מיט אַ שטילן „גוטנאָוונט" ווי פון יוצא־וועגן:

— ווי לעבט זיך אייך, רעביאַטאַ? [2] — האָט דער שטעלפאַרטרעטער פונעם קאָמענדאַנט אַ שפּאַן געטאָן נענטער אין צימער — איר שלאָפט נאָך נישט אַזוי שפּעט, איר דאַרפט דאָך מאָרגן אויפשטיין פאַרטאָגס צו דער אַרבעט — האָט ער מיט אַ לאַקריצדיק שמייכעלע זיך געווענדעט צו די אַלע אויף די נאַרעס־זיצנדיקע מענטשן.

פּאָפּאָוו האָט מיט הכנעה פאַרגעשטעלט פאַר זיין שעף יעדן איינעם ביים נאָמען, און אים געזאָגט וואָס יעדער איינער טוט.

---

[1] פאַרטרעטער.
[2] חברה.

www.libtool.com.cn

דער סטאַרשי־לייטענאַנט [3] טימאָשענקאָ האָט זיך אויפמערקזאַם צו־געהערט צו פּאַפּאָוס ראַפּאָרט, און געקוקט אויף אים אַ צופרידענער ווי אַ לערער אויף אַ תלמיד מיט אַ גוטן קאָפּ, אויף זיין באַהאוונטקייט אין דער פּרטיותדיקער קלאָרקייט אין דער לעבנס־געשיכטע פון יעדן איינעם באַזונדער.

אַלע זענען רואיק געזעסן און זיך צוגעהערט צום פאַרדעכטיקטן באַ־ריכט.

— נו, לאַדנאָ, לאָמיר גיין ווייטער — האָט טימאָשענקאָ אַ זאָג גע־טאָן פּאַפּאָוון. לייכט אַ שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ, איז טימאָשענקאָ אַרויס און הינטער אים פּאַפּאָוו.

דער עולם האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט.

— ווי געפעלן אייך די דאָזיקע וויזיטן? — האָט זיך דער ערשטער אָפּגערופן אין דער אַלגעמיינער שטילשווייגעניש מנשה לעווין — קיינ־מאָל ברענגט נישט קיין גוטס טימאָשענקאָס קומען אַהער צו אונדז מיט זיינע וויזיטן.

און איידער מנשה לעווין האָט געענדיקט זיין באַמערקונג, האָט זיך די טיר צוריק געעפנט. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן פּאַפּאָוו. נישט אַריבערטרעטנדיק די שוועל האָט ער מיט אַ שמייכעלע אַ זאָג געטאָן גרינשטיינען:

— כאַפּ זיך אַריין אין דער קאָמענדאַנטור אין אַ פּופצן מינוט אַרום... — און איז גלייך פאַרשווונדן אויף יענער זייט טיר.

אַלע האָבן זיך דערשטוינטע אומגעקוקט אויף גרינשטיינען: — וואָס דאַרף עס הייסן? — חיים גרינשטיין האָט בייז אַ זאָג געטאָן:

— עס הייבט זיך שוין אָן. אוי, ווי זיי זענען מיר דערווידער. איר הערט, חברה, ס'איז מיר שוין אַזוי פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס לעבן דאָ... נאָך ווייניק די אַרבעט מיט דער ביטערניש, איז דאָס נאָך אַ צולאָג צו די צרות.

---

[3] העכערער אָפיציר.

www.libtool.com.cn

חיים גרינשטיינס פרוי, האָט אַ צעשראָקענע געכליפּעט מיט אַ שטיל געהעשעריי.

— וואָס ווילן זיי פון אונדז, וואָס פּייניקט מען אונדז אַזוי שטאַרק. די דאָזיקע נאַכט־וויזיטן פאַרשמעלצן נאָך אונדזערע צרות און פּיין.

שטיל ווי אויף אַ בית־עולם איז געוואָרן אין וואָרעם־אָנגעהייצטן צי־מער. עס האָט זיך מער נישט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט און מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ איז יעדער אַוועק צו זיך אין באַראַק.

* * *

טימאָשענקאָ איז געזעסן ביים מאַסיוון שרייבטיש און דער קאָמענ־דאַנט נישט ווייט פון אים ביי דער זייט פּאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס. ווי נאָר גרינשטיין איז אַריינגעקומען, איז דער קאָמענדאַנט אויפגעשטאַ־נען פון אָרט, פאַרשלאָסן די טיר פונעם צימער און דעם שליסל אַוועקגע־לייגט אויפן טיש.

טימאָשענקאָ האָט לייכט אַ נויג געטאָן די צעשויבערטע העל־בלאָנדע טשופּרינע צו גרינשטיינען:

— סאַדיס! [4] — האָט ער אים אָנגעוויזן אויף אַ בענקל אייניקע טריט פונעם טיש. דאָס בענקל איז געווען צוגענאָגלט צום אָרט. חיים גרינשטיין האָט זיך אַוועקגעזעצט.

טימאָשענקאָ האָט זיך געגריבלט אין אַ פּאַק פּאַפּירן און נישט אויפ־געהויבן די אויגן. גרינשטיין איז געזעסן אַ רעזיגנירטער און געצופּט די שפּיץ־נעגל פון די הענט. דער קאָמענדאַנט האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אָרט שטילשווייגנדיק און הכנעהדיק ווי אַ געטרייער הונט, וואָס וואַכט איבער יעדער באַוועגונג פון זיין באַלעבאָס.

די לאַנגע מינוטן האָבן זיך פאַר גרינשטיינען געצויגן ווי אַן אייבי־קייט. טימאָשענקאָ האָט איינגעשפּיזט זיינע גרויע מוטנע פאַרוואָסערטע אייגעלעך, און זיין פאַררויטלטער שפּיץ־לאַנגער נאָז האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט זיך גענוג אָנגעשמעקט מיט סאַמאָגאָנקע.

---

[4] זיץ.

www.libtool.com.cn

גרינשטיין איז געזעסן רואיק און געוואַרט.

— דאַ, דאַ [5] — האָט טימאָשענקאָ געמורמלט נישט אַראָפּנעמענדיק פון אים קיין אויג — איר זענט אַ שווער נישט־דאַנקבאַר פאָלק, אונדזער זאָרג און גוטע באַנעמונג צו אייך העלפט אויך נישט. פריער האָבן מיר אייך באַפרייט און איצט האָט מען אייך אַהערגעבראַכט פון אַזוי ווייט. געגעבן אייך אַלע מעגלעכקייטן און באַדינגונגען פון אַ פריי גליקלעך לעבן אָן זאָרג פאַרן מאָרגן און איר פירט זיך אויף נישט גוט...

גרינשטיין האָט זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט, וואָס האָט געהאַמערט אין זיין מוח, און ווי מיט שפּיזן געלעכערט זיין האַרץ.

שווערע און לאַנגע מינוטן האָבן זיך געצויגן קלעפּיקע ווי סמאָלע. מינוטן פון פּיין און סאַדיזם. גרינשטיין איז געזעסן אַ רעזיגנירטער און געוואַרט אויף זיין אורטייל.

באַלד איז טימאָשענקאָ איבערגעגאַנגען אויף דו:

— דו ביסט אונדזערס אַ קעגנער און מיט קעגנער גיבן מיר זיך אַן עצה. מיר ווייסן ווי צו טראַקטירן אונדזערס אַ פריינט, אַ שונא רודפן מיר, אין זיין מאַמען אַריין. מיר פאַרניכטן אים. פאַרוואָס אַרבעטסטו נישט? דו עסט אומזיסט סאָוויעטיש ברויט! — האָט זיך טימאָשענקאָ געוואָרפן אַ כעסיקער צו גרינשטיינען איבערן טיש אַריבער.

גרינשטיין האָט געעפנט דאָס מויל צו ענטפערן.

— מאַלטשי! [6] איך רעד איצט...

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און איז צוגעגאַנגען נענטער צו גרינשטיינען, אים אָנגענומען ביי דער גאָמבע:

— פאַרוואָס בונטעוועסטו די מענטשן אויפן פּאָסיאָלאָק? דו מיינסט מיר ווייסן נישט, וועסט זיך מאַסקירן. אונדזער וולאַסט ווייסט אַלץ. מיר קענען דורכדרינגען אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון יעדנס נשמה.

— גראַזשדאַנין נאַטשאַלניק, — האָט חיים גרינשטיין אַרויסגע־שטאַמלט פון צווישן די ציין — איך אַרבעט נישט ווייל איך בין קראַנק

---

5 יאָ.

6 שווייג.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

און קאָן נישט גיין גרוזעווען קיין וואַגאָנען געהילץ, פּאָד־פּאַראָוואָזאָם...[7]

— מאָלטשי! איך רעד... דו האָסט נישט קיין וואָרט, מערזאַוויעץ, נישט דיך פרעגן מיר, פּאָניאַטנאָ! און גענומען אַרומלויפן ווי אַ ווילד גע־וואָרענער הונט איבערן צימער:

— סוקין־סין! מערזאַוויעץ, קאָנטררעוואָלוציאָנער! מיר ווייסן אַלץ. איר זענט נישט צופרידן מיט אונדז, עס געפעלט אייך דאָ גאָרנישט... געדענק, איך וואָרן דיר! זאָג אָן אַלע דיינע כיטרע יעווריעס, זיי זאָלן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויספּאַקן זייערע טשעמאָדאַנעס[8]. איר וועט שוין דאָ אייביק פאַרבלייבן, נאַ ווסיעגדאַ...[9] איר וועט שוין אַזוי אָנזען אייערע היימען ווי דו זעסט אָן דיין לינקן אויער. פּאָניאַטנאָ, מערזאַוויעץ!

גרינשטיין האָט באַטראַכט דעם ווילד־געוואָרענעם פאַרשוין, וואָס איז ווי משוגע געלאָפן הין און צוריק ווי אַ צערייצטע חיה אין שטייג און באַשלאָסן אים נישט צו ענטפערן. קוקנדיק אויף טימאָשענקאָן, האָט אים אָנגענומען אַן עקל צו די אַלע ענקאַוועדיסטן. מיט פאַראַכטונג האָט ער אים נאָכגעקוקט אָן שום פחד און מורא, אַ גרייטער אויף אַלעם — נאָך נישט אַלץ איז פאַרלוירן, האָט ער ביי זיך געטראַכט. די מלחמה איז נאָך נישט געענדיקט, אויך די צרה וועלן מיר איבערלעבן.

טימאָשענקאָ האָט זיך אַ פאַרסאָפּעטער אַוועקגעזעצט אויף דער שטול. נאָך טיפער אַראָפּגעלאָזט זיינע אויגן אין די פּאַפּירן. מיט אַ ווייכער שטים, פונקט ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, האָט ער זיך פלוצים גע־ווענדעט צו גרינשטיינען:

— דו ביסט דאָך נישט קיין נאַרישער ייד, גרינשטיין, פאַרשטייסט דען נישט, אַז מען דאַרף שלום מאַכן מיטן געדאַנק און אויפהערן די קונצן — האָט ער אים פּאָטערלעך געמוסרט — וואָס טויגן דיינע עקשנותן. דו סימולירסט אַ קראַנקייט און דיין יעווריסקי וורואַטש באַפרייט דיך פון דער אַרבעט, שעדיקסט דערמיט אונדזער מלוכהשע ווירטשאַפט און דאָס איז נישט קיין שפּילכל. ס׳קאָן זיך ענדיקן גאָר שלעכט. פון מאָרגן

---

7 אונטערן לאָקאָמאָטיוו.

8 וואַליזעס.

9 אויף אייביק.

www.libtool.com.cn

אָן זאָלסטו גיין צו דער אַרבעט, דו הערסט... פאַרנעם זיך נישט מיט קיין פוסטיאַקי...[10]

גרינשטיין האָט אים אָנגעקוקט און אַ שטיל שמייכעלע האָט זיך אים צעלייגט אַרום די וואָנסעס, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט.

— אַ, דו לאַכסט! דו ביסט נאָך אַן איינגעשפּאַרטער אויך. קאַק טיעביע ניע וסטידנאָ, סקאַזשי סוקין־סין [11] — האָט זיך אין טימאַשענ־קאָן צעקאָכט די יוכע און געוואָרפן זיך אַ צערייצטער אויף גרינשטיינען.

גרינשטיין האָט עקשנותדיק פאַרביסן די ליפּן און שטיל אָפּגעזיפצט.

— ביי אונדז איז דאָס לעבן נישט לייכט — האָט זיך טימאָשענקאָ צעשריגן — איך אַרבעט אויך שווער און ביטער... מיר טוען אייך גענוג טובות און איר ווידערשפעניקט נאָך.

ער האָט זיך ווידער צוגעזעצט צום טיש שוין אָן כעס, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט, האָט ער ווי געזופּט צווישן די ציין:

— קיין איין וואָרט טאָר נישט אַרויס אין דרויסן, דו הערסט? אַלץ וואָס ס׳איז דאָ גערעדט געוואָרן בלייבט פאַרשלאָסן אין דיר. אויב מיר וועלן געוואָר ווערן, אַז דו האָסט געגעבן איין פּיפּס פאַר וועמען, מעגסטו זיך געזעגענען מיט דיין ווייב און קינדר, פּאָניאַטנאָ!

גרינשטיין האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט שוין מער נישט געקאָנט איינזיצן אויפן אָרט. ער האָט געפילט ווי ווערעם וואָלטן אים געקראָכן אי־בער זיין לייב. דאָס בלוט האָט אַ שלאָג געטאָן צום קאָפּ. ווי נישט מיט זיין קול האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— וואָס ווילט איר פון מיר? וואָס האַלט איר מיך דאָ? לאָזט מיך אַהיים! איך קאָן שוין נישט מער אויסהערן די אַלע זלזולים... זאָגט, וואָס האָט איר מיר צו זאָגן, און אַן עק זאָל עס נעמען!

גרינשטיין האָט געציטערט ווי אין קאָנוולסיע. ער האָט געגעבן אַ וואַרף אַראָפּ פון זיך זיין וואַטענע פופייקע, זי איינגעדרייט אין אַ קנויל

---

10 נאַרישקייטן.

11 ווי אַזוי שעמסטו זיך נישט, זאָג הינטישער זון.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

און אין זיין גאַנגער גרויס זיך געגעבן אַ צי אויס אויף דער פּאָדלאָגע מיטן וואַטניק צוקאָפּנס.

דער קאָמענדאַנט מיט טימאָשענקאָן האָבן זיך מיט רציחה־אויגן דורכגעקוקט.

טימאָשענקאָ האָט אָנגעבויגן זיין קאָפּ אין אַ זייט, ווי ער וואָלט מיט מבינות באַטראַכט זיין קרבן.

— ווסטאַוואַי, מערזאַוויעץ, טי סוקין־סין, פּאָדנימאַיסיאַ! [12]

גרינשטיין האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— שטיי אויף, וואָרעם איך שיס!

גרינשטיין איז זיך רואיק געלעגן ווי נישט אים וואָלט מען עס גע־מיינט.

טימאָשענקאָ האָט נאָכגעלאָזט די נערוון, באַטראַכט דעם ליגנדיקן ינשטיין:

— נו, לאַדנאָ, אידי דאָמאָי [13], מיר וועלן זיך נאָך מיט דיר זען. נאָר געדענק, קיין איין וואָרט נישט וועגן דעם אַלעם. מיר האָבן גענוג מיטלען פאַר אַזעלכע ווי דו.

גרינשטיין זעענדיק, אַז טימאָשענקאָ האָט נאָכגעלאָזט די נערוון, האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך די פופייקע און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

אַ כעסיקער האָט טימאָשענקאָ אַ וואָרף געטאָן דעם שליסל פון דער טיר דעם קאָמענדאַנט אין די הענט אַריין און מיט אַ באַפעלערישער שטים אַ וואָרטשע געטאָן:

— אָטקריוואַי דווער! [14]

הינטערוויילעכטס, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, האָט זיך גרינשטיין אַרויסגעשאַרט פונעם קאָמענדאַנטס צימער און אַריינגעטאָטעמט אין זיך די פראַסטיקייט פון דער שטילער ווייסער נאַכט פונעם ווייטן צפון.

---

12 שטיי אויף.

13 גייט אַהיים.

14 עפן די טיר!

www.libtool.com.cn

די גוטע בשורה פֿון קאָמענדאַנט

אַ יאָר מיט איבער צוויי חדשים, האָבן די ספּעצפּערעסעלענצעס[1] אָפּגעחושכט אויף דער ווייטער פֿאַרשיקונג אין לוגאָוואָי, ערגעץ אין אַרכאַנגעלסקער אָבלאַסט. די באַנליניע האָט זיך שוין דאָ געענדיקט. ווייטער איז שוין קיין באַן נישט געגאַנגען. עק־וועלט.

די פֿאַרשיקטע — די פּוילישע ייִדן און רוסן פֿון דערנעבנדיקן פּאָסיאָלאָק — האָבן דאָ געהאַט אויסצושטײן קאַלטס און וואַרעמס. די פֿרעסט זענען דערגאַנגען אַריבער 65 גראַד אונטערן נול. כל־זמן דער באַראָמעטער האָט נישט באַוויזן אונטער 40, האָט מען נישט אָפּגעלאָזט פֿון דער ליעסאָ־רובקי[2]. די בריגאַדירן, וואָס זענען אַליין אויך געווען פֿאַרשיקטע, האָבן געטריבן אין טאַרטאַק אַרײַן צום גרוזעווען און זעגן ס׳געהילץ. זומער האָט די היץ געבראָטן אומדערטרעגלעך באַגלייט מיט אַן אינוואַזיע פֿון מיליאָנען־מיליאַסן קאָמאַרן — ווילדע און זלידנע, וואָס זענען דורכגעקראָכן אַפֿילו די ספּעציעלע שאַטקעס, און אָנגעמאַכט ווונדן און בלאָטערן אויפֿן גאַנצן לייב.

דער איינציקער ברונעם אויפֿן פּאָסיאָלאָק איז נאָך אין מאַי געווען אײַנגעפֿרוירן. אויסער אַ שפֿע פֿון יאַגדעס, מאַלינעס, וואָס האָבן זיך געמערט אין די וועלדער, זענען דאָ קיין פּרוכטן נישט געוואַקסן. אַ שטיקל ציבעלע, אַ פּאָמידאָר איז געווען מיט גאָלד צוגלייך. אין די זומער־חדשים איז דער עולם נאָך דער אַרבעט געגאַנגען אין די וועלדער אַרײַן, מיט דער ספּעציעלער דערלויבעניש פֿון קאָמענדאַנט און אָנגעקליבן אויפֿן ווינטער שוואָמען און יאַגדעס. אויך זומער זיך געקוויקט דערמיט. דאָס עסן האָט מען באַקומען אין דער סטאָלאָווקע, וואָס האָט זיך געפֿונען נישט בײַ דער אַרבעט נאָר אַרויף צו די באַראַקן. די סטאַכאַנאָווצעס האָבן פֿון צײַט צו צײַט באַקומען אַ שטיקל בערן־פֿלייש און געזאַלצענע פֿיש.

1 פֿאַרשיקטע.
2 האָלץ־האַקן.

ב. טערקעל

א מענטש געווינט זיך צו צו אַלץ. ביסלעכווייז האָט מען זיך צוגעוווינט צו דער שווערער אַרבעט, נישט דערעסן און אונטערפרירן. אויך דאָ האָבן נישט געפעלט קיין אויסטויגער.

מען האָט אָרגאַניזירט דראַמאַטישע קרייזן און אין די שבת־צונאַכטסן האָט מען געגעבן פאָרשטעלונגען, דורכגעפירט טאַנץ־אָוונטן. ס׳האָט זיך שוין געדאַכט, אַז אַזוי וועט מען שוין אָפּבידעווען די פּאָר יאָר. אַ גאַנץ לעבן וועט עס שוין אַזוי אָנגיין, לעולם ועד.

לעבן דער קאָמענדאַנטור איז געווען ארויסגעשטעלט אַ ראַדיאָ־הילכער. אין די אָוונטן איז מען געשטאַנען אויפן פראָסט און אויסגעהערט די קאָמוניקאַטן פון די פראָנטן, צי גוט צי שלעכט זענען זיי געווען באַגלייט מיט מוזיק און מיליטערישע מאַרשן.

דעם 22סטן יוני 1941 האָט דער ראַדיאָ געמאָלדן, אַז היטלער איז באַפאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד. דער גאַנצער פּאָסיאָלאָק איז געגאַנגען כאַדאָראָם. מ׳האָט אָנגעהויבן לעבן ווי אין אַ פיבער.

כאָטש די ידיעות זענען געווען גרויליקע, שווידערלעכע; אין קאָן זענען געשטאַנען מענטשלעכע לעבנס, און דער גורל פון די איבערגעבליבענע אויף יענער זייט איז געווען אַ געחתמעטער — האָט מען פונדעסטוועגן אַרויסגעפילט עפּעס אַ דערלייכטערונג ביי די פאַרשיקטע. די לופט האָט געשמעקט מיט פרילינג, מיט אַ דערוואַרטונג פון אַ שינוי פאַר די פאַרשיקטע אויף צום בעסערן.

אין אַ חודש שפּעטער איז צעטראָגן געוואָרן דער קלאַנג וועגן אַן אַמנעסטיע פאַר די פּוילישע בירגער. די אַרבעט איז כמעט ווי פאַראַליזירט געוואָרן. דער עולם האָט אָנגעהויבן איבערלעבן אומרואיקע טעג. אַלץ האָט געפיבערט אין דערוואַרטונג פון אַ גרויסער געשעעניש און אפשר אויפן מאָמענט פון אַן ענדגילטיקער באַפרייאונג.

* * *

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, האָט זיך איבער דער ליעסאָ־בירזשי באַוויזן איוואַן איוואַנאָוויטש טימאָשענקאָ, דער נאַטשאַלניק פון ענקאַוועדע פון וויעלסקי ראַיאָן, וואָס האָט זיך בכבודו ובעצמו אַראָפּגעיאָוועט אַהער אויפן פּאָסיאָלאָק.

www.libtool.com.cn

— עס מוז זיכער זיין וויכטיקע נייעס — האָט מען גערעדט צווישן זיך אויפֿן צוריקוועגס אַהיים פֿון דער אַרבעט. דער חברה־מאַן קומט נישט גלאַט אין דער וועלט אַריין.

אין אָוונט נאָכן גודאָק, ווען די אַרבעטער האָבן זיך שוין געפֿונען אין די באַראַקן, איז דער פֿאַרטרעטער פֿון קאָמענדאַנט, פּאָפּאָוו, געגאַנגען פֿון טיר צו טיר און אַלעמען גערופֿן אויף אַ וויכטיקער סאָבראַניע אין דער סטאָלאָווע.

אַלעמענס אויגן האָבן אויפֿגעבליצט. יעדער האָט געפֿילט בחוש, אַז היינט וועט געשען עפּעס זייער וויכטיקס אינעם לעבן פֿון די פּליטים. היום הרת עולם, היינט וועט דעצידירט ווערן דער ווייטערדיקער גורל פֿון די געפּלאָגטע פּוילישע יידן.

דער זאַל פֿון דער סטאָלאָווע איז געווען פֿול איבער די ברעגן. קינד און קייט זענען געקומען ווי אויף אַ יום־טוב אָנגעטאָן אין די בעסטע מלבושים, וואָס מ׳האָט פֿאַרמאָגט. קינדער מיט אויסגעצוואָגענע קעפּלעך, דערוואַקסענע אַרומגעוואַשן, ריין ראַזירט. אין אַלעמענס אויגן האָט זיך געשפּיגלט אַ פּלעמל פֿון פֿרייד.

דער עולם איז געווען געשפּאַנט, אַ גליקלעכער. כאָטש מ׳ען האָט נאָך גענוי נישט געוווסט, אַפֿילו נישט געאַנט אין וואָס דאָ גייט, אָבער דאָס האַרץ האָט פֿאַרגעזאָגט עפּעס אומגעווייגלעכס, אומגלויבלעכס. דאָס דאָזיקע וואַרעמע געפֿיל האָט יעדער איינער באַהאַלטן טיף אין זיך, נישט וועלנדיק זיך טיילן מיט קיינעם מיט קיין איבעריקע ווערטער, ווי ס׳וואָלט זיך געווען געהאַנדלט וועגן אַ גרויס פֿאַרשטייענדיק גליק.

די זון האָט זיך געזעצט. אַ פֿאַררויטלטע מיטן לעצטן גלי־כוח האָט זי אַ גלעט געטאָן דעם דאַך פֿון דער סטאָלאָווע, אַריינגעשיקט די לעצטע שטראַלן דורך די ברייטע פֿענצטער, אַרומגענומען אַלעמען מיט וואַרעמקייט און גלאַנץ פֿון אַ געזעגענונג און זיך רואיק אַוועק, זיך באַהאַלטן הינטערן גרויסן טאַרטאַק, לאָזנדיק זיך נעמען געפֿאַנגען פֿון די ערשטע נאַכטיקע שאָטנס וואָס זענען זיכערע געשוווממען אַהערצו פֿון די אינגע־ווײַדן פֿון וואַלד.

די עלעקטרישע פּייערלעך האָבן זיך העל צעלויכטן אין גרויסן גע־

www.libtool.com.cn

רוימען זאָל פון דער סטאָלאָווע. אַלעמענס אויגן זענען געווען געריכט צו דער געעפנטער טיר. טימאָשענקאָ איז אַריין מיט אַ מיליטערישן טראָט. הינטער אים זענען געגאַנגען דער קאָמענדאַנט מיט זיינע געהילפן אין מיליטערישער אָרדענונג. ווי לויט אַ קאָמאַנדע זענען זיי אַריין אין זאַל און פאַרנומען דעם אויבנאָן.

אָן שום צערעמאָניעס האָט דער קאָמענדאַנט שוואַריאָוו אַרומגענומען דעם גאַנצן עולם מיט זיין אָפענעם קאַלטן שטיינערנעם בליק און אַ זאָג געטאָן מיט אַ ווייכקייט אין קול:

— טאָוואַרישטשי!

אַ יובל־געשריי מיט אַ הוראַ! האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַלעמענס קעל. אַ קלייניקייט, טאָוואַרישטשי און נישט גראַזשדאַני [3]. שוין אין דעם איינעם וואָרט האָט מען געפילט, אַז די ישועה איז שוין געקומען.

— טאָוואַרישטשי, — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט — מיר האָבן אייך דאָ צונויפגעזאַמלט איבערצוגעבן אַ וויכטיקן באַשלוס פון אונדזער פּראַוויטעלסטוואָ [4]. דער פאַרשאָלטענער דייטש איז אַנגעפאַלן אויף אונדזערע גרענעצן און פאַרנעמט אונדזערע שטעט און קאָלכאָזן. אונדזער רעגירונג האָט דעריבער געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט אייער פּויל־ישער רעגירונג און באַשלאָסן אייך צו אַמנעסטירן.

אַ מעכטיקער „הוראַ" איז געווען דער ענטפער אויף די רייד פונעם שטענדיק פאַרכמורעטן שוואַריאָוו. מיט איין וויש איז אַראָפּגענומען געוואָרן די גאַנצע מורא פאַר אים, מיטאַמאָל איז ער, שוואַריאָוו, געבליבן שטיין אַן אויסגעטוענער, אַ נאַקעטער. ער האָט פּלוצים פאַרלוירן זיין מיליטערישן גלאַנץ און שטרענגן אויסזען פון אַ געוועלטיקער און מאַכט־האָבער איבער די פּליטים.

טימאָשענקאָ האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער גרויס. אין זאַל איז שטיל געוואָרן, מ'האָט געהערט דאָס זשומען פון די קאָמאַרעס איבער די שאָטקעס פון די פענצטער.

[3] טאָוואַרישטשי — חברים, גראַזשדאַני — בירגער.
[4] רעגירונג.

www.libtool.com.cn

שוואַריאַווס גראָבע באַס־שטימע האָט איצט געקלונגען מיט אַ טאָן פון זאָרג איבערן גורל פון זיינע אונטערטאַנען, ווי אַ באַלעבאָס וואָס פילט, אַז ער האָט שוין פאַרלוירן יעדן איינפלוס איבער זיין קנעכט און וויל נאָך ביי אים עפּעס אָפּראַטעווען פון זיין פאַרלוירענעם פּרעסטיזש:

— פון היינט אָן, טאָוואַרישטשי, זענט איר פרייע בירגער פון אונדזער גרויס פאָטערלאַנד. איר קאָנט זיך פריי באַוועגן אָן שום אויפזיכט פון דער קאָמענדאַנטור. איר קאָנט גיין צו דער אַרבעט ווי פרייע מענטשן, איר וועט קריגן באַצאָלט אייער לוין ווי יעדער איינער אַרבעטער. וועד עס וועט פאַרלאַנגען קאָן אויך פאָרן ווו ער וויל, אין אַלע שטעט פון ראַטנ־פאַרבאַנד, ווו אייער האַרץ גלוסט, אויסער אין די רעזשימ׳נע [5] שטעט. איך לייג אייך אָבער פאָר, צו בלייבן דאָ אויפן אָרט. דאָ זענט איר שוין באַזאָרגט מיט באַראַקן, מיט אַרבעט און דערנערונג. אין די שטעט וועט אייך זיין שווער זיך איינצואָרדענען. איצט איז מלחמה־צייט, דער שונא גייט פאָרויס און פאַרנעמט סאָוויעטישע שטעט. אָבער אונדזער רויטע אַרמיי וועט אָפּשטעלן דעם מאַרש, זי וועט אים באַזיגן און פאַרטרייבן פון אונדזער ערד און איר וועט זיך אַלע קאָנען אומקערן אין אייערע וווינער־טער, יעדער אין זיין היים.

אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן האָט זיך אַרויסגעריסן ביי די צע־פּלאָמטע, געפּייניקטע און דערנידעריקטע פאַרשיקטע, מיט אַ געמיש פון פריידיקע הוראַ־געשרייען, וואָס האָבן פאַרהילכט די סטאָלאָווע. דער ברי־גאַדיר פון די גרוזטשיקעס, חיים גרינשטיין, וואָס איז אויסגעשטאַנען שי־קאַנעס פון שוואַריאַוון און געטראָגן אויף אים אַ האַרץ, האָט זיך אויפ־געשטעלט דער ערשטער און געקוקט שוואַריאַוון גלייך אין די אויגן:

— טאָוואַרישטש קאָמענדאַנט, מיר דאַנקען אייך פאַר דער גוטער בשורה. מיר וועלן זיין גליקלעך צו דערלעבן דעם מאָמענט, ווען מיר וועלן זיך צוריק קאָנען פאַראייניקן מיט אונדזערע משפּחות. מיר האָבן נישט געוואָלט ווערן קיין סאָוויעטישע בירגער, ווייל דאָס וואָלט געהייסן רע־זיגנירן פון אונדזערע פאַמיליעס, זיך אָפּזאָגן פון אונדזער בלוט און פלייש.

---

[5] צענטראַלע שטעט.

www.libtool.com.cn

און מיר האָבן נאָך אַמאָל געוואָלט קומען צו זיי ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן. פאַרן דאָזיקן חטא האָט מען אונדז ביינאַכט אַרויסגענומען פון די בעטן און אַלעמען פאַרלאָדעוועט אין וואַגאָנען, יונג און אַלט, קראַנקע און געזונטע, זקנים און קינדער, אַלעמען, אַלע ביעזשענצעס [6], פאַר גאָרנישט האָט מען אונדז געבראַכט אַהער אין די פּאָסיאָלקעס פאַר פאַרשיקטע, ווו ס'איז פון אונדז געוואָרן אַ וויסטער תל, צעבראָכענע מענטשן...

דער עולם איז געזעסן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און אַ סך האָבן שטיל געהעשעט אין זיך. די פרויען האָבן זיך מער נישט געקאָנט באַהערשן און אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטישן געוויין.

חיים גרינשטיין האָט מיטן בליק אַרומגענומען דעם עולם און גע־בעטן זיי זאָלן זיך באַרואיקן. דער קאָמענדאַנט איז געזעסן מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ, פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. טימאָשענקאָ האָט זיך געשפּילט מיט זיין אַקטנטאַש און פּאָפּאָוו האָט כיטרע מיט אַ ביין פּייערל געקוקט אין דער זייט פון גרינשטיינען.

— ניין, טאָוואַרישטש קאָמענדאַנט, מיר ווילן דאָ נישט בלייבן, אין דעם אָרט ווו מען האָט אונדז נישט רעספּעקטירט ווי מענטשן, נאָר גע־האַלטן ווי קנעכט. מיר ווילן אַוועקפאָרן פון דאַנען, נענטער און נענטער צו די גרענעצן, בכדי וואָס שנעלער צו קאָנען קומען צו אונדזערע משפּ־חות, ווי נאָר די מלחמה וועט זיך ענדיקן. און מיר האָפן, אַז זי וועט זיך לאַנג שוין נישט ציען...

שוואַריאָוו האָט זיך אויפגעשטעלט און געמאָלדן, אַז פון מאָרגן פרי אָן וועט מען אין דער קאָמענדאַנטור אַרויסגעבן די אודאָסטאָווערעניעס [7] צו קאָנען אַרויספאָרן אין דער ריכטונג, ווו יעדער איינער וועט פאַרלאַנ־גען. אַלע אַרבעטער — האָט ער צוגעגעבן — דאַרפן גיין אין קאַנטאָר זיך אָפּרעכענען. יעדער איז פריי צו האַנדלען ווי ער פאַרשטייט.

---

6 פליטים.

7 באַפרייאונגס־שיין.

www.libtool.com.cn

דער פּאָסיאָלאָק לײדיקט זיך אויס

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך פון די שטאַרק באַלויכטענע באַראַקן־פענצטער געטראָגן אַ פרײלעך געזאַנג. די ײדישע און העברעאישע ניגונים האָבן זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן שטח און אָנגעפילט די לופט מיט גוטע בשורות, מיט האָפענונג אויף ענדגילטיקער באַפרײאונג פון עבדות לוגאָוואָי. קופּקעלעך מענטשן זענען געשטאַנען בײ די טירן און קאָמענטירט די איבערלעבענישן.

ביזן גראָען פאַרטאָג אַרײַן האָט זיך געלויכטן אין די פענצטער פון דער קאָמענדאַנטור, וואָס האָט פריער אָנגעוואָרפן אַ פּחד. הײַנט אין דער דאָזיקער נאַכט איז די מורא צום ערשטן מאָל פאַרשוונדן.

* * *

דער גודאָק האָט ווי אַלע באַגינען האָפערדיק אַ וועק געטאָן דעם פּאָסיאָלאָק. אָבער אומזיסט איז געווען זײַן טרחה. דאָס מאָל האָט זײַן געיאָמער אַ ריס געטאָן פון טיפן שלאָף די פאַרמאַטערטע מענטשן מיט די אָנגעשפּיצטע חושים צו זײַן געפּײף.

די אויסגעטראָטענע וועגן צו דער ליעסאָ־בירזשי האָבן הײַנט געפּוסטעוועט. די בריגאַדירן האָבן אומזיסט געוואַרט אויף זײערע שקלאַפן. קײנער איז נישט אַרויס צו דער אַרבעט.

אַ יום־טובדיקײט האָט זיך אויסגעשפּרײט איבער לוגאָוואָי. אויך די הויכע אוראַלטע בײמער האָבן זיך יום־טובדיק באַצירט מיט גינגאָלדענע שטראַליקע פּעדעם, זיך פאַרוועבט אין די קרוינען. אַ לוסטיק פײגל־געזאַנג האָט זיך געטראָגן פון בוים צו בוים.

מיט אײן שטריך איז אַראָפּגענומען געוואָרן די טאָגטעגלעכע עצבות, וואָס האָט אײַנגעהילט דעם פּאָסיאָלאָק זינט זײַן עקזיסטענץ.

* * *

גלײַך אין די פרימאָרגן־שעה׳ן, האָט זיך פאָרמירט אַ רײ בײ דער

www.libtool.com.cn

קאָמענדאַנטור. אויפן וואַנט אין קאָמענדאַנטס צימער איז געווען אויסגע־ האנגען אַ מאַפּע. די פליטים זענען געשטאַנען און געשטודירט וווהין צו פאָרן. כמעט אַלע האָבן זיך פאַרשריבן צו פאָרן קיין אוזבעקיסטאַן, קיין קאַזאַכסטאַן, דאָרט ווו עס איז וואַרעם. יעדער איינער האָט געפילט אַ באַגער פאַר אַ וואַרעם לאַנד, מען זאָל קאָנען אויסוואַרעמען די פאַרפרוי־ רענע אברים, זיך באַפרייען פון אייז־קאַלטן צפון, ווי לאַנג ס׳וועט זיך נאָך אויסקומען צו מוטשען ביזן סוף פון דער מלחמה.

לוגאָוואָי האָט זיך געפאַקט אין וועג אַריין. אַלע זענען געווען פאַר־ פאָרעט. מען איז געגאַנגען זיך אָפרעכענען אין קאָנטאָר, דערליידיקן אַלע פאָרמאַליטעטן און מען האָט שוין געוואַרט אויפן גליקלעכן טאָג פון דער רייזע, צו קאָנען זאָגן אַ גוטן טאָג דעם גיהנום.

מ׳האָט אַלעמען געטיילט דערלויבענישן און קאָמאַנדיראָווקעס. אַלע האָבן באַטראַכט דעם פאַק פּאַפירלעך גליקלעכע און צופרידענע. בלויז איינער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ נעכטיקער, אַ פאַרזונקענער אין מחשבות און אין עצבות — חיים גרינשטיין.

יעדן פאַרנאַכט האָבן צו דער באַן־סטאַנציע אוסט־שאַנאַשע, צוויי קילאָמעטער פון פאָסיאָלאָק, זיך געצויגן קאַראַוואַנען מיט מענטשן מיט ווייב און קינדער, מיט געפעק צום צוג, וואָס וועט זיך אַוועקטראָגן אין די רחבותן, צו בליענדיקע שטעט און ישובים. חיים גרינשטיין איז געווען צווישן די באַגלייטער, ביז ער איז פאַרבליבן אַליין. איינער אַליין אויפן אויסגעליידיקטן פאָסיאָלאָק.

שוואַריאָוו איז שוין געוואָרן אויס קאָמענדאַנט. ער האָט שוין נישט געהאַט וועמען צו היטן. ער איז באַשטימט געוואָרן פאַר נאַטשאַלניק אויף דער ליעסאָ־בירזשע [1], וואָס האָט כמעט ווי געפוסטעוועט. עס האָט שוין נישט אָפגעהילכט דער קלאַנג פון זעג און דער אָפהילך פון די פאַרגרוזע־ וועטע קלעצער אין די וואַגאָנען. פאָפאָוו און אַלעקסאַנדראָווסקי זענען געשטאַנען און געזעגנט האַלץ. עס איז געווען אַ מאַנגל אין אַרבעט־הענט.

חיים גרינשטיין, איז פאַרבליבן מיטן ווייב און קינד אַליין, איינזאַם.

[1] האָלץ־קאָמבינאַט.

www.libtool.com.cn

אין די פאַרנאַכטן איז ער געזעסן אויף די טרעפּלעך פון זיין באַראַק און שטיל, עקשנותדיק געשוויגן און געוואַרט, אולי ירחם...

דאָס ווייב זיינס איז אַרומגעגאַנגען פאַרמרהשחורהט, פאַרביסן געשוויגן ווי דער מאַן.

אַזוי האָבן זיך געצויגן טעג און וואָכן.

* * *

אין אַ פאַרנאַכט איז צו גרינשטיינען צוגעקומען דעם קאָמענדאַנטס ייִנגעלע, דער קליינער קאָליאַ און אים געזאָגט:

— דער טאַטע האָט געבעטן דו זאָלסט צו אים אַריינקומען, און אויב דו האָסט וואָדקאַ, זאַכוואַטי, נעם מיט.

אַן איבעראַשטער האָט זיך גרינשטיין אויפגעשטעלט. ער האָט דערפילט, אַז אויך צו זיין לאַגע קומט אַן ענדערונג. דאָס פרעגן סיי שוואַריאָוון און פאָפּאָוון וועגן זיין גורל האָט אים שטענדיק איבערגעלאָזט אָן ענטפער.

— ניע זנאַיו [2] — האָט אים פאָפּאָוו געענטפערט און געהויבן מיט די פּלייצעס — אוווידים [3], מירן זען. וואָס מיינסטו זיך אַזוי... די גליקן וואָס וואַרטן דאָרטן אויף דיר.

חיים גרינשטיין איז אַוועק אַ שלאַבערדיקער, אַ דערשלאָגענער און רעזיגנירטער. כאָטש דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט עפּעס אַנדערש, איז ער שוין געווען אָפּהענטיק און אַנטוישט. ער האָט פונדעסטוועגן מיטגענומען מיט זיך אַ פלעשל בראָנפן, וואָס איז אים פאַרבליבן פון דער לעצטער צוטיילונג פון מאַגאַזין.

אויף זיין קלאַפּ אין דער טיר האָט ער דערהערט אַ הייזעריקע שטים:

— זאַכאַדי! [4]

די טיר האָט זיך געעפנט. אַ געדיכטע פּאַרע פון די קאָכעדיקע טעפּ אויף דער קיך האָט אים אַ שלאָג געטאָן צום פּנים.

---

[2] כ'ווייס נישט.

[3] מיר וועלן זען.

[4] אַריין.

www.libtool.com.cn

פון דער פאַרע אַרויס, האָט זיך אויסגעשיילט די פולע ברייטלעכע פיגור פון טימאָשענקאָ. ער איז געזעסן צוזאַמען מ׳יטן קאָמענדאַנט און געגעסן געזייערטע שוואָמען מיט קאַרטאָפל, וואָס די ברייט־צעיוירענע ווייב שוואַריאָווס האָט מיט אַ שמייכעלע אונטערטעניק צוגעטראָגן.

— האָ, פרישאָל [5] — האָט שוואַריאָוו באַגריסט גרינשטיינען — סאַדיס, גאָלובטשיק [6] — האָט ער אים אָנגעוויזן אויף אַ בענקל ביים טיש.

— טשטאָ־לי גרינשטיין, זאַכוואַטיל וואָדקו? [7]

גרינשטיין האָט אַוועקגעשטעלט די פלאַש בראָנפן אויפן טיש. שוואַריאָוו האָט אָנגעגאָסן דריי טיי־גלעזער און אויסגערופן אַ הייטערער מיט צעפינקלטע אייגעלעך:

— אַנוקאָ, טאָוואַרישטשי, וויפּיאָם! [8]

מיט איין שלוק זענען די צוויי גלעזער איבערגעקערט געוואָרן. גרינשטיין האָט זיך נישט צוגערירט צום גלאָז.

— אַנוקאָ, גרינשטיין — האָט טימאָשענקאָ אַ זעג געטאָן מיט זיין כריפּעדיק קול — אַלע דייניקע זענען אַוועקגעפאָרן און דו ביסט פאַרבליבן אַליין. מיר דאַרפן אָפּרוימען דעם פּאָסיאָלאָק. די טעג קומט דאָ אָן אַ פּאַרטיע פון דייטשע וואָיעננאָ־פּלעננע [9] טאָרסטו זיך דאָ נישט געפינען. איז וואָס טראַכסטו צו טאָן?

גרינשטיין האָט עקשנותדיק געשוויגן.

— סקאַזשי, [10] גרינשטיין, — האָט זיך אָפּגערופן שוואַריאָוו — וואָס ביסטו אַזאַ עקשן.

— עס ווענדעט זיך דען אין מיר? — האָט גרינשטיין געענטפערט — איך ליג דאָך ביי אייך אין די הענט. וואָס איר וועט באַשליסן אַזוי וועט זיין.

---

[5] געקומען ?
[6] זעץ דיך.
[7] פאַרכאַפּט בראָנפן.
[8] לאָמיר אויסטרינקען.
[9] מלחמה־געפאַנגענע.
[10] זאָג.

www.libtool.com.cn

— הער זיך צו — האָט טימאָשענקאָ געקוקט אויף זיין שכן — שוואַריאָוו האָט געהאַט פון דיר צרות די גאַנצע צייט, דו ביסט גישט געווען געהאָרכזאַם, פאַרשטייסט. האָסט געבונטעוועט דעם פּאָסיאָלאָק, און ביי אונדז גיט מען נישט קיין גלעט איבערן קעפּל דערפאַר. נאָר ווייל דו ביסט אָבער גלייכצייטיק געווען אַ גוטער אַרבעטער, זענען מיר געקומען צום באַשלוס, אַז דו דאַרפסט אויך פאָרן אַהיים צו די דייניקע. נו, ביסט צופרידן?

מיט פולע אויגן טרערן האָט גרינשטיין אָנגעקוקט ביידע פאַרשויינען, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן.

שוואַריאָוו האָט אים צוגערוקט די גלאָז וואָדקאָ און באַפוילן:

— טרינק, גרינשטיין, זיי נישט קיין טשודאַק.

גרינשטיין האָט מיט איין שלונג אַראָפּגעלאָזט דאָס גלאָז בראָנפן.

— אָט אַזוי געפעלסטו מיר, טרינקסט ווי אַן אונדזעריקער, און איינגעעקשנט ביסטו ווי אַ יעווריי. דו ביסט אַ מענטש מיט כאַראַקטער, אָט אַזוינע חברה־לייט האָב איך ליב.

גרינשטיין האָט זיך צעשמייכלט. דער בראָנפן האָט געטאָן דאָס זייניקע, דער קאָפּ האָט זיך אים אָנגעהויבן דרייען.

טימאָשענקאָ האָט פון זיין אַקטנטאַש אַרויסגענומען אַן אודאָסטאָווערעניע און אים געפרעגט:

— ווו ווילסטו פאָרן?

— קיין סאַמאַרקאַנד, אַזוי ווי אַלע מענטשן פון פּאָסיאָלאָק.

טימאָשענקאָ האָט אים דערלאַנגט דעם אויסגעפילטן בלאַנק:

— פּאָיעזשדזשאַי [11].

— ספּאַסיבאָ [12].

גרינשטיין האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, פאַרגעסן צו זאָגן אַ גוטע נאַכט און אַרויס מיט וואַקלדיקע טריט.

* * *

11 פאָר.

12 אַ דאַנק.

www.libtool.com.cn

דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו דער סטאַנציע אוסט־שאַנאַשע. דער גרויסער עולם באַגלייטער, די בריגאַדירן און פאַרשיקטע רוסן זענען געשטאַנען און געקוקט אויף אים מיט קנאה.

גרינשטיין איז געשטאַנען אַ צעטומלטער, אַ צעפּלאָנטער, דאָס לשון איז אים ווי אָפּגענומען געוואָרן. ער האָט שטאַרק באַדויערט די אַלע מענטשן, וואָס פאַרבלייבן דאָ אין ווייטערדיקן פּיין. אין דער צייט ווען אים האָט דער גורל צוגעשפּילט און ער קאָן זיך אַרויסרייסן פון דאַנען — אַ זאַך אין וואָס די רוסן האָבן קיינמאָל נישט געגלויבט:

— ביי אונדז — פלעגן זיי שטענדיק טענהן — ווער עס קומט אַהער מוז שוין לאָזן דאָס פּעקל ביינער זיינס אונטער די שטויסן האָלץ. פון דאַנען גייט מען נישט צוריק...

גרינשטיין האָט געהאַט מזל: ער איז געגאַנגען צוריק.

אַ האָפערדיקער איז חיים גרינשטיין אַריינגעשפּרונגען אין צוג, באַגלייט מיט קנאה־בליקן פון דער גראָער מאַסע באַגלייטער. דאָס ווייב און קינד זענען שוין געזעסן אינעווייניק ביים וואַגאָן־פענצטער.

היטלען האָבן זיך צעפּאַכעט אין דער לופט מיט וויוואַט־אויסגעשרייען פאַרן באַפרייטן שקלאַף חיים גרינשטיין, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון יאָמער־טאָל, אין וועלכן ס'האָבן באַגראָבן זייערע חלומות אַ סך מענטשן אין דער האָפענונג, אַז די רעוואָלוציע וועט ברענגען פאַר זיי גליק און פרייהייט.

אַ גרילצנדיקער פייף פון לאָקאָמאָטיוו האָט צעטרייסלט די שפּיצןביימער אין דער פאַרנאַכטיקער דעמערונג. די רעדער האָבן זיך צעסקריפּעט, און דער צוג האָט אַוועקגעיאָגט אין גאַלאָפּ, ווייט־ווייט איבער די אומענדלעכקייטן פון ברייטע און אומהיימלעכע פּליינען, וואָס האָבן זיך פאַרבייגעשאַרט פאַרן פאַרטרערטן אויג פון איינעם אַ גליקלעכן, אַ באַפרייטן, איינעם פון מיליאָנען.

www.libtool.com.cn

קאַזאַכסטאַנער סטעפּעס

ווי אַ מיושבדיקער יוסטער באַלעבאָס, האָט זיך דער לאַנגער משאַ־עשאַלאָן געקוילערט איבערן לאַנגן אומענדלעכן טויטן קאַזאַכסטאַנער סטעפּ. דער לאָקאָמאָטיוו האָט שווער געפּרייכט, געשלעפּט די צענדליקער וואַגאָנען פאַרפולטע מיט די באַפרייטע פּוילישע יידן, וואָס האָבן זיך שוין לאַנגע וואָכן געפּייניקט אין וועג אין הונגער און אין דאָרשט...

די לבנה אַ רונדיקע, אַ בלייכע, האָט זיך אַרויסגעקוילערט פון די ווייטקייטן און אַ גלאַנץ געטאָן אין די צעכראַסטעטע טירן פון פאָרנדיקן עשאַלאָן.

אַ הוליענדיק סטעפּ־ווינטל האָט אַ שויבער געטאָן דעם טרוקענעם זאַמד, וואָס האָט זיך ווויליונגעריש אַריינגעריסן אין וואַגאָן אַריין און פאַרקראָכן אין די נאָזלעכער, אין מויל, אויף די אויגן־הייטלעך.

איינגעהויקערטע און איינגעוויקלטע אין אַלטע פופייקעס און שמאַטע־קאָלדרעס האָבן זיך די געוועזענע מענטשן געטוליעט און מיט פאַרבענקטע אויגן געקוקט אין ווייטן אומענדלעכן חלל אַריין.

אין אַ ווינקל פון אַ נאַרע איז דער אַלטער ר׳ יצחק מערמעלשטיין געלעגן איינגעהויקערט, פאַרזונקען אין טיפע מחשבות. פּלוצים האָט ער זיך אויפגעריסן פון אָרט, ווי אַ יונגערמאַנטשיק אַראָפּגעשפּרונגען פון דער נאַרע און אַריינגעשריגן אין דעם האַלב־שנאָרכנדיקן וואַגאָן:

— יידן, ס׳איז איצט ראש השנה! אַ נייער יאָר קומט, וואָס ליגט איר אַלע און שנאָרכט!...

שטיל האָט זיך אַ באַוועג געטאָן דער ליגנדיקער עולם אויף די נאַרעס און אייבציקווייז האָבן זיך אַלע געשטעלט אויף די פיס. פון ערגעץ פאַרגעסן פעקל, האָט אַ פרוי אַרויסגעצויגן אַ ליכטל און באַלד האָט זיך צעפלעמלט אַ קליין מאָגער פייערל, וואָס האָט זיך שאָטנדיק צעהוידעט איבער די שוואַרץ־פאַרשטויבטע ווענט פון וואַגאָן.

אין דער האַלב־טונקלקייט פון וואַגאָן האָט זיך אויסגעטיילט די

www.libtool.com.cn

בּ. טערקעל

הויכע פיגור פון ר׳ יצחק מערמעלשטיין איינגעהילט אין אַ טלית און אַ מתיקותדיק־פאַרדבקהטן ימים־נוראים־ניגון האָט אָנגעפילט די לופט און די זיסע נאָגנדיקע טענער האָבן זיך פאַרפלאָכטן אין די יאָגנדיקע רעדער ווייט־ווייט איבערן סטעפּ.

אין דאָזיקן הייליקן מאָמענט זענען אַלע פערציק מענטשן — יונג און אַלט, פרויען און קינדער — געשטאַנען ווי צוגענאָגלט צו די ערטער און פרום מיט יראת הכבוד זיך איינגעהערט אינעם הייליקן געבעט פון שליח־ציבור.

ובכן תן פחדך...

— חוס וחננו ורחם עלינו והושיענו... — האָט זיך געגאָרגלט ר׳ יצחק מערמעלשטיין — אוי, טאַטע־פאָטער אין הימל — האָט ער אויס־געשטרעקט זיינע דאַרע לאַנגע הענט צו דער אָפענער וואַגאָן־טיר, ווי ער וואָלט דערוואַרט די ישועה פון דער פינצטערניש, די אויסלייזונג נאָך אַזויפיל פּיין, אָנשיקענישן און וואַנדערונגען וואָס נעמען נישט קיין סוף.

* * *

דער אָרומיקער סטעפּ האָט זיך צוגעהערט:

— שוין דעם צווייטן ראש־השנה, ווי מיר זענען אָפּגעריסן פון די היימען — האָט ר׳ יצחק מערמעלשטיין געשעפּטשעט ווי פאַר זיך אין דער האַלב־אָפענער טיר פון וואַגאָן מיטן פּנים צום פאַרביישווימענדיקן סטעפּ.

דער עולם אַרום איז געזעסן און געשוויגן, יעדער אין זיך פאַרזונקען אין שווערע מחשבות.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך געשניטן אין דער ווייטקייט און דער עכאָ פון די צעזונגענע רעדער האָט אָפּגעהילכט אינעם אַרומיקן ברייטן אָפענעם סטעפּ.

שוין צוויי וואָכן לאַנג, שלעפּט זיך דער עשאַלאָן פון פּאָסיאָלאָק לוגאָוואָי, פון וועלסקי ראַיאָן אין אַרכאַנגעלסקער אָבלאַסט צו דעם אָנ־געצייכנטן אָרט — אין ווייטן זוניקן אוזבעקיסטאַן.

די 450 פאַרשיקטע פון די פאַרנומענע געביטן פון מערבֿ־אוקראַינע

www.libtool.com.cn

און מערב־װײַסרוסלאַנד, װאָס זענען אַמנעסטירט געװאָרן בשעתן פּריינט* שאַפּט־אָפּמאַך מיט דער פּױלישער גלות־רעגירונג, האָבן זיך אַלע פֿאַר־שריבן צו פֿאָרן קיין אוזבעקיסטאַן צו צװאָרעמען די אויסגעפּרוּװרענע ביינער.

די פּליטים װאָס װאַנדערן שוין אַזױ זינטן אויסברוך פֿון דער מלחמה, האָבן מיט אַלע זײערע כּוחות געשטרעבט אָװעקצופֿאָרן װאָס װײַטער פֿון זײער פֿאַרשיקונג־אָרט, האָפֿנדיק נאָך צו לעבן װי פֿרײַע מענטשן און אויסװאַרטן דעם סוף פֿון דער מלחמה, צו קאָנען אַמאָל קומען אין זײַערע היימען און נאָך לעבן װי פֿרײַע און גליקלעכע מענטשן.

דאָס לעבן אין פֿאַרװאָרפֿענעם פּאָסיאָלאָק האָט שוין געלאָזט אַ טיפֿע װוּנד אין די נשמות פֿון די פֿאַרפּײַניקטע מענטשן. צופֿיל פּײַן און צרות זענען זײ דאָרט אויסגעשטאַנען פֿון די ענקאַװועדע־לײַט, װאָס האָבן „פֿאַר־װאַלטעט" מיט זײער לעבן און זיך אויסגעלאַכט פֿון זײער הײסן באַגער נאָך באַפֿרײַט צו װערן אַמאָל, און פּטור װערן פֿונעם לעבעדיקן קבֿר.

שוין צװײ חדשים װי די לאַנגע געגאַרטע פֿרײַהײט איז געקומען. הײַנט, ראש־השנה, פֿירט זײ דער עשאַלאָן אויפֿן װעג צו דער באַפֿרײַ־אונג, װי באַפֿרײַטע מענטשן, װאָס האָבן זיך נישט װו אַהינצוטאָן און זענען פֿאַרמשפּט װײַטער צו װאַגלען אין דער אומבאַװוּסטקייט.

* * *

דער עשאַלאָן האָט פֿאַרקלענערט זײַן געלויף און אַ פֿרײַכנדיקער גע־בליבן שטיין אויף אַ קלײנער באַן־סטאַנציע.

פֿון אַלע אויפֿגעפּראַלטע טירן פֿונעם לאַנגן גרויסן עשאַלאָן האָבן זיך װי פֿון אַ מוראַשניק אַרויסגעשאָטן הונדערטער מענטשן אײַנגעקנוידער־טע און געהויקערטע.

— אַ גוט יום־טובֿ, יידן!

— אַ גוט גליקלעך יאָר אויף אונדז און כּלל ישׂראל.

— מיר זאָלן שוין אויסגעלײזט װערן פֿון צרות און װאַנדערונגען!

איבערן ברייטן און װײַטן סטעפּ האָבן הויך און הילכיק געקלונגען יידישע ברכות און װוּנטשן.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

ספּאָנטאַן האָט זיך די גרויסע מאַסע יידן רואיק אויסגעשטעלט אַרום דעם קליינעם פאַרוואָרפענעם וואָקזאַלכל און אַ מעריבדיקע תפילה האָט זיך מיט טויזנטער עכאָס צעשאָטן איבערן סטעפּ.

ווי אַ צעוויגט קאָרן־פעלד אונטער גלעטנדיקן ווינטל, האָט זיך די עדה דאַוונענדיקע יידן מתיקותדיק צעזונגען און אויף אַלע מיני קולות אויסגעגאָסן זייערע הערצער צו גאָט.

קאַזאַכן, איינגעהילטע אין גרויסע לאַנגע שובעס מיט אַראָפּגעלאָזטע פוטער־היטלען ביז איבער די פּלאַטשיקע נעזער, האָבן זיך פאַרזאַמלט ווי אויף בייז־וווּנדער, געקוקט און געגאַפט.

די גאַנצע עדה איז געשטאַנען און פרום געדאַוונט. דער אַלטער ר׳ יצחק מערמעלשטיין האָט באַוויזן זיין בקיאות אין חזנות און גלייך ווי ער וואָלט געשטאַנען ביים עמוד אין זיין שטעטל, דאָרט טיף אין פוילן, אַזוי זיך דאָ אַוועקגעשטעלט, אַנגעשפּאַרט אינעם קליינעם אויסגעדאַרטן סאַק־סאַול־בוים מיט ברייט צענומענע הענט און זיך אויסגעטענהט מיטן רבונו של עולם.

פאַרדבקהט איז דער עולם געשטאַנען און געזוכט רעטונג און הילף ביים צעשטערנטן פינקלדיקן הימל פון קאַזאַכסטאַנער סטעפּ, געזוכט אַן ענטפער אויף דער מאַטערנדיקער פראַגע: — ווען וועט שוין נעמען אַ סוף...

דער לאַנגער צעצויגן־ מאָנאָטאָנער פייף־סיגנאַל פון לאָקאָמאָטיוו האָט די קאַזאַכן אויפגעוועקט פון דער פאַרגאַפּטקייט און דער יידישער עולם פליטים האָט זיך שנעל צווּוינטשנדיק אַ גוט יאָר, זיך געלאָזט צום עשאַלאָן און פאַרלוירן געוואָרן אין די טיפענישן פון די גרויסע ליידיקע וואַגאָנען.

אַ פרישער שניידיקער פייף האָט אויפגעוועקט דעם טויטן סטעפּ. דער עכאָ האָט צעשפּאָלטן דעם טרוקענעם פאַרשרפהטן אומענדלעכן מדבר, וואָס האָט באַגלייט דעם צוג מיט אַן אויפגעהויבענער זאַווערוכע פון זאַמד שטויב און רויך.

די לבנה האָט אַ פאַררויטלטע באַגלייט דעם לויפנדיקן צוג אַוועק אין דער ווייט...

www.libtool.com.cn

אין שיינעם סאַמאַרקאַנד

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

„סאַן אָבראַבאָטקי“ [1]

שוין באַלד דריי חדשים ווי חיים גרינשטיין וואַלגערט זיך מיט ווייב און קינד ביים וואָקזאַל אין סאַמאַרקאַנד — היימלאָז, הפקר, אָן אַ פּרוטה ביי דער נשמה, אָן אויסזיכטן צו קריגן עפּעס אַן אַרבעט, זיך אַרויסרייסן פון דער קלעם, פון דער בראָדיאַגישקייט.

צענדליקער, הונדערטער פאַמיליעס זענען געלעגן מיט געפּעק אינעם שיטערן וואָקזאַל־געערטנדל מיט די אויסגעסאָכניעטע ביימלעך, צו עטלעכע פאַמיליעס אונטער אַ בוים, ביי די ווענט אין די זייטיקע געסלעך אַרום וואָקזאַל, נישט צו קריגן קיין דירה און נישט צו פאָרן ווייטער.

די פרוי זיינע, חיים גרינשטיינס, איז שוין נישט געווען צו דערקענען. זי איז געלעגן מיטן קינד אויפן ליימיק־געלן האַרטן באָדן, די פּעקלעך צוקאָפּנס, אויסגעשמירט, מיט פאַרזאַמדיקטע און פאַרשטויבטע פּנימ׳ער, פאַרסמאַליעט פון דער ברענענדיקער זון בייטאָג און אויסגעווינטיקט פון די נאַכטיקע זאַמד־ווינטן, וואָס האָבן געבריט דאָס פּנים מיט די אויגן.

ווען ער קריגט זיך אַריין ווו אויף אַן אַרבעט־פּלאַץ וואָלט ער געווען אַ געהאָלפענער מענטש. ס׳גייט נישט אַזוי אין דער אַרבעט. ס׳פעלט אויך נישט ווו צו אַרבעטן. אין דעם לאַנד ווייסט מען נישט פון קיין אַרבעט־לאָזיקייט. פאַר אַ פּאָר הונדערט רובל אַ חודש קאָן מען דאָ לייכט פאַר־קויפן די ידים, מיטן כוח, מיטן גאַנצן לייב און לעבן. פאַר די שכירות קאָן מען סיי ווי נישט האָבן מער ווי וואַסער אויף קאַשע. דער עיקר איז דאָס ברויט־קאַרטל פאַר זיך און פאַר דער משפחה. אַז מען באַקומט אַר־בעט באַקומט מען אַ צוטיילונג פון שפּייז־פּראָדוקטן אויפן מלוכהשן פּרייז, וואָס חשבונט זיך אָנשטאָט 100 רובל אויפן שוואַרצן מאַרק 12־10 רובל רעגירונג־פּרייז, ס׳איז טאַקע אַ הונגער־פּאַיאָק, אויסקומען דערמיט קאָן

[1] דיזענפעקציע־קאַמער.

www.libtool.com.cn

מען נישט, אָבער שטאַרבן פון הונגער קאָן מען שוין אויך נישט. בלויז די נשמה צו דערהאַלטן.

בכדי אָבער צו באַקומען אַרבעט — דאַרף מען האָבן אַ ספּראַוווקע פון ווינאַמט, אַז מ׳האָט אַ דירה און אַ דירה קריגט מען דעמאָלט, ווען מען קאָן באַווייזן אַ ספּראַוווקע פון אַ פאַבריק, אַז מען איז דאָרט באַשעפטיקט. אַ פאַרכישופטער קרייז. אַז מען דרייט זיך אַריין — איז שוין שווער זיך אַרויסצודרייען פונעם לויפעניש איבער די אַמטן, צו די באַאַמטע, פון פענצטערל צו פענצטערל און פון טישל צו טישל.

איז וויאַזוי־זשע באַקומט מען פאָרט די דאָזיקע נייטיקע פאַפּירלעך, וואָס אָן זיי איז מען אַזוי גוט ווי אַ מת, אַ לעבעדיקער מת?

זייט רואיק. דאָ איז נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס מען זאָל ווען און נישט קאָנען קריגן. פאַר געלט קריגט מען דאָ די וועלט. מען קריגט פּראָדוקטן און קאַרטלעך אויף פּראָדוקטן און ספּראַוווקעס צו קריגן די קאַרטלעך און פּאַפּירלעך צו קריגן די ספּראַוווקעס.

ערגער איז, אַז מען איז אינגאַנצן אָן געלט, אַזוי ווי חיים גרינשטיין, אַ ייד אַ קבצן, נישט קיין געריבענער, קיין אויסטויגער, אַז מען גייט מיטן ...כן וועג, ווי חיים גרינשטיין פירט זיך דאָ די גאַנצע צייט.

מיטן דאָזיקן גלייכן וועג איז ער טאַקע געלעגן מיט ווייב און קינד הינטערן פּלויט פון סאַמאַרקאַנדער וואָקזאַל, געשעפּט פרישע לופט וויפל ס׳האַרץ האָט נאָר געגלוסט. דערווייל זענען די טעג געווען שיינע, זומער־דיקע. צו די רעגנס איז נאָך ווייט. די ביימער זענען צעגרינט. בייטאָג גיבן זיי שאָטן. ביינאַכט גנבעט זיך דורך די לבנה דורך די געדיכטע אַקאַציע־צווייגן, ס׳איז לופטיק, אַ מחייה. ליגט מען טאַקע אויף דער גאַס אונטערן פרייען הימל און מען וואַרט אויף נסים...

ביז...

גאָט איז אַ פאָטער.

אַ באַקאַנטער זיינער, פון דער היים נאָך, וואָס האָט שוין דאָ באַקו־מען בלאַט, געשלאָסן קאַנטשאַפט אין אַ פאַבריק ווו ער האָט געאַרבעט, האָט נישט קאָנענדיק צוקוקן ווי גרינשטיין וואַלגערט זיך אַרוםביים וואָק־זאַל — איז ער צו אים געקומען אין אַ פאַרנאַכט מיט דער בשורה:

www.libtool.com.cn

— אין מיין בריגאַדע פעלט אַ מענטש, קאָן איך אייך צונעמען, צו־פרידן?

— פאַרוואָס נישט?

אָנגענומען צו ווערן אויף דער פאַבריק אָן אַ ספּראַווקע פון וויינאַמאַט מיינט קריגן באַלד אַ דירה און פּטור ווערן פונעם היגטישן לעבן אויף דער הפקרער גאַס.

אויף צומאָרגנס פרי האָט זיך חיים גרינשטיין געיאַוועט אין קאַבי־נעט פון פאַבריק־דירעקטאָר. ביים שרייב־טיש איז געזעסן אַ יונגער חברה־מאַן, אַ דיקער, אָן אויסגעפּאַשעטער אין אַ גרינער רובאַשקע און לייוונ־טענע פּאַרטיי־שטיוועלעך אויף דיקע לעדערנע זוילן.

ער האָט אים באַטראַכט, גרינשטיינען, פון אויבן ביז אַראָפּ. דער ערשטער סאָוויעטישער סטראָי פון אַן אויסגעריבענער און צעדריוולטער פּופּייקע וואָס גרינשטיין האָט געטראָגן אויף זיך, איז אים, זעט אויס, געווען פאַרדעכטיקט, צו שטאַרק „פּאָ סאָוויעטסקאָמו“ [2]. ער האָט אים געפרעגט זיין נאָמען, דעם נאָמען פון טאַטן און טאַטנס טאַטן. מיט וואָס ער, זיין פאָטער, האָט זיך באַשעפטיקט. וועגן זיין סאָציאַלן מצב, דאָס הייסט פון וואָס פאַר אַ משפּחה ער שטאַמט, צי חס־וחלילה נישט פון קיין בורזשויען אָדער קלעריקאַלן, סוחרים צי פאַבריקאַנטן.

חיים גרינשטיין שטאַמט טאַקע פון דורות בעלי מלאכות, אמתע האָ־רעפּאַשניקעס. האָט ער זיך לחלוטין נישט וואָס צו שרעקן. ער האָט אַ ריינעם געוויסן און נאָך ריינערע הענט, דער זכות פון זיין טאַטן, עליו השלום, איז אים טאַקע בייגעשטאַנען, געפעלן געוואָרן דעם דירעקטאָר, געוואונען זיין צוטרוי. ער האָט באַקומען אַ צעטעלע צום פאַרוואַלטער פון דער באַד דורכצומאַכן די סאַן־אָבראַבאָטקי און אַ צופרידענער איז ער דערמיט אַרויס פון דירעקטאָרס קאַבינעט.

אָט באַלד וועט ער אַרבעטן און זיך אויסזוכן אַ דירהלע, באַקומען ברויט־קאַרטלעך פאַר זיך, פאַרן ווייב און קינד. עס איז נאָך דאָ יושר אויף דער וועלט. אַזוי לאַנג געבידעוועט. איצט וועט ער האָבן די פאַרגי־

[2] סאָוויעטיש.

www.libtool.com.cn

טיקונג פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט געליטן, געליטן און גע־שוויגן. דער יושר מוז זיגן.

* * *

אין אַן אַלט הילצערן הייזל מיט אָפּגעקרישלטע ווענט האָט זיך גע־פונען די באָד פון כלאָפּ־זאַוואָד[3]. חיים גרינשטיין האָט צונויפגעלייגט זיינע מטלטלין אויף אַ דראָט וואָס ער האָט באַקומען פון באַנשטשיק[4] ביים אַריינגאַנג. דער בעדער האָט זיינע זאַכן צוזאַמען מיט די זאַכן פון די איבעריקע אַוועקגעטראָגן פון דער באָד אין סאַן־אָבראַבאָטקי ביידל, וואָס איז געשטאַנען אויפן הויף אין אַנדערן פליגל פון דער באָד.

גרינשטיין האָט זיך גוט אַרומגעוואַשן, זיך דערלויבט דאָס פאַרגע־ניגן צו גיסן אויף זיך הייסע שעפלעך וואַסער. אַ תענוג, שעפל נאָך שעפל.

ס'לויפט פאַרביי אַ האַלבע שעה, אַ שעה שוין. ס'ווערט אים נמאס דאָס פליושקען זיך מיטן וואַסער, און די זאַכן זענען נאָך אַלץ נישטאָ.

ווערן שוין אַלע אומגעדולדיק.

פון האַלב־צעבראָכן באָד־פענצטערל רייסט זיך אַריין אַ ריח פון סמאַלינעס.

— וואָס קאָן עס זיין? — רופט זיך אָן אַ פאַרזאָרגטער איינער פון דער אייבערשטער באַנק צו חיים גרינשטיינען, וואָס איז געלעגן אַ באַנק נידעריקער און געשוויצט, געפּרייכט פון אָנגעהייצטן בעדל.

אַ דריטער לעבן זיי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— וואָס ס'קאָן זיין, פרעגט איר? גאָרנישט, קאָן זיין. זיי סמאַליען זיך דאָרט, די גאָטס־באַשעפענישן, פּרעהס דריטע מכּה, און מאַכן אָן אַזאַ מין געסראָכע.

— פוי, — כאַפּט זיך גרינשטיין פאַר דער נאָז — ס'איבלט דער ריח, אַזוי שטאַרק סמאַליען זיי זיך, אַז מען פילט זיי אַזש דאָ?

— אָ, אָ, דו קאָנסט נאָך נישט די לצים. זיי, אַז זיי סמאַליען זיך,

---

[3] באַוול־פאַבריק,

[4] בעדער,

www.libtool.com.cn

פילט מען זיי איבער דער גאַנצער שטאָט. די היגע זענען לייבן אַקעגן פּרעהס כּנים.

די גאַנצן באָד ווערט אומרואיק. אַזוי לאַנג? און דאָ איז מען נאַקעטע. ווי קאָן מען אַזוי אַרויסגיין פון באָד. זיך ווייזן אינדרויסן אָדם־נאַקעט. וואָרט מען...

אָבער דאָס איז שוין אויך פּאַרמיאוסט געוואָרן. אַ גאַנצן טאָג שוין באַלד ווי מען זיצט אַזוי. די זון וואַרפט שוין אַריין אַ קאַרגן ליכט־פּאַס און באַלויכט די שפּינוועבס, וואָס האָבן ווי אַ נעץ פאַרפלאָכטן די שמוציקע פייכטע ווענט. לויפט מען צו דער טיר, מען מאַכט אַן אַליאַרם, מען טומלט און מען שרייט, ביז עס קומט ענדלעך אַריין דער שעף פון דער סאַן־אַבראַבאָטקי און מעלדעט גאַנץ קאַלט:

— רעביאַטאַ! ס׳איז געווען אַן אומגליק. די סאַן־אַבראַבאָטקי האָט זיך אָנגעצונדן. אייערע זאַכן זענען פאַרברענט געוואָרן. דאָרט זיצט איצט אַ קאָמיסיע און שטעלט צונויף אַן אַקט...

אַ שוואַרצע כמאַרע האָט זיך פאַרצויגן איבער חיים גרינשטיינס אויגן, ווי די פאַרע אין באָד וואָלט געוואָרן געדיכט ווי אַ נעפּל:

— מיין פופייקע! דאָס איינציקע שטיקל אייבער־מלבוש, וואָס איך האָב געטראָגן אויף זיך! מער פאַרמאָג איך גאָרנישט. — גיט מיר אָפּ מיין פופייקע! — האָט ער געגומען שרייען ווי אַ באַנומענער.

— מאַלטשי, ניע קריטשי![5], נאָר דו איינער, מיינסטו, האָט פאַרלוירן דיינע זאַכן, ביסט נישט דער איינציקער, נאָך פאַראַן אַזוינע מיוחסים ווי דו.

חיים גרינשטיין האָט געפילט ווי די ערד וואָלט זיך אים געשפּאָלטן אונטער זיינע פיס. ער איז צוגעפאַלן צו דער גליטשיקער הילצערנער באַנק, אַ נאַקעטער געבליבן זיצן מיט אַ פאַרגראָבענעם קאָפּ אין דער ברוסט.

אַ דעלעגאַציע פון פאַבריק מיטן דירעקטאָר בראש זענען אַריינגע־

[5] שווייג, שריי נישט.

www.libtool.com.cn

קומען און יעדן איינעם אויסגעפרעגט וועגן זיינע זאַכן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

גרינשטיין האָט זיך געקלאָגט:

— דאָס איינציקע וואָס איך האָב געהאַט אויף זיך, די פופייקע, מער האָב איך נישט.

— וועסט באַקומען אַן אַנדערע, אַ בעסערע, האָט אים דער דירעק־טאָר געענטפערט, מיט אַ לייכט שמייכעלע אונטער די וואָנסעס.

אין אַ שעה שפּעטער האָבן צוויי אַרבעטער אַריינגעוואָרפן אין דער טונקלקייט פון דער באָד אַ שטויס צעקנייטשטע מלבושים. דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ ריס געטאָן, ווי צו דער גרעסטער מציאה און געשלעפּט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

גרינשטיינען איז פאַרבליבן אַן אַלטע אויסגעדריוולטע גימנאַסטיאָר־קע, אַ פּאָר לייוונטענע שוואַרצע הויזן, אַ פּאָר טאַפּקעס [6] אויף די פיס און דאָס איז אַלץ.

— אַזעלכע טראַנטעס, ווי קאָן מען אין זיי אַרויסגיין אין גאַס אַריין.

ער איז אַזוי געזעסן אַ נאַקעטער ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, און ווען ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז קיינער איז שוין נישטאָ, האָט ער אַרויפגעשלעפּט די שמאַטעס אויף זיך און אַוועק צו זיין „דירה“ אויפן וואָקזאַל.

זיין פרוי האָט, אַנקוקנדיק אים, זיך פונאַנדערגעוויינט.

— אַ שיין פּנים האָסטו, זע נאָר, קוק זיך אָן ווי דו זעסט אויס, אַפילו ביינאַכט זעסטו דאָך אויס ווי אַ סטראַשידלע...

— שוין פאַרלוירן מיין מענטשלעך פּרצוף, אין דאָזיקן הולך. גוט, זייער גוט האָבן זיי אויסגעפּרייעט פּרעהס מכות. איצט וועל איך שוין זיין אַ גוטער, ערלעכער אַרבעטער, צוגלייך מיט אַלע, איך בין אויסגע־גלייכט געוואָרן מיטן גאַנצן אַרבעטער־קלאַס. אָבער דערפאַר וועל איך שוין האָבן, אַן אַרבעט־פּלאַץ און קאָנען גיין זוכן אַ דאַך איבערן קאָפּ...

[6] לייוונטענע שטעק־שיך.

www.libtool.com.cn

צוויי חברים

אין דער היים, אין קליינעם שטעטעלע, ערגערצווו אין וואָלינער גו־בערניע, איז ר׳ לייבעלע בעקערמאַן, געווען כל ימיו אַ מלמד. געהאַלטן אַ חדר און געקנעלט מיט יידישע קינדערלעך אַ פּרשה חומש מיט רש״י.

דאָ, אין דער רוסישער פּאַרוואָגלעניש, גייט מען דערפאַר זיצן אויף צען יאָר. האָט ר׳ חיימל געמוזט פאַרגעסן זיין מלמדות מיט די מיחושן און חולאתן, אַז ער האָט אַ קראַנקע לעבער, אַ שוואַך האַרץ און נאָך אַ שוואַכע ראיה, מיט עפּעס אַזעלכע מיני קוועטשעטשענישן און דריקענישן פון זיצן און קנעלן לאַנגע יאָרן מיט די תּלמידים; פאַרגעסן אין זיין „קלע־ריקאַלער פאַרגאַנגענהייט" און ווערן אַ פּראָדוקטיווער עלעמענט, איינער פון ראַבאָטשי נאַראָד [1].

זיין געוועזענער שכן פון דער היים נאָך. אַהרן ראַפּאָפּאָרט, וואָס איז געווען אַ גאַנצער שמעלקע דאָ אויף דער פאַבריק, האָט זיך געמיט פאַר אים, ער זאָל קריגן אַ לייכטערע אַרבעט און נישט דאַרפן אַזוי שטאַרק אויסגעריסן ווערן. קוים מיט צרות איז דאָס שתדלנות געלונגען. זיין מי איז געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג. און ר׳ לייבעלע מלמד איז גע־וואָרן אַן אָנטרייבער פון פערד־און־וואָגן, געטאָן אַ שפּרונג פון חדר־שטיבל אין פערד־שטאַל אַריין און גיי, ברודערקע, אין שפּאַן.

פון וואַנען ווייסט ר׳ לייבעלע מיט וואָס מען עסט עס. אַז כל ימיו איז ער נאָענט צו קיין פערד נישט צוגעגאַנגען. אַז ער האָט זיך גאָר גע־האַלטן פון דער ווייטנס, ווער ווייס וואָס אין פערדישן מוח פּאָסטופּעט. ס׳קאָן אומגעריכט געבן אַ קאָפּע אין בויך אַריין, מ׳זאָל בלייבן אויפן אָרט.

— שיינע צייטן דערלעבט! — האָט זיך לייבעלע געקראַצט די שפּיץ־גאָמבע. נישט אָננעמען די אַרבעט, הייסט ווייטער אַרומגיין אָן אַ ברויט־קאַרטל און אַזוי באַקומט ער יעדן טאָג 500 גראַם, און סתם קוקן דעם

[1] אַרבעטער־עולם.

www.libtool.com.cn

טויט אין די אויגן אַריין, ער האָלט דאָך ערשט איצט ביי די פופציק. נאָך אַביסל צו פרי צו גיין אין דער ערד אַריין. און ר׳ לייבעלע האָט זיך צו־געוווינט...

* * *

אַלעקסיי סערגעיעוויטש אַנאַניעוו, דער נאַטשאַלניק פון קאָנני־דוואָר [2], האָט אַ קוק געטאָן אויף ר׳ לייבעלען און זיך צעשמייכלט אין זיין געלער באָרד אַריין, אים אָפּגעמאָסטן מיט זיין בליק פון אונטן אַרויף און שפּאָטיש אַ זאָג געטאָן:

— אַ שיין אַרבאַקעזש [3] האָט מיר ראַפּאָפּאָרט צוגעשטעלט. אַנוקאַ, קום, וועל איך דיר אָנווייזן דיין פערד און וואָגן און גיי אַרבעטן, פּאָס־מאָטרים [4], צי דו וועסט זיך אויסטויגן...

ר׳ לייבעלע איז אַריין אין פערד־שטאַל. ס׳האָט אים אַ שלאָג געטאָן צו דער נאָז דער ריח פון אויסגעשווייסטן און צעפּאַרעטן פערד־לייב און פערד־מיסט אַזש ס׳האָט אים פאַרהאַקט דעם אָטעם.

אַנאַניעוו האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ ברוין אויסגעדאַרט פערד מיט אַרויסגעסטאַרטשעטעביינער פון די איינגעפאַלענע באַקעס:

— נו, וואָזמי. נעם דאָס פערד, בערשט אים אויס, פּאָיע אים אָן און שפּאַן אים איין. אין דער פאַבריק־האַלע וועסטו אָנגרוזעווען זעק מיט מעל און פירן אין מאַגאַזין אַריין.

דער כיטרער אַנאַניעוו האָט אָפּגעזאָגט דעם גאַנצן פּזמון מיט איין אָטעם און איז אַרויס פון שטאַל.

ר׳ לייבעלע איז געבליבן שטיין אַ צעשראָקענער אין מיטן שטאַל אין דער חברותא פון אַ דרייסיק פערד און נישט געקאָנט אַ ריר טאָן מיט קיין אבר, ווי ער וואָלט געליימט געוואָרן. עפּעס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די פערד באַטראַכטן אים אָט פונקט אַזוי ווי אַנאַניעוו, לאַכן אים אויס. דאָס ברוינע פערדל זיינס קוקט אים אָן אַזוי מאָדנע תמעוואַטע. און עס

2 פערד־הויף.

3 פורמאַן.

4 מיר וועלן אַ קוק טאָן.

www.libtool.com.cn

דוכט זיך אים, אַז עס ווינקט צו אים מיט די פאַרוואָסערטע פערדישע אויגענעס, ער זאָל זיך דערנענטערן צו אים... אַז ער וועט זיך באַגיין מיט אים מענטשלעך, וועט ער אים גאָרנישט טאָן.

אין דרויסן האָט זיך צעשריגן די סירענע.

* * *

ר׳ לייבעלע האָט אָנגענומען מיט ציטערדיקע הענט דאָס פערד ביי דער גריווע, און וווּנדער איבער וווּנדער: דאָס פערד גייט אַליין, מען דאַרף עס גאָרנישט בעטן. ער גייט פאָרויס און דאָס פערד נאָך אים. בערשטן אים די פעל האָט ער מורא. אָנטאָן דעם כאָמעט און איינשפּאַנען אין הויכן וואָגן מיט די צוויי רעדער, האָט אים שוין נישט געסטייעט קיין מוט.

ר׳ לייבעלע איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, נישט צו וויסן פון וואָס אָנצוהייבן.

— וואָסי, וואָס קלערסטו אַריין אַזויפיל אין עסק — האָט זיך צו אים דערנענטערט דער יונגער אוזבעק, וואָס פאָרעט זיך אויפן פערד־הויף, איינער פון די געהילפן־יינגלעך וואָס גיבן אַכטונג אויף די פערד.

ר׳ לייבעלע האָט זיך געשעמט צו פאַרטרויען פאַרן יונגן שנעק, אַז ער האָט קיינמאָל מיט קיין פערד נישט געהאַט צו טאָן, אַז ער קאָן נעבעך נישט די מלאכה.

דעם אוזבעק האָט מען נישט באַדאַרפט לייגן קיין פינגער אין מויל אַריין. ער האָט נאָר אָנגעקוקט דעם פאַרשווין מיטן לאַנגן ברוינעם מאַנטל ביז צו די פּיאַטעס, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך קיינמאָל מיט דער מלאכה נישט פאַרנומען און אים גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן:

— סמאָטרי[5] איך וועל דיר באַווייזן און לערן זיך אויס. נישקשה, זאָרג זיך נישט, פּריוויקניעש[6].

דער אוזבעק האָט מיט געשיקטקייט איינגעשפּאַנט דאָס פערד. דער־לאַנגט ר׳ לייבעלען אַ בייטש אין דער האַנט — יאַזדאַ, פאָר!

5 קוק.
6 וועסט זיך צוגעוווינען.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

ר׳ לייבעלע איז קוים אַרויפגעקראָכן אויף דער קעלניע. די לאַנגע פּאָלעס פון זיין מאַנטל האָבן זיך אים פאַרפּלאָנטערט צווישן די פיס און ער איז אויף אַן אמת אָוועקגעפאָרן.

* * *

צומאָרגנס איז ר׳ לייבעלע געקומען אין דער שטאַל אַריין נאָך זיין פערדל, והילד איננו. וועלכעס איז זיין פערד? ער האָט געהאַט אַ סימן. ס׳איז געווען אַ ברוין פערדל. איצט זעט ער, אַז אין שטאַל שטייען נאָך עטלעכע ברוינע פערד. און גיי דערקען וועלכעס ס׳איז זיינס, אַז אַלע האָבן זיי איין פּנים און זענען אַלע אויסגעדאַרטע און אויסגעקוואַרטע.

האָט אים ווידעראַמאָל אַרויסגעהאָלפן פון זיין פאַרלעגנהייט דער יונגער אוזבעק.

אָבער אַ מלמד איז נישט קיין באָק. ר׳ לייבעלע האָט זיך צו עפּעס דערטראַכט: פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, ווען ער האָט צוריקגעפירט זיין פערד אין שטאַל, האָט ער אים צוגעבונדן צום עק אַ שטיקל רויטע שמאַטע־קעלע. אַ באַרואיקטער, אַז איצט וועט ער שוין דערקענען זיין שקאַפּע, איז ער אַרויס פון שטאַל.

* * *

ר׳ לייבעלע און זיין פערד זענען געוואָרן חברים און נאָך וואָס פאַר אַ חברים. גוטע און האַרציקע ידידים. ס׳איז צווישן זיי אָנגעקניפּט געוואָרן אַזאַ גוט־פריינטשאַפט און האַרציקייט, וואָס מען זעט עס זעלטן צווישן מענטשן.

אַבי מענטשן זאָגן אַז אַ פערד איז אַ נאַר. עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. פּרוּווט עס זאָגן ר׳ לייבעלען, איז ער גרייט אייך דורס צו זיין. ער באַווייזט אייך מיט אותות ומופתים, אַז קיין קליגערע באַשעפענישן זענען אויף דער וועלט גאָר נישטאָ. זיי האָבן זיך ביידע צוגעוווינט איינער צום צווייטן, ביידע זענען זיי צוויי גרויסע שלימזלס. ביידע הונגערן זיי, ר׳ לייבעלע און זיין קליאַטשע.

אַ מענטש מיט 500 גראַם ברויט אַ טאָג און אַ פערד מיט הוילע שטרוי קאָנען נישט אַרבעטן ווי ס׳געהער צו זיין. ליגט די בייטש ביי

www.libtool.com.cn

ר׳ לייבעלען אויף דער קעלניע ווי איבעריק, ער נוצט זי נישט לחלוטין, פאַרוואָס זאָל ער שלאָגן זיין פערד. אַז סך־הכל שלעפּט ער קוים די פיס, אַז קיין צורה פון קיין האָבער זעט ער נישט פאַר די אויגן. עס שטייט בפירוש געשריבן, זאָגט ר׳ לייבעלע, אַז האָבער דאַרף עסן אַ פערד און דאָ איז גאָר פאַרקערט. דאָ עסט גאָר דאָס האָבער אַנאַניעוו און פון דער טרו־קענער שעטשקע (געמאָלן שטרוי) אָן דעם צומיש צומאָל פון די 400 גראַם גערשטן־מעל, וואָס קומט דעם פערד על פּי דין, קאָן עס נישט ציען די פיס. און גיי טו אים עפּעס, אַנאַניעוון, אַז ער גנבעט אַראָפּ דאָס ביסל מעל פאַר זיך. פאַר וועמען זאָל זיך דאָס פערד קלאָגן, אַז שרייבן קאָן ער נישט און ריידן אויך נישט און אַז יאָ, וואָלט עס אים דען געהאָלפן?

ווערט ר׳ לייבעלע איינגעדאַרטער פון טאָג צו טאָג. ער פילט ווי די כוחות לאָזן זיך אים אויס און דאָס פערד — אַ ביטער רחמנות. פון דער מלוכהשער קעסט האָט ער געקריגן געשווירן. די אויגן טריפן ביי אים מיט אייטער. די אונטערשטע גראָבע ליפּ הענגט אים נאָך אַ שלאָבעריקע. פון אַלע זייטן באַפאַלן אים פליגן און אינזעקטן צופּן און רייסן פון אים שטי־קער. ער שלעפּט קוים מיט די מידע פיס דעם וואָגן מיט ר׳ לייבעלען אויף דער קעלניע. און ער קאָן נישט צוקוקן דעם פערדס פּיין. דאָס פערד באַ־טראַכט זיין אַנטרייבער מיט פאַרוואַסערטע טרויעריקע אויגן, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר אים באַדויערט.

ר׳ לייבעלע האָט גרויס רחמנות אויפן פערד און דאָס פערד, וואָלט ר׳ לייבעלע געשווירן, קאָן נישט צוקוקן זיין צער...

* * *

איינמאָל איז ר׳ לייבעלע געקומען באַגינען אין שטאַל אַריין נעמען דאָס פערד צו דער אַרבעט. און דער חברה־מאַן וויל זיך נישט רירן פון אָרט, ער ליגט אויף דער ערד און אייגעקשנט ווי אַ פערד. די גזשיווע צעקודלט, די אויערן אַראָפּגעלאָזט, אויגן אַזעלכע מאַטע און בעטנדיקע, פּאָכעט מיט די באָקעס. ר׳ לייבעלע קוקט אויף אים און ס׳דאַכט זיך אים ווי ער וואָלט צו אים גערעדט אויף שטום־לשון:

— נאָ, זעסט, ס׳אַרא פּנים מיר האָבן אַלע, אַנאַניעוו, ער איז שול־

www.libtool.com.cn

דיק אין אַלעם. ער האָט צוגענומען דאָס מעל פֿאַר זיך און דאָס טרוקענע שטרוי האָט צעלעכערט מײַנע געדערעם. אין שפּאַן מער קאָן איך נישט גיין און געענדיקט.

ר׳ לייבעלע איז אָװעקגעלאָפֿן אַ צעטומלטער צו אַנאַניעװן. אין איין שרעק מען זאָל נישט װאַרפֿן די שולד אויף אים. ער איז דער „קאָניוך" און נישט אַנאַניעװ.

ס׳איז באַלד געקומען דער װעטערינאַר, באַטראַכט דאָס פֿערד, אַ שטורכע געטאָן מיטן פֿוס. נאָר דאָס פֿערד האָט זיך נישט געװאָלט רירן. ס׳איז אים שוין אַלצאיינס. אַנאַניעװ האָט זיך צוגעכאַפּט צום פֿערד מיט אַ קלאָניצע געשלאָגן איבער די פֿיס, ס׳זאָל זיך אויפֿהייבן און דאָס פֿערד נישט פֿון אָרט, װי נישט אים מיינט מען דאָס.

ער האָט זיך האַסטיק אומגעקערט צו ר׳ לייבעלען פֿול מיט רציחה:

— דו האָסט מיר פֿאַרמוטשעט דאָס פֿערד — האָט זיך אַנאַניעװ מיט בלוט פֿאַרלאָפֿענע אויגן געװאָרפֿן אויף ר׳ לייבעלען, אים געזידלט מיט די ערגסטע רוסישע קללות.

בינו לבינו האָט זיך דאָס פֿערד צעבריקעװעט מיט די קאָפּיטעס, זיך אַ װאָרף געטאָן פֿון איין זייט אויף דער אַנדערער מיט צעפּאָכעטע באָקעס און אַרויסגעשטעקט אַ לאַנגע צונג.

ר׳ לייבעלע איז געשטאַנען פֿאַראומערט, האָט נישט געהאַט די אויגן װוהין אַהינצוטאָן. אויפֿן האַרצן איז אָנגעזאָליעט. אַנאַניעװ האָט זיך גע־װאָרפֿן פֿון רציחה און דראָט אים צו פֿאַרשיקן קיין סיביר, נאָכאַמאָל קיין סיביר.

מען האָט צונויפֿגעשטעלט אַן אַקט, אַז פֿון אַן אומבאַװוסטער סיבה איז דאָס פֿערד פּלוצים אָװעקגעפֿאַלן. אַלע האָבן זיך אונטערגעשריבן. לייבעלע אויך...

ר׳ לייבעלען האָט געקלעמט ביים האַרצן. פֿאַרלוירן אַ גוטן האַרציקן חבר, מיט װעלכן ער האָט צוזאַמען געבידעװעט. ער האָט נאָכאַמאָל אָנגע־קוקט, באַטראַכט זיינע אַרויסגעסטאַרטשעטע ביינער מיט די אויסגעצוי־גענע קאָפּיטעס. און דאָס פֿערד האָט אים אָנגעקוקט מיט די שטאַר־אַרויס־

www.libtool.com.cn

געקאָלערטע גרויסע אויגן, וואָס זענען געבליבן אָפן פול מיט תרעומות אויף דער שלעכטער וועלט.

ר׳ לייבעלע האָט געלאָזט אַ שטילע טרער און איז אַרויס פון שטאָל.

* * *

צומאָרגנס האָט מען ר׳ לייבעלען גערופן אין קאַבינעט פון דירעק־טאָר:

— דו טויגסט נישט פאַר קיין אָנטרייבער. ס׳איז נישט פאַר דיר, איך באַפריי דיך פון דער אַרבעט.

אויף יענער זייט טיר האָט זיך ר׳ לייבעלע ערשט אָפּגעגעבן חשבון, אַז פון דער צרה, וואָס מען האָט אים גאָרנישט געטאָן האָט אים אָפּגע־ראַטעוועט זיין שכן אַהרן ראַפּאָפּאָרט און ער איז געווען פול מיט דאַנק־באַרקייט פאַר אים. אפנים, אַז די וועלט קאָן נאָך האָבן אַ תיקון. ס׳איז נאָך נישט אַזוי שלעכט. די וועלט איז נאָך נישט כולו חייב.

www.libtool.com.cn

פון וואָס מען קאָן אַלץ מאַכן אַ לעבן...

בערל וואַלדמאַן איז אַמאָל געווען אַ מענטש...

היינט האָט ער יענעם פּנים — געל ווי אַ מייער, מיט אויסגעסטאַר־טשעטע קינבאַקן, גייט איינגעהויקערט ווי אַ זקן, כאָטש ער איז אַלט איצט קרוב צו די דרייסיק. די אוזבעקן רופן אים „באַביי״[1], קוים וואָס ער שלעפּט די פיס. ער טראַכט שוין נישט מער פון אַמאָל. אַלץ שוין פאַרגעסן, פאַרגעסן...

ער איז אַנטלאָפן פון קאָלכאָז, ווו ער האָט נישט געקאָנט מער אויס־האַלטן דעם הונגער, ביז ער איז געקומען אין כלאָפּ־זאַוואָד[2] און מיט גרויס פּראָטעקציע געוואָרן אַן אַרבאַקעזש[3] און צוגעטיילט געוואָרן אונ־טער דער אָנפירונג פון אוקראַינישן נאַטשאַלניק קופּעריאַנאָוו. זיין עובֿדה איז געווען אָפּצורוימען דאָס מיסט און פערדן־אָפּפאַל אויפן גאַנצן שטח פון זאַוואָד און אַרום אים.

ער איילט זיך נישט, מען יאָגט אים נישט אין קאַרק אַריין ער זאָל זיך יאָגן. זיין פערד און וואָגן האָבן זיין מערכה. דער וואָגן אויף צוויי רעדער סקריפּעט און רוישט איבער דער גאַנצער גאַס. דאָס פערד הונגערט צו ווי זיין באַלעבאָס, און דערצו איז עס בלינד, ס׳האָט בעלמעס אויף די אויגן. קוים וואָס ער שלעפּט דעם וואָגן. דער נאַטשאַלניק קופּעריאַנאָוו באַטראַכט שטענדיק זיין אַרבעטער און אָבסערווירט אים מיט זיינע קליי־נינקע צוגעשפּיצטע אויגענעס, ער באַטראַכט זיין הילוך און שפּיזט אים דורך:

— העי, בערקאָ כאַימאָוויטש, סקאַזשי־קאַ דיעדושקאַ, קאַק טי זשי־וויאָש?[4] — שרייט צו אים אַריבער קופּעריאַנאָוו.

---

1 אַלטיטשקער.
2 וואַטע־פאַבריק.
3 אָנטרייבער.
4 זאָג־זשע, אַלטיטשקער, ווי לעבסטו?

www.libtool.com.cn

— אויב מען קאָן זאָגן, אַז גוט, לעב איך זייער גוט, טאָוואַרישטש נאַטשאַלניק — ענטפערט אים בערל נאַכלעסיק.

— מען דאַרף בעסער אַרבעטן, בערקאָ כאַימאָוויטש, קאָן מען ווערן אַ לייט. אַפילו דו קאָנסט נאָך אויך ווערן אַ מענטש און אויסגלייכן דיינע ביינער. מען דאַרף נאָר ווילן.

בערל וואַלדמאַן האָט אויפגעריסן די אויגן — וויאַזוי?

— מאָרגן, נאָכן אָביעד [5] קום אַריין אין מיין קאַנטאָר וועלן מיר אַ שמועס טאָן, פּאָגאָוואָרים, בערקאָ כאַימאָוויטש [6].

— לאַדנאָ, טאָווארישטש נאַטשאַלניק.

* * *

סאַדיס, דיעדושקאָ [7] — האָט קופעריאַנאָוו אָנגעוויזן וואַלדמאַנען אויף דער שטול פאַרנט ביים טיש — לאָמיר אַ שמועס טאָן פון תכלית, האָט ער געכאַפּט אַ קוק אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן צי ס׳איז קיינער נישטאָ, און אַרויס מיט לשון:

— בערקאָ כאַימאָוויטש, אַלע דייניקע האָבן שוין שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז מען דאַרף דאָ לעבן און זיך אוסטראַיען [8] און דו ביסט נאָך אַלץ אַ נאָוויטשאָק [9]. וואָס מיינסטו, ביי אונדז טראָגט מען צו יעדן איי־נעם דעם ביסן צום מויל? דו מיינסט, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אַ נאַטשאַלניק? וואָט־טשטאָ, מען דאַרף זיך אויסטויגן, בראַטאָק [10]. דער עיקר אַלע וועגן און מיטלען פירן ביי אונדז צו איין ציל: אַרבעטן ווייני־קער, נישט אויסגעריסן ווערן און האָבן וואָס צו עסן און דאַלשי, בראַט, טשעפּוכאַ... [11] פאַרשטאַנען, בערקאָ כאַימאָוויטש?

---

5 נאָך מיטאָג.
6 מיר וועלן אַ שמועס טאָן.
7 זעץ זיך, אַלטיטשקער.
8 זיך איינאָרדענען.
9 אַ גרינער.
10 ברודעל.
11 ווייטער, ברודערל, איז אַלץ נאַרישקייטן.

www.libtool.com.cn

איז הער־זשע: אַ פערד און וואָגן האָסטו. נאָך היינט פאַראָרדן איך, מען זאָל דיר געבן אַ פעסל. וועסט רוימען די קלאָזעטן. אויפן זאַוואָד ביי אונדז אַרבעטן דריי טויזנט אַרבעטער, איז פאַרשטייסטו דאָך, בערקאָ כאַימאָוויטש, אַז קיין אַרבעט פעלט נישט, ס׳איז טאַקע שווער מיטן עסן, אָבער... נישקשה, אַרבעט וועט דיר קלעקן אויף צענדליקער יאָרן. מען דאַרף זיך נאָר אויסטויגן. פאַר אַ פעסל צאָלט מען אָפיציעל אַכט רובל, אַרויס־פירן וועסטו דורך דער נאַכט פינף־זעקס פעסלעך און מען וועט פאַרשרייבן איך ווייס, אַ 15־16, אַ העלפט פון דער שכירות דיר און אַ העלפט מיר. נאָר מיט קאָפּ און וועסט ווערן אַ מענטש. עסן וועסטו האָבן צו דער זעט, וועסט זיך נישט איבעראַרבעטן, אַ ספּעצאָווקע [12] וועסטו קריגן און פון צייט צו צייט אַ שטיקל זייף אויך. ביינאַכט וועט טאַקע נישט שמעקן אַזוי, אָבער דערפאַר בייטאָג, וועסטו האָבן אַ פּנים פון אַ מענטשן...

בערל וואַלדמאַן האָט מסכים געווען אויף אַלע רייד פונעם אוקראַי־נישן כאָכאָל מיט אַ צושאָקלען מיטן קאָפּ:

— דאַ, דאַ. פּאָנימאַיו, יאַ סאָגלאַסיען... [13]

— כאָראָשאָ! [14]

— לאַדנאָ!...

* * *

ווען ס׳ווערט פינצטער, קאָן מען זען ווי בערל וואַלדמאַן זיצט אויף דער קעלניע און פּייפט זיך אונטער דער נאָז. זיין פערדל דזשוויגעט אַ פול פעסל איבער דער גאַס און דער ריח־ניחוח צעגייט זיך אין די ווינקלען, איבערן גאַנצן וועג און קריכט אַוועק ווייט איבער די אַרומיקע קאָלכאָזנע פעלדער... ער איז צופרידן. קופּעריאַנאָוו האַלט וואָרט, ער שרייבט צו צו יעדן נאַריאַד [15] מער און מער פעסלעך און ס׳קומט אָפּצונעמען די זאַר־פּלאַטע [16] וואַקסט אויס די זשמעניע געלט אין זיין האַנט. דער קאַסיר פון

12 אַ ספּעציעלן קאָסטיום.

13 יאָ, יאָ, כ׳פאַרשטיי, איך בין מסכים.

14 גוט.

15 רשימה פון אַרבעט.

16 שכירות.

www.libtool.com.cn

זאַוואָד פאַרזשמורעט די אויגן, ווען ער ציילט אים אויס די קנאַקעדיקע טשערוואָנצעס [17]. ער גיט אַ רוף אויס צו וואַלדמאַנען דורכן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל:

— מאָלאָדיעץ, בערקאָ כאַימאָוויטש, פאַרדינסט שוין באַלד מער ווי דער דירעקטאָר פון זאַוואָד...

בערל וואַלדמאַן האַלט אויך וואָרט, אָט אַזוי, לויטן אָפּגערעדטן אָפּמאַך: חצי שלי, חצי שלך...

ער האָט שוין שלום געמאַכט מיטן געדאַנק פון אַ פּירער פון מענטשלעכן אָפּפאַל, ער איז באמת צופרידן, וואָס קאָן זיין דען בעסער. ער פאַרגינט זיך שוין צו קויפן איין מאָל אין דער וואָך אַ האַלבן קילאָ פלייש פאַר אַכציק רובל, אַ קילאָ פּאָמידאָרן פאַר פופצן רובל, אַ גלאָז מילך פאַר פינף רובל, אַמאָל טאַקע אויך אַ קילאָ קאַרטאָפל פאַר פופציק רובל, פון צייט צו צייט אויך אַ קילאָ ווייַנטרויבן. איין זאַך אָבער שטעלט אים נאָך נישט צופרידן, עס איז נישטאָ קיין סטאַביל אָרט ווו אויסצוגיסן די „סחורה".

אַנומלט. עס איז געווען אַ שטאָק פינצטערע נאַכט. בערל איז זיך געפאָרן אויפן וועג צו דער אַלטשטאָט, דאָרט ווו ער האָט אויסגעגאָסן זיין „סחורה". ווי נאָר ער האָט אַרייַנגעדרייט מיטן וואָגן אויף אַ פעלד, נישט ווייט פון הויפטוועג, און איז אַראָפּגעקראָכן געלאָסן פון דער קעלניע, זיך איינגעבויגן צום קראַן, האָט ער פלוצים דערפילט אַ שווערע האַנט וואָס דריקט אים ביים האַלדז. און איידער ער האָט נאָך באַוויזן זיך צו באַפרייען פון קלעם, האָט ער דערפילט שטאַרקע ווייטיקן אין בויך. פון דער פינצטערניש האָט זיך אויסגעשיילט דער סילועט פון אַ הויכן שטאַרקן אוזבעק, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ קלאָניצע און אים געשלאָגן ווו נאָר עס האָט זיך געלאָזט.

בערל וואַלדמאַן האָט אָנגעהויבן צו מאַכן אַ געוואַלד. דער אוזבעק האָט אים געוואָרנט ער זאָל מער נישט אונטערגיסן אונטער זיין פעלד, און אים געלאָזט ליגן אַ קרעכצנדיקן אין דער נאַכט.

[17] 30־רובלדיקע באַנקנאָטן.

www.libtool.com.cn

אויף צומאָרגנס, ווען קופּעריאַנאָוו האָט אויסגעהערט בערלס דער־ציילונג, האָט ער אים צוגעזאָגט זיך צו פאַרשטענדיקן מיט ראַיאיספּאָל־קאָם [18] בכדי צו פאַרזאָרגן אַ סטאַבילן אָרט.

אָבער אַ נעכטיקער טאָג...

ווען דער נאַכט־שיכט גייט אַריין צו דער אַרבעט און די אַרבעטער פון זאַוואָד באַמערקן בערלען, שרייען זיי צו אים:

— העי, בערקאָ, אינדערהיים ביי דיר אין פּאָלשע [19], האָסטו זיך אויך באַשעפטיקט מיט דער אַרבעט?

— אַ קאַק־זשע — ענטפערט בערל וואַלדמאַן — אינדערהיים איז עס געווען מיין ספּעציאַליטעט.

— עס שטינקט דאָך, בערקאָ כאַימאָוויטש, — פלעגט אים איינער אַ לאַך נאָכשרייען און לאַכן אויפן קול.

— עס שמעקט, טאָוואַרישטש, יעי באָגו, עס שמעקט. ס'איז דער בעסטער ריח דאָ. ס'איז מיר ווויל, גוט, אַ מחייה.

* * *

און אַז אַ מענטשן גייט אַוועק גוט, גייט עס אים פון אַלע זייטן. אייניקע אַרבעטער פון זאַוואָד, די וואָס אַרבעטן אין דער מאַשינען־אָפּטיי־לונג, האָבן אים פאַרגעלייגט אַרויסצופירן די געגנבעטע מאַנופאַקטור־סחורה:

— ביי דיר, בערקאָ כאַימאָוויטש, וועט קיינער נישט זוכן. קיינעם פון די אָכראַניקעס [20] וועט נישט איינפאַלן, אַז דו פירסט אַרויס עטלעכע מעטער סחורה — האָט אים פאַרגעלייגט דער אוזבעק ראַכמאַטאָוו — ווייסט דאָך, דערלייגן וועסטו נישט.

בערל וואַלדמאַן, האָט טאַקע נישט דערלייגט, נאָר פון חודש צו חודש

---

[18] ראַיאָן־שטאָט־פאַרוואַלטונג.
[19] פּוילן.
[20] וועכטער פון דער פאַבריק.

www.libtool.com.cn

צוגעלייגט מער טשערוואָנצעס צו זיין פּעקל, וואָס ער האָט שטענדיק גע־האַלטן איינגענייט אונטער זיין פּופּייקע.

* * *

אין זאַוואָד איז דער שם פון בערל וואַלדמאַן געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. אויף אַלע פאַבריק־פאַרזאַמלונגען האָט מען אויף אים אָנגעוויזן ווי אויף אַ מוסטער:

— איר זעט, אַז אַ מענטש וויל אַרבעטן, קאָן ער זיך אַרויפאַרבעטן.

ער איז טאַקע פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס סטאַכאַנאָוויעץ, ער האָט גע־געסן אין דער סטאָלאָווע פאַר די בעסערע אַרבעטער, באַקומען 800 גראַם ברויט צו דער זעט און כבוד אַ פולע שיסל.

אין די נעכט האָט מען געהערט די סקריפּערייַ פון בערקאַס אַרבאַ [21].

זיין קול האָט זיך מתיקותדיק צעגאָסן איבער אַלע פערעאולקעס און געס־לעך און דער עכאָ האָט זיך ווייט צעקייקלט אַזוי פריש און מונטער איבער די קאָלכאָזנע פעלדער.

קיינער האָט זיך צו וואַלדמאַנען נישט געקאָנט פאַרגלייכן. ער האָט געלעבט אַ גוטן טאָג אַזוי ווי גאָט אין אָדעס, געהאַט אויסדויער און גע־דולד און זיין פּעקל ביינער געבראַכט נאָך דער באַפרייאונג אין זיין אַל־טער היים.

און ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען אין יענע צייטן, פלעגט ער אַ שמייכל טאָן און זאָגן צו זיינע באַקאַנטע:

— איר זעט פון וואָס מען קאָן אַלץ מאַכן אַ לעבן...

[21] וואָגן.

www.libtool.com.cn

מיטן „קאַנוואָי“

אַ שניידיקער הילך פון אַ פייפל האָט אויפגעוועקט די גאַס פון איר קאַלעמוטנער טאָגטעגלעכקייט.

אַלע פורן, אויטאָס און פאַרבייגייער זענען געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, ווי עלעקטריזירט.

דער דאָזיקער פייף איז אַלעמען באַקאַנט. ס'איז דאָ אַן אָפּטע דערשיינונג. די פאַרבייגייער לאָזן אַראָפּ די קעפּ און שטיל אין האַרצן, קיינער זאָל חלילה נישט דערהערן, לאָזט מען אַרויס אַ קרעכץ פון באַדויערן, מיטגעפיל און פּראָטעסט.

היינט דו, און מאָרגן איך. גיי וויים דעם גורל פון מענטש און זיין באַשטימונג: מי לזיצן, ומי לוואַרטן אין דער ריי צו ווערן איינגעזעצט...

פאָרויס שפּאַנט אַ וואָלף־הונט, אָנגעבונדן אויף אַ קייט, געפירט פון אַ מיליציאָנער. פון אַלע זייטן מיליציאָנערן מיט אָנגעלאָדענע אויסגעשטרעקטע ביקסן מיט בלאַנקנדיקע באַגנעטן, וואָס שפּיגלען זיך אין דער זון. אינמיטן מאַרשירן אין רייען צו פיר אַרעסטאַנטן, באַוואָקסענע, בלייכע פּנימער מיט רעזיגנירטע בליקן אין די אויגן, מיט שלאַבערדיקע טריט, זיך קוים האַלטנדיק אויף די פיס.

דער קאָנוואָי שלעפּט זיך אונטער דער באַגלייטונג פון פייפל, וואָס זאָגט אָן דעם אַרום:

— אַכטונג! אַכטונג! דאָס איז דער גורל פון מענטש. היינט דו, מאָרגן יענער, איבערמאָרגן איך... אַלע, אַלע, דערוואַרט אונדז דער זעלביקער גורל...

* * *

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ צו דער ערד מאַרשירט אין דער ריי, זלמן גינגאָלד, מיטן מאַנטל אונטערן אָרעם. דעם דאָזיקן מאַנטל פירט נאָך זלמן אַזש פון דער היים. איצט באַגלייט ער אים אין וועג צו דער באָד, פון דאַ־

www.libtool.com.cn

גיין צו דער צענטראַלער תפיסה און פון דער תפיסה — אין אַ לאַגער ערגעצווו, הינטער די הרי־חושך. ער ווייס גאַנץ גוט, אַז קיין אַרויס איז נישטאָ. איינמאָל אַריין איז פּטור אַן עסק...

ביים בעסטן שווימער קאָן טרעפן, אַז ער זאָל דערטרונקען ווערן. נישט דווקא אויף אַ גליטש קאָן מען צעברעכן אַ פוס. אויפן גלייכן וועג גייענדיק קאָן מען זיך געבן אַ צי אויס ווי גרויס מ׳איז. מען דאַרף זיין אַ קונצנמאַכער אויסצוקומען אַן די אויסגעשטעלטע נעצן, אַן געבן כאַבאַר, אַן נעמען לאַפּקע־געלט, אַן האָבן עסקים מיט פּיסלעך־אונטערשטעלער. אַן דעם אַלעם וואָס הייסט: זיך שפּילן מיט פייער.

ווען ס׳פירט אין תפיסה טונקעלע געשעפטן, וואָס ווערן געפירט מיט אומריינע הענט און פאַרפלעקטן געוויסן. אים, זלמן גינגאָלדן, האָט געפירט אין תפיסה די ריינקייט זיינע, די ערלעכקייט און תמימות.

זלמן גינגאָלד איז פון אייביק אָן, ביי אַלע באַדינגונגען און אומ־שטענדן געווען געווינט צו זיין שיין פאַרקעמט מיט אַ שרונט אין מיטן, גוט אָפּראַזירט, נישט לאָזן פאַלן קיין שטויבעלע אויף זיינע צעריסענע בגדים. טראַנטעס דאַרפן אויך זיין ריין, אַז ס׳זאָל שמעקן פון זיי... אין קלאָפּזאַוואָד, ווו זלמן האָט געאַרבעט, האָט מען געשמועסט, אַז די כנים־פּלאָג, וואָס מיידט נישט אויס קיינעם, פון גאַסנקערער ביזן נאַטשאַלניק, האָט אויף אים נישט די מינדסטע שליטה.

ער איז געווען אַ מענטש אַ שווייגער, אַ רענדל אַ וואָרט. דעם בעסטן שידוך וואָלט אַזאַ יונגערמאַן געקאָנט טאָן, ווען ער האָט נאָך אַביסל געלט דערצו אויך. אַלץ איז ביי אים אויף דער האָר, אויפן פּונקט, אין דער מאָס. די אוזבעקן האָבן אים גערופן דער אייראָפּעער. די אייגענע, די פּוילישע יידן, פלעגן פון אים לאַכן און זאָגן, אַז ער איז אַ בירגער פון מאַרס און נישט פון מאַרקס־לענין־סטאַלינלאַנד.

נאָר אַ געלעכטער אַן אַ זייט. ווען ווילט זיך עס לאַכן, ווען אַזאַ זיידענער און אָפּגעהיטער יונגערמאַן גייט מיטן קאָנוואָי און נאָך אַ באַוואַקסענער מיט אַ שוואַרצער חושכדיקער באָרד, מיטן צעקנאָדערטן מאַנטל אונטערן אָרעם, מיט צעריסענע לאַפּטשעס אויף די פאַרבלאָטיקטע

www.libtool.com.cn

שמוציקע פיס, וואָס האָבן שוין אַפילו קיין פנים פון קיין פיס אויך נישט געהאַט...

* * *

גינגאָלד איז געווען אַ סטאַכאַנאָוויעץ אויפן זאַוואָד. ער האָט גע־מיינט ערנסט מיט דער אַרבעט, כאָטש פאַרדינט האָט ער קדחת. נאָר דער־פאַר האָט ער אין סטאָלאָווע באַקומען צו דער שיטערער זופּקע אַ לעפל קאַשע אויך. קאַשע האָט ער ליב געהאַט ווי ס׳לעבן. צוליב אָט דער קאַשע האָט ער געאַרבעט פאַר דריי און איז געוואָרן אַ סטאַכאַנאָוויעץ.

גינגאָלד האָט באַשלאָסן נישט צו קריכן צו הויך, ווייל מען קאָן פאַלן צו נידעריק. בעסער אַנהייבן פון קליין. אַ גוטער און ווילער איז ער גע־ווען, אָט אַזוי ווי באַנטשע שווייג, האָט ער געקאָנט אויסקומען מיט אַ שטיקל ברויט און אַביסל קאַטיק [1], מיט אַ רויען מייער און פאַרגרינטן פּאָמידאָר, אַבי נישט דאַרפן אָנצוקומען צו יענעם. דערפאַר טאַקע האָט ער נושא חן געווען ביים דירעקטאָר קופעריאַנאָוו בכבודו ובעצמו און האָט אים צוגעטיילט אַ וועגעלע מיט אַן אייזל, ער זאָל ווערן דער וואַסערפירער אויפן זאַוואָד. קודם כל האָט ער געדאַרפט באַזאָרגן מיט וואַסער דעם דירעקטאָר. קופעריאַנאָווס פרוי האָט אים בגנבה אונטערגערוקט אַמאָל אַ שטיקל ברויט, אַ שטיקל כאַלאַדיעץ, און אַמאָל אַ טעלער איבערגעבליבע־נע זופּ, אַזאַ פעטע און געשמאַקע און פאַר אַ צולאַג אויך אַ פּיראָזשאָק [2]. נו, דאַרף ער מער, האָט ער געאַרבעט גוט און מען האָט אים אַרויפגע־שטעלט אויף דער ליסטע פון די בעסטע אַרבעטער. ער איז עולה לגדולה געוואָרן...

* * *

איז דאָך גוט? ווייזט זיך אַרויס, אַז גוט טויג אויך אויף כפרות. גינגאָלד האָט זיך אַזוי שטאַרק איבערגענומען מיט זיין ראָל, אַריין אַזוי מאָדנע אין די פעדערן, אַז קיינער איז שוין צו אים נישט געווען גלייך.

ער האָט דעם טאָג שוין געהאַט באַזאָרגט מיט וואַסער אַ פּאָר פּאַב־

[1] זויערמילך.

[2] געבאַקט קיכל אָנגעפילט מיט קאַרטאָפל.

www.libtool.com.cn

ריק־האַלעס. איצט איז ער אַוועק ברענגען וואַסער פאַר דער דירעקטאָרשע. ער האָט זי געטראָפן אין אַ שלעכטער שטימונג. זי איז אַרומגעגאַנגען אײַ־בער דער ווערענדע מיט אַ שלאָפראָק, וואָס זי האָט אָפּגעקויפט בײַ אַ יידיש מיידל פון פוילן. די האָר זענען בײַ איר געווען צעשויבערט. זי האָט אויסגעזען ווי אַ נעכטיקע. דאָס פּנים נישט אויסגעשלאָפן, בייז. זי האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף גינגאָלדן, נישט צוגעוואָרפן עפּעס וואָס פון טיש, פונעם מיטיק איבערבלייב, צו וואָס ער איז שוין געווען אַזוי צוגעוווינט.

בלית ברירה איז ער אַוועק אין דער סטאָלאָווע, זיך צוגעזעצט צום טישל און געוואַרט אויף דער קעלנערין נאַדיאַ, זי זאָל אים דערלאַנגען אַ פּאָרציע שטשי [3]. ער האָט געוואָלט גיך אָפּעסן און צוריק אַוועקלויפן צו דער אַרבעט.

נאָר איר שפּילט זיך מיט דער נאַדיאַ. זי האָט זיך נישט ליב צו לאָזן פירן פון די עסער, די געסט וועלן נישט אַנטלויפן. זי איז געווען אַ שיינע שיקסע, אַ באַחנטע, אַ לעבעדיקע. מען וואַרפט צו איר אויגלעך, זשאַלעוועט זי נישט און שיקט אַ פּאָרציע אויגענעס. וואָסי, עס קאָסט איר דען טייער? קיין קאַרטלעך אויף דעם איז נישטאָ און קיין נאָרמע אויך נישט. איז ווער עס געפעלט איר, זי ווייס, אַז ער האָט ממתקים, איז פון די אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אין דער מאַסלאָוואָיע [4]. ער איז פון די וואַזש־נע „טרעגער", דאָס הייסט פון די וואָס טראָגן אַרויס בוימאייל און מאַכן אַ שיין לעבן; אָדער גאָר ווער פון די שאָפערן פון דער אַווטאָ־באַזע, וואָס זענען פאַררעכנט פאַר די מיוחסים און גרויסע פאַרדינער, נישט חלילה פון זייער לוין, פון פירן לינקע פּאַסאַזשירן בעת זייערע יאַזדעס — אָט מיט זיי יחסנט זי זיך און פאַר זיי טראָגט זי צו דאָס עסן אין דער ער־שטער ריי.

זלמן גינגאָלד זיצט ביים טישל און וואַרט. ער האָט אַ ברירה: עסן וויל ער און דער עיקר ער יאָגט זיך צו דער אַרבעט, ווערט ער אין כעס און שרייט אויס:

---

[3] קרויט־באָרשטש.
[4] אייל־פאַבריק.

www.libtool.com.cn

— נאַדיאַ, נאַדיאַ, קושאַט דאַוואַי![5]

און זי, אַ נעכטיקער טאָג. עס ברענט דען דער סטאַוו. איר איז שוין אַלצאַיינס, איר איז ווייל און זי האָט הנאה פון איר לעבן. זי האָט דען געזען עפּעס בעסערס? און צו וואָס דאַרף זי בעסערס? עסן צו דער זעט האָט זי, אַ פּלאַטיאַ[6] האָט איר נעכטן דער שאָפער שימאַנאָוויטש גע־קויפט אויפן באַזאַר, נישט אומזיסט, פאַרשטייט זיך. אָבער ווער וועט איר זאָגן אַ דעה. אַ פּרוי און אַ מענטש איז דאָ גלייך, אַלע טוען וואָס עס געפעלט זיי, טוט זי אויך אַזוי ווי אַלע...

* * *

לסוף האָט זיך גינגאָלד דערוואַרט. נאַדיאַ האָט באַוויליקט אים צו־צוטראָגן אַ שיסעלע שטשי. זי האָט עס אים אונטערגעטראָגן אונטער דער נאָז מיט רוגזה:

— נאַ, קושאַי, דוראַק[7].

ער איז געווען אויסגעהונגערט און גלייך אַרויסגענומען דעם לעפל פון דער כאָלעווע פון זיינע שטיוול אָנצונעמען אַ לעפל עסן. נאָך איידער ער האָט צוגעפירט דעם לעפל צום מויל האָט ער צוריקגערופן די קעל־נערין:

— נאַדיאַ, נאַדיאַ, דאַוואַי סיודאַ[8] — האָט ער אָנגעהויבן שרייען ווי אַ באַנומענער. זע; ווערעם קריכן אַרום אין טעלער.

נאַדיאַ האָט זיך נישט אָפּגערופן.

גינגאָלדן איז געוואָרן שלעכט. עסן וויל ער, עס צופּט אים היטערן לעפעלע און דאָ קריכן אַרום אין טעלער אמתע גרינע ווערעם, ווי מען וואָלט מיט זיי פאַרפרעגלט דעם שטשי.

— נאַדיאַ, נאַדיאַ, דאַוויאַ סיודאַ! — האָט ער נישט אויפגעהערט צו שרייען.

---

[5] גיב עסן.
[6] קלייד.
[7] עס, יאָלד.
[8] קום אַהער.

www.libtool.com.cn

אַלע אין סטאַלאָווע ביי די טישלעך האָבן אַוועקגעלייגט די לעפל און זיך צוגעקוקט.

צום סוף האָט נאַדיאַ באַוויליקט צוצוגיין. גינגאָלד האָט איר געוויזן די שיסל מיט די קריכנדיקע ווערעם, ווי זיי וואָלטן געווען לעבעדיקע.

— נאָ, סמאָטרי, ניע בודו קושאַט [9].

— וועסט יאָ עסן — לאַכט זיך פונאַנדער נאַדיאַ — וועסט עסן!

— טויש מיר אויס די זופּ, גיב מיר אַן אַנדערע שיסל עסן. מען קאָן דאָך דאָס נישט נעמען אין מויל אַריין — בעט זיך ביי איר גינגאָלד.

— וועסט עסן!

— איך וועל נישט עסן!

ווי שטיל גינגאָלד איז געווען כל ימיו, ער האָט שטענדיק געפּלעגט זיך אויפפירן רואיק און אויסגעהאַלטן, דאָסמאָל האָבן אים געפּלאַצט די נערוון. האָט ער פון כעס געמישט מיט הונגער אַ כאַפּ געטאָן דאָס שיסע־לע עסן, אַרויפגעשטעלט אויפן האַנט־פלאַך, געגעבן מיט רוגזה אַ וואָרף אויפן דיל. דאָס שיסעלע איז צעשפּרונגען געוואָרן אויף שטיקלעך. דער שטשי האָט זיך אויסגעגאָסן און...

צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען אין די אויגן פון אַלע אַרבעטער פון זאַוואָד געמשפּט גינגאָלדן און אים צוגעטשעפּעט די סטאַטיאַ [10] 58 פאַר קאָנטררעוואָלוציע. ער האָט נישט מער און נישט ווייניקער געהעצט די אַרבעטער קעגן דער לייטונג פון זאַוואָד און אַרויסגעלאָזט אַ נישט באַ־גרינדעטן חשד, אַז מען קאָרמעט די אַרבעטער מיט ווערעם, אַז דאָס עסן איז נישט נאַרהאַפט און אַנטשפּרעכט נישט אַלע כללים פון דער סאַני־טאַרער פאַרזאָרגונג.

ער האָט אַריינגעכאַפּט גאַנצע פינף יאָר.

נישקשה אָפּגעשניטן.

ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז אַ מענטש זאָל אָנמאַכן אַזאַ סומאַטאָכע צוליב אַ פּאָר ווערעם, וואָס זענען דאָרט ערגעץ אַרומגעשווומען אין אַ

---

[9] קוק, איך וועל נישט עסן.
[10] אַרטיקל,

www.libtool.com.cn

שיסל. שפּילט דען אַ ראָלע אַ וואָרעם. זאָל זיך דיר דוכטן, נאַרישער גינ־גאָלד, אַז דאָס שווימען אַרום שטיקלעך פליש, ממש פליש.

* * *

דער מיליציאָנער מיטן הונט פּייפט אויפן פּייפל. לעכערט דעם מוח. די באַגנעטן בלאַנקען אויף די אויסגעשטעלטע ביקסן. אין דער ריי שפּאַ־נען די אַרעסטאַנטן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ פאַרזונקען אין מחשבות.

וואָס טראַכט גינגאָלד? קאָן מען דען אַריין מיט די שטיוואַלעס אין זיין האַרצן אַריין?

פאַרבייגייענדיקע לאָזן אַרויס אַ קרעכץ, אַ קרעכץ אַ שטילן וואָס מען טאָר נישט דערהערן, ווייל ווער ווייס וויפל יאָר מען קאָן נאָך אַריינכאַפּן פאַר אויסדריקן אַ מיטגעפיל אַן אַרעסטאַנט. וואָס איז אַמאָל אויך געווען אַ מענטש...

www.libtool.com.cn

אין תפיסה

אַ גאַנצן קיילעכדיקן טאָג זיצן זיבעציק אַרעסטאַנטן מיט די פיס הינטער זיך אויפן האַרטן נאַקעטן דיל, וואָס איז ווי ספּעציעל אויסגע־פלאַסטערט געוואָרן מיט שאַרפע, שפּיציקע קליינטשיקע שטיינדלעך, וואָס שניידן זיך איין אין לייב און שטעכן ווי נאָדלען, שניידן, בייסן, רייסן און דריקן...

דאָ, זעט אויס, איז דער מענטש ווי פון אייזן. אויך צו דעם געוווינט מען זיך צו. מיט דער צייט ווערט דער גוף אַזוי פאַרהאַרטעוועט, אַז ער פילט שוין דעם ווייטיק אויך נישט...

בייטאָג מוז מען זיצן. מען טאָר זיך נישט אויסציען, נישט כאַפּן קיין דרעמל. נישט שטיין, נישט גיין, נאָר זיצן. דערפאַר ביינאַכט, אַז מען מעג זיך שוין יאָ אויסציען איז נישטאָ ווו. עפּעס אַ קלייניקייט: אין אַן ענגער צעלע, ווו ס׳קאָנען זיצן בלויז דרייסיק מענטשן זיצן זיבעציק, וועגן אויס־ציען זיך איז במילא נישטאָ קיין רייד. פלעכטן זיך גופים און פיס מיט קעפּ, שנאָרכן מידע גופים אין פאַרדרעגנגעניש. אַז איינער וויל זיך איבער־דרייען מוז זיך די גאַנצע צעלע איבערדרייען, אַנדערש גייט עס נישט. אָבער נישט יעדער איינער מעג זיך דערלויבן דעם פאַרגעניגן זיך צו וועלן איבערדרייען. די דאָזיקע פּריווילעגיע האָבן נאָר די שטאַרקע. דער שוואַ־כער בלייבט שטענדיק און אומעטום דער געקריוודעטער.

די פּאַראשע[1], ווו דער אַרעסטאַנט דערליידיקט זיין מענשלעך גע־ברויך ביינאַכט (בייטאָג איז נישט דערלויבט) שטייט ביי דער טיר און פאַרשמעקט די צעלע מיט אַלע מחייהדיקע ריחות — אַ צולאָג צו דער ענגשאַפט.

גאָטס קריכנדיקע באַשעפענישן, די בייס־חייהלעך פּראַווען אַ גע־מיינזאַמע סעודה, טרינקען דאָס בלוט און רייסן שטיקער פלייש. איינע

---

[1] ספּעציעלער עמער פאַר די אַרעסטאַנטן.

www.libtool.com.cn

שטעכט, די צווייטע בייסט. מחנותווייז, קאַלאָנעסווייז, פון אַלע זייטן אַטאַקירן זיי פון די ווענט, פון דיל; טאַנצן אַראָפּ ווי אַקראָבאַטן פון סופיט, פון די ווענט, פון אַלע שפּאַלטן און לעכער, און ווו נאָר עס לאָזט זיך דרינגען זיי אַריין; אין מויל, אין דער נאָז, אין די אויערן.

איז וואָסזשע העלפט דאָס קראַצן זיך, דאָס רייסן און צופּן פון זיך שטיקער? וויפל פינגער פאַרמאָגט אַן אַרעסטאַנט? צען. און וואָס קאָן מען אויפטאָן מיט צען בידנע פינגער אַקעגן גאַנצע חמרים...

איז טאַקע שווער צו קעמפן קעגן אַזאַ שטאַרקער אַרמיי, רעזיגנירט מען, פאַלט מען מאַכטלאָז און מילא, זאָל זיין, וואָס ס׳וועט זיין...

* * *

דער פערצניעריקער פעדקאַ, איז דער שטאַרקסטער אין דער צעלע. ער פירט אָן מיט דער „גראַנדע״. זיין ווילן איז הייליק און זיין וואָרט איז אַ געזעץ.

אין דער צעלע זיצן יונגע און אַלטע, עלטערע און טיפּע זקנים. אַפילו אַ פּאָפּ געפינט זיך דאָ. ביים אויסברוך פון דער רעוואָלוציע איז ער אַריין אין חד־גדיא און פון דעמאָלט אָן וואַנדערט ער פון תפיסה צו תפיסה. אָפּגעקנעלט אַ צען יאָר אין אַ לאַגער און פאַרן באַפרייט ווערן האָט מען אים צוגעטשעפּעט נאָך אַ פּאַראַגראַף און אַזוי זיצט ער. ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו כאַרקאָוו, ווו די אַרעסטאַנטן האָבן געבויט אַ פאַבריק, זענען זיך די וועכטער צעלאָפן און נאָכדעם אַ טייל אַרעסטאַנטן. דער פּאָפּ האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַן עשאַלאָן מיט עוואַקואירטע און געקומען אַהער.

דריי טעג בלויז איז ער געווען אויף דער פריי. בעת אַן אָבלאַווע ווען מען האָט רעווידירט די דאָקומענטן, האָט מען אים געכאַפּט, דעם פויגל, און אים צוריק פאַרבעטן זיצן...

דער פּאָפּ איז מיט פעדקאַן גאַנצע גוטע ברידער. עפּעס האָט ער, פעדקאַ, סענטימענטן פאַרן פּאָפּ און דער פּאָפּ האַלט פון פעדקאַן אַ וועלט...

* * *

פעדקאַס מאַמע איז אַן אויפרוימערין אין אַ קאַנטאָר. זי פאַרדינט 85

www.libtool.com.cn

רובל אַ חודש. דעם טאַטן זײַנעם האָט מען אַװעקגעטריבן אויפן פּראָנט, ער איז שוין זיכער דאָרט דערהרגעט געװאָרן, איז װער װעט אים קאָר־מענען? די אָרעמע מאַמע האָט אַלײן נישט אָפּצועסן צו דער זעט. און פון װאַנען זאָל זי האָבן, די אָרעמע נעבעך?, אַז אַלץ איז טײַער, די פּרײַזן אויפן שװאַרצן מאַרק זענען אַזעלכע אויפגעשרויפטע, אַז ס'שװינדלט אין קאָפּ פון זײ. איז װי נעמט מען אַזױפיל געלט? גנבעט די מאַמע װאָס ס'קומט איר אונטער דער האַנט און װאָס איז פאַראַן מ'שטײנס געזאָגט צו גנבענען אין אַ קאַנטאָר. קלעקט עס פאַר איר אויך נישט. איז פּעדקאַ הונגעריק, די קישקעס שפּילן אַ מאַרש. מען לויפט אַרום אַ גאַנצן טאָג, ליידיקט זיך אויס דער מאַגן. איז ער אַװעק אויפן באַזאַר, צוגעגנבעט אַ פּאָמידאָר, אַ רויען מײער. אויף מאָרגן האָט ער אַרײנגערוקט אַ האַנט אין אַ קעשענע פון אַ פאַרפאָרעטער באַלעבאָסטע, װאָס זוכט מציאות און ס'איז בײ אים אַװעק אַ דרך. די פינגער זײַנע — האָט ער געזען — זענען װי באַשאַפן פאַר דער דאָזיקער „מלאכה". דער קאָפּ בײ אים האָט געענ־מען אַרבעטן. ער האָט אָרגאַניזירט אַ פּאָר חברימלעך. זײ האָבן זיך אַרײַנ־געגנבעט אין אַ װױנונג און אַרויסגעשלעפּט װאָס נאָר ס'האָט זיך גע־לאָזט...

ביז מ'האָט אים מיט פאַראַד געבראַכט אַהערצו צוזאַמען מיט די חברים. יעדעס מאָל װען מען ברענגט „פּערעדאַטשעס" [2], אײנמאָל אין טאָג פאַר די בעסערע אַרעסטאַנטן, גײט ער, פּעדקאַ, אַלײן צו צום בעל־דבר, נעמט צו אַ העלפט פאַר זיך און פאַר זײַן חברה. צו דער קאָמפּאַניע װערט אויך צוגערופן דער אַלטער זיבעציק־יעריקער פּאָפּ און מען פּראַװעט אַ סעודה כיד המלך...

אַלע אַרעסטאַנטן קוקן אָן דעם קלײנעם צוציק. פאַרגינען אים נישט דעם צוגערויבטן ביסן און שװײַגן פאַר מורא. ער איז פאָרט דער שטאַר־קער און דערצו אַרומגערינגלט מיט שותּפים־אונטערהעלפערס. פאַרװאָס די דערװאַקסענע האָבן אַזױ מורא פאַר די פּאַצאַנעס [3] איז נישט צו באַ־גרײַפן. װײַל פּעדקאַ זיצט מען דאָ אויף די באַקװעמערע ערטער. איז מען

[2] פּעקלעך עסן פאַר די אַרעסטאַנטן.
[3] קלײנװאַרג.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

נישט נושא־חן אין זײנע אויגן הײסט ער גײן זיך זעצן לעבן דער פּאַראַ־שע. גײט מען מיט גוטן איז אַ האַלבע צרה, אַז נישט פּאַלן קלעפּ און קו־לאַקעס און גײ שרײַ חי־וקיים, אַז ס׳איז נישטאָ פאַר װעמען זיך צו קלאָגן. יעדער אײנער האָט מורא זיך קעגנצושטעלן.

* * *

אַלע האָבן פּעדקאַן געגן און נישט װײניקער האָט מען דרך ארץ פאַרן פּאַפּ. זײ זעצן זיך בײדע אַװעק אין די אָװנטן, נאָך דער שיטערער יושקע װאָס מען זופּט אַרײַן און מען הײבט אָן צו דערצײלן מעשיות, פון װעלכע עס װערט פרײלעכער אויף דער נשמה.

פונדעסטװעגן קאָן אַזאַ קלײנער שנעק װי פּעדקאַ דערצײלן זשול װערנס געשיכטעס, מען װערט פאַרטראָגן איבער ימען און אינדזלען, בײַע לענדער און מדינות... װערט אַזױ שטיל, אַז אַפילו די לײַז און װאַנצן הײבן זיך אָן צוצוהערן צו די געשיכטעס און מען פילט שױן גאָרנישט, צי זײ בײסן...

אויך דער פּאָפּ סערגײ מיכאַילאָװיטש אַלעקסעיעװ, בלײַבט נישט הינטערשטעליק מיט זײנע מעשיות. ער פירט אַװעק די אַרעסטאַנטן אויף אַ שפּאַציר איבער פּאַלאַצן מיט לאַקײען אויסגעפּוצטע מיט ליװרעיען, בײַ געדעקטע טישן מיט גאָלדענע כלים. מען דערלאַנגט אַזױפיל עסן מיט אַזױפיל מאַרצעפּאַנעס, אַז אַפילו אַן אַרעסטאַנטסקער מאָגן װאָלט עס נישט געקאָנט פאַרדײען. אַלע זיבעציק פּאָר אויגן קוקן אים אין מױל אַרײַן. אַלעמען טײלט ער אײַן דער פּאָפּ מיט דער פולער האַנט אַ פּאַרציע, אַז יעדער אײנער קװיקט זיך אַזש פון תענוג, שלינגט די סלינע, באַלעקט זיך די ליפּן, װי נאָך אַ געשמאַקן ביסן.

אַמאָל, גאָר אַמאָל, זאָגט סערגײ מיכאַילאָװיטש, האָבן די פּיסאַטע־לעס [4] געקאָנט שרײבן. בײ זײ האָט די זון שטענדיק געלויכטן און דער־װאַרעמט אַלע גלידער. זײ, האָבן זיך מיט איר אַרומגעפירט, געצאַצקעט און באַזונגען. הײַנט װעגן װאָס קאָנען זײ שרײבן? אַז די זון איז פאַר־

[4] שריפטשטעלער.

www.libtool.com.cn

לאַשן, זי שײַנט גאָרנישט און אויב זי שײַנט שוין יאָ, איז נישט פאַרן פאָלק, נאָר פאַרן הײפל יחידים זויפער, וואָס לעבן אַ גוטן טאָג...

אָדער נעמט די לבנה. גאַנצע לידער און פּאָעמעס האָט מען איר געווידמעט, פאַרליבטע האָבן זיך געשפּיגלט אין איר פּנים און הײַנט דאַרף מען זי אויף טויזנט כּפּרות. ווער קוקט דען צו איר און וועמען טויג זי. אַ פאַרזעעניש געוואָרן. נישטאָ הײַנט וועגן וואָס צו שרײַבן — פּסקנט דער פּאָפּ. אַמאָליקע דערציילונגען האָבן געהאַט טויזנט חנען, עס האָט געהאַט אַ טעם און אַ ריח...

פעדקאָ לאָזט זיך נישט שפּײַען אין דער קאַשע.

— נישט ריכטיק, הײַנט קאָן מען שרײַבן וועגן בויען שטעט, קאַנאַלן, שאָסייען, פאַבריקן. מען קאָן זיך באַגײן אָן דער זון און אָן דער לבנה. ניע פּראַוודאַ [5] — ווערט פעדקאָ ברוגז.

ס׳ווערט שטילער, נאָך שטילער ווי געווען.

— ביסט נאָך פעדקאָ, יונג און נישט דערפאַרן — רופט זיך אָפּ דער פּאָפּ — ווו איז די שײנקייט פונעם געבוי פון קאַנאַלן, שאָסייען און פאַבריקן, אַז אָט בין איך און דו און די אַלע דאָ — פאַרפּײַניקטע, צעביסענע מיט געשווירן אויפן לײַב, די קאַנדידאַטן פאַרן דאָזיקן געבוי פאַר 350 גראַם ברויט און אַ טעלער שיטערער יושקע. ווו ליגט דער חשק צו דער אַרבעט און ווער האָט אינטערעס דערצו? אַז איבער דיר דריקט דער באַטשוועקטער שטיוול פונעם מיליציאָנער, איבער אים דריקט אַ העכערער, ווערט דאָך אונדז, די וואָס ליגן אונטערן שטיוול נאָך שווערער, איז ווו איז דער אידעאַליזם?

— זאָגסט דאָך אַליין, פעדקאָ, דײַן טאַטן האָט מען אַוועקגעטריבן אויפן פּראָנט, פאַרוואָס איז ער אַליין נישט געגאַנגען, האַ?

— וואָס ווייסט איר צוציקעס פון דעם אַלעם. וואָס האָט איר געזען? איך זיץ שוין קרוב דרײַסיק יאָר אין די תּפיסות און לאַגערן. פון אײנע אַרויס אין דער צווייטער אַרײַן. איך האָב שוין דורכגעוואַנדערט אַ האַלבע מדינה, געבויט קאַנאַלן און פאַבריקן, שאָסייען און באַן־ליניעס, וואָס

[5] נישט אמת.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

זענען פאַרזייט געוואָרן מיט טויזנטער און הונדערטער טויזנטער אונדזע־ריקע. די נישט צופרידענע מיט אַזאַ לעבן. פאַר איין קרום מיט דער נאָז בלויז ווערסטו איינגעשפּאַרט אינעם אַרעסטאַנטסקן וואַגאָן און פאַר אַ שוידערלעך ביליקן פּרייז, פאַר 350 גראַם ברויט און אַ זופּקע איינמאָל אין טאָג האָבן מיר געשאַפן דאָס גרויסע מעכטיקע פאָטערלאַנד... פאַר וועמען? און צוליב וואָס?... עס וועט דען אַמאָל בעסער ווערן?

* * *

— דערציייל בעסער, סערגיי מיכאַילאָוויטש, „מאָנטע קריסטאָ" פון אַלעקסאַנדער דיומאַ. ער שרייבט אַזוי שיין. עס ווילט זיך פאַרגעסן אין דעם גאַנצן אַרום, דערציייל... עס ווילט זיך אַזוי הערן און הערן און פאַר־געסן אין דעם אַלעם וואָס ס'געשעט אַרום אונדז...

לאַנג נאָך, ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט אַריין, זענען געזעסן די זיבעציק אַרעסטאַנטן און זיך צוגעהערט צו דער עקזאַלטירטער רעליגיע־זער באַס־שטימע פון אַלטן פּאָפּ, סערגיי מיכאַילאָוויטש אַלעקסעיעוו...

www.libtool.com.cn

אָבלאַוועס און אַרעסטן

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אָבלאַווע ס

בײַ מאַקס זאַריצקין איז דער טיש געווען אָנגעשטעלט מיט כּל־טוב. מען איז געזעסן און געטרונקען גוטן רויטן קאַגאָר־ווײַן. פֿון טיש האָבן אַראָפּגעלויכטן ווײַנטרויבן און עפּל, באַרן, אוריוק.

קלאַראַ איז געזעסן אַ פֿאַרטרויערטע, אַ פֿאַרחלומטע. זי איז נעכטן געווען אין לאַגער און איבערגעגעבן איר מאַן אַ פּעקל עסן. זי האָט נישט געקאָנט פֿאַרגעסן דעם טרויעריקן בליק פֿון זײַנע פֿאַרבענקטע אויגן. ער האָט זי נאָכגעקוקט ווײַט־ווײַט פֿונעם בערגל, ווו ער איז געשטאַנען און צו איר געפֿאָכעט מיט דער האַנט.

— איר ווייסט, פּערלמוטער, — האָט זיך גאָטליב אָנגערופֿן — איר זענט אַ טשודאַק. איר קוקט זיך צו, צו מיר. איך האָב נאָך צו די אַלע צרות נישט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם גאַנצן עול פֿון דער היים. איך דאַוון נאָך יעדן טאָג, שבת באַמי איך זיך נישט צו אַרבעטן. איך ווייס, אַז מען טאָר נישט גנבענען, דאָך טו איך עס. טאָמער וועל איך וועלן לעבן אַזוי ווי איר, וועל איך אומקומען.

— יאָ, אָבער איך קאָן עס נאָך נישט — האָט פּערלמוטער געענט־פֿערט.

— איר וועט עס אויך קאָנען, עס וועט זיך געפֿינען אַזאַ נאַטשאַלניק וואָס וועט אײַך דערצו צווינגען, וועט איר עס טאָן צוגלײַך מיט אַלע — האָט מאַקס זאַריצקי זיך אָנגערופֿן, — איך האָב אויך נישט געקאָנט, נויט, ווי איר זעט, ברעכט אײַזן. אַ קליין גנבל פֿאַלט אַרײַן, מען גיט אַ צען יאָרעלעך, אָבער די גרויסע נאַטשאַלניקעס פֿאַרקויפֿן גאַנצע וואַגאָנען און זיי גייען אַרום פֿראַנק און פֿרײַ. ציטערן נישט, אײַן האַנט וואַשט דאָ די צווייטע. איינער וואָס גנבעט אַ סך, קאָן זיך טיילן מיט די העכערע און אַזוי גייט עס. אײַך וועט מען כאַפּן, אָט אַזוי ווי מען האָט געכאַפּט קלאַ־רעס מאַן — מיט אַ פּאָר הונדערט גראַם טיי, זיצט ער געשמאַק. ווען ער

www.libtool.com.cn

האָט אָבער געלט זיך אויסצוקויפן, וואָלט ער היינט אויך געווען אויף דער פריי און ווייטער געגנבעט און גאַרנישט...

— אַט אַזוי איז שוין דאָס לעבן — האָט זיך גאָטליב אַריינגעמישט

— מען דאַרף קאָנען אַלץ נעמען אַזוי ווי עס גייט. אַ קבצן און אַ טויגע־ניכטס, איז אין דער אַלטער היים געלעגן אין דער אדמה, און דאָ ליגט ער נאָך טיפער אין דער ערד...

— פאַסט זיך צו פערלמוטער — האָט זאַריצקי אים געמוסרט — אַ שאָד, איר וועט פאַרפאַלן ווערן.

גאָטליב האָט אַ זעלבסטצופרידענער פאַרצויגן אַ חסידישן ניגון. אַליין אַ קיטעווער, האָט ער זיך געהאַלטן גרויס מיט זיין געהויבענעם חסידישן אָפּשטאַם, פרום פאַרגלאָצט די אויגן און זיך אַריינגעלאָזט אַלץ שטאַרקער אין אַ זמרל.

* * *

פערלמוטער האָט געעפנט די אויגן פון גרויסן רעש, וואָס איז אַנט־שטאַנען אין זיין קיבעטקע. ער האָט דערזען לעבן זיך דריי רויטאַרמייער.

— דאָקומענטי! — האָט איינער פון זיי זיך געווענדעט צו אים.

פערלמוטער האָט אַן איבערגעראַשטער פון די פריע פרימאָרגן־געסט זיך אויסגעריבן די אויגן און מיט רואיקייט און זעלבסטזיכערקייט אַרויס־גענומען זיין סאָוויעטישן דריי־חדשימדיקן פּאַס און דערלאַנגט דעם עלצטן.

יענער האָט געדרייט דעם דאָקומענט הין און צוריק און זיך פון דאָס ניי געווענדעט צו פערלמוטערן:

— וואָיענסקי בילעט!

פערלמוטער האָט אַרויסגענומען זיין מיליטעריש ביכל, וואָס ער האָט לעצטנס באַקומען פון וואָיענקאָמאַט[1] אַ באַפרייטער פון מיליטער־דינסט.

דער זעלנער האָט געקוקט און געדרייט דעם דאָקומענט פון אַלע זייטן און צום סוף באַפוילן:

---

[1] מיליטער־קאָמיסאַריאַט.

www.libtool.com.cn

— טוט זיך אָן, בירגער, טאָם ראַזביערוט[2], מיר וועלן עס אויפ־
קלערן אין דער מיליץ.

פערלמוטער האָט זיך לכתחילה פאַרווונדערט, נאָר זעענדיק דאָס שטרענגע פּנים פון זיין באַפעלער, האָט ער זיך פּאַמעלעך אָנגעטון און אַ זיכערער אין זיך, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, איז ער אַרויס פון דער קיביטקע.

די שכנים זיינע זענען געזעסן רואיק ביים אָפענעם פענצטער, אַרויס־געקוקט צופרידענע און זיך דורכגעשמייכלט מיט די זעלנער.

זיי, די דריי שכנים פערלמוטערס, האָבן קיין וואָיענסקי בילעטן נישט געהאַט, זיי האָבן זיך שטענדיק אַרויסגעדרייט פון גיין אין וואָיענקאָמאַט.

פערלמוטער איז אַרויס פאַרקלאַפנדיק הינטער זיך דאָס טירל פון הויף. אונטער אַ שמירה פון דריי זעלנער מיט אויטאָמאַטן און בלאַנ־קענדיקע באַגנעטן איז ער אַרויס אויף דער גאַס.

דער פריער פרימאָרגן איז אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ סך ענלעכע קאָנוואָיען, וואָס האָבן מיליטעריש געשפּרייזט אויפן געלן ליימיקן באָדן. אַ סך אַזעלכע ווי פערלמוטער זענען אָפגעפירט געוואָרן אויף דער מיליץ און אַריינגעשטופּט געוואָרן אין גרויסן מיליץ־הויף.

עס האָט דאָ געווימלט און געשוויבלט פון מענטשן, מערסטנטייל פוילישע יידן, אייניקע רוסן און אוזבעקן. אַלע מינוט איז דער הויף גע־וואָרן פולער, אָנגעפּראָפּטער. קיינער האָט נישט געוווּסט דעם באַדייט פון דער אָבלאַווע.

— מען זוכט דעזערטירן — האָט זיך איינער אָפגערופן.

— די אוזבעקן מאַכן אַלע קונצן זיך אַרויסצודרייען נישט צו גיין אויפן פראָנט — האָט זיך אָפגערופן אַ רוס — און די פוילישע טוען גלאַט אַלץ אויף הפקר...

מען האָט זיך געגומען אויספרעגן איינער ביים צווייטן, פאַרוואָס און פאַר ווען מען איז אַרעסטירט געוואָרן, קיינער האָט נישט געוווּסט דעם ריכטיקן באַשייד.

[2] דאָרט וועט מען אויפקלערן.

www.libtool.com.cn

פערלמוטער איז געשטאַנען ווי אויף הייסע קוילן. ס׳האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער וועט היינט פאַרשפעטיקן צו דער אַרבעט אין זאַוואָד. ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט באַרואיקן און מיט אַלע כוחות זיך געשטופט צום פענצטערל, פון וואַנען מען האָט געזאָלט דורכקוקן די דאָקומענטן. פערלמוטער איז געשטאַנען און געוואַרט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע.

די זון האָט חמ׳ימהדיק געברענט. די ענגשאַפט איז געווען גרויס. דער גרעסטער טייל מענטשן איז געשטאַנען אין קופקעלעך און געשמועסט. פון די פאַרקראַטעוועטע פארטער־פענצטערלעך פון דער מיליץ־תפיסה האָבן אַרויסגעקוקט אַרעסטאַנטן און געשריגן:

— העי, טאָווארישטש, דאַוואַי זאַקוריט! [3]

אַ שטרענגער מיליציאָנער האָט קיינעם נישט געלאָזט זיך דערנענטערן צו די אַרעסטאַנטן און געדראָט די אַרעסטירטע מיט קאַרצער אויב זיי וועלן שרייען.

דאָס קליינע פענצטערל פון דיזשורנעם מיליציאָנער האָט זיך געעפנט.

פערלמוטער האָט זיך אָנגעהויבן צו שפאַרן צווישן עולם און איינגעטענהט מיט זיינע שכנים פון דער ריי:

— לאָזט מיך צו דעם ערשטן, איך דאַרף גיין צו דער אַרבעט.

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט און געשמייכלט.

פערלמוטערן האָט זיך איינגעגעבן. ער האָט זיך דער ערשטער צוגעשפאַרט מיט די עלנבויגנס צום פענצטערל און דערלאַנגט דער פרוי־באַאַמטין זיינע דאָקומענטן.

זי האָט זיי באַטראַכט איינמאָל און נאָכאַמאָל, באַקוקט פון אַלע זייטן און אים געהייסן אַריינגיין צום אויספאָרשונג־ריכטער.

ער איז אַריין אין קאַבינעט מיטן באַקאַנטן בילד פונעם באַוואָנסעטן בריייט־צעשמייכלטן גרוזינער איבערן שרייב־טיש אויף דער וואַנט. דער אויספאָרשונג־ריכטער, מעלניקאָוו, אַ שטרענגער, גלאָט־ראַזירטער טאָ־

---

[3] חבר, גיב צו פאַרויכערן,

www.libtool.com.cn

טאַר, איז געזעסן אַן אָנגעכמורעטער ביים טיש און געשוויגן. ער האָט פלעגמאַטיש געקוקט אין פּערלמוטערס דאָקומענטן, געדרייט פון אַלע זייטן, מער געקוקט אויפן סופיט ווי אויף פּערלמוטערן. געטומען יאָגן זיך נאָך אַ זלידנער פליג, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין זיין גלאַט־ראַזירטן, גלאַנ־ציקן פּליך.

פּערלמוטער איז געשטאַנען ביי דער וואַנט אַ דענערווירטער און זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף אַ וואָרט פון מעלניקאָוון. צום סוף האָט ער אים אַ זאָג געטאָן:

— טאָוואַרישטש נאַטשאַלניק, איך האָב נישט קיין צייט, איך דאַרף גיין צו דער אַרבעט.

— אוספּעיעש![4] האָט אים מעלניקאָוו בייז געענטפערט.

אַ פּאַרגליווערטער האָט מעלניקאָוו אַרויסגענומען אַ בויגן פּאַפּיר און פּאַמעלעך, ציילנדיק יעדן וואָרט האָט ער אָנגעהויבן אויסצופרעגן ווי ער הייסט, מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך, זיין פאָטערס נאָמען, וואָס ער האָט געטון פריער אין דער היים און נאָך אַזעלכע קשיות און צום סוף אים באַפוילן:

— לייען איבער און שרייב זיך אונטער!

פּערלמוטער האָט דורכגעלייענט זיין אַקט און אים איז פינצטער גע־וואָרן פאַר די אויגן:

— פאַרוואָס אַרעסטירט איר מיך? — האָט ער נישט מיט זיין קול אויסגעשריגן.

— דערפאַר וואָס דו האָסט נישט פאַרלענגערט דיין וואָיענסקי בי־לעט, און דרייסט זיך אַרויס פון מיליטער־דינסט, פּאָניאַטנאָ! — האָט ער ווי וועלנדיק זיך אָפּטשעפּן פון זיין קרבן אַרויסגעזייט צווישן די ציין.

— איך בין דאָך אַ באַפרייטער פון מיליטער — האָט פּערלמוטער געפּרוווט דערווידערן.

אָבער מעלניקאָוו האָט מיט אים מער נישט גערעדט. ער האָט באַ־

---

[4] וועסט באַוויין.

www.libtool.com.cn

פוילן אַ מיליציאָנער אים אויסטאָן דעם פּאַסיק פון די הויזן, די בענדלעך פון די שיך און אָפּפירן אין דער צעלע.

* * *

אַ שווערער גערוך פון דער אָנגעפּאַקטער צעלע אַרעסטאַנטן מיט דער פּאַראַשע ביי דער טיר. האָט אַ שלאָג געטאָן פּערלמוטערן אין נאָז. די אַרעסטאַנטן האָבן אים אַרומגערינגלט און באַזוכט, געזוכט ביי אים טאַבאַק, ברויט.

ער איז געבליבן שטיין און אין האַרצן האָט זיך אים ווי עפּעס אָפּגעריסן. דער טויבער סקריפּ פון דער פאַרשלאָסענער טיר הינטער אים האָט אים דורכגעשווידערט.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער צעלע, צו זוכן אַ ווינקל ווו זיך צו פאַרשטעקן.

איינער פון די אַרעסטאַנטן, אַ געזונטער יונגער אוזבעק, האָט אים אָנגעוויזן אַן אָרט, טאַקע דאָ, ביי דער טיר, לעבן דער פּאַראשע. פּערלמוטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ צעווייטיקטער, אַ פאַרזונקענער אין מחשבות.

די טיר האָט זיך נאָך דריי מאָל געעפנט. מען האָט אַריינגעלאָזט נאָך דריי פּוילישע יונגעלייט. דער גערודער אויפן הויף איז שטילער געוואָרן. ער האָט אַרויסגעבליקט דורכן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל. דער הויף איז שוין געווען פּוסט.

פון דער היינטיקער אָבלאַווע זענען געפאַלן פיר קרבנות.

ער האָט זיך דורכגעשמועסט מיט די אַנדערע אַרעסטירטע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די איבעריקע האָבן בכלל נישט געהאַט קיין מיליטער־ביכלעך. זיי האָבן זיך די גאַנצע צייט געהאַט אַרויסגעדרייט פון וואָיענקאָמאַט. זיי זענען פּוילישע און ווי אַזעלכע דאַרפן זיי בכלל נישט האָבן קיין מיליטער־ביכלעך.

פּערלמוטער האָט זיך דערמאָנט אינעם היינטיקן פרימאָרגן און פאַר זיינע אויגן האָבן זיך געשטעלט די בליקן פון זיינע שכנים פון מוכינס קיביטקע,

www.libtool.com.cn

יאָ, זיי האָבן זיך אַן עצה געטון. די זעלנער האָבן זיי אָפּגעלאָזט דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך גלייך אויפן אָרט אויסגעקויפט.

— געלט איז אויך דאָ אַ כוח — האָט זיך פּערלמוטער אָנגערופן צו איינעם פון זיינע שכנים, אַ גרוזטשיק פון כלאָפּזאַוואָד, יאַנקעלע הירש־פעלד — מען דאַרף האָבן געלט און פאַר געלט קאָן מען זיך דאָ אויך אויס־לייזן פון אַלע צרות.

פּערלמוטער האָט שווער אָפּגעזיפצט און איז געבליבן זיצן רואיק אין זיין טוכלען נאַסן ווינקל אויפן האַרטן דיל, דעם אויסגעפּלאַסטערטן מיט שפּיציקע קליינינקע שטיינדעלעך, אַז מען קאָן פון זינען אַראָפּ פון נאָכאַנאַנדיקן זיצן אויף זיי.

www.libtool.com.cn

אין מיליץ אַרעסט

די טיר האָט זיך האַסטיק געעפנט. אַ מיליציאָנער האָט אַריינגעטראָגן פּייקעס ברויט צו 350 גראַם פאַר יעדן אַרעסטאַנט.

די 35 פּאָרציעס ברויט פאַר די אַלע פאַרשפּאַרטע איז גיך פאַרטיילט געוואָרן. יעדער איינער האָט זיך געזעצט אין זיין ווינקל און אונטערגע־האַלטן די דלאָניע, אַז אַ ברעקל זאָל נישט אַראָפּפאַלן, געשלונגען גיך אַ ביס נאָך אַ ביס.

די זון האָט זיך פּאַסנווייז, אַריינוואַרפנדיק צומערשט קאַרגע שטראַלן שטרייפן, אַריינגעריסן אין דער צעלע.

פּערלמוטער האָט זיך נישט געקאָנט שענקען די גאַנצע זאַך.

ווי איז דאָס מעגלעך — האָט ער זיך אָנגערופן צו הירשפּעלדן — איך האָב געהאַט אַלע דאָקומענטן אין אָרדענונג און גאָר אומגעריכט, אומ־זיסט און אומנישט זאָל איך אַרעסטירט ווערן.

— אַזוי איז שוין — האָט הירשפּעלד געענטפערט — אומשולדיקע פאַלן דאָ אַריין זייער לייכט. מען איז קיינמאָל נישט זיכער מיטן לעבן.

די אַלטע אַרעסטאַנטן זענען זיך געזעסן און דערציילט לאַנגע גע־שיכטעס. אַן עלטערער רוס, וועמען מען האָט געכאַפּט אין אַ פּריערדיקער אַבלאַווע, האָט דערציילט אַ לאַנגע געשיכטע. אַלע האָבן אויסגעהערט מיט אָפענע מויל און אויערן.

דער דאָזיקער רוס, שוין אַן עלטערער, פון אַ יאָר 55, איז געווען אַ מאַדים אין דערציילן. זיין אופן דערציילן האָט געווירקט, מען האָט גע־זען פאַר זיך אַ פּיפּיקן רוסישן אינטעליגענט אויף וועלכן די תפיסה מאַכט שוין נישט קיין איינדרוק. מען האָט עס אַרויסגעפילט אין זיינע באַנע־מונגען צו די נייע שכנים.

אין אָוונט, נאָכן באַקומען די וואַסערדיקע יושקע, וואָס צוויי אַרעס־טאַנטן האָבן געבראַכט אונטער אַ שטאַרקער באַגלייטונג פון מיליציאָנערן, האָט דער אַלטער רוס איוואַנאָוו. דערציילט פּערלמוטערן, וועמען ער האָט

www.libtool.com.cn

גלייך מקרב געווען און אויסגעפּועלט ביים עלצטן פון דער צעלע, דעם הויכן שיינעם און געזונטן אוזבעק, ער זאָל אים געבן אַן אָרט ביי דער וואַנט און נישט דאַרפן ליגן ביי דער פּאַראַשע.

דער הערשער פון דער צעלע, דער הויכער און שיינער אוזבעק, האָט דעזערטירט פון דער אַרמיי און וואַרט דאָ רואיק אויף זיין פּראָצעס.

— ווסיאָ ראַוונאָ[3] — האָט ער זיך גדלותדיק געקלאַפּט אין האַרצן אַריין — איך וועל אויפן פראָנט נישט גיין, מען וועט מיך פאַרמשפּטן און אַוועקשיקן אויף דער ערשטער פראָנט־ליניע, וועל איך ווידער אַנטלויפן. בעסער אין טורמע ווי אויפן פראָנט. מיט מיר וועלן זיי גאַרנישט מאַכן, מערזאַווצי — האָט ער זיך געזידלט אין דער מאַמען אַריין מיט עקסטאַז, ווי ער וואָלט אין דעם אַריינגעלייגט זיין גאַנץ לייב און לעבן.

אים, דעם באַלעבאָס פון דער צעלע, איז דאָ געווען זייער גוט. יעדן טאָג האָט מען אים געבראַכט גוטע „פּערעדאַטשעס" פון נאָענטן קאָלכאָז. פרישע ווייסע לעפּיאָשקעס[4], פּוטער און אייער, פלייש און פרוכטן. ער איז געזעסן רואיק און געגעסן. שיריים פלעגט ער בלויז צוואַרפן וועמען ער האָט געהאַט. אויסער דעם האָט ער פון אַלע פּערעדאַטשעס וואָס מען האָט פון דער פריי אַריינגעשיקט פאַר די אַרעסטאַנטן, אַליין אַראָפּגענומען אַ העלפט פאַר זיך און פאַר די אַלע שטאַרקע, וואָס האָבן אים געהאָלפן אין זיין שטרענגער הערשאַפט.

פערלמוטער איז געלעגן איינגעקאַרטשעט אין זיין ווינקל און יעדעס שפּיציק שטיינדל האָט אים פאַרוווּנדעט זיין לייב. די נייע סביבה האָט אויף אים דערדריקנדיק געווירקט. די ווולגאַרע געשרייען און זידלערייען פון דער פרויען־צעלע איבער דער וואַנט האָבן אים געגרילצט אין די אויערן. די אַרעסטאַנטן האָבן זיך געוויילט און געלאַכט.

— וואָס וועט זיין — האָט זיך פערלמוטער געווענדעט צו הירש־פעלדן — מיר זענען דאָך פאַרלוירן, ווער ווייסט צי מיר וועלן שוין אַרויס פון דאַנען.

---

3 אַלצאיינס.

4 פלעצלעך.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

— יאָ — האָט הירשפעלד אָפּגעזיפּצט — דאָ איז אַ ברייטע טיר אויף אַריין און אַ שמאָלע אויף אַרויס.

פּערלמוטער האָט געהאַפּט, אפשר וועט זיך ווער געפינען וואָס וועט אים וועלן אַרויסראַטעווען פון דאַנען. אפשר זיין נאַטשאַלניק פון זאַוואָד, קופּעריאַנאָוו, אפשר זיינע שכנים פון מוכינס קיביטקע, מען קאָן דאָך מעלניקאָוון אָפּקויפן, ער איז אַ געריבענער חברה־מאַן, פאַר געלט מאַכט ער אַלץ. מיט די דאָזיקע האָפענונגען איז פּערלמוטער אַ מידער איינגע־שלאָפן.

* * *

מען גייט היינט אין דער באַניע[5]. אַ סך פון די אַרעסטאַנטן גרייטן זיך, אַז נאָך דער באַניע וועט מען זיי אָפּשיקן אין דער צענטראַלער תפיסה און דאָרט אַהין וויל קיינער נישט גיין. פון דאָרט פירט דער וועג צום לאַגער אָדער אויף די ערשטע פראָנט־ליניעס.

דער עולם אַרעסטאַנטן ווערט אַרויסגעיאָגט פון אַלע צעלעס אויפן הויף. אַרומגערינגלט מיט מיליץ מוזן אַלע זיצן אויף די שפּיצפינגער פון די פיס איינגעבויגן. מען ציילט אַ סך מאָל. מיט אָנגעשטעלטע באַגנעטן, מיט שפּיר־הינט ביי די זייטן פירט די מיליץ די אַרעסטאַנטן־גרופּן אין באַניע. דער אָנפירער פון קאַראַוואַן, גייט מיט אַ פּייפל אין מויל און שטעלט אָפּ די גאַנצע באַוועגונג אויף דער גאַס. מענטשן מיידן אויס צו קוקן אין דער זייט פון דער אויסטערלישער פּראָצעסיע.

פּערלמוטער גייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ צו דער ערד. ער שעמט זיך צו קוקן, אפשר וועט ווער פאַרבייגיין. ווי אַ שווערער פאַרברעכער מאַרשירט ער דאָ אינאיינעם מיט אַלע.

די אַרעסטאַנטן טאָרן נישט לאַנג זיין אין באָד. אין געציילטע מי־נוטן דאַרפן זיי זיין אויסגעבאָדן. זייערע זאַכן ווערן אויסגעפּרייעט אין „וואָשאָ־באָיקע" [6]. גלייך נאָר ווי זיי קריגן זייער אָנטועכץ ווערן זיי אָפּ־געפירט צוריק אין דער תפיסה. וועד עס איז באַשטימט אָפּגעשיקט צו

[5] באָד.

[6] דיזענפעקציע־קאַמער.

www.libtool.com.cn

ווערן ווייטער... ווערט שוין נישט אַריינגעלאָזט אין דער צעלע, און בלייבט וואַרטן אויפן הויף.

צווישן די אָפּגעשיקטע אין דער תפיסה האָט זיך אויך געפונען דער שעף פון דער צעלע, דער יונגער אוזבעק וואָס האָט דעזערטירט פון דער אַרמיי.

די „מאַכט" האָט דערווייל איבערגענומען דער שעף פון דער מינדער־יעריקער גנבים־באַנדע, אַ ווילד חוצפּהדיק שגצל, וואָס האָט אויף אַלע גרויסע אָנגעוואָרפן אַן אימה. שוין ביי די יינטיקע „פּערעדאַטשעס" האָט ער ביי יעדן צוגענומען דאָס בעסטע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַלע שטאַרקע עסן דעם גוטן מיטיק.

די אויגן פון די אַרומיקע זענען געווען אָנגעשפּיזט צו יענעם ווינקל וווּ די חברה לאָזט זיך וווילגיין פון יענעמס „פּערעדאַטשעס". הירשפעלד האָט אויך באַקומען צוגעשיקט אַ „וואַלוווקע". אים האָט פאַרדראָסן די חוצפּה פון די יונגע שקצים. פון רציחה האָט ער זיך נישט געקאָנט באַ־הערשן. ער איז צוגעלאָפן צו זיי און צוגעכאַפּט וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט. עס איז אויסגעבראָכן אַ ווילד געשלעג. גופים האָבן זיך איינגע־קנוידערט איינער אין אַנדערן. די געשרייען און געוואַלדן האָבן צונויפגע־בראַכט אַלע מיליציאָנערן אַהער. דער נאַטשאַלניק פון דער מיליץ האָט זיך אַריינגעריסן אין דער צעלע. נישט קוקנדיק ווער און וואָס האָט ער גע־קאָפּעט אין די בייכער, געהאַקט איבער די קעפּ, וווּ עס האָט זיך נאָר גע־לאָזט.

עס איז באַלד געוואָרן שטיל, אומהיימלעך שווער. קיינער האָט נישט געוואַגט צו דערציילן וואָס דאָ איז געשען.

די תפיסה־מאַכט איז אַוועק מיט גאָרנישט. ס'איז זיי אויך נישט קיין גרויסער חילוק צוליב וואָס מען שלאָגט זיך אין די צעלעס.

דער אַלטער געניטער אַרעסטאַנט איוואַנאָוו, האָט געוואָלט אַביסל אַנטשפּאַנען די נערוון. ער האָט גענומען דערציילן איינע פון זיינע וווּנ־דערבאַר־שיינע געשיכטעס. די שטימונג איז געוואָרן אַן אַנדערע. אַלע האָבן פאַרגאַפּט געהערט. נאָר זייערע צעקאָפּעטע און אָנגעווייטיקטע אברים האָט זיי נישט געלאָזט פאַרגעסן אינעם געשלעג.

www.libtool.com.cn

פערלמוטער איז געזעסן און זיך צוגעהערט צו איוואַנאַווס מעשיות. דער אַלטער איוואַנאַוו האָט געקאָנט מאַכן פאַרגעסן אין אַלע שווערע צרות און יסורים.

הירשפעלד איז געזעסן מיט פאַרביסענע ליפּן, מיט אַ צעבלוטיקטער נאָז און צעדראַפּעטן פּנים. יעדער גליד האָט אים ווי געטאָן. ער איז צו־פרידן וואָס ער האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד די דאָזיקע לאָבוזעס. זיי וועלן שוין איצט נישט זיין אַזוי חוצפּהדיק און געמיין.

— מען דאַרף זיך נישט לאָזן פון זיי — האָט הירשפעלד אין דער שטיל גערעדט צו פערלמוטערן, נישט וועלנדיק שטערן די דערציילונג פון איוואַנאָוון — ביי מיר וועלן זיי מיט גוטן אויך גאָרנישט באַקומען. אַזעל־כע שנעקעס. זיי וועלן מיר פאַר דער נאָז נישט פירן.

די טיר האָט זיך געעפנט מיט אַ פאַרזשאַווערטן סקריפּ. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער יונגער, שיינער אוזבעק, דער פריערדיקער שעף פון דער צעלע, מיט אַ צופרידענעם שמייכעלע אויף די פולבלוטיקע ליפּן. ער האָט אַרויסגעשטעלט צוויי רייען ווייסע פּערלדיקע ציין און האָט אַ זאָג געטאָן:

— ניע נאַשלי דוראַקאַ [7]. איך וועל זיך אַן עצה געבן מיט זיי.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד מיט די פיס הינטער זיך און אַ צופרידענער געענטפערט די נייגעריקע אויגן וואָס זענען געווענדט צו אים:

— איך האָב אין דער באַניע אַריינגעלייגט אין אַ קעסטעלע פון שוועך־בעלעך עטלעכע לייז און ווען די באַרישניאַ [8] אין דער צענטראַלער תפיסה, האָט געמאַכט די רעוויזיע, ציּ עס זענען נישט פאַראַן קיין לייז, האָט זי ביי מיר געפונען די דאָזיקע מציאה און מען האָט מיך נישט אָנגענומען. אָ־אָ, מיך וועלן זיי אַזוי לייכט נישט איינבייסן.

די אַלע ווילדע יונגען פון דער צעלע האָבן זיך אַרומגעכאַפּט מיט

[7] זיי האָבן נישט געפונען קיין יאָלד.
[8] פריילין.

www.libtool.com.cn

אים קושן. אין זייער אויגן איז ער אויסגעוואַקסן ווי אַ גרויסער העלד, נאָך אַ גרעסערער ווי די העלדן פון איוואַנאָווס דערציילונגען.

דער יונגער אוזבעק האָט צוריק איבערגענומען זיין ממשלה. זיין היינטיקער פּאַרטרעטער האָט אים באריכות דערציילט וועגן דעם געשלעג און די חוצפּה פון הירשפעלדן.

— סלושאַי — האָט ער אַ וווייז געטאָן מיט דער האַנט צו הירשפעלדן, נאָכן לאַנגן געשפּרעך מיט זיינע חברים — מער זאָלסטו קיין שטאַרקער נישט זיין. ביי אונדז גייט עס נישט. וועסטו זיין אַ מענטש, וועט מען דיך טאָלערירן ווי אַ מענטש, דו פּאָלסקי פּאַן [9] און אויב נישט, וועלן מיר דיך בייקומען; מיר האָבן שוין גרעסערע און שטאַרקערע פון דיר בייגעקומען.

— פאַר דיין חוצפּה — האָט ער די פאַרלאָפענע אויגן פון רציחה אַרויסבאַלושעט אויף הירשפעלדן — באַשטראָפן מיר דיך; וועסט שלאָפן אַ גאַנצע וואָך ביי דער פּאַראַשע.

[9] פּוילישער פּריץ.

www.libtool.com.cn

אין דער צענטראַלער טורמע

מעלניקאָוו האָט זיך נישט געלאָזט אָפּבלאַטירן. די סומע, וואָס פּערל־מוטערס שכנים האָבן פאַרגעלייגט, האָט אים נישט באַפרידיקט און מער האָבן זיי נישט געקאָנט געבן.

פּערלמוטער איז ווייטער געזעסן, אַ רעזיגנירטער און פאַרלוירענער. ער האָט זיך שוין צוגעוווינט צום געדאַנק, פּונקט ווי מען געוווינט זיך צו צו די אַלע צרות.

איינעם אַ באַגינען האָט מען דער גאַנצער צעלע מענטשן געפירט אין דער באַניע, אָפּגעשוירן די האָר און פּאָד־עטאַפּאָם אָפּגעפירט אין דער צענטראַלער סאַמאַרקאַנדער תפיסה.

אַ שטיק צייט איז אויסגעקומען צו וואַרטן פאַרן הויפּט־טויער, אייידער די טורמע־אַדמיניסטראַציע האָט באַוויליקט אויפצונעמען די נייע אַרעסטאַנטן. מען האָט זיך דאָרט זייער לאַנג געדונגען וועגן ערטער, ביז נאָך גרויסע שוועריקייטן זענען די פאָרמאַליטעטן דערליידיקט געוואָרן. דאָס טויער האָט זיך ברייט געעפנט און די גאַנצע גרופּע פון אַ מאַן דרייסיק איז אַריין אינעווייניק.

יעדער אַרעסטאַנט איז אדורך אַ ספּעציעל צימער, ווו אַ יונג מיידל האָט באַפוילן יעדן זיך אויסטאָן נאַקעט און האָט ביי זיי זייער זאַרגפעל־טיק געזוכט לייז.

פון דער גאַנצער גרופּע האָט מען צוריק אָוועקגעשיקט אייניקע, די טורמע האָט זיי נישט אָנגענומען, ווייל די באַרישניע האָט געפונען דאָס וואָס זי האָט געזוכט... צווישן זיי איז ווידער געווען דער שעף פון דער צעלע, דער יונגער, שיינער אוזבעק.

ווען מען האָט די צוריקגעשיקטע אויסגעשטעלט אין דער ריי צו גיין צוריק, האָט דער יונגער אוזבעק מיט אַ שטאָלץ אויפגעהויבענעם קאָפּ אַ זאָג געטאָן:

www.libtool.com.cn

— מיך בייסט מען אַזוי גיך נישט איין...

* * *

די 17טע קאַמער אין דער צענטראַלער סאַמאַרקאַנדער תפיסה, האָט געהאַט אָרט בלויז פאַר אַ צוואַנציק מענטשן, נאָר זי האָט זיך אָנגעפילט מיט זעכציק אַרעסטאַנטן, וואָס זענען געלעגן אויסגעלייגט כמעט אייגער אויפן אַנדערן.

די ווייס־געקאַלכטע ווענט זענען געווען אויסגעשמירט מיט רויטע בלו־טיקע פּאַרוואַנצטע פלעקן, וואָס האָבן געשוויבלט און געווימלט אומעטום אויף דער ערד, אין די ווינקלען און זייטן, איבער די ווענט און סופיט. דאָ איז געווען אַ געמיש פון פעלקער און שפּראַכן; יידן, אוזבעקן, טאַטאַרן, קאַזאַכן, רוסן, אוקראַינער, פּאָליאַקן, טשעכן. יעדע נאַציאָנאַלע גרופּע האָט זיך געהאַלטן באַזונדער איז איר ווינקל. די דאָמינירנדיקע גרופּע איז גע־ווען די אוזבעקישע, וואָס האָט צוזאַמען געגעסן, זיך געטיילט מיט די אַריינבאַקומענע פּערעדאַטשעס.

דער אוזבעקישער עולם איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער, נאָר דער געמיינזאַמער גורל האָט זיי פאַראייניקט. דאָ איז געזעסן פאַר מיסברויכן אַ דירעקטאָר פון אַ גרויסער פאַבריק. אים האָט דערוואַרט אַן אורטייל פון 10 יאָר ביז טויט־שטראָף, לויטן „סטאַטיאַ"[1] פון 7טן אויגוסט, וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן נאָר לגבי גרויסע פאַרשווערער. אַ „ראַאיס"[2] פון אַ קאָלכאָז, אַ דורכגעפאַלענער צוליב גניבה און דאָס רוב דעזערטירן, אוז־בעקן וואָס האָבן זיך איינגעעקשנט נישט צו גיין אויפן פראָנט.

די יידן האָבן געהאַט אויף זיך דעם חטא פאַר נישט וועלן אָננעמען קיין סאָוויעטישע פּאַספּאָרטן און זיך נישט צושטעלן צום וואָיענקאָמאַט, ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז אויף זיי איז נישט חל דער וואָיענקאָמאַט. זיי זענען נישט קיין סאָוויעטישע בירגער.

אַ קליינע צאָל, אַ נישט אָנזעעוודיקע, זענען דאָ געזעסן גנבים, איי־

---

1 קאַפּיטל.
2 פאָרזיצער.

www.libtool.com.cn

בּ. טערקעל

ניקע באַנדיטן־איינברעכער און אַן אוזבעק וואָס האָט דערמאָרדעט זיין פרוי.

די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט זיך געהאַט איר מאָראַל און שטייגער־לעבן. דאָ האָט מען זיך געמוזט האַלטן לייטיש און סטאַטעטשנע.

די גרויסע פּאַראַשע ביי דער טיר האָט געאַווירט מיט איר ספּעציפישן גערוך און שווער געמאַכט די אַזוי אויך שווערע לופט פון קליינעם צימערל, אין וועלכן עס האָבן געאָטעמ'ט זעכציק מענטשן. די טראָפּישע היצן זענען געווען נישט אויסצוהאַלטן. די צוויי קליינע פּאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך ביים סופיט האָבן דורכגעלאָזט מיזערנע שטראַלן פון דער זון. די לופט איז געווען אָ געדיכטע, אַ געפרעסטע — שווער צו אָטעמען.

די אַרעסטאַנטן זענען געזעסן אויף דער ערד און געפּרייכט ווי די בערן. די פּנימער געל מיט אויסגעלאָשענע אויגן.

יעדער אַרעסטאַנט איז געווען באַהאַוונט אין אַלע סטאַטיאַס און גע־ווּסט וויפל יאָרן אין טורמעס און לאַגערן יעדן איינעם דראָט.

די הויפּט־באַשעפטיקונג ביי די אַרעסטאַנטן איז געווען צו מאַכן איינער דעם צווייטן מאַסאַזשן, זיך טאַטואירן דאָס לייב מיט ספּעציעלע אָנגעברענטע נאָדלען, וואָס זענען טראָץ דער שטרענגער רעוויזיע אַריינגע־שמוגלט געוואָרן אין דער צעלע. אין דערציילן זיך חלומות און פּותר־חלום זיין. יעדער איינער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב איבערצודערציילן זיין חלום צענדליקער מאָל און זוכן אין אים אַ באַשייד וועגן דער באַפרייאונג.

פּערלמוטער איז געזעסן אין געהאַקטע צרות אין זיין ווינקל און שטיל זיך צוגעקוקט צום אַרום. די נייע סביבה האָט אים אינגאַנצן צעבראָכן.

אויך דאָ האָט איינער פון דער מיליץ־צעלע, אַ יונגער רוס, געוואָלט אָנגיין פאַר אַ שטאַרקן און זיך צעטיילן מיט די אַריינבאַקומענע פּערעדאַ־טשעס. אָבער דאָ איז עס נישט געגאַנגען אַזוי לייכט: דאָ איז געווען אַן אַנדערע דיסציפּלין. ביים ערשטן פּרווו זיינעם האָבן אים די אוזבעקן אַזוי צעממיתט, אַז די געוואַלדן זענען דערגאַנגען צו נאַטשאַלסטווע. מען האָט דעם „שטאַרקן" אָפּגעפירט אין קאַרצער אויף איבער נאַכט און די אוזבעקן האָבן זיך קוים געקאָנט באַרויקן:

— אַזאַ מערזאַוויעץ — האָט דער דירעקטאָר פון דער פאַבריק זיך

www.libtool.com.cn

געקלאָגט — מיט געוואַלד גאָר. ביסט הונגעריק — בעט, וועט מען געבן, אָבער נישט נעמען מיט געוואַלד. ביי אונדז וועט עס נישט גיין — האָט ער געטענהט, וועלנדיק געבן אָנצוהערן, אַז טאָמער וועט נאָך עמעצער זיך דערוועגן צו דערצידירן אויף אַזאַ שריט, וועט ער האָבן יענעמס סוף.

איינער אַ יונגער רוסישער שגץ, האָט נישט געקאָנט באַהערשן זיין הונגער און ביינאַכט אַרויסגעשלעפּט ביי זיין שכן פון אונטערן צוקאָפּנס אַ שטיקל ברויט. אויף מאָרגן, ווי מ'האָט נאָר אַנטדעקט די גניבה, דער גנב איז דערמאַסקירט געוואָרן, האָט אים יעדער איינער געמוזט געבן שמיץ. דאָס לעבן האָט זיך נאָרמאַליזירט אין דער איינגעשטעלטער שווערער דיסציפּלין.

* * *

אינדערפרי האָט מען אַרויסגערופן עטלעכע אַרעסטאַנטן. אַ פּאָר שעה שפּעטער זענען זיי צוריקגעקומען אין דער צעלע מיט אויסגעלאָשענע אויגן, רעזיגנירטע. גלייך ביי דער טיר, האָט אַ יונגער אוזבעק קוקנדיק אויף די פרעגנדיקע בליקן פון די אַרומיקע, צונויפגעלייגט זיינע דלאָניעס און צוויי מאָל אַ פּאַטש געטאָן מיט די צען פינגער:

— אַ „פּאָלוטשקע“ [3] פון צוואַנציק יאָר — און ווי נישט אים וואָלט דאָס אומגליק געטראָפן, האָט ער זיך צוגעזעצט אויף זיין אָרט און זיך גענומען צו דער אכילה.

אַ צווייטער אוזבעק, איז פון געריכט געקומען באַרייכערט מיט נאָך 10 יאָר, אָבער נישט אין קיין לאַגער, מען וועט אים שיקן אויף די ערשטע פראָנט־ליניעס.

— ווסיאָ ראַוונאָ [4] — האָט ער זיך געהיצט — איך וועל נאָכאַמאָל אַנטלויפן פון פראָנט. איך וויל בעסער זיצן אין תפיסה איידער גיין אויפן פראָנט. מיט מיר וועלן זיי גאָרנישט מאַכן. זיי זיצן אַלע אין טיל, זויפן און פרעסן, טוען אַלע געמיינקייטן און מיר וועלן זיי שיקן כ'זאָל לייגן

---

[3] אַ גאָב.

[4] אַלצאיינס.

www.libtool.com.cn

דעם קאָפּ פאַר זייערטוועגן. ניע פּאַידו[5], אַנאַניעסקי[6], האָט ער זיך גע־זידלט און געביילט די פויסטן צו דער טיר.

פּערלמוטער איז געזעסן לעבן הירשפעלדן און זיך איבערגעקוקט מיט אים.

—ווער ווייסט מ׳יט וויפל יאָרעלעך מיר וועלן אָפּשניידן, — האָט הירשפעלד געזאָגט אַ רעזיגנירטער, — זעסט דאָך מיט וואָס פאַר אַ „פּאָלוטשקעס" מען קומט צוריק פון געריכט.

— זיי קאָנען מיך דאָ נישט פאַרמשפּטן — האָט זיך פּערלמוטער געוועוּרט — איך בין דאָך אין אָרדענונג. אַלע דאָקומענטן זענען ריכטיקע, דאָ איז דאָך געווען אַ פּשוטער טעות.

— דיר איז ווויל — האָט הירשפעלד געענטפערט — דו קאָנסט זיך כאָטש טרייסטן. עס איז אַ שווער קאַפּיטל דורכצומאַכן.

* * *

דאָס לעבן אין דער תּפיסה האָט זיך געצויגן פויל, קאַלעמוטנע און לאַנגווייליק. יעדן טאָג דאָס זעלבע. מען האָט געציילט די טעג, וואָכן און חדשים. יעדן טאָג האָט מען אַריינגעבראַכט די באַשולדיקונגס־אַקטן. יעדן טאָג האָט מען פון דער צעלע אַרויסגענומען אַרעסטאַנטן מיט די זאַכן און זיי אָפּגעשיקט אין די לאַגערן און יעדן טאָג זענען צוגעקומען אייניקע נייע קרבנות.

פּערלמוטער האָט קיין באַשולדיקונגס־אַקט נישט באַקומען. ער האָט געוואַרט אויף דער אומבאַוווסטקייט און געהאָפט.

די טיר האָט זיך האַסטיק געעפנט און דער קלוטשניק האָט אַ גע־שריי געטאָן:

— הירשפעלד, דאַוואַי ס׳ווישטשאַמי![7]

הירשפעלד האָט שנעל אַ כאַפּ געטאָן די פּאָר שמאַטעס און מיט שרעק

---

[5] כ׳וועל נישט גיין.

[6] אַן אוזבעקיש זידל־וואָרט.

[7] נעם די זאַכן.

www.libtool.com.cn

אין די אויגן זיך אַרומגעקוקט, געוואָרפן אַ לעצטן בליק צו די אַרעסטאַנטן און די טיר האָט זיך מיט אַ סקריפּ געשלאָסן.

— ער איז באַפרייט — האָט זיך אָפּגערופן דער געוועזענער דירעקטאָר פון דער פאַבריק — אים האָט מען אומאָזשעט די דיעלאָ [8], אַ גליקלעכער חברה־מאַן — האָט ער געצמאָקעט מיט די ליפּן. אַ שטאַרקע הנאה האָט אַלעמען אַרומגענומען. אין דער צעלע האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט.

פערלמוטער האָט די גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט צוטון מיט קיין אויג. ער איז שוין מקנא געווען הירשפעלדן, וואָס איז אויף דער פריי. אָבער פאַרוואָס זיצט ער נאָך אַלץ? — האָט אים געעקבערט אין מוח. הירשפעלד האָט נישט געהאַט קיין „וואָיענסקי־בילעט" [9] און איך האָב דאָך אַלע דאָקומענטן אין אָרדענונג.

נישט אַנדערש, אַז פאַר הירשפעלדן האָט עמעץ אינטערווענירט און זיך געלאָזט קאָסטן געלט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך פערלמוטער געוואָרפן אויף אַלע זייטן. דער דערנעבנדיקער שכן האָט אים געזידלט, געשאָלטן מיט טויטע קללות. פערלמוטער האָט אין זיין צעטראָגנקייט נישט געלאָזט איינשלאָפן זיינע שכנים. אַ שווערע נאַכט מיט קאָשמאַרן און שרעקנדיקע חלומות האָט ער דורכגעמאַכט און איז אַלע ווייל אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ קאַלטן שווייס.

— אויב מען האָט הירשפעלדן באַפרייט און מיך נישט — האָט אים געפּייניקט אַ שווערער געדאַנק — וועל איך שוין דאָ בלייבן ביז צום פּראָצעס, נאָכדעם אין אַ לאַגער. דאָרט בין איך שוין פאַרפאַלן אויף אייביק. איך וועל מער שוין נישט אָנזען די ליכטיקע שיין.

די נאַכט האָט זיך פאַר אים געצויגן ווי הייסע סמאָלע, זיך שווער געלייגט אויפן מוח, אויף אַלע אברים און געשווערט אויף אים ווי אַן אומגעהויערע דערדריקנדיקע משא.

* * *

[8] פאַרריבן די ספּראַווע.
[9] מיליטעריש ביכל.

www.libtool.com.cn

אַ גאַנצן טאָג האָט יעדער שאָרך אין טיר דענערווירט פּערלמוטערן. ער האָט געהאָפּט מ׳זאָל אים אַ ליאַדע מינוט געבן אַ רוף אַרויס, אָבער אומזיסט. ער איז געזעסן אַן איינגעשלאָסענער אין זיך, אים איז שווער געווען אויסצוריידן אַ וואָרט צו עמעצן. דאָס עסן איז נישט געקראָכן אין האַלדז. יעדער אָפּהילך פון טריט איבערן קאָרידאָר האָט אים אויפגעשוי־דערט און אויפגעריסן פון אָרט.

די שמועסן אין דער צעלע זענען צו אים דערגאַנגען ווי ווייטע אָפּ־קלאַנגען. מיט אויסגעלאָשענע אויגן האָט ער געקוקט צום טיר־פענצטערל און געזוכט אַן ענטפער אויף זיין שווערער פּייניקנדיקער פראַגע:

— וועל איך אַרויס פון דאַנען? אויב הירשפעלד איז באַפרייט איז דאָך מיין פאַרברעכן אַ קלענערער. טאָ פאַרוואָס זיץ איך נאָך?

www.libtool.com.cn

צוריק אויף דער פריי

די גאַנצע נאַכט איז פערלמוטער געשלאָפן. ער האָט זיך באַרואיקט. ער האָט שוין שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, נישטאָ קיין אַנדער ברירה, מן הסתם דאַרף עס אַזוי זיין.

דער טאָג איז אים אַדורך אָט ווי אַלע אַנדערע טעג אין דער תפיסה. ער איז געזעסן און זיך צוגעהערט צו אַלע דערציילונגען פון די שכנים, זיי האָבן פותר חלום געווען איינע די אַנדערע, זיך געמאַכט מאַסאַזשן און טאַטואירט דאָס לייב.

דער קליוטשניק האָט אויפגעעפנט דאָס פענצטערל און יעדן איינעם געטיילט זיין פּאָרציע זופּ. פערלמוטער איז געשטאַנען אין דער ריי מיט זיין בלעכן שיסעלע אין דער האַנט און געוואַרט.

זיין ריי איז געקומען, דער וועכטער האָט אים אָנגעגאָסן זיין פּאָרציע. ער איז פאַמעלעך מיטן שיסל אין דער האַנט צוגעגאַנגען צו זיין אָרט, גענומען דעם לעפל און צוגעטראָגן צו די ליפּן.

עס האָט זיך האַסטיק אַן עפן געטאָן דאָס אויג פון טירל און אַ וועכטער האָט אויסגערופן:

— פערלמוטער, סאָביעראַיסיאַ ס'וויעשטשאַמי! [1]

פערלמוטער האָט אַרויסגעלאָזט דעם לעפל פון דער האַנט און געבליבן זיצן אַ פאַרשטאַרטער און אָפּהענטיקער.

אַלע אַרעסטאַנטן האָבן זיך איבערגעקוקט און אָנגעשטעלט זייערע בליקן אויף פערלמוטערן וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן אויף דער ערד אַרומגעהילט מיט דער פאַרע פון דער שיסל זופּ.

— פערלמוטער, ביסטראָ! [2] — האָט זיך דער וועכטער אומגעדולדיק געפּאָרעט ביי דער טיר.

---

[1] פאַרנעם זיך מיט די זאַכן.
[2] שנעל,

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

פערלמוטער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, פויל צונויפגעשלעפּט זיין ביסל זאַכן און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— עס אָפּ! — האָט אים אַן אוזבעק נאָכגעשריגן.

— ער וועט שוין אין דער היים עסן, — האָט אַ צווייטער זיך צוגעכאַפּט צו זיין שיסל עסן, זי צוגענומען פאַר זיך.

* * *

אַ לופטיק ווינטל האָט פערלמוטערן אַ שלאָג געטאָן אין פּנים און אים אויסגעטשוכעט. ער איז נאָכגעגאַנגען דעם וועכטער מ׳יט זיין פּעקל בגדים און געשוויגן. זיין האַרץ איז פאַרפלייצט געוואָרן פונעם האַסטיקן בלוטלויף און אַ שטראָם טרערן האָט זיך ביי אים דורכגעריסן...

ער איז אַריינגעפירט געוואָרן אין קאַנטאָר פון דער תפיסה. ענקאַוועדיסטן האָבן זיך געפּאָרעט ביי די אַקטן. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט.

פערלמוטער איז געזעסן ווי אַ פאַרמשפּטער. ער האָט געזוכט מיט די בליקן אַ באַשייד צו דעם אַלעם, און נישט געוווסט, צי ער איז שוין ווירקלעך פריי, אפשר פירט מען אים גאָר איבער אין אַ צווייטער צעלע, אָדער אין אַ לאַגער. עס פאַסירט דאָך, אַז מען פאַרמשפּט אויך אונטער די אויגן.

קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. ער איז געזעסן אַליין אויף דער באַנק מיטן פּעקל זאַכן און געוואַרט.

אין די אָפענע קאַנטאָר־פענצטער האָט זיך אַריינגעריסן אַ שטראָם לופט. פערלמוטער האָט אָפּגעאָטעמט מיט פולע לונגען. שוין לאַנג נישט געפילט דעם טעם פון דער גאַס. אַ פרישע אויפגייענדיקע בלאַסע לבנה האָט זיך אַריינגעשלייכט דורכן אָפענעם פענצטער און זיך אַ שפּיל געטאָן מיט דער העל־בלאַנדער טשופּרינע פון תפיסה־באַאַמטן, און געוואָרפן אַ בלאַסן אָפּשיין אויפן בייזן פאַרכמורעטן פּנים פונעם שטרענגן ענקאַוועדיסט.

אַ זייטיקע טיר האָט זיך געעפנט און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער תפיסה־נאַטשאַלניק זשוקאָוו, מיט אַ מילד שמייכעלע אין די אויגן:

www.libtool.com.cn

— אַנוקאַ, פּערלמוטער, דו ווייסט צוליב וואָס מ׳יר האָבן דיך גע־רופן?

— ניע זנאַיו, — האָט אים פּערלמוטער געענטפערט.

— דו ביסט פריי — האָט ער אים אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע און אים דערלאַנגט זיינע פּאַפּירן.

— איך דאַרף גיין אין וואָיענקאָמאַט?

— זאַ טשעם [3] — האָט געענטפערט זשוקאָוו — דו ביסט דאָך באַ־פרייט פון מיליטער־דינסט, דו האָסט דאָך אַ ווייסן בילעט.

— טאַ פּאַרוואָס בין איך געזעסן?

— פּאָטאָמו [4], ווייל דו ביסט אַ ייד, אַ פּוילישער ייד און אַ דוראַק — האָט ער זיך גיפטיק צעלאַכט מיט אַ דריבנע אָפּגעהאַקט געלעכטערל.

— ? ? ?

זשוקאָוו האָט מיט די פינגער אַ מאַך געטאָן אַ פּאָזיציע ווי מען ציילט געלט.

— וואָט קאַק [5] — האָט ער ווילינגעריש אַ זאָג געטאָן.

— אַ קאַק ניע אימיעל? [6]

— טאָ פּאָ עטאָמו סעדיעל, פּאָניעמאַיעש? [7]

פּערלמוטער האָט באַקומען אַלע זיינע דאָקומענטן, צונויפגעלייגט די זאַכן, פּאַרוואָרפן אויף דער פּלייצע און דער גרויסער אייזערנער טויער פון דער פּראָכאָדנאַי [8] האָט זיך פאַר אים געעפנט אויפן וועג צו דער פריי.

* * *

פּערלמוטער האָט אָנגעהויבן שפּרייזן, זיך גישט אומדרייענדיק צו דער זייט פון דער תפיסה, גיך, גיך. כאָטש די פיס זענען אים געווען גע־

[3] צוליב וואָס.
[4] דערפאַר.
[5] אָט אַזוי.
[6] אַז איך האָב נישט געהאַט.
[7] דערפאַר ביסטו געזעסן, פאַרשטייסט?
[8] דורכגאַנגס־טירל.

www.libtool.com.cn

ליימט פון לאַנגן זיצן אויף איין אָרט, האָט ער געמאַכט די גרעסטע אָנ־שטרענגונגען צו דערגיין צו זיך אין דער קיביטקע אין זשעלעזני־דאָראָזש־נעם ראַיאָן [9]

מ'יט שווערע טריט האָט ער זיך דערשלעפּט צו זיך אַהיים, ער האָט געעפנט דאָס טויערל. ס'האָט אים אין די אויגן אַ בלענד געטאָן דאָס ליכט פון מאַקס זאַריצקיס קיביטקע.

ביים סקריפּ פון טירל האָט זיך דער ערשטער אויפגעכאַפּט גאָטליב.

— האַ! ברוך מתיר אסורים! — האָט ער פרום פאַרגלאָצט די אויגן — וואָס מאַכט איר, פערלמוטער?

באַלד איז די ווייב פון פערלמוטערן געקומען צולויפן פון איר קי־ביטקע. אַ דערפרייטע וואָס ער איז שוין געקומען צוריק, האָט זי זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט, ווי ער וואָלט געקומען פון יענער וועלט.

די שכנים האָבן זיך מיט אים דערפרייט. זיי האָבן איינגעלייגט וועלטן — האָבן זיי געזאָגט — אינטערווענירט ביי מעלניקאָוון, געמאַכט אַלע באַמיאונגען אים אַרויסצונעמען פון דער תפיסה. זיי זענען גליקלעך וואָס עס איז זיי געלונגען.

די גאַנצע נאַכט האָט פערלמוטער נישט צוגעטאָן מ'יט קיין אויג. עס איז שווער געווען איינצושלאָפן אין דער קיביטקע. אים האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז ער איז נאָך אין דער תפיסה, באַלד וועט זיך עפענען ס'טירל, מ'וועט רופן נעמען.

— מען לעבט אַלץ איבער, און צו אַלע צרות קומט אַ סוף — האָט זיך פערלמוטער אָנגערופן צו זיין ווייב. — מיר וועלן נאָך איבערלעבן די מלחמה אויך. און אפשר וועלן מיר דאָך דערלעבן דעם טאָג פון דער אמתער באַפרייאונג — האָט פערלמוטער גערעדט, אַליין נישט גלויבנדיק אין דעם וואָס ער זאָגט.

פערלמוטערס ווייב איז געזעסן אָנגעשפּאַרט ביים טיש אַ פאַרזונקענע אין מחשבות.

— וואָס טוט מען ווייטער? — האָט פערלמוטער איבערגעריסן איר

[9] וואָקזאַל־ראַיאָן.

www.libtool.com.cn

טראַכטן. — מען דאַרף זיך צוריק נעמען צו דער אַרבעט און אָנהייבן זוכן מיטלען צו פאַרדינען אַביסל לייכטער און לעבן מענטשלעכער, אַזוי איז דאָך אוממעגלעך.

— אַלע גיבן זיך אַן עצה און דיר קומט עס אָן אַזוי שווער. מען דאַרף זיך קאָנען צופאַסן צום לעבן. אַלע קאָנען און נאָר דו איינער.. זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, אַז מען טאָר נישט, מען דאַרף נישט. קיינער איז דאָ נישט אַזאַ צדיק ווי דו.

— עס איז שווער — האָט פּערלמוטער געענטפערט — מען דאַרף עס האָבן אין בלוט. די דאָזיקע זאַכן לערנט מען זיך נישט אויס אַזוי גיך.

— גלויב מיר — האָט ס׳ווייב זיינס זיך געהאַלטן ביי ס׳איריקע — קיינער האָט עס אין דער היים נישט געקאָנט, און דאָך לעבן דאָ אַלע פון גניבה, ווער ווייניקער און ווער מער. מען מוז איבערלעבן די שווערע צייט. דאָ איז נישט פאַראַן קיין שום רחמנות. דער וואָס גנבעט, עסט און וויל קיינעם נישט העלפן. יעדער ריזיקירט מיטן לעבן, כדי צו דערהאַלטן דאָס לעבן, און אַלע מיטלען זענען כשר, ווייל אַנדערש קאָן מען נישט לעבן. איצט, נאָך דעם ווי דו ביסט אַרויס פון דער תפיסה, מוזסטו קומען צו זיך און עס איז דאָ נישט פאַראַן קיין שום אַנדער מיטל, ווי נעמען פון לעבן דאָס אַלץ, וואָס ס׳לאָזט זיך נאָר..

פּערלמוטער איז אַרויס אויפן הויף, זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז מיט אָנגעשטעלטע אויגן צום קלאָרן לייכטנדיקן הימל. פאַר די אויגן איז אים געשטאַנען דאָס אדורכגעלעבטע און אדורכגעמאַכטע אין פּיין און נויט און אַזויפיל אומגעהויערע ליידן. פאַר די אויגן האָט זיך באַוויזן דאָס געשטאַלט פון זיין פאָטער, דאָס לעצטע מאָל ביי דער באַן־ראַמפּע בעת דער פאַרשיקונג און אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט האָט אים ארומגענומען.

— ווער ווייסט, צי לעבן נאָך אונדזערע דאָרט. זיי האָבן נישט אַפילו די דאָזיקע שווערקייטן, דאָרט איז ערגער, אויב זיי לעבן נאָך, ווער ווייסט...

— דאָ לייד איך הונגער — האָט פּערלמוטער גערעדט אַ פאַרביטערטער — איך שטיי אויס צרות, דאָך לעב איך, אמת שווער, אָבער אָן פּחד. אויב איך וועל זיך נישט אַריינלאָזן אין די דאָזיקע טונקעלע געשעפטן,

www.libtool.com.cn

איך וועל ניט גנבענען, וועל איך זיכער אַלץ קאָנען איבערלעבן און אַהיימ־קומען. אויב אַזאַ היים וועט נאָך עקזיסטירן. עס איז שווער, אָבער קיין אַנדער ברירה איז נישטאָ.

— נויט ברעכט אייזן — האָט דאָס ווייב אין אים אַריינגערעדט.

— אָט ווי דו האָסט זיך פאַרנומען וועט דיר נישט געלינגען צו דערגיין צו קיין ברעג. די מלחמה איז ווייט נאָך נישט פאַרענדיקט. ווער ווייסט ווי לאַנג זי וועט דויערן. מען דאַרף זיך נעמען אין די הענט. זעסט דאָך, דיך האָט מען איינגעזעצט אין תפיסה פאַר גאָרנישט, כאָטש אַלע דיינע דאָקומענטן זענען געווען אין אָרדענונג און זאַריצקי האָט גלייך די זעל־נער אַריינגעשטעקט עטלעכע הונדערט רובל, איז אַלץ געווען דערליידיקט. דו ביסט אָפּגעקומען פאַר גאָרנישט. נאָך גוט וואָס מעלניקאָוו האָט זיך געלאָזט שמירן און זאַריצקי האָט געגעבן, אַז נישט וואָלסטו נאָך געזעסן, ווער ווייס ווי לאַנג, און דאָרט פאַרפוילט געוואָרן.

— יאָ, יאָ, איך פאַרשטיי — האָט זיך פערלמוטער געוועדט — כ׳בין נאָר וואָס אַרויס און דו ווילסט כ׳זאָל צוריק אַריין. דערצו דאַרף מען האָבן בלוט.

— דו ווייסט נישט וויפל מיר זענען זיך אָנגעלאָפן צו מעלניקאָוון, וויפל מאָל מיר האָבן אים געבראַכט צו שלעפּן אַהער און וויל ער האָט געוווסט, אַז מען וויל דיך אויסקויפן, האָט ער כסדר געפאָדערט מער און מער.

* * *

די שאַקאַלן אין די אַרומיקע היילן האָבן זיך ווילד צעוואָיעט און צו זייער כאָר זענען צוגעשטאַנען די שאַקאַלן פון דער רוסישער „קלאַדביש־טשי״ [10], וואָס האָבן זיך פאַראייניקט מיטן געביל פון די שכנישע הינט.

אויך קאַזבעק, מוכינס גרויסער געלער הונט, האָט פאַרריסן די מאָר־דע צו דער לבנה. ער האָט זיך הויך און לאַנג צעוואָיעט אין דער אומ־היימלעכקייט פון דער נאַכט.

— דאָס דאָזיקע געוואָי פון די שאַקאַלן דענערווירט מיך — האָט

[10] בית־עולם.

www.libtool.com.cn

זיך פערלמוטער פאַרשטאָפּט די אויערן מיט די פינגער — זיי קלאָגן איבער מיינע יאָרן, באַוויינען מיך מיט זייער געוואָי, ווער ווייסט צי באַוויינען זיי ניט דעם גרויסן חורבן פון אונדזער היים...

לאַנג און אומהיימלעך האָבן די שאַקאַלן זיך געלאָזט אויף אַ וועטגעיעג ווער ווען ס׳וועט איבערשרייען און פאַרטויבן מיט זייער שרעקלעכן געוואָי...

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

הונגער

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אַ מעשה מיט אַ באַראָן

אוי, ווי ס׳ווילט זיך קלמנען עסן...

ווי אויף צו להכעיס איז שוין מאָרגן ערב יום כיפור. אַ גאַנץ יאָר הונגערט מען דאָך סיי ווי סיי, ער קומט אָפּ מיט אַ וואַסער־זופּקע און אַ פּייקע ברויט, אַבי אָפּצונאַרן דעם מאָגן, ס׳זאָל הייסן אַז מ׳האָט געגעסן.

אַ גאַנצע פרעס־פילאָזאָפיע איז אַנטשטאַנען אין זיין מוח, ווו ער שטייט און גייט קריכן אים אין די נאָזלעכער אַריין ריחות פון געפילטע פיש, פריש געבאַקענע חלות, געטריקנטע פערפעלעך, געבראָטענע לעבערלעך, מיט אָנגעפּילטע קישקעלעך, אַז דער מאָגן דרייט זיך אים אַזש איבער. גיי טענה זיך דורך מיטן זולל וסובא, דעם מאָגן זיינעם, און גיב אים צו פאַרשטיין, אַ פּרק פרעסאָלאָגיע. דערקלער אים, אַז שוין דריי יאָר ווי ער באַגנוגנט זיך מיט אַ שטשי־באָרשטש [1], אָן אַן אויגל פעטס און מיט פינף הונדערט גראַם שוואַרצן, טוכלען, נאַסן נישט אויסגעבאַקן ברויט, הלוואַי וואָלט דאָס אויך געווען נאָרמאַל יעדן טאָג און דאָ גאָר... ווייל ס׳איז נישטאָ און מען קאָן עס נישט באַקומען פאַרן פאַבריק־לוין, האָט זיך אים גראָד איצט אָנגעשמעקט...

אַמאָל, גאָר אַמאָל, אין די אַלטע גוטע פאַרמלחמהדיקע יאָרן, איז ער, זיין מאָגן, געווען אַ גאַנצער מפונק, אַ גאַנצער מיוחס. עס האָט אים שוין גאָרנישט געשמעקט, ווען מען האָט אים ברחבותדיק צוגעטראָגן פון די בעסטע מאַרצעפּאַנעס, האָט ער אַ דריי געטאָן מיט דער נאָז און היינט, גראָד היינט, איז ער צעבאַלעוועט געוואָרן ווי אַ רייכן טאַטנס אַ זינדל, גיט אים, מאַרצעפּאַנעס גיב אים. עס שטייט אים נישט אָן דער מלוכה־שער פּאַיאָק, אַ גאַנצער קאָנטרעוואָלוציאָנער געוואָרן, ער שרעקט זיך גאָרנישט פאַרן סטאַטיאַ 58 [2], ווערט נישט נתפּעל, אַז מען וועט אים פאַר־

---

[1] גרינע קרויט־בלעטער.

[2] פּאַראַגראַף 58 פאַר קאָנטררעוואָלוציע.

www.libtool.com.cn

שיקן אין אַ לאַגער הינטער די הרי־חושך און ער וועט פּאָכען מיט דער נשמה און פאַרענדיקן זיין „טעטיקייט“ מיט אַ „קרוואַוון פּאַנאַס“[3]

* * *

נאָר היינט האָט זיין מאָגן געזיגט. אַ יידישע קישקע איז נישט אָפּצושאַצן. און בין־השמשות צייט, ווען קלמן איז אַרויס פון דער ליימי־קער קיביטקע ביי מאַריאַ איוואַנאָוונאַ וולאַסאָוואַ, ווו ער האָט זיך געוואַל־גערט אויפן נאַסן ליימיקן דיל, צו אַ מענטשלעך געברויך, הינטערן בערגל דאָרט, צווישן די אומהיימלעכע היילן, ווו די שאַקאַלן ווייבען אויס אין די נעכט זייער עלנט און הונגער, זוכנדיק אַ נבלה, אַ פּגר, וואָס איז נישט בנמצא, האָט זיין אָנגעשפּיצט אויער און אויסגעסטאַרטשעטע אויגן דערהערט און דערפילט עפּעס אויסערגעוויינלעכס:

איבערן בערגל אינדערהויך, מיט אַ פאַרשטייפטן קאָפּ אַריינגעלאָזט אונטערן שטאַרק באַפּעלכלטן האַלדז, איז רחבותדיק געלעגן אויסגעצויגן אַ באַראַן, אַן אמתער באַראַן, מיט פלייש און ביינער, נאָר גיי גלייב, אַז צום גליק איז ער נאָך אַ טויטער אויך...

דאָס האַרץ, האָט זיך אים אויסגעוויזן, האָט זיך טיפער אַ רוק געטאָן צום מאָגן, די סמאַיע האָט זיך צערונען איבער די ליפּן, דער מאָגן זיינער האָט זיך צעבאַלעוועט און אָנגעהויבן צו שפּילן אויף אַלע כלים, און ווי ער וואָלט לשון באַקומען, האָט ער אָנגעהויבן צונוקען:

— אַנוקאַ, בחור, וואָס שווייגסטו און שטייסט ווי אַ ליימענער גולם, ס׳ליגט פאַר דיינע אויגן אַזויפיל פּרעס און דו שווייגסט גאָר, רעאַגירסט נישט אויף אַזאַ וויכטיקער מציאה, שטייסט זיך פאַרגאַפט און חלומסט אַריין אין די פּוסטע צעוואַסערטע הימלען, וואָס וועלן דיר אויסער רעגן אַ מכה געבן צו עסן. נעם זיך צו דער אַרבעט און ווער שוין אַ מענטש, גענוג שוין צו הונגערן!...

וואָס איז דאָ צו זאָגן, אַ קלוגער בחורעץ דער מאָגן זיינער. ער איז גערעכט, וויפל איז דער שיער צו הונגערן? אַלץ איז טאַקע גוט און ער איז גערעכט, אָבער ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער?

---

[3] בלוטיקע דיזענטעריע.

www.libtool.com.cn

ער כאַפּט אַ בליק אויפן ברחבֿותדיק־ליגנדיקן באַראַן — אַ מחיה אים באמת אָנצוקוקן: אַ פעטער חבֿרה־מאַן, אפשר מיט אַ צען קילאָעדיקן קורדיוק[4] זיין פּעך־שוואַרצע פעל האָט צוגעגעבן מער חשיבֿות צום געמיט, אָבער דער מאָגן האָט דערמוטיקט...

* * *

קלמן האָט זיך, נישט טויט, נישט לעבעדיק אַרייַנגעכאַפּט אין דער קיביטקע. זיין באַלעבאָסטע, מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, איז געשטאַנען אַ פאַר־אומערטע און געשאָלטן אין טאַטנס טאַטן אַריין אירע פינצטערע טעג און נעכט און די אַלע וואָס האָבן געשאַפן אַזאַ פּאַסקודנעם לעבן...

וואַרשיינלעך האָט זיך אויך איר מאָגן דערמאָנט אין די אַלטע צאַרישע צייטן און איר האָט זיך אויך פאַרוואָלט עסן. מילא, ער קלמן, האָט נאָך געדענקט ווי מיט דריי יאָר צוריק האָט ער נאָך עפּעס געגעסן צו דער זעט און געווען אַ מענטש. נאָר זי, אַן אַלטע — איר בענקט זיך נאָך די צאַרישע יאָרן, וואָס זענען פאַרשוווּנדן אָן שפור. נאָר גיי טענה זיך אויס מיט אַן אַלטער גויטע, וואָס אַ פּיראָזשאָק אָנגעפילט מיט אַלטע טוכלע קאַרטאָפליעס, איז פאַר איר אויך אַ מאַכל און אַ צעקוועטשטער פאַרפוילטער פּאָמידאָר אַרויסגענישטערט פון אַ מיסטקאַסטן, אַ צעראַיעטן פון הינט, איז אויך געווען מעדני־מלכים און אַז קלמן האָט אַ קוק געטאָן אויף איר צורה: גאָט אין הימל, אַזוינס האָט דער אשמדאַי נאָך נישט אויסגעטראַכט. אַ פּגע־רע, אַ מרשעת און גיי רייד צו איר. קלמנען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי וואָלט אים איצט איינגעשלונגען אינאיינעם מיט זיין וואַטענער פופייקע מיט אַלע לאַכעס און טראַנטעס, וואָס האָבן קוים צו־געדעקט זיין אויסגעדאַרטן און אויסגעמאָרעטן גוף. נאָר פונדעסטוועגן האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט, אמת נישט אַזוי דרייסט און וואַזשנע און מיט אַ ציטערדיקער שטים, אַ טרייסלענדיקער מיט אַלע אבֿרים, זיך אָפּגערופן מיט אַ שוואַך קול:

[4] אַן עק מיט שמאַלץ, ספּעציעלער מין פון באַראַנעס אין אוזבעקיסטאַן.

www.libtool.com.cn

— מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, איזווינִיטיע[5], דאָרט אויפֿן בערגל ליגט אַ טויטער באַראַן.

— טשטאָ טי, ס'אומאַ סאַשאָל, פֿון זינען אַראָפּ, דוראַק.

— יעי באָגו — שווערט זיך קלמן — אַן אמת, מאַריאַ איוואַנאָוו־נאַ, לאָמיר אַ קוק טאָן.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט חשד. געמיינט אַז ער איז פֿון זינען אַראָפּ און אויך נישט דרייסט אַזוי מיט די קלאַפּעדיקע פּאָר ציין אין איר אויסגעהוילטן מויל אַ זאָג געטאָן:

— אַנוקאַ, פּאָסמאָטרים!

ביידע זענען פּאָרזיכטיק אַרויס פֿון דער קיביטקע, זיך אַרומקוקנדיק אויף אַלע זייטן. ער צוערשט, זי, די אַלטע קלעמפּע, הינטער אים.

די לבנה, האָט זיך אים אויסגעוויזן קוקט אויף אים אַזוי מאָדנע. ער האָט נאָך אַזאַ לבנה נישט געזען: צוויי גזלנישע אויגן, מיט אַ לאַנגער צעדרייטער נאָז פּאַרשפּיזט. אויף איין זייט האָט זי געטראָגן אַ רויטע אָקאָלאָשקע — אַן אמתע ענקאַוועדיסטקע. קוקט אים נאָך ווו ער גייט און שפּיזט אים דורך מיט די אויגן, אַזש ס'איז אים פֿאַרפֿרוירן געוואָרן הינטערן לעפּעלע. וולאַסאָוואַס שלאַבעדיקע טריט רייצן אים און בריען פֿון הינטן. נאָר אַ ברירה האָט ער — אַריינגעפֿאַלן און פֿאַרפֿאַלן.

וולאַסאָוואַ האָט אַ שנאָרך געטאָן מיט איר שפּיציקער נאָז, זיך אַרומ־געקוקט פֿון אַלע זייטן. שאַ, שטיל. קלמנען איז קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן און אויך ביי דער באַלעבאָסטע זיינער איז אָנגעזאָליעט. דער מאָגן נוקעט אונטער:

— יאָלדן, וואָס שטייט איר ווי גולמס, שלעפּט אים אַוועק.

— דאַוואַי, פּאָטאַשטשים יעוואָ [6] — האָט סודותפֿול וולאַסאָוואַ אַ שעפּטשע געטאָן קלמנען אין אויער.

ביידע האָבן זיי מיט די לעצטע כּוחות געצויגן דעם פּגר, זי פֿאָר אַ

[5] אַנטשולדיקט.
[6] לאָמיר אים אַוועקשלעפּן.

www.libtool.com.cn

פוס פון טויטן באַראַן, ער פאַר אַ פוס, און היידאַ, ווי אויף אַ גליטש — שלפּען זיי אים דעם באַראַן צו דער קיביטקע.

דאָס האַרץ האָט זיך אין אים צעפּייפּט און צעבוכעט. זיי האָבן גע־שלעפּט און געצויגן אַזוי האַסטיק און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז אין געצייל־טע מינוטן זענען זיי געווען מיטן באַראַן אין דער קיביטקע און צעקלאַפּט די שפּיזיקע נאָז פון דער לבנה, וואָס האָט זיך געשלייכט הינטער זיי און דווקא געוואָלט אַריינבליקן וואָס זיי גייען טאָן אינעווייניק.

וולאַסאָווא זוכט אויס אַ מעסער, און דערלאַנגט קלמנען אַ צווייטן טעמפּן מעסער. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן גייט ער אָפּשינדן אַ פעל פון אַ חיה. זיי רעדן נישט צווישן זיך. די הערצער קלאַפּן. די אויערן זענען אָנגעשפּיצט צו יעדן באַוועג אין דרויסן. ווער ווייסט, ווען מען כאַפּט זיי אונטער ביי אַזאַ מעשה, אַן איינגעבונדענער צענערל, אַ צען יאָרלעך אין אַ לאַגער ערגעצווו...

זיין טעמפּ מעסער שניידט זיך אַריין אין ראָזן לייב פון פעטן באַ־ראַן, אַ מחיה. ווען ער שעמט זיך נישט פאַר מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, וואָלט ער מ'יט די ציין אַ ריס געטאָן אַ שטיקל רוי־פלייש, אַבי צו שטילן דעם הונגער...

אַרומגעשונדן די פעל מיט גרויס מי, האָבן זיי זיך געווייקט אין אַנגסטיקן שווייס — צעשניטן אויף שטיקער און אַריינגעלייגט אין אַ פעסל. קיין זאַלץ צו באַשיטן איז נישט געווען, ווו נעמט מען זאַלץ? די אַלטע האָט פאַרלאָשן דאָס קינעלע איבערן אויוון, אָפּגעדעקט דאָס אַראָפּ־געצויגענע פאַרהאַנגל איבערן קלייניקן פענצטערל און בשעת מעשה גע־כאַפּט ביי דער האַנט דער לבנה... אַ בחורטע, זי איז נישט אָפּגעטראָטן פונעם פענצטער און דווקא געוואָלט זען וואָס מענטשן טוען עס דאָרט אין געהיים. וואָס פאַר אַ פאַרשווערונגען זיי גייען עס מאַכן...

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער מיט קיין אויג נישט צוגעטאָן. קאָשמאַרן אַזעלכע ווילדע זענען נישט אָפּגעטראָטן פון אים. ער האָט רק געחשבונט און גערעכנט און איבערגערעכנט. און וואָס צו חשבונען איז געווען: וויפל קאָטלעטן קאָן מען מאַכן, וויפל פּעטשאַי קאָן מען אויפשטעלן, וויפל געבראָטנס, וויפל פעטע זופּן מען וועט קאָנען מאַכן בלויז פון די ביינער.

www.libtool.com.cn

ווי הונגעריק ער איז געווען האָט ער דאָך געטראַכט ניכטער, אַז ער מיט מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, ווען זיי זאָלן אַפילו עסן אַ וואָך נאָכאַנאַנד, וועלן זיי דעם באַראַן נישט קאָנען אויפעסן. מען וועט אַ טייל מוזן פאַרקויפן. דער קאָפּ אַרבעט, ווי אַזוי פאַרקויפן, וועמען און ווו? און טאָמער כאַפּט מען און ס׳טוט אים שוין באַנג די גאַנצע מעשה. יעדער ריר אויפן גע־לעגער פון מאַריאַ איוואַנאָוונאַ אינעם צווייטן צימער פילט אים אָן מיט פחד און וואַרפט אָן אַן אימה...

* * *

די פאַבריק־סירענע פון זאַוואָד האָט אים אויפגעריסן פון קאָשמאַר־נעם שלאָף. אַ באַגאָסענער פון שווייס האָט ער געכאַפּט אַ בליק אויף מאַ־ריאַ איוואַנאָוונאַ און מיט געלייטע ציטערדיקע טריט אַרויס צו דער אַר־בעט מיט דער האָפענונג צו עסן היינט אַ גוט שטיקל פלייש צום פאַר־פאַסטן...

דער אַרבעט־טאָג האָט זיך קוים אוועקגערוקט. מיט אייליקע טריט איז ער געלאָפן אַהיים און שוין ביים טויערל האָט אים דער נאָז אויפגע־ריסן פון אַזאַ מין געשטאַנק, ווי פון אַ לעדער־פאַבריק, ווו מען ווייקט רויע פעל. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם איז ער אַריינגעלאָפן אין דער קיביט־קע און וולאַסאָווגאַ איז מיט פאַרבראָכענע הענט אים אַנטקעגנגעלאָפן:

— סקאַרעי, מען דאַרף פון דער נבלה פטור ווערן, זי האָט זיך פור־נאַנדערגעשטונקען סכנות. איבער נאַכט שטייענדיק פאַרמאַכט אין פעסל און אָן זאַלץ, אין אַזאַ היץ, איז דאָס פלייש איבערגעפירט געוואָרן, גע־וואָרן בלוי און גרין, שוואַרץ און געל, אַלע משונהדיקע קאָלירן געקריגן.

* * *

די לבנה האָט זיך רואיק צוגעקוקט ווי קלמן האָט אין אַ זאַק גע־טאַשטשעט די פאַרשטונקענע פונעם עיפּושדיקן באַראַן, ווייט צו די פוסטע היילן, וואָס האָבן זיך געשלענגלט נישט ווייט פון דער קיביטקע. באַלד האָט זיך דערהערט דאָס אומהיימלעכע געוואָי פון די שאַקאַלן

www.libtool.com.cn

וואָס זענען זיך צונויפגעלאָפן פון אוזבעקישן בית־עולם, דערשפּירנדיק דעם נבלה־געררוך — צו פּראַווען זייער סעודה...

נו; און דער מאָגן. ער איז שוין געלעגן איינגעלייגט. אַלץ האָט ער געקאָנט פאַרטראָגן, נאָר אַזאַ נבלה — נישט. און ער האָט זיך באַרואיקט.

מיט אַ הונגעריקן מאָגן האָט זיך קלמן געלייגט אויפן ליידיקן דיל און געטראַכט וועגן אַמאָליקן ערב יום־כיפּור, וועןביים טיש זענען געזעסן אַלע משפּחה־מענטשן און געגעסן און געטרונקען און... די סמאַיע האָט געברונען און אַלע פאַרשידענע מאַכלים האָבן זיך ווי לעבעדיק געשטעלט פאַר די אויגן...

דער ריח פונעם פאַרשטונקענעם באַראַן האָט אים איינגעוויגט אין שווערן שלאָף...

www.libtool.com.cn

הערינג און וואָדקאָ

אַננאָ סערגייעווּנאָ שאַשקאָוואָ, איז שוין אַ פּרוי פון זעכציק מיט אַ שמיצל אַריבער, אָבער אַ געזונט ענערגישע און זשוואָווע. אין די בעסערע הייזער, ביי לייטישע מענטשן איז שוין אַזאַ אַלטיטשקע געזעסן אויף דער פּריזבע און געשטריקט במנוחה זאָקן פאַר די אייניקלעך. אָבער זי, שאַשקאָוואָ, איז אויף דער עלטער נישט פאַרזאָרגט: זי מוז נאָך טראַכטן ווי אַזוי צו מאַכן דאָס לעבן דאָ אויף דער זינדיקער ערד אַביסל באַקוועמער. זי דאַרף נאָך זאָרגן אויף איר אויסקומעניש יעדן טאָג.

קיין אייניקלעך האָט זי נישט און קיין נחת פון קינדער אויך נישט. אַ טאָכטער אירע, שוין אַריבער די דרייסיק, זיצט שוין מכמה יאָרן אין אַ לאַגער הינטער די הרי־חושך. פון צייט צו צייט באַקומט זי פון איר אַ בריוול. ביים לייענען אים רייסט זיך איר אַרויס אַ שווערער זיפץ פון האַרץ. אַ זון האָט זי נאָך אַ כאָלאָסטיאַק¹, אַ נאַטשאַלניק פון אַ וואָקזאַל הינטער קראַסנאָוואָדסק, אין אַ פאַרוואָרפענעם העק, אים זעט זי יאָ פון צייט צו צייט.

צו אַלע גליקן האָט זי ליב אַ כוסה. דאָס איז אַ מיטל קעגן מרה־שחורה און אַ גוטער פּאַרטויב־מיטל קעגן אַלע צרות און האַרצווייטיק. די טרינק־מלאכה קאָן זי גוט. זי זשליאָקעט נישט ערגער ווי אַ מאַנצ־פּאַרשוין. אַז זי ווערט בגילופנדיק, צעפינקלען זיך אירע האַלב־אויסגע־לאָשענע אויגן. זי פאַרכליניעט זיך אין אַ דבקותדיקן ניגון, אָט אַזוי, אויף גאַנצע שעהן, ווייל מען איז עס אַ געזאַנג און ווייל מען איז עס אַ מין תפילה צו איר גאָט, וואָס איז ווי אַלע געטער, נישט ער איז מילכיק און נישט פליישיק, קיין גוטס קאָן זי פון אים נישט דערוואַרטן, צרות יאָ.

* * *

מיט אַ צענדליק יאָר צוריק, ווען זי איז געווען יינגער, איז זי געווען

---

¹ נישט פאַרהייראַטער.

www.libtool.com.cn

אַ פּראָוואָדניק[2], געפאָרן אויף דער שטרעקע סאַמאַרקאַנד־טאַשקענט און האָט נישט שלעכט פאַרדינט. זי האָט געהאַט אויף איר אויסקומעניש און זיך אַן עצה געטאָן. פּאַסאַזשירן זענען שטענדיק דאָ לרוב און בילעטן איז פון כמה יאָרן אָן שווער צו באַקומען און אַז עמעצער וויל פאָרן גע־פינט ער שוין שטענדיק אַ מיטל ווי אַזוי אַריינצורוקן דעם פּראָוואָדניק אַ פּאָר רובל. פון אַ פּאָר און נאָך אַ פּאָר ווערט פולער דאָס קניפּל. וועגן עסן איז שוין קיין רייד נישט געווען. אָבער היינט איז זי אַרבעטלאָז. פון די גוטע זאַטע יאָרן, האָט זי אָפּגעשפּאָרט אַ סך חברטעס פּראָוואָד־ניטשקעס. פּאָרט זי איין מאָל אין חודש צו איר זון אויף דער באַן־סטאַנ־ציע לעבן קראַסנאָוואָדסק, קויפט דאָרט איין הערינג צו דרייסיק רובל אַ שטיק און ברענגט דורך פאַרשידענע אומוועגן און דורך בלאַט, אַ דאַנק דער הילף פון איר גוט־פריינדשאַפט מיט די חברטעס, און פאַרקויפט די געשמוגלטע הערינג, וואָס זי האַלט אונטער דער פּאָלע, אויפן סאַמאַר־קאַנדער באַזאַר פאַר 60 רובל אַ שטיק. ווען נישט דאָס האַרץ־קלאַפּעניש און מורא, טאָמער כאַפּט מען זי אונטער און מען נעמט ביי איר צו די סחורה בעת דער יאַזדע און איצט אויפן באַזאַר — וואָלט זי געווען גאַנץ צופרידן.

די שרעק מיטן האַרץ־קלאַפּעניש פאַרגיסט זי מיט אַ פלעשל וואָדקאַ, פאַרציט דעם האַרציקן ניגון „זאַפּריגאַיטיע כלאָפּצי קאָני"... און דער גאַנצער פּערעאולאָק[3] ווייסט שוין, אַז שאַשקאָוואַ איז צופרידן. עך, איז דאָס אַ געזאַנג, עס רייסט ממש דאָס האַרץ: זינגען מיט די אַקאַציע־ביי־מער, האַווקען צו די הינט און עס באַגלייטן זי אין כאָר די שאַקאַלן אין די אַרומיקע היילן.

* * *

דאָס גליק קאָן איר נישט פאַרגינען דער שכן אירער איוואַן אַלעק־סעיעוויטש מוכין, אַ געוועזענער באַן־אַרבעטער, וועמען אַ לאָקאָמאָטיוו האָט אַראָפּגעשניטן אַ פוס און היינט זיצט ער אינדערהיים אין זיין קי־ביטקע אויף געהאַקטע צרות. קינדער האָט ער, נאָר קיין נחת פון זיי איז

---

2 קאָנדוקטאָרשע.

3 געסל.

www.libtool.com.cn

נישטאָ, אַז עסן אין שטוב האָבן זיי קדחת. מוכין האַנדלט צו אויפן מאַרק, ער פאַרקויפט מאַכאָרקע אויפן גלאָז, נאָר פון זיינע פאַרדינסטן האָבן זיי נישט וואָס צו קייען. פון עלטסטן באַריאַ ביזן אַכטיעריקן פאָמאַ האָט ער בלויז צרות. מע שלאָנדערט זיך אַרום איבער די באַזאַרן, מען גנבעט פון אונטער די הענט אַוועק. באַריאַ איז שוין ביי זיינע פופצן יאָר אויף אומ־זיסטער קעסט, אַן איינגוווינער אין די אַרומיקע תפיסות. אַרויס אויף דער פריי, אַ שטיקל צייט געהוליעט, און ווייטער אין תפיסה. די איין און איינציקע טאָכטער, אַ שיקסל פון זיבצן יאָר, קומט אַלע ווילע אָנגעטאָן מיט פאַרשידענע שמאָכטעס, ווערט פאַרפאַלן אויף עטלעכע חדשים פון דער היים, באַווייזט זיך ווידער ווי אַ גאַסט און ווערט נעלם.

און אַז דער טאַטע, מוכין, מוסרט און שטראָפט — פאַרט געבליבן אַביסל געוויסן פון יענע גוטע יאָרן — ענטפערט זי אָפּ פאַרסטקע.

— דו, פּאַפּאַשינקאַ, העלפן קענסטו נישט, איז שטער כאָטש נישט זיך אַליין אַן עצה צו טאָן.

פאַרגראָבט ער די אויגן זיינע, דער אַלטער מוכין, טיף אין דער היל־צערנער קוליע, שפייט אויס פון צווישן די צוויי פאָדערשטע ציין, מאַכט אַ שטילע פּאָמאַטערי און שווייגט. וואָס קאָן ער איר זאָגן. שווערע צייטן, העלפן קאָן ער דאָך טאַקע נישט — שווייגט ער.

דער אַלטער שכנטע זיינער, שאַשקאָווען, קאָן ער לחלוטין נישט פאַרגינען, פאַרוואָס זי איינינקע אַליין, אַן אַלטע, זשיפּיעט נאָך יאַקאָש און מאַכט נאָך אַ כוסה און ער זאָל זיך נישט קאָנען פאַרגינען דעם לוקסוס אויסצוטרינקען אַ גלעזל, מאַכן אַמאָל אַ שנאַפּס, אַז צוויי הונדערט גראַם בראָנפן קאָסט צען רובל, איז ווו נעמט מען דערויף? און זי, שאַש־קאָוואַ, זשליאָקעט אויס אַ גאַנצע פלאַש אויף איין מאָל.

מוכין קאָן זיך טאַקע נישט העלפן, אָבער דערפאַר ווי נאָר דער קליי־נער פאָמאַ דערזעט, אַז די שכנטע פאָרט אַוועק, גנבעט ער זיך אַריין אין איר קיביטקע, שלעפּט אַרויס וואָס נאָר פּאַר אַ שמאַטע עס קומט אים אונטער דער האַנט און פאַרקויפט עס פּאַר וויפל עס לאָזט זיך און לענט זיך אונטער ס׳האַרץ. אַז שאַשקאָוואַ קומט צוריק פון דער רייזע און דער־זעט דעם בראָך, לויפט זי אין דער מיליץ. שרייט און פאָדערט און עס

www.libtool.com.cn

הייבט זיך אָן אַ געקריגעריי צווישן די שכנים, דאָס גאַנצע געסל גייט דאַן אויף רעדלעך.

זשליאָקעט זי נאָך מער די אַלטע, שילט מיט טויטע קללות, אירע שכנים און דראָט זיי, אַז זיי וועלן פאַרפוילט ווערן אין די תפיסות.

שאַשקאָוואַ שילט און ליאַרעמט און מוכין לאָזט אַראָפּ די אויגן אויף דער ליימענער פּאָדלאָגע און שווייגט.

* * *

שאַשקאָוועס שכן, דער שוסטער קוטשעריאַוויך, איז שוין באמת אַ זקן. טייל שכנים זאָגן, אַז ער איז שוין קרוב אַ הונדערטער. ער אַליין זאָגט, אַז אַלט איז ער געוואָרן ערשט נאָך דער רעוואָלוציע. ביז דער רעוואָלוציע האָט ער זיך נאָך געפילט ווי אַ יונגערמאַנטשיק. נאָר אַ דאַנק די נייע פּאָראָנדקעס איז די עלטער אויף אים אַרויפגעקראָכן, אַזוי ווי איצט די פּאָגאָנעס [4] אויף די זעלנער — איבער נאַכט... נאָר ער האַלט זיך פעסט. אַ הויכער, אַ שטייפער מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד ביז צו די קני, זיצט ער נאָך אויפן שוסטער־בענקעלע און לאַטעט אַלטע שקראַ־בעס. דערפון ציט ער חיונה. אויף מאַכאָרקע פעלט אים נישט. פון צייט צו צייט כאַפּט ער זיך אַריין אויפן באַזאַר, טרינקט אויס אַ צוויי הונ־דערט גראַם וואָדקאַ און איז צופרידן, וואָס אויף יענער וועלט וועט ער כאָטש קומען אַ זאַטער. — נישט גוט, טענהט ער אַריין אין די קליענטן, צו קומען אויף יענער וועלט אַ הונגעריקער. דער צאַר באַטיושקאַ וועט אים אויסלאַכן און ער וועט זיין גערעכט. אַ רעוואָלוציע — וועט ער זאָגן — דו אַלטער דוראַק, האָט זיך דיר פאַרגלוסט. קעגן מיר האָסטו געשטור־רעמט, מיך יונגערהייט פאַרטריבן אין דער ערד און דאָ אַהער קומסטו מיט אַ ליידיקן מאָגן, וואָסי, ווייניק האָב איך געקאָרמעט דעם נאַראָד [5]?

שעמט ער זיך פאַר דער באַגעגעניש מיטן צאַר אויף יענער וועלט און אַרבעט נאָך אויף זיינע עלטערע יאָרן, שטאָפּט אָן דעם מאָגן, אים, דעם אַלטן דוראַק, דעם רוסישן צאַר, אויף צו להכעיס.

---

4 שליפעס.

5 דאָס פאָלק.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

ער קאָן נישט פאַרטראָגן, דער אַלטיטשקער, די קריגערייען צווישן זײַנע שכנים. אַ מאָדנער קריג און אַלץ פאַרן עסן. ביי לייטן קעמפט מען פאַר אידייען און דאָ גאָר, ברודערקע, אין אַזאַ נאָך־רעוואָלוציאָנערן לעבן, קעמפט מען בלויז פאַרן פרעס. מען פאַרגינט נישט איינער דעם צווייטן דעם ביסן פון מויל. שיינע צייטן, אַז אַ מאַכאָרקע־פאַפּיראָס און אַ שטיקל ברויט און אַ שטשי־זופּ איז גאָר אַן אידייע...

מוסרט ער די שכנים און וואָרנט: געדענקט, זינדיקט נישט, עס קאָן נאָך זיין ערגער. אויב היינט קאָן נישט קיין אַרבעטער זיך קויפן קיין הערינג, ווייל ער דאַרף אויף אים אַרבעטן אַ גאַנצן האַלבן חודש, וועט מען נאָך מיט דער צייט די הערינג מיט דער וואָדקאַ אַוועקפירן אין דער וועלט אַריין אויף אויסשטעלונגען, איר וועט עס דאָ פאַר קיין שום געלט נישט באַקומען, אַפילו פאַר חזירימלעך [6]. דער עיקר אין לעבן דאַרף מען קאָנען אויסהאַלטן, זיך צוגעווינען. מיט אַ צרה, אַז מען שלאָפט זיך דורך איין נאַכט ווערט זי אויס צרה. מען דאַרף זיך נישט קריגן, מען דאַרף נישט לויפן זוכן קיין יושר אין דער מיליץ, זיי זענען דען בעסער, און זיי אין דען בעסער?

ער קלאַפּט די פּלעקלעך אין די זוילן צום טאַקט פון שאַשקאָוועס „זאַפּריגאַיטיע כלאָפּצי קאָני" אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון די קריגע־רייען פון זיין שכן מוכין...

[6] צאַרישע 5־רובלדיקע גאָלד־מטבעות.

www.libtool.com.cn

אַ חלום וועגן עסן

יאַנקל גראָס שלעפּט קוים די פיס. די זון פּאַרעט און פּרייעט זיין וואַטע־שפּענצער. אַ שווייס באַשלאָגט זיין בלאַס אויסגעצערט פּנים. אונטערן לעפּעלע נאָגט און צופּט. ער וואָלט איצט אַ פערד מיט די פּאָדקאָוועס איינגעשלונגען...

שוין אַ שיינע פּאָר יאָר, ווי ער וואַנדערט איבער וועגן אַ לאַנג שוין אויסגעוואָרצלטער פון דער היים, שוין אָפּגעוווינט זיך פון אַ גוט געלעגער, פאַרגעסן דעם טעם פון אַ היימיש לעפל געקעכטס און פאַרלוירן דעם מענטשלעכן פּרצוף זיינעם... ער געדענקט שוין נישט אַפילו ווען ער האָט געהאַט ווי אַ מענטש אויסגעזען... ער איז מקנא דעם ערשטן בעסטן היימלאָזן הונט, וואָס הונגערט טאָקע צוגלייך מיט אים, נאָר האָט אָבער אַ לייטישערן געלעגער פאַר אים. עסן ווי עסן, נאָר זיך גוט אויסשלאָפן, איז יאַנקל גראָס חלום. פאַר אַ גוט, ווייך און וואַרעם געלעגער וואָלט ער אַלץ אין דער וועלט אַוועקגעגעבן.

* * *

דער קאָלכאָז, וווּ יאַנקל גראָס וווינט, איז נישט ווייט פון דער שטאָט. וווינט ער צווישן די אוזבעקן איינער אַליין, אַן אייראָפּעער צווישן אַזיאַטן. ער האָט שוין כמעט זיין לשון פאַרגעסן און כאַפּט בלויז אויף די קלאַנגען פון דער אוזבעקישער שפּראַך, וואָס גרילצט אים מאַנאָטאָן אין די אויערן. נו, און די אוזבעקן? זיי באַציען זיך צו אים גוט־ברודערלעך, כאָטש צו עסן אַמאָל אַ פּלאָוו, לאַדן זיי אים נישט איין. לאָזן אים נישט אַריין אין זייער קיביטקע אַפילו. אַז זיי כאַפּן אים אַמאָל אויף די קאָלכאָזנע פעלדער צוגנבעדיק אַן אָפּגעטרייסלטן עפּל, אָדער אוריוק פון אַ בוים, זענען זיי גרייט אים צו שלאָגן מכות־רצח, נאָר זיי מעגן שלעפּן פולע קוישן ווייַנטרויבן אויפן שטאָטישן באַזאַר און פאַרקויפן און אָנשטאָפּן זייערע קאַסטנס מיט נאָך האָב־און־גוטס, וואָס זיי האַנדלען איין

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

ביי די פוילישע ביעזשענצעס [1], וואָס האָבן נאָך עפּעס וואָס אויסבאַהאַלטן אויף אַ שוואַרצן טאָג.

יאַנקל גראָס, האָט שוין נישט, חוץ זיין דלות, וואָס צום פאַרקויפן. אַז דאָ איז אַפילו נישט קיין אַרטיקל די נשמה צום פאַרקויפן, ווער דאַרף דען דאָ נשמות? דאָ איז וויכטיק אַ שטאַרקער גוף און אייזערנע ידים און אַביסל מאַרך ווי צו קאָנען דרייען דעם טאָג־געשעפט. ווייטער, וואָס מיר מענטש. נו, און אַז גראָס איז אַמאָל געווען אַ מענטש, מיט אַ געשטעל, מיט מוח, מיט אַן אָנזען, פאַר געוועזענע צאָלט מען נישט... האָסטו, ביסטו און אַז נישט... זעט ער טאַקע אַזוי אויס, יאַנקל גראָס, אַז אַ שע־נערן פון אים לייגט מען אַריין אין קאַסטן...

* * *

וואָלט אַלץ געווען, אַ כפּרה דאָס געוועזענע. יאָ אַנגעטאָן ווי אַ מענטש, צי נישט, דאָס שפּילט נישט קיין שום ראָלע אין דער היינטיקער צייט. מיט דעם ענין מענטשלעך אויסזען קאָן מען נאָך יאָקאָש אויסקו־מען, נאָר מיטן מאָגן גייט עס נישט אַזוי לייכט. ער, אַז ער הייבט אָן צו מאָנען דאָס זייניקע, ווערסטו ממש אויס מענטש, קוקסט שוין אויף גאָר־נישט און טראַכטסט שוין וועגן גאָרנישט. דער גאַנצער מוח, די אויגן, אַלע חושים זענען אַריינגעטאָן מיטן גאַנצן האַרצן, מיטן גאַנצן לייב און לעבן נאָר אין איין זאַך: עסן. זוכסט און נישטערסט אין אַלע לעכער, אין אַלע מיסטקאַסטנס וואָס פריער פאַר דיר האָבן דאָרט געראַיעט און געניש־טערט היימלאָזע, הונגעריקע הינט. אַ צעפוילטער פּאָמידאָר, אָדער אַ צע־פּיצלט מייער אויפן באַזאַר, איז אויך אַ יקר המציאות.

און אַז ער האָט שוין געאַרבעט אויף אַ זאַוואָד, יאַנקל גראָס, איז וואָס? פאַר זיין גאַנץ חודשדיק פאַרדינסט פון 150 רובל קאָן ער בלויז קויפן צוויי קילאָ ברויט אויפן באַזאַר און די איבעריקע אַכט און צוואַנ־ציק טעג פון חודש? וואָס עסט מען דאַן?

איז ער איינמאָל אַזוי געגאַנגען אין דער גאַס, קוים געשלעפּט די

---

[1] פּליטים.

www.libtool.com.cn

פּיס, געזוכט מיט הונגעריקע אויגן עפּעס אַ מציאה, געוואָרט אויף אַ נס. ביז עס איז אים אַנטקעגנגעקומען זיין חבר בערל רובינשטיין, אַ שול־חבר נאָך פון דער היים. יענער, אַז ער האָט באַטראַכט דעם פּאַרשוין, האָט אים גלייך אָן קונצן אַזוי פּשוט אַ זאָג געטאָן:

— יאַנקל, וואָס שלייעסטו זיך אַרום איבער די גאַסן, גיי אַהיים, לייג זיך און שטאַרב.

— איך וואָלט גערן אַהיימגעגאַנגען און זיך געלייגט און געשטאָרבן — האָט אים יאַנקל גלייכגילטיק אָפּגעענטפערט — נאָר עפּעס שטאַרבט זיך נישט, עפּעס גייט ביי מיר דאָס געשעפט אויך נישט פויגלדיק, אַי, זעסטו — באַקומט יאַנקל קוראַזש, און זיינע אַריינגעזונקענע אויגן אין שאַרבן באַקומען אַזעלכע מאָדנע פייערלעך — ווען איך קאָן באמת, וואָלט עס נישט געווען קיין נאַרישקייט, נאָר גיי שטאַרב אַז עס שטאַרבט זיך נישט. משמעות, אַז דער מלאך־המוות זוכט דווקא פעטע, אויסגעפּאַשע־טע פּאַרשוינען, אַז אַ נאַש־בראַט, בערל, ווילן די ווערים אויך נישט. ביי־נער האָט קיינער נישט ליב, מעגסטו ווי שטאַרק די וועלט וועלן אויס־גלייכן, מעגן די גרויסע פירער און פּאַרזאָרגער פון דער וועלט, הייזעריק ווערן שרייענדיק, אַז זיי וועלן אויסגלייכן די וועלט וועט עס נישט גיין, פליש איז טאַקע פליש און ביינער באַדאַרף קיינער נישט...

* * *

ער איז טאַקע נישט געשטאָרבן יאַנקל גראָס, אָבער מאַטערן זיך האָט ער זיך ווייטער שטאַרק געמאַטערט. געהונגערט גאָר וואָכנשע און יאָקאָש געשלעפּט די מידע פיס, געאַרבעט מיט די לעצטע כוחות, פאַר־דינט ווייניק, אַפילו אויף קיין קאָשע אויך נישט צומאָל, און געווען צו־פרידן. ווער קאָן זיך צו אים גלייכן. ער האָט גאָרנישט און פאַרלירט גאָרנישט.

ליגט ער אויסגעצויגן אין אַ פּרעכטיקער שפּעט־זומערדיקער נאַכט אויפן קאָלכאָזנעם פעלד, די פּערסיקעס שמעקן ווונדערלעך, אַז עס רייסט ממש די נאָזלעכער. די פייגעלעך זינגען מתיקותדיק. די גרילן און זשוקעס אינעם פאַרשרפהטן גראָז שפּילן אויף די נערוון און זיין מאָגן

www.libtool.com.cn

שפילט אויך צו אַ מאַרש. די שאַקאַלן דאָרט אין די היילן וואַרפן זיך וואַרשיינלעך אויף אַ נבלה און מאַכן דערביי געוואַלדיקע יעלות. אַז זיי צעשפּאַלטן דעם הימל מיט זייער נאַכט־געוואָי און ערגעץ דאָרט פון דער וויטנס האָט זיך חוצפּהדיק צערעוועט אַן אייזל. אים צוהילף האָבן זיך צעוויינט די היימלאָזע הינט.

יאָ, אַט אַזוי ווי אין דער נאַטור, אַזוי אויף דער נשמה, אַט אַזאַ האַרמאָניע האָט ער, גראָס, ליב.

ליגט ער און חלומט וועגן אַמאָל, זיינע געדאַנקען האָבן זיך באַ־העפט מיט זיין היים, דאָרט אין פּוילן, אַט זיצט ער דאָרט מיט זיין משפחה, אַלע עסן און טרינקען און לאָזן זיך ווױלגײן. דער טיש איז אויס־געשטעלט מיט כלערליי פּאַטראַוועס און די ריחות פון דעם עסן שלאָגן אים צו דער נאָז. ער איז זיך אַזוי מחיה. אים איז וווּיל. ער שטרעקט אויס די האַנט און וויל עפּעס נעמען. נאָר דאָס עסן רוקט זיך פון אים אָפּ. ער איז הונגעריק, אַזש ס׳ווערט אים פינצטער אין די אויגן. ווען ער עפנט זיי צוריק אויף איז דער טיש מיט די גוטע מאכלים פאַרשווונדן. ער איז איינער אַליין. דער מאָגן אַרבעט מעשים, צופּט, מאָנט, רייסט, שלעפּט און עס קראַמפּט אים פון אַלע זייטן.

— עסן וויל איך — צופּט אים דער מאָגן, — איך האַלט נישט אויס!

— באַרואיק זיך — טרייסט אים יאַנקל — דו וועסט שוין יאַקאָש דורכקומען און איבערלעבן די מלחמה. זעסטו, נאָכדעם וועסט זיך שוין אָפּנעמען פאַר אַלע צייטן. וועסט זען, עס וועט דיר נאָך גוט זיין... וועסט נאָך וויסן פון אַ לעבן...

און ווידער חלומען זיך אים, יאַנקל גראָסן, זיסע חלומות: פולע טישן מיט כל טוב, און ער עסט, עסט און עסט אָן אויפהער, טעג און נעכט פון עסן, עסן און עסן...

www.libtool.com.cn

אין אַ פינצטערער נאַכט

יצחק מערמעלשטיין האָט געאַרבעט אויפן כלאָפּ־זאַוואָד. געוווינט האָט ער אין פּושקין־קאָלכאָז אין אַ ליימיקער קיביטקע ווייט אויפן שליאַך וואָס פירט צום סטאַלין־קאָלכאָז. די קיביטקע איז געשטאַנען אַ פּאַראייב־זאַמטע אויפן וועג אָפּגעזונדערט פון די אַרומיקע קאָלכאָזנע הייזקעס. קיין יידן זענען דאָרט נישט געווען. נאָך גוט וואָס די דאָזיקע קיביטקעס ווערן געבויט אָן פענצטער, האָט כאָטש נישט דער ווינט אויף זיי קיין שליטה. אָבער דורך דער צעכראָסטעטער טיר־עפענונג ווייעט אַריין דער ווינט אומגעשטערט. ווער וועט אים דען שטערן, די גוט־פאַרזיכערטע טיר?

אויפן ליימיקן דיל ליגן צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן, איינגע־וויקלט אין אַלטע לאָכעס ס׳זאָל זיי זיין וואַרעמער, ביידע קינדערלעך מערמעלשטיינס, לעבן זיי ליגט די מאַמע און דריקט זיי צו זיך. כאָטש גוט וואָס ס׳איז פאַראַן אין וועמען זיך צו וואַרעמען. זיי ליגן הונגעריקע און חלומען פון אַ שטיקל ברויט. שוין דריי טעג ווי דער לאַריאָק פון קאָלכאָז האָט נישט אַרויסגעגעבן די ברויט־נאָרמע, מחמת דער ברויט־זאַוואָד האָט נישט צוגעשיקט אין קאָלכאָז פאַר די עוואַקוּאירטע זייער פּאָרציע.

— דעם טאַטן איז גוט — טענהט איין פרוי מערמעלשטיין צו אי־רע קינדערלעך — ער כאַפּט נאָך איבער מיט אַ זופּ און מיר האָבן דאָס אויך נישט. מיר קאָנען דאָך אַלע נישט גיין אויפן זאַוואָד מיט אים מיט־עסן.

די קינדער ליגן פאַרחלשטע, מיט אויסגעסטאַרטשעטע אייגעלעך און הערן זיך צו צום געוואָי פון די שאַקאַלן אין די היילן און צום געפייף פון ווינט אין די אויסגעהוילטע ביימער־צווייגן.

* * *

יצחק מערמעלשטיין האָט געענדיקט זיין נאַכט־שיכט אין דער פאַ־

www.libtool.com.cn

בריק און שפּאַנט ווי אַ זקן אויפן וועג צו זיך אין קאַלכאַז, זיך אויסרוען ביזן צווייטן שיכט. ער שלעפּט קוים די פיס, הונגעריק איז ער ווי אַ וואָלף. מיט דער שיטערער זופּקע אויפן זאַוואָד קאָן מען זיך זאַט נישט אָנעסן.

און פון וואָס טראַכט אַ הונגעריקער? ער גייט דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזט צו דער ערד אַזוי ווי אַ שקאַפּע, אַזוי איז באַקוועמער. דער ווינט שמייסט נישט אַזוי שטאַרק אין פּנים, און צו־וואָס קוקן הויך, אין הימל פליען אויך נישט קיין געבראָטענע טייבעלעך? שוין בעסער אַזוי. טראַכטן פון אַמאָל, צו וואָס? מאַלע וואָס עס איז געווען אַמאָל. אויב עס קאָן שוין בעסער נישט ווערן, איז אַ שאָד די גאַנצע מי און האָרעוואַניע און די האָפענונג אויף בעסערע יאָרן.

פון זיין שוואַכן ברוסטקאַסטן רייסט זיך אַרויס אַ שווערער זיפץ, ווי דאָס האַרץ וואָלט געוואָלט אַ שפּרונג טאָן אין דער לופט און אַנטלויפן פון דער זינדיקער און שלעכטער וועלט.

— וואָס זיפצט איר אַזוי, דיעדושקאַ? — האָט אים אַ פרעג געטאָן אַ פרוי מיט אַ קוישל אין דער האַנט, וואָס איז געגאַנגען איינגעהילט אין אַ גרויסן שאַל, דורך וועלכן מען האָט נאָר אָנגעזען איר שפּיץ־נאָז.

מערמעלשטיין האָט אַ ווענד־געטאָן צו דער פרוי זיינע בליקן:

— אַז עס איז שווער אויפן האַרצן, זיפצט זיך, וואָס דען — שרייען זאָל איך, אַז צו דעם פאַרמאָג איך שוין נישט קיין כּוחות. נו, און אַז איך וועל שרייען וועט עס דען העלפן? דאָ זענען נישט פאַראַן קיינע אינסטאַנצן וואָס נעמען אויף געשרייען און וואָס ווילן העלפן דעם פאַר־צווייפלטן.

שווייגן זיי ביידע. די איינגעהילטע פרוי אינעם שאַל און דער שווער־שלעפּנדיקער מיט די פיס מערמעלשטיין.

די נאַכט איז אַ ווילדע, אַ צעשריגענע און פּראָטעסטירנדיקע. דער ווינט לאָזט זיך אַרום אין גאַלאָפּ איבער ביימער־שטאַמען, רייסט אַראָפּ פאַרטריקנטע צווייגלעך פון אַלטע ביימער, בייגט יונגע ביימלעך אין אַלע זייטן ווי צו אַ תּפילה, אַז דער גאָט פון די ביימער זאָל זיך איבער זיי מרחם זיין און נעמען אין שוץ קעגן ביי זן ווינט.

www.libtool.com.cn

די ביימער איז נאָך ווייל, זיי זוכן נאָך שוץ, זיי פּראָטעסטירן מיט געוואַי... און די צוויי איינזאַמע מענטשן אויפן וועג? צו וועמען זאָלן זיי ווענדן זייער געבעט? און די קינדער זיינע, מערמעלשטיינס אין דער קי־ביטקע אויפן הוילן ליימענעם דיל, אין דער קעלט און אינעם שוידער, וואָס זאָלן זיי נעבעך טאָן?

אַז אויפן האַרצן איז שווער, האָט זיך מערמעלשטיין אַראָפּגערעדט פונעם האַרצן פאַר דער ווילד־פרעמדער, אין שאַל איינגעהילטער פרוי. ער רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. ער דערציילט פון זיין לעבן, פון זיינע שוועריקייטן. ער אַרבעט שווער און ביטער אויפן זאַוואָד. קיין כוח איז נישטאָ און דער עיקר ס׳איז נישטאָ וואָס צום עסן. מיט איין זופּ אַ טאָג קאָן מען זאָט נישט זיין. און די קינדער מיט דער פרוי אינדערהיים, זיי איז נאָך ערגער.

גייט די פרוי אַ שטילע, אַ רואיקע און הערט זיך איין, וואָס דער פרעמדער מענטש רעדט צו איר און זי זיפצט שווער אָפּ.

— אָט גיי איך איצט פון דער אָטשערעד, געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט, בכדי צו באַקומען די נאָרמע ברויט און איך בין צופרידן. מיין מאַן וועט באַלד, אָט אַזוי ווי ער וועט קומען פון דער אַרבעט, וועט ער האָבן כאָטש מיט וואָס איבערצורייבן די ציין. — און זי שפּאַנט האַסטיקער, קוים וואָס מערמעלשטיין דעריאָגט זי מיט זיינע מידע צעווייטיקטע פיס.

* * *

אויפן שיידוועג האָבן זיי אָפּגערוט אַ ווייל. דער וועג צום פּושקין־קאָלכאָז שלענגלט זיך קעגנאיבער. נאָך אַ קילאָמעטער וועג דאַרף נאָך מערמעלשטיין דורכמאַכן. די פרוי בלייבט שטיין ביים וועג, זי דאַרף זיך פאַרנעמען אויף לינקס צום סטאַלין־קאָלכאָז. זי עפנט גיך אויף איר האַנט־קיישל, גיט אַ האַסטיקן צופּ אָפּ אַ שטיקל פון איר נאָרמע ברויט, שטופּט עס האַסטיק אַריין מערמעלשטיינען אין האַנט און מיט שנעלע טריט האָפּסלט זי אַוועק איבערן צעבלאָטיקטן וועג.

מערמעלשטיין שטייט ווי צעחושט. דאָס שטיקל ברויט בריט אים אין דער האַנט און אָט פילט ער ווי אַ שטראָם הייסע, זודיקע טרערן צעוואַ־

www.libtool.com.cn

רעמען אים דעם גוף. בריענדיקע טרערן, געזאַלצענע רינען אים אַריין אין מויל און הויך אויפן קול האָט ער אויסגעשריגן זיין פּראָטעסט און ווייטיק.

ער האַלט דאָס שטיקל ברויט שטאַרק פאַרקלעמט אין זיין פויסט. ער האָט מורא טאָמער וועט דער צעבייזערטער ווינט אים אַרויסרייסן פון האַנט דאָס שטיקל גאָלד, גרויס ווי אַ כזית. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געננומען אַ נדבה. ער שטייט אַ רעזיגנירטער און ווייסט נישט וואָס צו טאָן: לויפן נאָכשרייען דער גוטער פרוי און איר אָוועקגעבן דאָס שטיקל ברויט, וואָס זי האָט זיכער אָפּגעריסן פון אירע קינדערס מויל, צי גאָר עס אַליין אויפעסן און איינשטילן די קורטשן אין די קישקעס?

ער גיט אַ שמעק דערצו, ציט טיף אַריין דעם אָטעם און פאַר זיינע אויגן טויכט אויף דאָס בילד: אין קיביטקע ליגן די קינדערלעך און דאָס ווייב פאַרשמאַכטע און הונגעריקע. ער וועט זיי ראַטעווען דאָס לעבן מיט אָט די פאָר ביסנס און ער פאַרקלעמט שטאַרקער דאָס שטיקל ברויט אין זיין פויסט און שטעלט האַסטיקערע טריט.

דאָס ברויט בריט אים אין דער האַנט. ער איז אויסגעשעפּט ביז לעצט. אָ, ווען ער קאָן איצט אַ כאַפּ טאָן דאָס שטיקל ברויט און איינשלינגען, ווי גוט וואָלט אים געווען. און ער הייבט ווידער אויף די פאַרמאַכטע פויסט מיטן שטיקל ברויט צום מויל.

און ווידער דערזעט ער פאַר זיינע אויגן די הונגעריקע קינדערלעך זיינע, וואָס ליגן אין ווינקל פון דער קיביטקע אויף דער ערד. קלאַמערט ער נאָך מער זיין פויסט און פאַרגיכערט די טריט, ווי טויזנטער שדים וואָלטן אים געיאָגט, לויפט ער דעם ווינט אַנטקעגן — גיכער, גיכער אַהיים.

ער ווערט מיד, שטעלט זיך אַוועק אָפּכאַפּן דעם אָטעם. די סלינע קומט אים אין מויל. אָט נאָך אַ ווייל, נאָך אַ ווייל, וועט ער פאַלן. דאָס שטיקל ברויט בריט אים. קאָן נישט אויסהאַלטן. ער צופּט אָפּ אַ ביסן ברויט און לייגט עס אין אַריין אין מויל. באַלד פאַרדריסט עס אים אויף זיך אַליין, אויף זיין יצר־הרע. ער קלאַמערט איין נאָך שטאַרקער דאָס ברויט און לאָזט זיך אין ווילדן גאַלאָפּ אַהיים, גיכער, גיכער.

קוים באַוויזן אָפּצולויפן אַ שטיקל וועג, בלייבט ער ווידער שטיין.

www.libtool.com.cn

גיט שווער אַ פּאַל אויפן ליימיק צעווייקטן באָדן אַ באַגאָסענער מיט שוויס. דאָס האַרץ איז נישט צו פאַרהאַלטן, אָט שפּר־נגט עס אַרויס. און דאָס ברויט אין הויפן בריט און צופּט פון אים שטיקער. ער האָט נישט קיין כוח זיך אויפצוהייבן. מיט די לעצטע כוחות רוקט ער צו די פויסט צום מויל און רייסט מיט די ציין. קייט און גריזשעט, צערייבט דאָס שטיקל ברויט. נישטאָ, אויס ברויט...

* * *

יצחק מערמעלשטיין האָט זיך צערעוועט ווי אַ פאַרווונדעטע חיה. זיין געוואַי האָט זיך צונויפגעגאָסן אין כאָר מיטן געוואַי פון די שאַקאַלן אין די אַרומיקע היילן. פון ערגעצוואו האָבן זיך צעסקריפּעט מיט גלעזער־נער בראַזגעריי די אייזלען און דער ווינט האָט זיך מיט געברום און ירגזון צעווילדעוועט איבערן פוסטן פעלד.

שלאָבעריק מיט די לעצטע כוחות האָט זיך יצחק מערמעלשטיין קוים דערשלעפּט אַהיים. אַ פּאַל געטאָן אין די זאַכן אויפן ליימיקן דיל פון זיין קיביטקע און אַריינגעהעשעט זיין ווייטיק, זיך אָנכאַפּנדיק מיט די הענט פאַרן קאָפּ, צו פאַרשטעלן די אויערן, נישט צו הערן דאָס שווערע אָטעמען פון זיינע בני־בית.

אַ צייט לאַנג האָט יצחק מערמעלשטיין נישט געקאָנט קוקן זיין פרוי מיט די קינדער גלייך אין די אויגן. ער האָט זיך געשעמט וואָס ער האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם שווערן נסיון.

לאַנגע יאָרן האָט אים געפּייניקט דאָס געוויסן פאַר נישט קאָנען איבערהאַלטן, נישט קאָנען אויסהאַלטן, פאַרן וועלן ראַטעווען בלויז זיך, זיין אייגענע פעל.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

נאַטשאַלניקעס

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אַ פריש געבאַקענער...

שלום שטיינמאַן איז עולה לגדולה געוואָרן. אַ שיינע פּאָר יאָר האָט ער זיך אָנגעמאָרדעוועט, געאַרבעט אויפן כלאָפּ־זאַוואָד ווי אַ פּשוטער אַרבעטער. געמאַכט די נאָרמע, אַריבערגעיאָגט און געוואָרן אַ שלאָגלער, אַ סטאַכאַנאָוויעץ און ביי דעם אַלעם — געשטאָרבן צען מאָל אַ טאָג פון הונגער. ביז גאָט האָט געהאָלפן און ער האָט באַקומען אַ שטעלע פון אַ געהילף־בוכהאַלטער אין אַן אַרטעל פון גאָרפּראָמקאָמבינאַט [1].

דער נאַטשאַלניק פון דאָזיקן אַרטעל אַנאַטאָלי ציממערמאַן, אַ פּוילי־שער יונגערמאַן, איז אַריינגעפאַלן אין אומחן ביי דער העכערער נאַטשאַל־סטווע, ער האָט ווייניק געגעבן. זיין רוסיש־יידיש ווייבל פון ראָסטאַוו, אַננאַ סאַמועלאָוונאַ, וואָס דער מאַן אירער איז אַוועק אויפן פראָנט און זיך נישט צוריקגעקערט, האָט אים געפירט ביי דער נאָז. וויפל געלט ער האָט פאַרמאָגט איז איר אַלץ ווייניק געווען. וויפל טייערע פינגערלעך, זייגערלעך, גוטע פרויען־וועש און מאַנטלען וואָס די פּליטים האָבן פון זיך אויספאַרקויפט פון די שיריים פון זייער האָב־און־גוטס נאָך פון פוילן, איז אַלץ פאַרשלונגען געוואָרן אין אירע פול־אָנגעפּאַקטע וואַליזעס, וואָס זי האָט געהאַלטן באַהאַלטן בחדרי חדרים.

דער הויפט־דירעקטאָר גובסקי האָט זיך געבייזערט אין דער אָנוועזנ־הייט פון שלום שטיינמאַן:

— אַזאַ פּאָדליעץ, אַזאַ מערזאַוויעץ, די גאַנצע וועלט וואָלט ער איינגעשלונגען...

ביז איינמאָל אין אַ שיינעם טאָג, האָט אַנאַטאָלי ציממערמאַן באַקו־מען אַ פּריקאַז [2], אַז ער ווערט אַראָפּגענומען פון זיין אַמט, ער ווערט אויס נאַטשאַלניק. אויף זיין אָרט ווערט באַשטימט דער געהילף־בוכהאַל־טער שלום שטיינמאַן.

---

[1] שטאַטישער אינדוסטריעלער קאָמבינאַט.

[2] באַפעל.

www.libtool.com.cn

— ווי אַזוי קאָן איך ווערן נאַטשאַלניק — האָט זיך שטיינמאַן גע־ווערט אויף מאָרגן אינדערפרי אין דער אופּראַוולעניע [3], ווו ער איז גע־וואָרן אַרויסגערופן צום דירעקטאָר גובסקי. — ווי קום איך צו זיין אַ נאַטשאַלניק, אַז איך קאָן נישט די אַרבעט, איך ווייס צומאָל נישט מיט וואָס מען עסט עס.

— בודיעשו! [4] — האָט זיך גובסקי געבייזערט. — ביי אונדז קאָנען אַלע מענטשן ווערן דאָס וואָס די מאַכט באַשטימט זיי. קיין אוממעגלעכ־קייטן זענען ביי אונדז נישט פאַראַן, פאָניאַטנאָ?

עס האָט נישט געהאָלפן דאָס אויסטענהן זיך. שלום שטיינמאַן האָט איבערגענומען פון אַנאַטאָלי צימערמאַן דעם גרויסן פול־געפּאַקטן סקלאַד מיט הויזן, גימנאַסטיאָרקעס, ליילעכער, קאָלדרעס און וועש. אונטערגע־שריבן אַן אַקט, און דאַוואַי: ער איז געוואָרן נאַטשאַלניק, אַ ברירה האָט ער דען געהאַט. אויפן זאַוואָד האָט ער געהונגערט. ער איז געגאַנגען באָרוועס און נאַקעט און דאָ וועט ער כאָטש אַרבעטן ווייניקער, בעסער גיין אָנגעטאָן און דער עיקר ער וועט זיין אַ נאַטשאַלניק. אַ באַלעבאָס אויף אַזויפיל אַרבעטער, ער וועט האָבן צו זיין דיספּאָזיציע אַן אויטאָ־מאָביל, אַ געשפּאַן אין צוויי פערד און — פּריוויקניעש, מען וועט זיך צו־געוווינען.

ווי זאָגט דאָרט דאָס ווערטל: דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן. אויך שלום שטיינמאַן האָט געוואָלט פאַרזוכן דעם טעם פון אַ גרינג לעבן אויף אַ שטיקל צייט, אָפּעסן צו דער זעט, און וואָס ווייטער וועט זיין, לוינט זיך נישט צו טראַכטן...

דער אָרטעל איז גרויס. ס'אַרבעטן אַ מענגע אַרבעטער. די מאַשינען גייען אויף דער פולער פאַרע. די אַרבעטער און אַרבעטערינס פאַרציען אַ ניגונדל און קוקן ממזריש צו צום נייעם באַלעבאָס, צו שטיינמאַנען, וואָס איז נישט לאַנג געווען אַן אַרבעטער אַ גלייכער מיט זיי און שוין איז ער זייער כאַזאַיען [5].

[3] פאַרוואַלטונג פון קאָמבינאַט.
[4] וועסט זיין.
[5] באַלעבאָס.

www.libtool.com.cn

און שלום שטיינמאַן האָט זיך גלייך אַריינגעפּאַסט אין זיין נייער ראָל.

* * *

אַ נאַטשאַלניק איז טאַקע אַ גאַנץ גוטע פּאָזיציע אין לעבן. אָבער מען דאַרף עס אויך קאָנען זיין.

דער אַרטעל דאַרף אויספילן זיין חודש־פּלאַן אויף אַ פערטל מיליאָן רובל. כדי אויסצופילן דעם דאָזיקן פּלאַן, דאַרף דער אַרטעל אַרבעטן נאָרמאַל, פאַרן נישט אויספילן דעם פּלאַן דראָעט מיט גרויסע קאָנסעקווענצן. מען קען משפטן נישט מער און נישט ווייניקער ווי פאַר סאַבאָטאַזש. איז ניע שוטקי בראַט[6]...

שלום שטיינמאַן האָט באַלד אויף דער צווייטער וואָך נאָכן איבערנעמען זיין אַמט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ קאָלאָסאַלער שוועריקייט. די אַרבעט וואָס איז געלעגן פון פריער האָט זיך געענדיקט. די מאַשינען זענען אַנטשוויגן געוואָרן און די אַרבעטער זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע נעזער. די רעגירונג גיט דאָך נישט קיין רווישטאָפן פאַר דער אַרטיקער אינדוסטריע און דער נאַטשאַלניק אַליין מוז מיטן נאָז צעאַקערן די ערד און באַקומען אַרבעט. אַנדערש גייט עס נישט.

דער אַלטער קיעווער עוואַקואירטער ייד גריגאָרי זאַכאַריעוויטש באַרשאַפּ, וועמענס זון איז געווען אַ פּולקאָווניק און איז געווען אויפן פראָנט, און דערפאַר זיך געהאַלטן גרעסער און וויכטיקער פון אַלע אַרבעטער, איז אַרומגעגאַנגען דערצאָרנט און בייז מער פון אַלעמען.

— סאַלאָמאָן אָסיפּאָוויטש — האָט ער זיך אָפּגערופן מיט שוים אויף די ליפּן צו שטיינמאַנען — אַנאַטאָלי צימערמאַן האָט געוווסט ווי אַזוי זיך אומצוגיין מיט אונדז און איר פאַרשטייט גאָרנישט. ער האָט באַקומען אַרבעט פון אונטער דער ערד און מיר זענען ליידיק נישט געשטאַנען. איר וועט וואַרטן ביז וואַנען גובסקי וועט אייך געבן אַרבעט, וועט איר באַקומען אַ גרויע באָרד. גייט און זוכט: דאָ זענען פאַראַן גענוג מילי-

---

[6] נישט קיין געלעכטער.

www.libtool.com.cn

טערישע פאַלקן, זיי דאַרפן האָבן אַן אַרטעל וואָס זאָל פאַר זיי נייען, אויס־פּאַרריכטן קליידער, וועש, שיך. גייט זוכט וועט איר געפינען.

שלום שטיינמאַן האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די רייד פון אַלטן באַרשאַפּ און האָט געשוויגן. ער איז אין משך פון די צוויי וואָכן, וואָס ער אַרבעט דאָ ווי אַ נאַטשאַלניק, דערגאַנגען דעם סוד פאַרוואָס דער אַלטער באַרשאַפּ איז אַזוי בייז אויף אים.

צו יעדער צענדליק גימנאַסטיאָרקעס אָדער הויזן צו פאַרריכטן האָט אַנאַטאָלי צימערמאַן צוגעוואָרפן יעדן אַרבעטער צו איין איבעריק שטיקל און פאַר דעם האָט דער אַרבעטער באַקומען אויפן באַזאַר אַ פּאָר הונ־דערט רובל. פאַר באַרשאַפּן האָט צימערמאַן מורא געהאַט, האָט ער אים צוגעוואָרפן מער. אָבער שטיינמאַן איז דאָך נאָך געווען אַ גרינער, איז ביי אים אַלץ געגאַנגען לויט דער ליניע, זאַקאָן איז זאַקאָן [7]...

* * *

דער נאַטשאַלניק פון אַרטעל פון גאַרפּראָמקאָמבינאַט שלום שטיינ־מאַן, האָט זיך געמאָלדן אין דער עוואַקואירטער כאַרקאָווער טאַנקאָווער אוטשילישטשי צום נאַטשאַלניק פון „אָוועס" [8]:

— איך וויל אַרבעט פאַר מיין אַרטעל — האָט שלום שטיינמאַן גע־טענהט צום נאַטשאַלניק פון אָוועס, דעם קאַפּיטאַן אַמאַיעוו.

אַמאַיעוו, אַ הויכער פעסט־געבויטער יונג, מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן אין אויסגעפרעסענעם פּנים, האָט אים באַטראַכט פון אויבן ביז אַראָפּ און מיט אַ שלעפעריק קול פון פוילקייט זיך צעגענעצט:

— לאַדנאָ, פּאָלוטשיש [9].

אַ צופרידענער איז שטיינמאַן אַוועק צו זיך אין אַרטעל. באַרשאַפּ האָט אים דורכגעדרונגען מיט די אויגן:

— נו, וואָס?

— מאָרגן וועט זיין אַרבעט לרוב, — האָט שטיינמאַן געענטפערט.

---

7 געזעץ איז געזעץ.

8 דער וואָס פאַרנעמט זיך מיטן מונדירן די אַרמיי.

9 גוט, וועסט באַקומען.

www.libtool.com.cn

— אָבער איר דאַרפט אויך האַנדלען שכלדיק, טאָן אַזוי ווי אַנאַטאָ־לי האָט געטאָן. אַליין עסן און זען אַז אַ צווייטער זאָל האָבן כאָטש די שיריים — האָט באַרשאַפ געמ׳רוקעט ווי אַ בייזער, ווי ער וואָלט געווען גערעדט צו זיך אַליין.

* * *

צומאָרגנס איז צוגעפאָרן צום אָרטעל אַ גרויסער משא־אויטאָ אָנגע־פילט מיט הויזנס און גימנאַסטיאָרקעס. די אַרבעטער האָבן שנעל אַראָפּ־געגרוזעוועט פון דער מאַשין און די סחורה געטראָגן אין די סקלאַדעס.

דער לייטענאַנט שילאָוו, וואָס איז געקומען מיט דעם קאַמיאָן סחורה, האָט געגעבן שטיינמאַנען אונטערצושרייבן די פאַקטורע, אַז ער האָט באַ־קומען די סחורה און זיך אַרומקוקנדיק אויף אַלע זייטן צי קיינער הערט נישט אונטער, אים אַריינגערוימט אין אויער:

— אַמאַיעוו ווינטשט זיך אַ העלפט פון דער סחורה „אָפּצווישן“...

שטיינמאַן האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, נישט פאַרשטייענדיק דעם באַדייט דערפון. ער האָט אונטערגעשריבן די פאַקטורע, אַז ער האָט באַקומען די צאָל סחורה. ווען שילאָוו איז אַרויס, איז צו אים צוגעקומען זיין צושניידער מאָטעלע ריפינסקי און אים געזאָגט:

— איך קויף אָפּ ביי אייך די סחורה.

פאַר שטיינמאַנען איז עס אַלץ געווען ניי, שפּאָגל־ניי. ווען ער האָט געאַרבעט אויפן זאַוואָד האָט ער געוווסט, אַז אַן אַרבעטער גנבעט צו אַ שטיקל ברויט, אַ שטיקל לייוונט. ווער עס האָט געוואָלט עסן, האָט ריזי־קירט אַביסל. אָבער פאַרקויפן אַזויפיל סחורה מיט איין מאָל, ווי איז עס מעגלעך?

מאָטעלע ריפינסקי האָט אים דערקלערט:

— גאַנץ פשוט. איר האָט אונטערגעשריבן אַ פאַקטורע, אַז איר האָט באַקומען צען טויזנט שטיק. אַ העלפט דערפון וועט מען פאַרריכטן, די איבעריקע קויף איך אָפּ פאַר אַ האַלבן מיליאָן רובל, געלט גלייך אויפן טיש, ריבקי פּיש... אַ העלפט גיט איר אַוועק אַמאַיעוון און די צווייטע העלפט פאַר אייך און זיי שרייבן אייך אונטער אַ פאַקטורע, אַז איר האָט צוגעשטעלט אינגאַנצן.

www.libtool.com.cn

ריפּינסקי האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געפּאָרעט אין סקלאַד. סאָרטירט די בעסערע סחורה פאַר זיך. צוגעוואָרפן די אַרבעטער מיט איין פאָר הויזן אָדער גימנאַסטיאָרקע מער. דער אַרטעל האָט באַקומען דעם פריערדיקן אויסזען און אַלץ איז געגאַנגען כשורה.

אין אָוונט האָט מאַטעלע ריפּינסקי אויסגעצאָלט שטיינמאַנען דעם אָפּגערעדטן פּרייז. צומאָרגנס גאַנץ פרי איז שטיינמאַן אַוועקגעפאָרן צו אַמאַיעוון און אים איבערגעגעבן די זשמעניע געלט. זיי זענען ביידע אַריין אין דער קאַנטינע, געמאַכט אַ גוטן שנאַפּס, זיך דערלאַנגט גוט־ברודעריש די הענט און זיך צעגאַנגען.

שלום שטיינמאַן האָט עס קוים צעקייעט. ווי איז דאָס מעגלעך? מער דערמיט וועט ער זיך שוין נישט פאַרנעמען. איינמאָל קאָן געשען אַ נס. היינט איז דער דאָזיקער נס געשען. איצט וועט ער מיטן געלט קאָנען אָפּלעבן אַ שטיקל צייט און נישט זיין אויסגעשטעלט אויף הונגער און נויט.

* * *

עס זענען אַריבער בלויז דריי וואָכן. די אַרבעט האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט. שילאָוו האָט אָפּגענומען די רעשט סחורה, אונטערגעשריבן די פאַקטורע, אַז ער האָט באַקומען אינגאַנצן און איז אַוועק. די מאַשינען זענען צוריק שטום געוואָרן, באַרשאַפּ גייט שוין ווידער אַרום אַ בייזער און אַנגעכמורעטער:

— נו, טאָוואַרישטש, נאַטשאַלניק, וואָס שווייגט איר? מיר שטייען שוין ווידער ליידיק. גייט צו אייער אַמאַיעוון און ברענגט אַרבעט.

נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה — דעם פּלאַן מוז מען אויספירן. די אַרבעטער יאָגן זיך נישט אַזוי שטאַרק צו האָבן אַרבעט און באַקומען די פּאָר רובל פון דער קאַנטאָר, זיי גייט אין האָבן אַרבעט בכדי צו קריגן נאָך אַ פּאָר הויזן, נאָך אַ גימנאַסטיאָרקע און אַז מען אַרבעט קאָן מען צוגנבענען אַ קלעצל פּאַדעם אויך — איז שטיינמאַן אַוועק צו זיין אַלטן באַקאַנטן אַמאַיעוו, וועמען ער האָט געטראָפן זיצן אַ באַזויפענעם אין דער קאַנטינע.

www.libtool.com.cn

— טאָוואַרישטש קאַפּיטאַן, איך שטיי שוין ווידער ליידיק, האָסט עפּעס אַרבעט?

— וואָס הייסט נישטאָ? בודיעט. עס וועט קלעקן פאַר דיר אויף יאָרן — האָט אַמאַיעוו אים ווויליונגעריש געקלאַפּט איבער דער פּלייצע — פאָר אַהיים, מאָרגן וועט שילאָוו קומען.

שטיינמאַן האָט זיך אַ צופרידענער אויפגעהויבן פון אָרט.

— פּאָדאָזשדי[10], — האָט אַמאַיעוו אים צוריקגערופן — זעץ זיך, וועלן מיר עפּעס אויסטרינקען. אַזאַ הייסער טאָג היינט.

באַלד האָט דער קעלנער אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ גוטן ווייסן ווייַן און וואָדקאַ מיט צובייס.

— נו, נאַ זדאָראָוויע, דרוג[11] — האָט אַמאַיעוו אויפגעהויבן זיין גלאָז און מיט איין צי אַ זשליאָקע געטאָן — זאָלסט מאַכן די זעלבע קונץ ווי מיט דריי וואָכן צוריק. איך וויל באַקומען אַ גרעסערע סומע, טי מעניאַ אָבמאַנול[12].

— איך וועל נישט מער — האָט זיך שטיינמאַן אָנגעהויבן צו בעטן — מער וויל איך עס נישט מאַכן. איך האָב מורא, טאָוואַרישטש קאַפּיטאַן.

אַמאַיעוו האָט זיך צעלאַכט מיט אַ ווילדן געלעכטער, ווי טויזנטער שדים וואָלטן זיך פונאַנדערגעהוליעט אין זיין האַלדז.

— אידי, דוראַק. גיי איך וועל שוין געפינען אַנדערע יאָלדן, ניע כאָטשעש, ניע נאַדאַ[13].

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש און פאַרלאָזט די קאַנטינע. שטיינמאַן האָט אַליין געמוזט באַצאָלן דעם חשבון און אַוועק אַ כעסיקער און רעזיגנירטער. מער וויל איך נישט, איך האָב עס געָנוג — האָט אים דעם גאַנצן וועג פאַרפאָלגט דער געדאַנק.

---

10 וואַרט.

11 צום געזונט, פריינד.

12 דו האָסט מיך אָפּגענאַרט.

13 דו ווילסט נישט, דאַרף מען נישט.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

* * *

אַמאַיעוו האָט געפונען אַנדערע יאָלדן און קרבנות. זיינע קאַמיאָנען מיט סחורה זענען צוגעפירט געוואָרן צו אַנדערע אַרטעלן און שטיינמאַנס אַרטעל איז געשטאַנען ליידיק.

אָבער נישט אויף לאַנג.

כדי צו זיין אַ נאַטשאַלניק און וועלן אויספירן דעם מלוכה־פּלאַן און נישט געמשפּט ווערן פאַר סאַבאָטאַזש, האָט שלום שטיינמאַן געמוזט שלום מאַכן מיטן גורל. נישט נאָר אַמאַיעוו, נאָר אויך אַנדערע גרעסערע קליענטן האָבן צוגעשטעלט סחורה פאַר זיין אַרטעל וואָס איז געגאַנגען מיט דער גאַנצער פּאַרע.

שלום שטיינמאַן האָט זיך אויסגעלערנט די מלאכה, גערעכט איז געווען גובסקי:

— געדענקסט, וואָס איך האָב דיר געזאָגט דאַן, ווען דו האָסט זיך איינגעשטעלט מיט ציין און נעגל נישט וועלנדיק ווערן קיין נאַטשאַלניק. בודיעש, וועסט זיין און ביסט געוואָרן אַ לייט. ניטשעוואָ, ביסט נישט קיין ערגערער נאַטשאַלניק פון אונדזערע, וואָס פּראַקטיצירן שוין צענד־ליקער יאָרן.

גובסקי מיט שטיינמאַנען האָבן אויפגעהויבן די כוסות און פאַר־זשלאָקעט די איינגעשטעלטע גוט־ברודערשאַפט צווישן ביידע געשעפטס־לייט אינעם גרויסן אַרטעל פון גאָרפּראָמקאָמבינאַט...

www.libtool.com.cn

אַן ערלעכער...

איוואַן איוואַנאָוויטש קירייעוו איז געווען אַ שם־דבר אין סאַמאַרקאַנד. ער האָט זיך אויסגעצייכנט בלויז מיט איין זאַך: ער איז געווען אַ עכט אָרנטלעכער מענטש און אַ ביז גאָר ערלעכער פּאַרטיי־מאַן. געגאַנגען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, מיט אַ צעדריוולטן מיליטערישן שינעל, וואָס איז אים נאָך פאַרבליבן פון יענע צייטן ווען ער האָט געקעמפט קעגן די ווייסע, מיט אַ פּאָר אויסגעדרייטע שטיוול, אין וועלכע דער געלצעווייקטער ליימיקער באָדן האָט דאָרט געפונען זיין נעסט. ווען אויף די גאַסן איז געווען טרוקן, זענען זיינע שטיוול נאָך געווען נאַס און ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט רעכט אויסטריקענען זיינע פּאַרטיאַנקעס [1].

אָבער ערלעך איז ער געווען. צי אויך זאַט? אויף דעם איז שווער צו ענטפערן. ווער דען נאָך אויסער די דירעקטאָרן און נאַטשאַלניקעס זענען געווען זאַט? אַן אַרבעטער האָט זיך באַגנוגנט מיט דער פּאַיקע ברויט, וואָס ער האָט באַקומען אויף די קאַרטלעך. אויב אַן אַרבעטער איז געווען צופרידן איז ער, איוואַן איוואַנאָוויטש, געווען איבער גליקלעך. קיין גלייכן צו אים אויף דער וועלט איז נישט געווען בנמצא.

ווי זאָגט דאָרט יענע חברה: „ערלעך לעבן איז שווערלעך לעבן". אָבער נאָר פאַר יענע ליידיקגייער איז עס אַזאַ מין זאָג. פאַר קירייעוון אָבער איז עס נישט קיין פּראָבלעם. עס איז טאַקע שווער און ביטער צו זיין ערלעך, אָבער ער באַגנוגנט זיך דערמיט אויך. אויב ער האָט שוין אויסגעהאַלטן אַזוי לאַנג און שלעפּט נאָך יאַקאָש זיינע צעדרייטע שטיוואַלעס איבער די סאַמאַרקאַנדער גאַסן, ווערט צעפּרייעט אין די גרויסע היצן אונטער דער שווערקייט פון זיין שינעל און זשיפּיעט נאָך אַלץ — וועט ער, דער וואָס אין קרעמל, אים נישט לאָזן גיין צום גרונט. נישקשה פאַראַן דאָרט אַן אויג וואָס וואַכט און אַ מוח וואָס טראַכט, און זאָרגט

---

[1] שמאַטעס אויף די פיס אַנשטאָט שקאַרפּעטן.

www.libtool.com.cn

פאַר אַלע אונטערטאַנען, וועט ער, קירייעוו, בלייבן אַן אויסגעמיטענער, וואָס?

* * *

ס׳זאָל אַזוי נישט טרעפן ווי עס טרעפט זיך. די זון האָט אויך אַ שיין געטאָן פאַר קירייעוון. מען האָט זיך דאָרט ערגעץ אין די הויכע פענצטער דערמאָנט אין זיין צעדריוולטן שינעל און צעדרייטע שטיוול. איבער אַלץ און אַלעמען האָט דאָמינירט זיין ערלעכקייט, בפרט ווען אין זיין קאַר־טאָטעקע איז געווען פאַרצייכנט שוואַרץ אויף ווייס, אַז ער איז נאָך פריש און ריין, ווויל און גוט, אַז זיין פוס האָט אין משך פון אַזויפיל יאָרן, זינט דעם גליקלעכן טאָג, ווען דער אַרבעטער איז באַפרייט געוואָרן, נאָך נישט אָפּגעשטאָט קיין וויזיט אין קיין טורמע און איז צומאָל נישט דערגאַנגען ערגעצווו דאָרט אין אַ לאַגער אויסצורוען זיינע מידע בינער, — איז אַרויס אַ פּריקאַז, אַז „איוואַן איוואַנאָוויטש קירייעוו ווערט באַ־שטימט פאַר דירעקטאָר פון „גאָרפּראָמקאָמבינאַט״, אָנהייבנדיק פון 25סטן פעברואַר 1943״.

אַ פּריקאַז יאָק פּריקאַז. עס איז ווויל און גוט, אַז ערגעצווו איז פאַראַן אַ האַנט וואָס פאַרצייכנט און שרייבט אונטער. נאָר מען דאַרף קאָנען אויספירן דעם פּריקאַז און דער עיקר מען דאַרף זיך צוגעוווינען צו דער אַרבעט. איוואַן איוואַנאָוויטש מוז לויטן פּריקאַז צוטרעטן צו זיין אַרבעט און ווערן באַלעבאָס איבער העכער טויזנט אַרבעטער און פירן אַ געשעפט ווי עס פאָדערט די גאַנצע פאַרקנויילטע און פאַרוויקלטע אויספּלאַנירטע ווירטשאַפט.

ערלעך איז ער, שוין צו ערלעך. היינטיקע צייטן געפינען אַזאַ מין טשודאַק איז שווער. אָבער עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין דער סאַמע טיפער און געדיכטער בלאָטע קאָן זיך פאַרוואַלגערן אַ בריליאַנט. איז טאַקע ער, דער פאַרטיי־מאַן, טאָוואַרישטש איוואַן איוואַנאָוויטש קירייעוו, דער דאָ־זיקער בריליאַנט.

* * *

אַ גערויש ביי דער אַרבעט. די מאַשינען לויפן אין גאַלאָפּ אויף דער

www.libtool.com.cn

גאַנצער פּאַרע. דער עולם אַרבעטער איז עמאָציאָנירט. מען וואַרט אויפן גייעם דירעקטאָר, וואָס דאַרף היינט לויטן פּריקאַז קומען איבערנעמען די פאַבריק.

יעפים יאַקאָוולעוויטש ראָזענבערג, דער זאַווסקלאַד [2], איז פאַרשמייעט. עס איז שווער צו אים צו ריידן אַ וואָרט. ער נישטערט אין אַלע ווינקעלעך, אין אַלע פאַרבאָרגענע ערטער, ווו ער האָט געהאַט ליגן די טריפּהנע זאַכן און געזוכט צו פאַרווישן אַלע שפּורן. דער דירעקטאָר פון „אַבלמעספּראָם" [3], סערגיי מיכאַילאָוויטש זאַקליוטשניקאָוו, האָט אים טעלעפאָניש צוויסן געטאָן, אַז ער זאָל זיין זייער פאָרזיכטיק מיט זיין נייעם אויבערהאַר, מחמת ער איז אַ זייער ערלעכער און מיט דער ערלעכקייט אַליין, זאָל ער זיך נישט וואַגן צו שפּילן. דאָס איז אַזאַ מין אַרטיקל וואָס ברענט ערגער, טויזנט־פאַכיק שטאַרקער ווי פייער.

אויף יעפים יאַקאָוולעוויטשן ציטערט די הויט. ער, דער שטאַרקער חברה־מאַן, וואָס קאָן אויסגעצייכנט אַלע דריידלעך און קונצן, ער וואָס איז שוין אַרויס אַ געשטאַרקטער און דערמוטיקטער פון אַלע פייערן — אויך ער האָט זיך אויף טויט דערשראָקן.

— מיין טאַטע פלעגט צו מיר שטענדיק זאָגן — רופט זיך אָפּ יעפים יאַקאָוולעוויטש צו דער צושניידערין מאַריאַ סערגייעוונאַ שטוטשקאָוואַ — אַז פון ערלעכע לייט זאָלסטו אַנטלויפן. דאָרט ווו מען רעקלאַמירט די ערלעכקייט און מען ציטערט פאַר איר אימת־מוות, טאָרן אַפילו קיין לאַמעד־וואָווניקעס נישט שטיין.

און ער האָט געציטערט אויף אַן אמת, ווי אַ פיש אין וואַסער.

* * *

און אַז קירייעוו איז אַריין אין פאַבריק איז געוואָרן שטיל ווי אין אַן אויער. מען האָט געקאָנט ממש הערן ווי אַ הונגעריקע פליג האָט זיך צוגערוקט צו העלענאַ וולאַסאָוואַס האַנט־קוישל זוכנדיק עפּעס מיט וואָס צו דערכאַפּן דאָס שוואַכע הערצל.

---

[2] לייטער פון סקלאַד.

[3] וואַיעוואָדישע אַרטיקע אינדוסטריע.

www.libtool.com.cn

קירייעוו האָט דורכגעשפּרייזט דעם גרויסן ריזיקן פאַבריק־האָל מיט זיינע צעדרייטע שטיוואַלעס, וואָס האָבן זיך צעסקריפּעט מיט אַ געוואָי אויף זייער באַלעבאָס׳ ערלעכקייט. מיט בייז־פאַרזשמורעטע אויגן האָט ער אַרומגענומען דעם גאַנצן אַרבעטער־עולם. זיך באַגריסט מיט יעפים יאַקאָוולעוויטשן. אונטער די צודרינגלעכע בליקן פון די אַרבעטער זענען ביידע, דער זאַווסקלאַד און דער נייער דירעקטאָר, אַריין אין קאַבינעט. פון דאָרט אין גרויסן סקלאַד, ווו עס זענען געלעגן אָנגעהויפט חמרים קליידער, הויזן, פּופּייקעס, גימנאַסטיאָרקעס, שטיוול, שיך און נאָך אַזעלכע טייערע זאַכן, וואָס מען באַקומט עס נישט אַפילו אין די מאַגאַזינען אויף קיין קאַרטלעך.

יעפים יאַקאָוולעוויטש האָט באַטראַכט זיין נייעם באַלעבאָס מיט זיין מאָדנעם אָפּגעלאָזענעם, עפּעס נישט מעגלעכן אָנטועכץ פון אַ דירעקטאָר. ער האָט פלוצים פאַרלוירן זיין גאַנצע מורא. ווי זיין טבע צו ווען ריזיקירן און געווינען, האָט ער גלייך אַ זאָג געטאָן צו קירייעוון:

— טאָוואַרישטש דירעקטאָר, טו אויס דיין שינעל און קלויב זיך דאָ אויס אַ נייעם. איך האָב גענוג, צו דער צאָל וועט נישט פעלן.

קירייעוו האָט אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר אויגן און אַרויסגעזייט פון צווישן די ציין אַ כעסיקער:

— ניע כאַטשו![4]

יעפים יאַקאָוולעוויטש האָט זיך נישט פאַרלוירן און געפּרוווט ווייטער זיין מזל: — וואָס דאַרפסטו טאָוואַרישטש דירעקטאָר גיין מיט אַזאַ פּאָר אויסגעדרייטע שטיוול. ביי מיר, זעסטו דאָך, זענען פאַראַן אַזויפיל. נעם קלויב זיך אויס אַ פּאָר גאַנצע שטיוול. מיר וועט דאָך נישט פעלן צו דער צאָל, דיינע אַלטע שטיוול לאָזטו דאָך דאָ איבער.

— ניע בודו![5] — האָט קירייעוו שוין דאָס מאָל אַרויסגעוואָרטשעט אַביסעלע רואיקער און ער האָט אַלץ נישט געקאָנט אַוועקרייסן זיינע אויגן פון די קופּעס אָנגעוואָרפענע שטיוול.

[4] איך וויל נישט.
[5] איך וועל נישט.

www.libtool.com.cn

— לאָמיר אַרייַנגיין אין דער פּיוונושקע אויסטרינקען — איז יעפּים צוגעשטאַנען צודרינגלעך צו קירייעוו.

— ניע פּאַידו [6].

און ער איז טאַקע נישט געגאַנגען. אָבער זינט דעם טאָג אָן, האָט ער אָנגעהויבן היטן יעפּים יאַקאָוולעוויטשן און אים קיין איין טריט נישט געלאָזט מאַכן אַליין. ער איז נישט אָפּגעטראָטן פון דער פאַבריק אויף קיין רגע. קאָנטראָלירט און געבישטעדט מיט די אויגן. ער האָט אַרייַנגע־דרונגען אין יעדן אָרט און ווינקל. יעפּימען איז וואָס אַמאָל געוואָרן שווערער צו אַרבעטן.

די העכערע באַאַמטע, די נאָך העכערע דירעקטאָרן פון קירייעוון און איבער קירייעוון, וואָס האָבן נישט באַקומען זייער חלק פון דער שטענ־דיקער עקאָנאָמיע, האָבן זיך אָנגעהויבן טשעפּען צו יעפּימען, אַז ער איז קאַליע געוואָרן.

— ער נעמט נישט, כאָטש גיב אים אַ מכה. מען קאָן אים נישט אָפּ־חורשן. לאָ די וואָס ער נעמט אַליין נישט, היט ער מייַנע פּוסטריט. מען דאַרף זוכן אַן עצה... און געפונען: אַ נייעם פּריקאַז:

„איוואַן איוואַנאָוויטש קירייעוו ווערט אַראָפּגענומען פון זייַן אַמט אַלס דירעקטאָר, אָנהייבנדיק פון 20סטן אַפּריל 1943".

און קירייעוו איז פאַרבליבן די ערלעכקייט אַליין.

אַלע — די נאַטשאַלניקעס, בריגאַדירן, צושניידער, די העכערע נאַ־טשאַלסטוואָ און אַפילו די אַרבעטער האָבן פריי אָפּגעאָטעמט.

* * *

דער שינעל אויסגעריבן. די שטיוול צעדרייט, מיטן אויסגעדאַרטן פּנים ווי ביי אַן אַסקעט, האָט די ערלעכקייט שפּאַצירט איבער די סאַמאַר־קאַנדער גאַסן אַ הונגעריקער, אַ פאַרצווייפלטער. ביז זייַנע שטיוול האָבן זיך איינמאָל אָפּגעשטעלט ביי יעפּימס ביוראָ. נישט קאָנענדיק לענגער אויסהאַלטן, איז ער אַריין אינעווייניק:

---

[6] איך וועל נישט גיין.

www.libtool.com.cn

— טאָוואַרישטש יעפּים יאַקאָוולעוויטש, מען קאָן ביי דיר עפּעס באַקומען אַרבעט?

— פּאָזשאַלויסטאַ [7], פּאַרוואָס נישט? ביי מיר איז איצט פריי דער פּאָסטן פון נאַטשאַלניק פון אַרבאַ־קוזניעצקי צעך [8]. קאָנסט אים איבער־נעמען בתנאי, זאָלסט מיר געבן אַ פּראָצענט פון די זדיעלקעס [9].

די ערלעכקייט האָט זיך איבערגעבעטן.

ער איז געוואָרן אַ גוטער נאַטשאַלניק, אָט אַזוי ווי אַלע — נישט ערגער און נישט בעסער.

זיינע שטיוול האָבן שוין געשפּרייזט גלייכע און אויסגערייניקטע. זיין בייער שינעל האָט זיך געבאָמבלט אַרום די שיין געפּוצטע גאַרמאָשקע שטיוועלעך, וואָס האָבן צוזאַמען האַרמאָנירט מיט אויסגעגלייטערטן צו־פרידענעם פּנים.

[7] ביטע זייער.

[8] צעך ווו ס׳ווערן אויסגעאַרבעט וועגענער אויף צוויי רעדער,

[9] פון די לינקע געשעפטלעך.

www.libtool.com.cn

דער אינוואַליד

סערגיי טימאָפּייעוויטש קאַווילין, דער גלאַוובוך[1] פון גאָרפּראָמקאָמבינאַט[2], איז שוין צוריקגעקומען פון פראָנט. ער האָט פאַרלוירן די לינקע האַנט אין קאַמף מיט די נאַצישע האָרדעס. דערצו איז ער נאָך קאָנטוזשירט אויך.

אָבער דאָס גוטמוטיקע, פריילעכע און זאָרגלאָזע שמייכעלע פון זיין שטענדיק פאַרשיכורטן פּנים איז פאַרשוווּנדן. די אויגן זענען פאַרוואַסערט. ער איז געוואָרן אַ ווילער יונג. ער האָט אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר נאַטשאַלסטוואָ און איז געוואָרן אַ רשע־מרושע, אַן אַנטיסעמיט.

— זשידי! יאַ איך אוביו! בודו רעזאַט![3] — הייבט ער אויף די איינציק פאַרבליבענע האַנט און דראָט מיט איר אין דער לופטן.

ער וועט הרגענען און ממיתן יעדן ייד, ניע שוטקי, בראַט! מיט אים איז זיך נישט צו שפּילן.

נאָר איין גוטע מעלה האָט ער, סערגיי טימאָפּייעוויטש קאַווילין, ער האָט ליב אַ כוסה און עס אַרט אים גאָרנישט אויב עס גיט זי אים אַ ייד.

— וואָדקאַ — זאָגט ער, — איז אינטערנאַציאָנאַל. עס איז די שפּראַך פון אַלע גויטליידנדיקע און באַזויפטע מענטשן פון גאָר דער וועלט. פאַרקערט, אַ שנעפּסל איז דווקא גוט צו מאַכן מיט אַ ייד. אַ ייד טרינקט ווייניקער, ווערט גיכער שיכור, בלייבט פאַר אים, פאַר קאַווילינען מער. ער פאַרזשלאָקעט זיינע פאַר יאָרעלעך מיט דוויעסטע גראַם וואָדקאַ[4], גיט אַ שמעק אַ שטיקל שוואַרץ ברויט, גייט אָפּ עטלעכע טריט און פאַלט אַריין אין רינשטאָק. ליגט אָפּ ווי אַ חזיר אַ צען־פופצן מינוט, הייבט זיך צוריק אויף און:

---

[1] הויפּט־בוכהאַלטער.

[2] שטאָטישער אינדוסטריע־קאָמבינאַט.

[3] יידן! איך וועל זיי דערהרגענען! איך וועל שעכטן!

[4] 200 גראַם בראָנפן.

www.libtool.com.cn

— דאַוואַי פּאַידאָם יעשטשאָ ראַז [5].

עס איז אים גוט אויף דער נשמה. ער פאַרגעסט פון די אַלע חזירייען פונעם פראָנט. הערט נישט דעם אויפרייס פון די שראַפּנעלן, ער דאַרף נישט מאַנעווורירן מיט זיין מאַשין־ביקס. ער פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל און זוכט נאָר אַן אויסרייד ווי אַזוי צו פאַרטשעפּען אַ יעוורעי. היינט נאָכן קומען פון פראָנט, האָט ער נישט קיין מורא צו שרייען הויך אויפן קול: זשיד. ער האָט נישט קיין מורא פאַרן געזעץ, וואָס זאָגט הויך, אַז פאַר אַנטיסעמיטיזם משפּט מען.

— אייגנטלעך — טענהט קאָווילין — וואָס האָב איך מורא פאַרן געזעץ? יעוורעי איז נישט די זעלבע זאַך ווי זשיד און אַ זשיד איז עפּעס אַנדערש פון אַ יעוורעי. וואָס קאָן מען מיר טאָן? האַ? אַרויפזעצן אַ נייע האַנט?, האַ, שוטקי בראַט...

— וואָס ביסטו אין כעס אויף די יעווריעיעס, טאָוואַרישטש קאָווילין? קום, לאָמיר כאַפּן אַ כוסה.

— דאַוואַי, — איז קאָווילין צופרידן — אַ טשטאָ קאַסאַיעטסיאַ יעווריעיעוו [6], אַהאָ, אַהאָ, וועגן דעם דאַרף מען רעדן ווען מען איז בגי־לופנדיק. עפּעס אַזוי גלאַט גייט עס נישט אַריין אין קאָפּ. פּאָניאַטנאָ?

דער אייגנטימער פון רעסטאָראַן האָט אָנגעגאָסן אַ טיי־גלאָז זעקס און ניינציקער, צוגעגעבן אַ קליין שטיקל שוואַרץ ברויט. קאָווילין האָט מיט בראַוווּר אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און דער אַרבל פון דער לינ־קער האַנט האָט זיך אַ שאָקל געטאָן. ער האָט פאַרריסן די אויגן צום סו־פיט, מיט איין אָטעם אַריינגעצויגן די ביטערע שטאַרקע משקה, שנעל אַ כאַפּ געטאָן דאָס שטיקל ברויט, אַ שמעק געטאָן, אויסגעשפּיגן אויפן דיל, און זיך אַ שאָקל געטאָן אויף די פיס.

— דאַוואַי, פּאַידיאָם! [7].

וואַקלדיק האָט ער זיך געפּלאָנטערט אַראָפּגייענדיק פון די שטיגע־לעך פון רעסטאָראַן, אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט און זיך אויסגעצויגן אין

[5] לאָמיר גיין נאָכאַמאָל.
[6] וואָס שייך יידן.
[7] לאָמיר גיין.

www.libtool.com.cn

דער גאַנצער גרויס אינעם אַריק, זיך קאָנוולסיוו געטרייסלט און געשריגן:

— עך, זשידי, יאַ וואַס אוביו! — ער האָט זיך שלאַבעריק אויפגעהויבן און זיך פאַרנומען צום אַנטקעגנאיבערדיקן באַזאַר. מיט רוגזה זיך איינגעקוקט אין די פּנימער פון די הענדלער, פאַרקויפער און סתם באַזוכער פון באַזאַר און זיך געטשעפּעט צו יעדן איינעם:

— טי זשיד, יאַ וואָיעוואַל [8]. איך האָב געקעמפט אין דער אָטשעסטוויענער וואָינאַ [9]. איך האָב געשלאָגן די דייטשן, זיי האָבן מיר טאַקע אַרויסגעדרייט אַ האַנט, אָבער נישקשה מיט דער איינציקער האַנט, — האָט ער זיך צעפּאָכעט — וועל איך אייך אַלע אויסהרגענען.

אַ מיליציאָנער איז צוגעגאַנגען מיט פּאַמעלעכע טריט:

— גראַזשדאַנין [10], באַרויִק זיך, מאַך נישט קיין סקאַנדאַלן, איך וועל אייך אָפּפירן אין דער מיליץ.

קאַווילין האָט אויסגעשטרעקט זיין ברוסט קעגן דעם מיליציאָנער, אים דורכגעשפּיזט מיט זיינע פאַרשיכורטע אויגן און אויסגעשריגן:

— מערזאַוויעץ, ווען סטראַשעסטו מיט מיליץ? איך האָב געקעמפט קעגן שונא. אַ האַנט פאַרלוירן, קאָנטוזשירט געוואָרן פון אַ שראַפּנעל און דו זיצסט אין הינטערלאַנד און סטראַשעסט מיך, אַ באַיעץ, אַ קעמפער! — און זיך פאַרמאָסטן מיט דער רעכטער האַנט אויפן מיליציאָנער.

דער מיליציאַנט האָט אים אַ שלעפּ געטאָן פאַרן אויסגעליידיקטן אַרבל און מיט רוגזה אויסגעשריגן:

— דאַוואַי, אין מיליץ!

קאַווילין האָט זיך אויגנבליקלעך אַרויסגעריסן פון דעם מיליציאָנערס הענט און אַ צישע געטאָן:

— סוקין־סין! מערזאַוויעץ! וועמען? מיך, סערגיי טימאָפעיעוויטש קאַווילין וועסטו שלעפּן אין דער מיליץ? דו זשידאָווסקי פּאַכאָלעק!

עס איז געוואָרן אַ געזעמל. דער מיליציאָנער האָט אים נאָכגעלאָזט.

---

[8] איך האָב געקעמפט.
[9] פּאַטערלענדישער מלחמה.
[10] בירגער.

www.libtool.com.cn

קאַווילין האָט זיך אויפגעשטעלט אַן אויסגעניכטערטער און געוואָרפן אין דער לופט אַריין:

— איך בין אַן אוקראַינער! מיין ראַדאָק איז דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער אוקראַינישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ניקיטאַ כרושטשאָוו. ער האָט אַליין אין קיעוו צו אונדז גערעדט ווען איך בין אַרויס פון שפּיטאָל, אַז די יעווריעס זענען פאַררעטער, טויגעניכטסן. ער האָט אַרויסגעגעבן דעם פּריקאַז, זיי נישט אַריינצולאָזן צוריק אין באַפרייטן קיעוו. ער, ניקיטאַ מעג אַלץ, און איך טאָר נישט, האַ?

ער האָט אָנגעהויבן לויפן ווי אַ באַנומענער איבערן באַזאַר, פּאַכנדיק מיט זיין איינער האַנט אויף רעכטס און לינקס.

— זשידיי! איך וועל אייך דורסן! אויסראָטן ביז איינעם.

אים צוהילף זענען אונטערגעקומען עטלעכע אינוואַלידן פון די אַרומיקע שפּיטעלער מיט קוליעס אין די הענט, וואָס דרייען זיך אַרום איבער די באַזאַרן. פּאָכנדיק מיט די קוליעס האָבן זיי אָנגעהויבן צו לויפן היפּנדיק אויף די באַנדאַזשירטע איינציקע פיס מיט ווילדן געליאַרעם:

— מערזאַווצי! מיר האָבן געקעמפט און איר אַלע זענט געזעסן אין הינטערלאַנד, געזשלאָקעט וואָדקאַ, געפרעסן שאַשליק און געשלאָפן מיט אונדזערע ווייבער... מיר וועלן אייך...

אויסגעליידיקט האָט זיך דער באַזאַר. אַלע געשטעלן זענען איבערגעקערט געוואָרן. די אַריקן האָבן געפּלייצט מיט אויסגעגאָסענע מילד פון אוזבעקישע פּאַרקויפערינס. דער קאַטיק[11] פון די גרויסע טעפּ, האָט זיך ווי אַ ווייסע בלאָטע צעלייגט אונטער די פיס. וויינטרויבן, אוגערקעס, פּאָמידאָרן, און כל המיני פּירות זענען פּאָגראָמירטע געלעגן אויפן ברוק. פּוסט איז געבליבן דער באַזאַר. אַלץ איז זיך צעלאָפן פאַר דער מורא פון די צעיושעטע אינוואַלידישע קוליעס.

דער איינציקער מיליציאַנט האָט זיך פּחדנותדיק פאַרשטעקט הינטער אַ פּאַרקאַן, מ׳זאָל אים נישט אַרויסזען.

קאַווילין האָט נאָך אַלץ קאָמאַנדעוועט. ער האָט זיך אויפגעזעצט

[11] זויערמילך.

www.libtool.com.cn

שווער פרייכנדיק אויף אַ טיש, אויף וועלכן עס זענען געבליבן שיריים פון פרוכטן און אַרום אים — די אינוואַלידן מיט די קוליעס.

— מיר האָבן זיי אָנגעלערנט, האַ? — איז ער געווען צופרידן — זיי זענען זיך ווי שטשורעס צעפלויגן אין די נאָרעס. דאַוואַי כלאָפּצי, ווי־פּיאָם![12] לאָמיר אויסטרינקען פאַר אונדזער זיג.

זיי האָבן אַלע אַריינמאַרשירט אין קעגנאיבערדיקן רעסטאָראַן. דער אייגנטימער איז געשטאַנען אין ווינקל אין איין שרעק.

— דאַוואַי! — האָט קאַווילין, מעשה אָנפירער אַרויסגעהעשעט — דאַוואַי, פּאָ דוויעסטיע גראַם[13]. לאָמיר טרינקען פאַר דער פּאָב־עדאַ![14].

דער רעסטאָראַטאָר האָט זיי אָנגעגאָסן צו גלעזער זעקס און ניינצי־קער. די באַנדע אינוואַלידן האָט איבערגעקערט די פולע טיי־גלעזער אין דער קעל אַריין, זיך גוט אָנגעטרונקען, האַרמידערט, זיך געקושט אין די ליפּן. קאַווילין האָט אַראָפּגעשפּרייזט די דריי טרעפּלעך פון רעסטאָראַן. זיך אַ וואַקל געטאָן אין אַריק און געבליבן ליגן מיט פאַריסענע אויגן צום העל־בלאָען אוזבעקישן הימל און געוואָרטשעט אַ מידער:

— עך, זשידי, יעוורעיע; סוקיני־סיני, מערזאַווצי!...

* * *

דער באַזאַר האָט נאָכן אינוואַלידן־פּאָגראָם באַקומען זיין נאָרמאַלן אויסזען. צוריק האָבן ווידער אָנגעהויבן שטראָמען מענטשן צום טעגלעכן האַנדל־וואַנדל...

---

[12] קומט, לאָמיר אויסטרינקען.
[13] גיב צו 200 גראַם.
[14] לאָמיר טרינקען פאַרן נצחון.

www.libtool.com.cn

נאַטשאַלניק קים

דער גאַנצער קים איז אַלט געווען אַ יאָר אַכט און צוואַנציק. אַ גע־ריבענער און פּיפּיקער קאַרייעץ. עלעגאַנט אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן שוואַרצן לעדער־מאַנטל וואָס האָט אים געגרייכט ביז די קנאָפּל פון זיינע שייך־געפּוצטע שטיוועלעך, מיט אַן אוזבעקישער קיפּיטייקע אויף זיין גלאַט־ראַזירטן קאָפּ. מיט די אַרויסטאַרטשענדיקע קין־ביינער און בלאַסע באַקן האָט ער גיכער געמאַכט אַן איינדרוק ווי אַן אַטאַמאַן פון אַ רויבער־באַנ־דע, איידער אַ נאַטשאַלניק פון גאָרפּראָמקאָמבינאַט.[1]

ער האָט געהאַט אַ יונגע שיינע פרוי, אַ מאָסקווערין. זי איז געגאַנ־גען עלעגאַנט אָנגעטאָן, אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק. מען האָט גלייך דערשמעקט, אַז דער חברה־מאַן איז אַ גרויסער פאַרברויכער און זיין אַפּעטיט — אַ וועלפישער.

די העכערע באַאַמטע פון דער אופראַוולעניע האָבן זיך מיט אים דערפרייט. ער איז ביי זיי נישט געווען קיין פּנים חדשות. ער איז שוין מיט עטלעכע יאָר צוריק — נישט געקוקט אויף זיין יונגן עלטער — גע־ווען דירעקטאָר פון דער אונטערנעמונג. נאָר פאַר אַ ליגקער זדיעלקע[2], וואָס איז אויפגעדעקט געוואָרן דורך דער גאָסקאָנטראָלע[3], איז ער אַריינ־געפאַלן אין תפיסה. נישט לאַנג האָט מען אים באַפרייט, נאָך אַ רעוויזיע פון פּראָצעס. ער האָט געהאַט ברייטע פּלייצעס דאָרט ווו מען דאַרף און מען האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון תפיסה.

דער נאַטשאַלניק שטיינמאַן, פון אַרטעל ביים וואָקזאַל, האָט באַלד דערפילט, אַז מיט דעם חברה־מאַן דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק. נישט לאָזן זיך צופיל אַריינשלעפּן, וואָרעם אין זיין ווילדן גאַלאָפּ קאָן ער אַלעמען מיט זיך פאַרשלעפּן אָן שום רחמנות.

[1] פאַרוואַלטונג פון קאָמבינאַט.
[2] געשעפטל.
[3] מלוכה־קאָנטראָל.

www.libtool.com.cn

שטיינמאַן האָט אין יענע טעג, ווען קים איז געוואָרן זיין נייער באַלעבאָס, באַקומען צוויי וואַגאָנען פּאַראַשוטן. די סחורה האָט מען געדאַרפט צעטרענען און אויפנייען פון זיי וועש און קליידער פאַרן אַבל־טאָרגאָדיעל [4]. די וואַגאָנען זענען געשטאַנען אויף דער באַן־סטאַנציע אויף אויסצולאָדענען. מען האָט געוואַרט אויף אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אויפן אָרט מאַכן אַן אַקט, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג.

קים האָט אָפּגעשטאַט דעם ערשטן באַזוך ביי שטיינמאַנען אין קאַנטאָר.

מיט אַ לייכט געגנעלע איז ער אויסגעשטיגן פון דער דראָזשקע און אַריינגעשפּאַצירט אינעווייניק.

— וויפל מענטשן אַרבעטן ביי דיר, — האָט ער גלייך אויף „דו“, זיך געווענדט צו שטיינמאַנען.

שטיינמאַן האָט אים געענטפערט.

— און וויפל נאַדאָמניקעס [5] אַרבעטן ביי דיר?

— אַן ערך פערציק — האָט שטיינמאַן געענטפערט.

— ניע לזיאַ, בודיעם סודיט [6]. מע טאָר נישט באַשעפטיקן קיין אַרבעטער אינדערהיים, אין אַרטעל דאַרפן זיי אַרבעטן.

— און וויאַזוי מאַכסטו רעמאָנט?

— איך דינג אַרבעטער און באַצאָל. איך קאָן דאָך נישט לאָזן דעם דאַך נישט געשמירט. אַלע יאָר אין האַרבסט מוז מען שמירן דעם ליימענעם דאַך מיט סאַמאַן [7] און ליים, און אויב נישט — רינט אַרייַן און די סחורה פוילט און מען קאָן מיך דערפאַר משפטן, האָט דער הויפּט־בוכהאַלטער קאַווילין מיר דערלויבט צו נעמען דאָס געלט פון די זאַקאַזן [8] און באַצאָלן די אַרבעטער.

---

4 וואַיעוואָדישע האַנדלס־אָפּטיילונג.

5 היים־אַרבעטער.

6 מען טאָר נישט, מיר וועלן משפטן.

7 צעריבענעם שטרוי.

8 פון די באַשטעלונגען.

www.libtool.com.cn

— ניע לזיא, בודיעם סודיט, פּאַנימאַיעש? — האָט ער מעשה נייער באַלעבאָס געוואָלט אַ סטראַשע טאָן שטיינמאַנען.

שטיינמאַן האָט זיך פּאַר אים עפּעס נישט געשראָקן. דאָס זאָגט ער גלאַט אַזוי, כדי צו זאָגן עפּעס. קיין גרויס צוטרוי האָט ער צו זיך און צו זיין גאַנצער פיזאָנאָמיע נישט אַרויסגערופן.

ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ ווילן יונג, אַ בלאַטן, פון דער אונטערוועלט.

שטיינמאַן האָט זיך נישט דערוועגט אים פּאָרצולייגן צו מאַכן אַ כוסה, ווי עס איז געווען דער מינהג, „אָפּצוגעצן" אַ נייעם דירעקטאָר.

קים איז אַליין אַריין אין אַרטעל, אַרומגעקוקט זיך אין אַלע ווינקע־לעך, אַ נישטער געטאָן מיט זיינע קליינע אייגעלעך, אַריין צום זייגער־מאַכער פון אַרטעל, באַטאַפּט אַלע זייגערלעך און איז צוריק אַריין צו שטיינמאַנען.

— קום, לאָמיר אַרויסגיין צו דער סטאַנציע אַ בליק געבן אויף די וואַגאָנען מיט די פּאַראַשוטן — האָט ער פּאָרגעלייגט.

זיי זענען ביידע אַרויס אויף דער באַן־סטאַנציע. די גרוזטשיקעס [9] האָבן זיך געפּאָרעט ביי די וואַגאָנען. די קאָמיסיע איז שוין געווען אויפן אָרט און יעדן פּאַראַשוט באַזונדער באַטראַכט, באַטאַפּט מיט זשעדנע גי־ריקע פינגער און פאַרשריבן.

איין זעקל האָבן זיי געפונען אָנגעשטאָפּט מיט שמאַטעס, דער זייי־דענער פּאַראַשוט איז נישט געווען. פון אייניקע פּאַראַשוטן זענען געווען אַרומגעשניטן די שטריק. פון אַנדערע האָבן געפעלט שטיקער, וואָס ער־געץ אויפן וועג, אָדער פאַרן אָנלאָדן אין די וואַגאָנען זענען זיי אָפּגע־שניטן און אַרומגעצופּט געוואָרן. די קאָמיסיע האָט געמאַכט אַקטן.

שטיינמאַן האָט אַרומשפּאַצירט מיט קימען הין און צוריק ביי די וואַגאָנען:

— סלושאַי, שטיינמאַן. איך דאַרף האָבן אַביסל מאַטעריאַל אויף

---

[9] טרעגער.

www.libtool.com.cn

ליילעכער, אויף ציכן און העמדער און אַ ווייסן זיידענעם קאָסטיום פון פּאַראַשוטן־זייד — האָט קים אים אָפן און תכליתדיק געזאָגט.

— ניע לזיאַ, טאָוואַרישטש דירעקטאָר, בודיעם סודיט! — האָט שטיינמאַן קאַלט אַרויסגעזייט פון צווישן די ציין.

קים האָט זיך צו אים אויסגעדרייט, אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ מיט די קרומע קליינע אויגן זיינע און גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע.

— עך, דוראַק, טי דוראַק[10] — האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט אויפן קול. — טי כיטרי יעוורעי, גאַלאָוואָ ניע ראַבאָטאַיעט, טשטאָ לי?[11] — און ער האָט זיך קאָנווולסיוו געוואָרפן פון געלעכטער.

— דאַוואַי וויפּיאָם[12] — האָט ער איינשטילנדיק דאָס ספּאַזמאַטישע געלעכטער זיך אָפּגערופן צו שטיינמאַנען, ווען זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם וואָקזאַל־רעסטאָראַן.

זיי זענען ביידע אַריין אינעווייניק. ווי נאָר דער גריך, דער לייטער פון וואָקזאַל־בופעט האָט דערזען שטיינמאַנען אין דער באַגלייטונג פון קימען — האָט ער זיך פאַרוונדערט, זיך גענומען אַזש קראַצן אין דער פּאַטיליצע.

דער גריך האָט זיך צוגעשאַרט צו קימען און זיך מיט אים גוט־ברודעריש אַרומגענומען, זיך צעקושט. ווי עס ווייזט אויס זענען זיי געווען אַלטע גוטע באַקאַנטע. ער האָט שטיינמאַנען מיט קימען אַריינגעפירט אין זייטיקן צימער. באַלד איז דער טיש סערווירט געוואָרן מיט כל־טוב.

קים האָט זיך גענומען צו דער אכילה מיט אייפער און ברען. דער טיש איז ביסלעכווייז ליידיק געוואָרן. דער גריך האָט נישט געזשאַלעוועט. ער האָט גוט געקענט זיינע קליענטן.

— וועסט מיר באַזאָרגן אַ ווייסן קאָסטיום פון פּאַראַשוטן־זייד — האָט דער גריך זיך אָפּגערופן צו שטיינמאַנען — איך האָב געזען דאָרט איז פאַראַן גוטע זייד, אויף אַ קאָסטיום איז דאָס אויסגעצייכנט.

---

10 יאָלד.

11 דו ביסט אַ כיטרער ייד און דער קאָפּ ארבעט נישט.

12 לאָמיר אויסטרינקען.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

— אַ ברירה וועל איך האָבן — האָט אים שטיינמאַן געענטפערט, — אַזוי לייכט וועל איך איצט נישט אָפּשניידן פון געשעפט. די זייד וועט אַלעמען אַרויסנעמען די אויגן.

ווען דער גריך איז אַרויס אַריינטראָגן פרישע פלעשער ביר, האָט זיך קים אָפּגערופן צו שטיינמאַנען:

— עס איז אַ טייער געשעפט. די פּאַראַשוטן וועלן אַריינטראָגן היפּש פּרנסה, נאָר מיט קאָפּ, וועט אַלץ גוט זיין — האָט ער זיך פּאַסמאַקעוועט מיטן שוואַרצן קאַוויאָר.

שטיינמאַן האָט אים אָנגעקוקט. ער איז געזעסן, געפּרעסן און געזשלאָקעט, פּונקט ווי ער וואָלט יאָרן נאָכאַנאַנד נישט געגעסן.

— קאַווילין, דער גלאַווכוך, האָט מיר דערציילט, אַז דו ביסט אַן אייגענער — האָט קים זיך אָפּגערופן — דו פאַרשטייסט אַן עסק. זיי האַלטן אַלע פון דיר אין דער אופּראַוולעניע.

שטיינמאַן האָט אים נישט געענטפערט. ער איז געזעסן אַ פאַרזונקענער אין מחשבות אין אַ האַלב־שיכורלעכן צושטאַנד. ווי ער האָט נישט געוואָלט טרינקען, האָט ער פאָרט געמוזט מיטהאַלטן מיט קימען.

שטיינמאַנען איז שווער געוואָרן אויפן האַרצן. איצט ווען די ישועה איז שוין נאָענט, מען האַלט שוין ביים אַרויספאָרן פון דאַנען, מוז ער קעגן זיין ווילן זיך אַריינבאָדן אין אַזאַ גרויס און שווער געשעפט. אויף זיין לעבן איז ער נישט געווען קיין שניידער און ער האָט נישט קיין אַנונג אין דער דאָזיקער מלאכה... און דאָ איצט אַזאַ גרויסע באַשטעלונג אויף צענדליקער טויזנטער מעטער מאַנופאַקטור... און ער וועט מוזן שטעלן זיין קאָפּ פאַר אַלעמען און דער עיקר אַנטקעגן אַזאַ קים, ער וואָלט אַלץ איינגעשלונגען. ער דאַרף ריזיקירן מיט זיין קאָפּ, כדי אַלע זאָלן זויפן און פרעסן, זיך אָנטאָן און לאָזן דאַוואַי און וווילגיין. נאָר דאַוואַי און דאַן ווען עס מאַכט זיך עפּעס, איז נישטאָ ווער ס'זאָל פאַר דיר טראַכטן. אָט אַזוי ווי מיט קאַגראַמאַנאָוון, דעם פריערדיקן נאַטשאַלניק, פאַר וועלכן זיינע אייגענע גוטע ברידער טוען נישט קיין פינגער אין קאַלטן וואַסער אים צו ראַטעווען.

www.libtool.com.cn

קים האָט אַרויסגעריסן שטיינמאַנען פון זיינע שווערע געדאַנקען און צורוקנדיק אים אַ פול גלאָז בראָנפן, אַ געשריי געטאָן אַ באַזויפענער:

— טרינק און האַלט זיך! עפּעס ביסטו מיר נישט מיט אַלעמען. מע דאַרף נישט טראַכטן, מע דאַרף לעבן כל־זמן מע קאָן. שפּעטער וועסטו נישט קאָנען, דער גורל פון אַן אונדזעריקן איז אַ געחתמעטער: אָדער טויט, אָדער פוילן ערגעץ אין אַ לאַגער, אין בעסטן פאַל אין אַ תפיסה.

— איך בין שוין אַן אויסגעפּרוווטער — האָט קים פאַרגעזעצט — מיט צוויי חדשים צוריק בין איך אַרויס פון תפיסה קוים מיטן לעבן. גוטע ברידער האָבן מיך פאַר די אויערן אַרויסגעשלעפּט. עס איז דאָרט געווען ביטער. דאָס לעבן איז אַזוי שיין. ביסט פריי, געניס פון אַלעם און נאָכדעם בראַטאָק קאָן ווערן שפּעט. געדענק וואָס איך זאָג דיר. דו ביסט נאָך ביי אונדז אַ גרינער. מען דאַרף שלעפּן פון לעבן וואָס נאָר עס לאָזט זיך, און ווייטער איז פּוסטיאַקי בראַט, פּאָנימאַיעש?

שטיינמאַן האָט אים דורכדרינגלעך אָנגעקוקט און טיף אין האַרצן אים באַדויערט. אַזאַ יונגער חברה־מאַן און איז שוין דורך און פאַרדאָרבן. פאַר אים עקזיסטירט בלויז איין זאַך: לעבן אַ גוטן טאָג אויף דער פריי, ווייל סיי ווי פּירט זיין וועג צוריק אין תפיסה.

שטיינמאַנען איז שווער געוואָרן אויפן האַרצן. ווי לאַנג וועל איך מיטטאַנצן דעם דאָזיקן טאַנץ? מען דאַרף זיך ראַטעווען, און וואָס פריער איז בעסער.

— קום, לאָמיר גיין — האָט זיך שטיינמאַן אָנגערופן — איך האָב היינט אַ סך אַרבעט.

קים האָט זיך אויפגעהויבן, שטאַרק וואַקלענדיק אויף די פיס. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו שטיינמאַנען:

— דאַוואַי נאַ ראַסכאָדי[13]. גיב צוועלעף טויזנטער. איך דאַרף נייטיק האָבן.

שטיינמאַן האָט שטענדיק געהאַלטן מיט זיך צוועלעף טויזנט רובל. ער האָט געוווּסט, ווי ס׳זאָל זיך נישט מאַכן קאָנען זיי קומען צונוץ. ער

[13] גיב אויף הוצאות.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

האָט אַריינגעשטעקט די הענט אין די גאַליפע־הויזן, אַרויסגענומען אַ זשמעניע טשערוואָנצעס און אַריינגעשטופּט קימען אין קעשענע.

קים האָט קוים באַוויזן זיך צו דערשלעפּן צו דער דראָזשקע. דעם אָנטרייבער האָט ער צוגעוואָרפן שיריים פון זאַטן טיש, אַ פּאָר פּיראָזשקעס און אַ האַלב פלעשל וואָדקאַ, און באַפוילן:

— נאָווי גאָראָד[14]!

דער אָנטרייבער האָט אָנגעקוקט מיט דאַנקבאַרע אויגן זיין פּאַסאַזשיר און אַ פריילעכער אַ צמאָקע געטאָן מיט די ליפּן צו די פערד...

---

[14] נייַ־שטאָט.

אַ בוכאַרער ייִד

איבראַהים מאַכמודאָוו, זעט אויס ווי אַלע אוזבעקן, אַזוי און נישט אַנדערש. ער טראָגט אַ פאַרשידן־קאָליריקע קיפּיטייקע אויפן קאָפּ מ׳יט אַ לאַנג געבלומטן קאַפּטאַן ביז צו די פּיאַטעס, צעכראַסטעט די פּאָלעס און אַרומגענומען די דריי־פערטלדיקע הויזן מ׳יט אַ שטריק. און זיין פאַרברוינט שוואַרץ־קויטיק האַרץ פאַרוואַקסן מיט גרויע האָר. ער זיצט אין דער טשאַיכאַנאַ [1] מיט אַלע אוזבעקן צוגלייך, טרינקט טשאַי און רויכערט נאָסאַוואָי. ער נעמט אַרויס דעם גרינעם נאָז־טאַבאַק, נעמט אָן מיט די שפּיצן פינגער אַ זשמעניעלע און לייגט עס אַרונטער אונטער דער צונג, האַלט עס אַזוי לאַנג ביז ער שפּייט אַרויס אַ פולן מויל מיט גרינע לייכעץ, פּאָסמאַקעוועט זיך און טרינקט ווייטער דעם טשאַי [2].

אָבער איבראַהים מאַכמודאָוו ווייסט, אַז ער איז אַ יהודי, אַז ער טרעפט אַ מאחינודיקן און אַזאַ מין פאַרשוין דערשמעקט ער גלייך מיט זיין אָדלער־נאָז, זאָגט ער אים אָנשטאָט ווי די אוזבעקן זאָגן סאַלאַם אַלייקום, אָט אַזוי פּשוט יידישלעך און היימיש שלום, שלום עליכם, און דווקא אין העברעאיש: אתה יהודי? אני גם כן יהודי, רעדט ער אויס מיט טיפן שטאָלץ.

די רוסן האָט ער נישט ליב, אָט אַזוי ווי אַלע אוזבעקן באַצייכנט ער אַ רוס מיטן נאָמען טשושקאַ [3]. ער קאָן נישט פאַרליידן וואָס זיי, די רוסן, האָדעווען און עסן חזירים. די אוזבעקן האָט ער פיינט תכלית שנאה, ווייל זיי עסן פערדן־פלייש, אייזל־פלייש און טשערעפּאַכעס. ער, מאַכמודאָוו, עסט נאָר שעפּסנפלייש און נאָר געשחטן, ער מ׳יאוסט זיך פון טרפות.

1 אוזבעקיש טיי־הויז.
2 טיי.
3 חזיר.

www.libtool.com.cn

ווינען, וווינט ער אין דער אַלטער שטאָט, אויף מאַכאַטשקאַלאַ, אין די אומהיימלעך צעבלאָטיקטע און פאַרקויטיקטע געסלעך נישט ווייט פון רעגיסטאַן. זומער הענגט דאָרט אַ געדיכטע שטיקעניש און פאַרעיפּושטע לופט. מיליאָנען מיליאַסן פליגן ראָיען זיך אין די אָנגעוואָרפענע מיסט־קופּעס און זשומען — טויב צו ווערן. אין ווינטער ווען דער הימל פאַר־וואָלקנט זיך, אָדער עס פאַלט אָן איבערנאַכט אַ שניי און באַלד ביי די ערשטע זונשטראַלן צעגייט ער זיך אין אַ בלאָטע, קאָנט איר אַ פוס נישט אַריינשטעלן אין יענעם העק פון דער סאַמאַרקאַנדער אַלטשטאָט.

דערפאַר איז ביי מאַכמודאָוון אין דער קיביטקע ריין, מלכותדיק. דער ליימענער דיל איז פאַרשפרייט מיט אַ שטרוי־ראָגאָזשע. ס׳שטייען נידעריקע טישלעך און אויף די קופערטן באַשלאָגענע מיט מעשענע רייפן שלאָפט די גאַנצע משפחה. ווינטער הייצט ער אָן דעם סאַנדאַל, אַזאַ מין גרוב אין דער ערד אינמיטן צימער, ווו עס ווערט אַריינגעלייגט איבער־געברענטע קוילן און איבער דעם ווערט אַוועקגעשטעלט אַ צונויפגעקלאַפּט טישל ווי אַ שוסטער־וואַרשטאַט, וואָס ווערט איבערגעדעקט מיט אַ קאָל־דרע און די גאַנצע בני־בית לייגן אונטער די פיס אונטערן טישעלע, טו־ליען זיך איין אין די קאָלדרעס און מען זיצט אין דער פינצטער, מע דער־ציילט זיך מעשיות ביז מען דרעמלט איין חלומענדיק פון אַלטע גוטע צייטן, וואָס זענען געווען און מער נישטאָ.

די ריינקייט פון דער קיביטקע מאַכט דעם איינדרוק ווי זי וואָלט געשטאַנען אין דער סאַמע אַריסטאָקראַטישער געגנט פון דער נאָווי־גאָ־ראָד [4], ווו עס וווינען אַלע חשובע שישקעס פון דער מלוכה און פאַרטיי־פירונג. איבראַהים מאַכמודאָוו, איז נישט אַבי סתם־ווער. ער איז אויך אַ נאַטשאַלניק אין גאָרפּראָמקאָמבינאַט און האָט פּרנסה בריווח. אָבער די העכערע נאַטשאַלסטוואָ זיינע האָט ער פיינט. אַזוי זענען זיי ווילע חברה־לייט, זיי האָבן ליב אַ גוטן טרונק בראָנפן, זיי האָבן נישט פיינט דער עיקר וואָס אַלע בעלי־עבירהניקעס האָבן ליב. נאָר ער מאַכמודאָוו, לאָזט זיי נישט אַריבער דער שוועל פון זיין קיביטקע, ער גייט מיט זיי ליבער

---

4 ניישטאָט.

www.libtool.com.cn

אין דער פּיוונושקע. זיין ווייב גייט שטענדיק איינגעהילט אין אַ פּאַראַנ־טשאַ, — אַזאַ מין וואַל וואָס אַלע אוזבעקינס טראָגן, בכדי אַ פרעמדער מאַנספּאַרשוין זאָל נישט זען זייער שיינקייט — און זעלטן ווען מאַכמו־דאָוו לאָזט זי אַרויס פון קיביטקע. בעסער, זאָגט ער, אַז מען לאָזט די ווייבער נישט אַרויס פון שטוב, עס איז זיכער פאַר זיי און פאַר אים. אָבער אין דער גאַס קוקט דער דאָזיקער מאַכמוֹדאָוו נאָך די פרעמדע רו־סישע אָדער יידישע פרויען וואָס גייען מיט אָפּגעדעקטע פנימער און טראָגן אַרויס זייער שיינקייט, פאַר די אויגן פון דער וועלט און פאַר די חוצפּהדיקע זשעדנע בליקן פון די מענער.

אָבער, טאָמער ווילט איר אַ שטיקל כשר באַראַן־פלייש פון דער איי־גענער שחיטה, אָדער מצות אויף פּסח אין געהיים, אַז אַ נישט־גוט אויג זאָל עס נישט באַמערקן, באַקומט איר עס דווקא ביי אים. אין עצם האָט ער נישט מורא פאַר נאַטשאַלסטוואָ, ער האָט זיי שוין אָפּגעבלאָטירט און אי־בער אים האָבן זיי נישט קיין שליטה. אָבער דאָך איז בעסער, אַז מען איז אָפּגעהיט און אויסגעהיט שטענדיק. עס קאָן זיך אַלץ מאַכן. דער עיקר איז פאָרזיכטיקייט. האָט מאַכמודאָוו אַזאַ מין אויסגעאַרבעטן שמעקער, אַז דעם שונא און נישט־פאַרגינער דערשמעקט ער מיילן־ווייט, שוין צו־געווינט. אַזוי פיל יאָרן, ווי ער היט זיך און זיך דאָך אויסגעהיט. אַלע זיינע שכנים זענען שוין געזעסענע און ער אַדאַנק, אַללאַ, זיצט נאָך אין זיין קיביטקע און וואַרעמט זיך אונטערן סאַגדאַל...

* * *

אָבער סוף „ערלעכער" מענטש צו תליה. פרום איז ער געווען, גע־דאַווענט יעדן טאָג, אָפּגעהיט זיך און ס'ווייב פון בייזע אויגן. וואָס־זשע האָט ער דען געטאָן? ער האָט געקוילעט אַ באַראַן און אָט איז אַ רעוויזיע, איז ער אַריינגעפאַלן. דער מיליציאָנער וואָס האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט, איז געווען אַ בייזער קערל, נישט געלונגען אים אָפּצושמירן מיט שהי־פּהי און מאַכמודאָוו האָט איבערגעוואַנדערט אין פאַליציי־צירקל. טענה אַהער און טענה אַהין. דאָס ווייבל מיט דער פאַראַנטשאַ ווענדט אָן

www.libtool.com.cn

אַלע תחבולות, זוכט פּראָטעקציעס ביי אַלטע גוטע פריינד און אַ נעכטי־קער טאָג.

גניבה איז נישט קיין גרויס פאַרברעכן. מען כאַפּט אַ צוויי־דריי יאָר און שוין. פאַר פּראַוועזן רעליגיעזע זאַבאַבאָנעס, און פאַרקויפן כשר פליייש „קריגט" מען עפּעס מער. מיט קיין פּאָליטיק האָט ער זיך נישט פאַרנו־מען. ער האָט זיך בלויז פאַרנומען מיט אַ באַראַן, איז דראָט אים נישט די סטאַטיאַ 58 פאַר קאָנטררעוואָלוציע, אָבער דריי יאָרלעך קאָן מען דאָך באַקומען.

אַלע פריינד זיינע, די וואָס האָבן מיט אים געזשלאָקעט און געהו־ליעט אויף אייגענעם חשבון און מער אויף מלוכהשן חשבון, זענען אויס־געדרונען.

זיין ווייבל מיטן פאַרדעקטן פּנים טאַסקעט יעדן טאָג אין טורמע פערעדאַטשעס בכדי צו קרעפּטיקן איר מאַן, ער זאָל קאָנען אויסהאַלטן די צרות אין דער אַלט־שטאָטישער טורמע.

מאַכמודאָוו איז נישט אַזוי באַזאָרגט פון זיין זיצן אין טורמע, ווי ער האָט אימת־מוות מורא פאַר זיין בוכאַריש ווייבל, טאָמער וועט זי אויסטאָן די פאַראַנטשאַ און אויסשטעלן איר פּנים פאַר חוצפּהדיקע בליקן... שלאָפט ער נישט רואיק די נעכט און ער זעט אַלערליי מינים שרעקלעכע חלומות און פעט־אָנגעזויפּטע וואַנצן, וואָס פאַרפּלייצן די צעלע גיבן אים נישט קיין רו. ער קראַצט זיך פון וואַנצן־געביס און קראַצט זיך אין אַנגסט אויף זיין גורל און דער עיקר אויפן גורל פון זיין ווייב.

* * *

פאַר אַזאַ מין קליינעם פאַרברעכן זיצט מען נישט לאַנג. זיין פרוי האָט געפּועלט ביי פריינד און באַקאַנטע און מען האָט איר מאַן פאַר די אויערן אַרויסגעשלעפּט פון דער תפיסה. און פונקט ערב פסח צום ערשטן סדר נאָך פאַר זון־פאַרגאַנג איז מאַכמודאָוו געקומען אַהיים. ער האָט איינ־געלאַדן אייניקע פריינד זיינע, אָבער די פאַרטרוילעכע און ערלעכע. ביי פאַרדעקטע פענצטער און גוט צוגעשלאָסענע טיר און טויער, איז די גאַנ־

www.libtool.com.cn

צוּ חברה געזעסן און געטרונקען ארבע כוסות און געגעסן אייגן־געבאַקטע מצות.

אויף נידעריק־אויסגעשטעלטע טישלעך מיט די פיס הינטער זיך, זע־נען די מענער געזעסן באַזונדער און די פרויען באַזונדער און זיך משמח געווען מיט דער באַפרייאונג פון גאַסט־געבער, וואָס איז באַפרייט גע־וואָרן פון טורמע און מען האָט זיך געוואונטשן צו דערלעבן די אייגענע באַפרייאונג, נאָר אין אַנדערע, אין בעסערע באַדינגונגען.

גרויסע טראָפּנס טרערן האָבן געריזלט אויפן אויסגעדאַרטן פּנים פון מאַכמודאָוון. עפּעס האָט ער יאָ געגלויבט און נישט געגלויבט, אַז ער זיצט אין דער היים ביי זיך, אין זיין קיביטקע און געניסט פון יום־טוב־דיקע מאכלים.

מאָדנע פּרעמד, מיט אוזבעקישן דיאַלעקט האָט אָפּגעקלונגען דער עבדים היינו. עפּעס אַ מאָדנער אַלט־ווייטער און גלייכצייטיק אָפּגעפרעמ־דטער קלאַנג האָט זיך אַרויסגעפּילט אין אים. עס האָט געפעלט טראַ־דיציע, דאָס לויטערע געזאַנג, דער יידישער צעווייטיקטער קרעכץ מיטן גלויבן און בטחון.

זיי גלויבן נישט, די מאַכמודאָווס און זייערס גלייכן, אַז זיי וועלן אַמאָל אויסגעלייזט ווערן ווי פרייע מענטשן אויף פרייער ערד.

קלינגט ער אַזוי קאַלעמוטנע און גרילצנדיק דער הגדה־ניגון, אַזוי פרעמד אין דער אַלט־שטאָטישער קיביטקע אין דעם אוזבעקישן סאַמאַר־קאַנד, אין וייטן מיטל־אַזיע אויף פרעמדער, שטענדיק אין פחדימדיקער ערד, אויף וועלכער דער הגדה־ניגון קאָן נישט מער שלאָגן קיין וואָרצלען אין דעם האַרטן ליימיקן באָדן...

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

יאַנקל קאָלבאַזניק

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

„קאַלכאָז אימעניאַ פּושקינאַ"[1]

— פּושקין־קאַלכאָז
אַזוי הייסט ער, דער קאַלכאָז, נאָכן גרויסן רוסישן פּאָעט.

דער קאַלכאָז, וואָס צעשניידט אין גרויסע חלקים דעם מיטוועג, וואָס פירט צו דער נאָענט־ליגנדיקער שטאָט סאַמאַרקאַנד איז באַווינט פון אמתע קאַלכאָזניקעס, נישט קיין פּאָעטן. פאַרוואָס עפּעס האָבן זיי אויס־געוויילט דעם נאָמען פּושקין, אים צוגעטשעפּעט צו זייער קאַלכאָז, איז עס אפשר נאָר בלויז דערפאַר, ווייל פּושקין פלעגט אַמאָל אין יענע יאָרן דערציילן אַ שיינעם וויץ און די קאַלכאָזניקעס האָבן זיך אויך געוויצלט אויף זייער שטייגער, כאָטש עס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ „צענערל".

אין פּושקין־קאַלכאָז האָבן געווינט אוזבעקן און בלויז איין ייד, יאַנקל גראָס, אַ פאַרוואָגלטער פון ערגעצווו פון אייראָפּע. פאַרן קומען אַהער פון מרחקים, האָט ער אַ סך געלייענט און פּושקינען האָט ער שוין במילא געקענט.

פּושקין, יאָק פּושקין, אָבער ווי קומט יאַנקל גראָס צום פּושקין־קאַל־כאָז, איז שוין אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

נאָכן אַרומשלעפּן זיך אַ פּאָר וואָכן ווי אַ וואַגאַבונד איבער דער שיי־נער זוניקער שטאָט סאַמאַרקאַנד אין אוזבעקיסטאַן, שלאָפנדיק הינטערן פּלויט פון וואָקזאַל מיט אַ האַרטן קולאַק צוקאָפּנס אויפן האַרטן ליימיקן באָדן און נישט האָבנדיק קיין אויסוועג, ווי נישט איז מענטשלעך זיך איינצואָרדענען, איז יאַנקל גראָס אַוועק אַ רעזיגנירטער אין ראַיאיספּאָל־קאָם[2] און געמאָלדן:

— אַהער אָדער אַהין: אָדער אַרבעט אויף אַ זאַוואָד, אָדער אין קאָל־כאָז.

---

1 קאַלכאָז א"נ פון אַלעקסאַנדער פּושקין.
2 ראַיאָן־פאַרוואַלטונג.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

אַ שײנע יונגע אוזבעקין מיט פעך־שוואַרצע האָר האָט אים אָנגע־קוקט פאַרוואונדערט, אים אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ און באַטראַכט זײַן נאָך גוטן לײַטישן אָנצוג פון דער היים און נישט פאַרשטײענדיק וואָרשײַנלעך זײַן פראַגע, תמימותדיק געפרעגט אין אַ צעקאַליעטשעטן רוסיש:

— האַ, טשטאָ נאַדאָ?[3]

— איך וויל אין אַ קאָלכאָז — האָט ער איבערגעחזרט, און כדי נושא־חן צו זײַן אין אירע שײנע טיף־שוואַרצע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער טרויער פון איר וועלט, האָט יאַנקל גראָס אַרויסגעשלעפּט אַ פּעקל פאָטאָגראַפיעס, וואָס זענען נאָך געלעגן טיף פאַר־שטעקט אין אַ בוזים־קעשענע און עס אָוועקגעלײגט אויפן טיש...

די יונגע אוזבעקין, די באַאַמטע פון ראַיאיספּאָלקאָם, האָט אײַנגע־שפּיזט אירע אויגן אין די פּאָטאָס און זשעדנע געקוקט אויף די פּרויען־קלײדער, אויף די נעט־אָנגעטוענע מענער און צופרידן געשמײכלט:

— אי, קאַק כאַראַשאָ (כאַראַשאָ)![4] זענען דאָס אויף אַן אמת מענטשן און נישט קײן געצײכנטע פּופּעס? — האָט זי געדרײט די פּאָ־טאָס פון אַלע זײַטן און געקוקט ווי אויף בײַז־וואונדער.

אויסנוצנדיק די געלעגנהײט וואָס זי איז אַזוי פרײַנטלעך צו אים, האָט ער זי געבעטן, זי זאָל אים שיקן אין אַ גוטן קאָלכאָז. זי האָט גענו־מען אַ לאַנגע ליסטע פון קאָלכאָזן, וואָס געהערן צו איר ראַיאָן, געזוכט און גענישטערט עפּעס אַ לײַטישן קאָלכאָז, נישט ווײַט פון דער שטאָט. ס׳האָט אים אַ בלאַנק געטאָן אין די אויגן דער נאָמען פון פּושקין־קאָלכאָז. באַקומען די נאַפּראַוולעניע[5] און אַוועק אַהין...

* * *

מילאָ, וואָס איז פּושקין שולדיק דערין, וואָס אַזאַ שמוציקער פאַר־וואָרפענער קאָלכאָז טראָגט זײַן נאָמען? ווען ער אַלײן דאַרף שאָפן אַזעל־

[3] וואָס ווילסטו.

[4] ווי גוט!

[5] אָנווײַזונג.

www.libtool.com.cn

כע קאַלכאַזן וואָלט אים זיכער פאַרגאַנגען דער אַפּעטיט צו שרייבן אַזעלכע שיינע ווערק וואָס ער האָט געשריבן, נאָר ווי די מעשה זאָל נישט זיין, מיט אַ נאַפּראַוולעניע פון ראַיאיספּאָלקאָם נעמט מען גלייך אַריין אין קאַלכאַז...

דער בריגאַדיר, דער אוזבעק אַטשיל לאַכמאַראַדאָוו, ווייסט אַפילו גישט ווער ס׳איז פּושקין און עס אינטערעסירט אים נישט אויך.

— זדיעס קאַלכאַז פּושקין [6]? — האָט יאַנקל גראָס אים אַ פרעג געטאָן און געגעבן זיין נאַפּראַוולעניע.

דער אוזבעק האָט אַ גלעט געטאָן זיין ציגן־בערדל און אויסגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר וואָסערדיק־תמימותדיקע קליינע אייגעלעך, אַריינגעזעצטע טיף אין זיין פּלאַטשיקן שטערן און אים אַ פרעג געטאָן:

— טשטאָ נאַדאָ, האַ, אַקאַ [7]?

— וואָס איך דאַרף? זאָל איך אַזוי וויסן פון בייז... צו וואָס האָב איך עס באַדאַרפט. — האָט ער שוין געוואָלט ענטפערן, אָט אַזוי ווי ס׳איז אים געוועזן אויפן האַרצן, אַנקוקנדיק בלויז דעם „ליטעראַרישן לייטער" פון פּושקין־קאָלכאָז, נאָר אַז ער האָט זיך דערמאָנט, אַז קיין אַנדערע ברירה איז שוין נישט געווען, און געהאַלטן דאָס זיין אין קאַלכאַז פאַרן לעצטן רעטונג־ברעט, איז ער ווייכער געוואָרן און באַשלאָסן צו פאַרבינדן זיין גורל מיט פּושקינען, באַדאַי אַפילו אין פּושקין־קאָלכאָז. זאָל דער קאָלכאָז טראָגן פּושקינס נאָמען און ער וועט שוין אויסטראָגן אַלע צרות אין זיין אייגענעם נאָמען...

אַטשיל לאַכמאַראַדאָוו האָט יאַנקלען צוגעטיילט אַ קיביטקע, נאָענט צום שטאַל, ווו ער האָט געהאַלטן זיין קו און אייזל. מילא, די קו יאָך די קו, זי איז זיך בנעימותדיק געשטאַנען און געצופּט דעם פאַרשרפּהטן גראָז און תמימותדיק געשוויגן. וואָס גייט איר אָן דאָס גאַנצע עסק אַרום. אַ קו, זאָגט מען האָט אַ לאַנגע צונג, האָט זי אָבער אַ מעלה, וואָס דאָ איז עס מיט גאָלד צוגלייך — זי קאָן נישט רעדן, איז איר טאָקע וואויל...

---

6 דאָ איז דער פּושקין־קאָלכאָז?

7 וואָס דאַרפסטו, ברודער?

www.libtool.com.cn

אָבער דער אייזל? האָט ער ווי אויף צו להכעיס געשפּילט אויף יאַנקלס שוואַכע נערוון, פּאַריסן זיין נאַרישן קאָפּ אַרויף צו דער אויסגעבלייכטער לבנה, וואָס האָט זיך אַראָפּגערוקט פון הינטער די הויכע, שניי־באַדעקטע בערג און זיך משונהדיק ווילד צעגרילצט און צערעוועט, ווי גאַנצע פּאָלקן זעלנער וואָלט געזעגט פאַרזשאַווערט אייזן, און גיי טו אים עפּעס.

אויף וועמען איז ער אין כעס דער דאָזיקער אייזל? אויף זיך אַליין, צי סתם אזוי אויף דער שלעכטער נאַרישעוואַטער וועלט? ווייז אַ קונץ און דערטראַכט זיך צום אייזלס מחשבה, אויף דעם וואָלט שוין פּושקין אויך נישט געוועז קיין בעלן...

* * *

אין פּושקין־קאָלכאָז וואַקסט בלויז כלאָפּאָק [8]. ער ציט זיך אויס מיט ווייסע צוויטן אויף הויכע שטענגלעך און ווען מען דאַרף אים שוין אַרומ־צופּן, ווערט דיר נודנע און קאַלעמוטנע אויף דער נשמה. עס ווילט זיך דיר עסן. נו, גיי עס וואַטע, קלויבסטו די וואַטע און טראַכסט:

געוועזן אַ קלוגער בחורעץ, אָט דער פּושקין, מיט אַ מוזיקאַלישער נשמה. ער האָט אַזוי שיין געטראַכט און געחלומט וועגן גוטס פאַר דער מענטשהייט און צוגעטראַכט אַזאַ מין... קאָלכאָז.

אָבער אויף איין זאַך האָט ער זיך נישט געריכט, יאַנקל: אַז אין אָט אַזאַ אָפּגעלאָזענעם קאָלכאָז זאָלן וווינען אַזעלכע שיינע אוזבעטשקעס, מיט אַזוינע וווּנדערלעך פאַרפלאָכטענע שוואַרצע צעפּ, וואָס וועלן אין שיינע באַגינענס שטיין מיט אים אין פעלד און צופּן דעם כלאָפּאָק... דאָס איז פאַר אים געוועזן אַן אמתע אַנטפּלעקונג. כאָטש איין זאַך אַ שיינע. איז מילא, איז ער שוין מוחל פּושקינען און דערמאָנט שוין זיין נאָמען צום גוטן...

* * *

אין אָוונט זיצט יאַנקל מיטן אַלטיטשקן צאַדיקאָוו, אַ שיינער שלאַנ־קער אוזבעק מיט אַ הדרת־פּנים פון אַ חסידישן רבין, להבדיל, צופוסנס

---

[8] בוימוואָל.

www.libtool.com.cn

די בערג אַרומגערינגלט מיט זייַנע שעפּסן, פּונקט ווי מיט תּלמידים, צאָן קדשים. די פּערסיקעס שמעקן וווּנדערלעך, רייַסן ממש די נאָזלעכער און דער מאָגן שפּילט־צו אַ מאַרש. ער קוקט אויף די נאַרישעוואַטע באַראַנעס און איז זיי מקנא. וואָס האָבן זיי? פאַרשרפהט גראָז, אַ געל צעטריקנט בלעטל און דאָך עסן זיי און זענען צופרידן...

און ער, דער אַלטיטשקער נויט־ברודער, זיצט פאַרלייגט די פיס הינטער זיך, נעמט אַרויס פון לאַנגן וואַטענעם כאַלאַט אַ קעסטעלע נאָסאָוואַי[9], נעמט עס אָן מיט די צוויי פינגער און וואַרפט עס קונציק אַריין אין מויל, שפּייט אויס מיט אַ גרין שפּייעכץ און רופט זיך אָן, אָנווייזנדיק מיטן לאַנגן שפּיציקן פינגער צו די אַרומיקע בערג, וואָס קייטלען זיך ביז צו די וואָלקנס אַרומנעמענדיק ווי מיט אַ צוים דעם גאַנצן קאָלכאָז:

— סמאָטרי, טאָוואַרישטש[10]! דו זעסט די הויכע בערג, דאָרט האָבן אַמאָל געוווינט מייַנע ברידער, די אוזבעקן. זיי האָבן בשום אופן נישט געוואָלט גיין אין די קאָלכאָזן אַריין. וואָס די „טשוטשקעס" [11] האָבן זיי געוואָלט אָנוואַרפן. זיי האָבן העלדיש געקעמפט די באַסמאַטשעס[12], מיט געווער אין דער האַנט. ביז דער מאַרשאַל בודיאָני איז געקומען און זיי באַזיגט... אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער ווען רוסן זענען אַרייַנגעדרונגען אין די בערג, זענען זיי אַריין אין אַ קיביטקע פון אַן אונדזעריקן, וואָס האָט זיך שוין אונטערגעגעבן און באַמערקט צו זייער דערשטוינונג אויף דער וואַנט הענגען צוויי בילדער: איינס פון צאַר באַטיושקאַ און איינס פון סטאַלינען...

האָט ער זיך פאַרוווּנדערט דער רוסישער אָפיציר און געפרעגט:

— ווער פון זיי ביידן געפעלט דיר בעסער?

האָט דער אוזבעק געענטפערט, אָנווייזנדיק מיטן האַנט אויפן בילד פון צאַר:

---

9 גרינער טאַבאַק.

10 קוק, חבר.

11 „חזירים", אַזוי רופן די אוזבעקן אָן די רוסן.

12 אויפשטענדלער.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

— עטאָ באָלשאָי דוראַק [13]. איך האָב געהאַט אַזויפיל באַראַנעס און קעמלען, האָט ער אָפילו קיין חשבון נישט געפירט. ער האָט אָפילו פון גאָרנישט נישט געוווסט און ווי נאַר ע ר איז געקומען, — האָט ער אָנגעוויזן אויפן פּאָרטרעט פון סטאַלינען — אַ־אַ! בראַט, אָן אומני [14]: ער האָט באַלד איבערגעציילט מיינע באַראַנעס און קעמלען און זיי אַריינגעטריבן אין קאָלכאָז...

דער אַלטער צאַדיקאָוו האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט אין דער דופּטיקייט פון דער נאַכט. עס איז געוואָרן אומהיימלעך.

— נישט גוט — האָט ער שטיל געוואָרטשעט — ניעט, ניע כאַראַשאָ [15]...

דער אייזל האָט זיך אויפגעריסן פון שלאָף און זיך צערעוועט מיט אַזאַ אימהדיקייט, ווי עס וואָלטן זיך צעבראַזגעט טויזנטער פלעשער...

— ניעט, ניע כאַראָשאָ, טאָוואַרישטשי [16] — האָט דער אַלטיטשקער געמורמלט...

* * *

יאַנקל גראָס האָט אָנגעשפּיזט זיינע בליקן צום טיפן אויסגעשטערנטן הימל. זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין אַ גרויסן לייכטנדיקן שטערן און זיך איבערגעטראָגן ווייט מיט די געדאַנקען אַהיים...

פּושקין! טייערער פּושקין, ווער וואָלט געגלייבט, אַז יאַנקל גראָס וועט פאַרבינדן זיין גורל מיט דיר אַזש אין אַזאַ ווייטקייט, איבעם גרויסן אָרעמען קאַבצענעוואַטן כלאָפּקאָוון קאָלכאָז, וואָס טראָגט דיין נאָמען, צווישן די צוויי גרויסע סטאַלין און קאַגאַנאָוויטש־קאָלכאָזן אין ווייטן אוזבעקיסטאַן...

[13] דער איז אַ גרויסער נאַר.
[14] ער איז אַ קלוגער.
[15] ניין, נישט גוט.
[16] ניין, נישט גוט, חברים.

www.libtool.com.cn

אַבדול ראַכמאַנאָוו

דער ראיס [1] פון קאָלכאָז, אַבדול ראַכמאַנאָוו, אַ הויכער פעסט־געבויטער אוזבעק, מיט גלאַט־אויסראַזירטע פולכנע אויסגעפרעסענע באַקן, איז צוגעפאָרן אויף זיין צוויי־רעדערדיקן געשפאַן, אויסגעשטיגן אַן אויפגעלייגטער און זעלבסטצופרידן מיט אַן אונטערטענצלדיקן טריטעלע אַריין אינעם סקלאַד. זיך אַרומגעקוקט מיט זיינע שפיציקע כיטרע אייגעלעך אויף די אַרומשטייענדיקע קאָלכאָזניקעס, איינגעהילטע אין צעריסן־פאַרשמאָדערטע פאַרשידן־קאָליריקע כאַלאַטן; אויף די אוזבעטשקעס מיט די פאַראַנטשאַ [2] פאַרדעקטע פנימער. ברייט, מעשה תקיף, זיך צוגעזעצט אויפן טיש, אויסגעריבן זיך די אויגן און אַ פרעג געטאָן גלאַט אַזוי דעם סקלאַדאָווטשיק [3]:

— טשטאָ סלישנאָ, טאָוואַרישטש קאַגראַמאַנאָוו?

קאַגראַמאַנאָוו, אַן אָנגעפרעסענער טאַטאַר, האָט זיך געפאָרעט אַרום אַ פול־אָנגעלייגטער ערד־שיסל מיט פריש־שמעקעוודיקער פוטער, אָקערשט געבראַכטע פון דער מילך־פאַרם. ער האָט גיריק באַטראַכט די שיסל פון אַלע זייטן און אַזוי כלאחר־יד אַרויסגעצישעט דורך זיינע שיטער־צעוואַקסענע ציין:

— ניטשעוואָ, ראַיס, אַלץ אין בעסטן אָרדענונג.

דער צופרידענער ראַיס האָט זיך נישט געקימערט, וואָס אַרום אים שטייען הונגעריקע, נישט־אויסגעשלאָפענע קאָלכאָזניקעס. ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער שיסל און מיט אַלע פינגער זיך איינגעגראָבן אין דער פוטער, אַריינגעוואָרפן אַ פולע זשמעניע און ווי אַ קאָטער זיך באַלעקט מיט דער פולער פעטער צונג.

---

1 פאָרזיצער.

2 טיולן מיט וואָס די אוזבעקינס פאַרדעקן זייערע פנימער.

3 לייטער פון סקלאַד.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

די אוזבעקן אַרום האָבן זשעדנע געשלונגען מיט די אויגן, אויסגע־מאָסטן מיט זייערע בליקן דעם ראַיס פון אויבן ביז אַראָפּ און געמורמלט צווישן זיך אין דער שטיל:

— אָט אַ זולל וסובאניק...

אַן אָפּגעריסענער יונגער אוזבעק, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו דער סצענע, איז געוואָרן דרייסטער און צוגעגאַנגען צו דער קופּע זשמיך[4], וואָס איז געלעגן אָנגעהויפט אין אַ ווינקל פון סקלאַד, גענומען אַ גרויס שטיק מיט שימל־באַדעקטן גרינעם האַרטן זשמיך און אָנגעהויבן זשעד־נע צו גריזשען.

דער ראַיס האָט אים אָנגעקוקט מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן. מיט זיין פאַרפעצטער האַנט פון דער אָנגעזויפענער פוטער, האָט ער אויס־געשמירט די כאָלעוועס פון זיינע עלעגאַנטע גאַרמאָשקע־שטיוועלעך און אַ באַנומענער אָנגעהויבן שרייען:

— גיך! לייג אַוועק! אַליין גאָר נעמען מלוכהש אייגנטום, בודיעם סודיט!

דער יונגער הונגעריקער אוזבעק, האָט גיך, גיך אָפּגעצופּט מיט זיי־נע געזונטע ציינער שטיקער פון האַרטן זשמיך און עקשנותדיק געשוויגן...

פון גרויס צאָרן איז דער ראַיס צוגעלאָפן צום בחור, מיט כוח אַ ריס געטאָן דעם זשמיך און מיטן פוס עס אַ שליידער געטאָן אינעם ווינקל פון סקלאַד. אָנגעכאַפּט דעם אוזבעק פאַרן קאָלנער און אים אַראָפּגעשליידערט פון אַלע טרעפּלעך אין דער געדיכטער ליימיקער בלאָטע אַריין...

* * *

ס'האָט זיך אָנגערוקט דער פרילינג אין קאָלכאָז. ס'האָבן זיך פאַר־מירט בריגאַדעס צו דער אַרבעט; אַ טייל איז אַוועק רייניקן דעם גרויסן אַריק[5], אַ צווייטע בריגאַדע איז אַוועק אויסגלייכן די גרודעס ערד, כדי צו פלאַנצן דעם כלאָפּאָק, און אַ דריטע בריגאַדע אויפצודעקן די וואָרצ־

---

[4] מאַקוכע צו קאָרמענען בהמות.
[5] קאַנאַל צו באַוואַסערן די פעלדער.

www.libtool.com.cn

לען פון די ווייַנטרויבן, וואָס זענען אַ גאַנצן ווינטער געווען פאַרשאָטן מיט ערד.

פרויען און מענער, יונג און אַלט האָבן מיט זייערע הילצערנע טרעפּעס געטאָפּטשעט אין דער ליימיקער בלאָטע, צו די אַרומיקע פעלדער.

די זון האָט זיך דורכגעשלייכט דורך די פאַרוואָסערטע וואָלקנס מיט אַזאַ געבריי, אַז ס'האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן צו פאַרען די מלבושים.

אויף ביידע זייטן וועג האָבן זיך קאָלכאָזניקעס צעשפּרייט צו דער אַרבעט.

מיטן שווערן קיטמען[6] האָט ראַכמאַטאָוו אויפגעדעקט די פאַרבאַרגענע צווייגן פון די ווייַנטרויבן, נישט קוקנדיק אַפילו ווו זיי ליגן. אַ סך וואָרצלען האָט ער מיטן קיטמען צעפּיצלט, אַז ס'איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף זיי... ווי אָפּגעשניטענע לעבעדיקע מענטשלעכע אברים האָבן זיי זיך געוואַלגערט אין דער געדיכטער ליימיקער בלאָטע.

— וואָס טוסטו, ראַכמאַטאָוו? — האָט אים אַבאַיעוו געמוסרט.

— מיר איז אַלצאיינס. נישטאָ קיין חשק צו דער אַרבעט. זעסט דאָך ווי אַן אונדזעריקן לעבט זיך.

— מע וועט דיך דאָך משפּטן ראַכמאַטאָוו. זיי וועלן זיך מיט דיר נישט צאַצקען, די הינטישע ביינער...

— האָסט געזען היינט דעם זולל־וסובאניק, ער פרעסט זשמעניעס פּוטער און מיר זעען עס אויף די אויגן נישט אַן. אונדזערע קינדער לאָזט מען אַפילו נישט עסן דעם זשמיך, וואָס מען גיט די בהמות. מיר וועלן דאָ סיי־ווי־סיי פּגרן פאַר הונגער און דו האָסט זיך אַפילו נישט פאַר וועמען צו קלאָגן... ער, דער ראַיס, איז שטאַרקער פון אונדז אַלעמען, ער שמירט דאָרט ווו מען דאַרף און ער איז שטענדיק דער שטאַרקער און דער גערעכטער...

דער אַלטער באַרכמאַדינאָוו האָט געשטופּט אַן איין־רעדלדיקע טאַטשקע אָנגעשאָטן מיט גרודעס ערד, אַ פאַרגאָסענער מיט שווייס פון דער צעפאַרעטער זון. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעהעשעט:

---

[6] רידלען.

www.libtool.com.cn

— שווער, אַקאַ [7], זייער שווער. נישטאָ קיין כוח צו אַרבעטן.

אַלע דריי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער נאַסער ערד, וואָס האָט זיך געפּאַרעט אַקעגן דער זון, אַרויסגענומען שקאַטולקעלעך נאָסאָוואַי [8], אַ זופּ געטאָן און געקוקט שווייגנדיק אין דער ווייטקייט.

דער אַלטער באַרכמאַדינאָוו האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און אַ זאָג געטאָן:

— מיר איז שוין אַלצאיינס, איך וועל שוין ביזן באַקומען די טרו־דאָ דניעי [9] נישט דערלעבן. מיך שרעקט שוין אַפילו די תּפיסה אויך נישט. נאָר עס ווערט דאָך ערגער פון יאָר צו יאָר. מיר אַרבעטן שווער און בי־טער און דער וואָס זיצט ביי דער שיסל גנבעט און זויפט, האָט טרוקן אין די פּיס, אַ גוטן סאַנדאַל [10], עסט אַ גוטן פּלאָוו [11] און מיר, ביז וואַ־נען מיר וועלן באַקומען פאַר די טרודאַ דניעי דאַרפן וואַרטן ביז האַרבסט און ביז דאַן, זדאָכני [12]...

* * *

בליק־שנעל האָט זיך צעטראָגן איבער די פעלדער די ידיעה, אַז היינט וועט מען פאַרטיילן אַ גוטן מיטיק פון געקאָכטן ווייץ מיט פערדן־פלייש.

די קאָלכאָזניקעס האָבן עס קאָמענטירט פאַרשידן. נישט געוווּסט דעם באַשייד פון דער שמחה. אַ פּראָסטער מיטוואָך: נישט סטאַלינס גע־בוירנטאָג איז היינט, נישט היינט האָט מען געמאַכט די רעוואָלוציע און דוכט זיך קיין שום נס איז נישט געשען אינעם קאָלכאָז.

אמת איז, אַז ווען מען הייבט אָן אין פרילינג צו אַרבעטן אויף די פעלדער, ווערט געקאָכט אַ קאָלעקטיווער מיטיק, אָבער פאַרפּרעגלט מיט כלאָפּקאָוון בוימל. נאָר פלייש? דאָס איז נישט קיין געוויינלעכע נייעס,

---

[7] ברודער (אין אוזבעקיש).
[8] טאַבאַק.
[9] אַרבעטס־טעג.
[10] אַן אויסגעהוילט לאָך אין דיל פון דער קיביטקע צו דערוואַרעמען זיך,
[11] נאַציאָנאַלער אוזבעקישער מאכל,
[12] פּגר.

www.libtool.com.cn

נישט אַנדערש, אַז היינט איז עפּעס געשען אַ וויכטיקע זאַך לכבוד וואָס ס׳וועט זיין אַ גרויסער פּראַזדניק[13].

צוועלף אַזייגער. די היץ איז אומדערטרעגלעך. די קאַלכאָזניקעס האָבן ווי ווער ס׳האָט געקאָנט זיך אויסבאַהאַלטן אין שאָטן פון אַ בוים, כדי נישט באַמערקט צו ווערן פונעם בריגאַדיר, און געוואָלט אויסוואַרטן דעם מאָמענט פון מיטיק.

דער גלאָק פון קאָלכאָז־אופּראַוולעניע, האָט זיך טעמפּ און גרילציק צעקלונגען. פון אַלע זייטן האָבן בריגאַדעסווייז געשטראָמט די קאָלכאָז־ניקעס און זיך פאַרזאַמלט אַרום די גרויסע קעסלען, פון וואַנען ס׳האָט זיך געריסן די פּאַרע פון אַ שמעקעוודיקער זופּ. די קוכערס האָבן אַלע ווײַלע אָפּגעדעקט די גרויסע דעקן פון די קעסלען און מיט לאַנגע לעפל געמישט ס׳עסן, ס׳זאָל נישט צופּאַלן צום דנאָ.

די קאָלכאָזניקעס, באַוואָפנט מיט הילצערנע לעפל, בלעכענע שיס־לען, האָבן מיט אויסגעסטאַרטשעטע אויגן געוואַרט אויפן גליקלעכן מאָ־מענט.

און אָט האָט מען אָנגעהויבן טיילן: אַ שיסל גערדיכטע ווייץ־זופּ און שטיקלעך פערד־פלייש, ממש פלייש...

די קאָלכאָזניקעס האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום די ווענט פון דער אופּראַוולעניע, פאַרשאָטנט פון אַלטע אַקאַציע־ביימער. ווער ס׳האָט גע־האָט אַ שטיקל קוקורוזע־לעפּיאָשקע[14] אָדער פון גערשטן האָט צוגעביסן, זיך אַריינגעטאָן אין דער אכילה און געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. ס׳האָט זיך בלויז געהערט דאָס טשמאָקען פון די ליפּן, דאָס צופרידענע סמאָרען מיט די נעזער...

— וואָס זאָגט איר צום פּראַזדניק? — האָט זיך אַבאַיעוו אָפּגערופן צו זיינע שכנים.

— יענעמס אומגליק איז אונדזער גליק... — האָט זיך אָפּגערופן באַרכמאַדינאָוו, — דעם ראיס אויסגעכאָליעט פערדל האָט זיך פון וויל־

13 יום־טוב.
14 אַ געבאַקן ברויט־פּלעצל.

www.libtool.com.cn

טאָג פאַרגלוסט צו מאַכן אַ שפּאַציר צו דער באַן־ליניע און אַ פאַרביי־פאַרנדיקער צוג האָט אים אַ גלעט געטאָן איבער דער מאָרדע. אַזוי שלימ־מזלדיק, אַז ער האָט אָפּגעריסן אַ שטיק און פון רחמנות־וועגן צום פערד, האָט מען אים געשאָסן, ווייל אַן אַ מאָרדע, מעג עס זיין אַ פערד, קאָן מען נישט לעבן. ווי דער שטייגער, האָט מען צונויפגעשטעלט אַן אַקט, אייגע־נע מענטשן האָבן זיך אונטערגעחתמעט און אַן דער רעוואָלוציע, אַן אַ געבוירנטאָג פאַר אונדזערע גדולים און אַן אַ יום־טוב אַפילו, עסן מיר היינט פלייש...

ווי עס זאָל נישט זיין, אַ ווּיכטיקע געשעעניש איז עס. דאָס טרעפט אַמאָל אין אַ נאָווינע. זענען טאַקע אַלע געווען צופרידן...

* * *

דער ראַיס, ווי נישט אים מיינט מען עס לגמרי, איז אַרויס פון דער אופּראַוולעניע, האַלב־שיכור פון טרינקען קאָגאַר[15], מיט פאַרפּעצטע ליפּן, זיך גדלותדיק אַרומגעקוקט אויף די קאָלכאָזניקעס וואָס זענען געזעסן אַרום, מיט די פיס הינטער זיך און מיט אַ באַסאָווער שטימע אויסגערופן:

— אַנוקאַ, רעביאַטאַ, געהאַט אַ גוטן מיטיק? איר זענט זאַט? היינט דאַרפט איר גוט אַרבעטן און אויספילן דעם גאָסודאַרסטווענע פּלאַן[16]. אַ דאַנק אונדזער גרויסן סטאַלין דערפאַר...

די קאָלכאָזניקעס האָבן זיך האַסטיק אויפגעריסן פון די ערטער און אין איין קול ווי אַן איינשטודירטער כאָר אויסגעשריגן:

—הוראַ! הוראַ! זאָל לעבן אונזער גרויסער, קלוגער פירער!...

* * *

די זון האָט זיך ווי אַ שטיק פאַרשפּהט קויל אַראָפּגעזעצט הינטער די אַקאַציעס. אַ שטיל ווינטל האָט זיך צעשפּילט אין די צווייגן און צע־טרייסלט די בלעטער.

---

15 רויטער ווײַן.

16 מלוכה־פּלאַן.

www.libtool.com.cn

אין די ליימיקע קיביטקעס זענען געזעסן אוזבעקן און געטרונקען גרינעם טיי און געשאָלטן אין טאַטנס טאַטן אַריין...

— אָט אַ מערזאַוויעץ דער ראַיס, טוט אָפּ די גרעסטע שווייַנערייען מיט סטאַלינס נאָמען אויף די ליפּן, נוצט אונדז אויס אויפן געמיינסטן אופן. אַ פּאַסקודנע וועלט, נישטאָ ביי וועמען צו מאָנען יושר. איינער נישט בעסער פאַרן צווייטן...

די שאַקאַלן האָבן זיך צעוואָיעט אין דער אַרומיקער שטילקייט. ווי זיי וואָלטן באַוויינט די טויטע פון צמענטער. די אייזלען אין די קאָלכאָזנע שטאַלן האָבן גרילציק זיך צערעוועט שפּאַלטנדיק די הימלען מיט זייער אומהיימלעך געשריי...

באַרכמאַדינאָוו האָט מ׳ט דער האַנט אַ פּיר געטאָן איבערן שטערן און נאָכדעם צולייגנדיק די האַנט צום האַרץ האָט אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט געפּרעפּלט: אַללאַ, אַללאַ... העלף אונדז!...

www.libtool.com.cn

אַ קאָמאַנדיראָווקע אויף אַרבעט

יאַנקל האָט זיך אויפגעריסן פון שלאָף אַן אָפּגעבריטער פון די אויפ־גייענדיקע שטראַלן פון דער זון, וואָס האָט זיך ווי אַן אויסגעצוואָגענע בת־מלכה אַפּערגעקייקלט פון הינטער די בערג.

— נא, סקאָצל קומט, שוין ווידער די זון, ווער באַדאַרף זי? וואָס שפּילט זי מיר אויף מיינע צעלאָמעטע נערוון. — נאָך איידער ער האָט ברייט צעעפנט זיינע אויגן אויף גאָטס וועלט, האָט אים הויך אַ הילך געטאָן אין די אויערן.

— סאַלאָם אַלייקום! אַקאַ [1].

— אַלייקום סאַלאָם, באַבאַי [2] צאַדיקאָוו — האָט יאַנקל אַ שמייכל געטאָן מיט אַן אָנגעזאַלצן געמיט צום אַלטן קאָלכאָזנעם פּאַסטעך, וואָס היט די סטאַדע באַראַנעס.

— ווי האָט זיך דיר, אַקאַ, געשלאָפן — האָט דער אַלטינקער אָפּגעמאָסטן יאַנקלען מיט אַ פאָרשערישן בליק.

— נישט שלעכט, באַבאַי — האָט יאַנקל, אויסציענדיק די ביינער אָפּגעענטפערט, — הלוואי וואָלט כסדר געווען נאַכט. ביינאַכט זענען אַלע גלייך, צי דער וואָס שלאָפט אויף דער ערד אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, צי דער וואָס שלאָפט אין אַ ווייך און וואַרעם בעט, אין שלאָף פילט מען נישט און מיר זעסטו איז זיכער נישט קיין נפקא־מינה. די ערד איז האַרט און מיינע ביינער זענען אויך האַרט, האַרט מיט האַרט קאָנען הויזן צו־זאַמען. ערגער איז ווען מען לייגט אַוועק פלייש אויף דער האַרטער ערד, דאָס איז שוין נישט גוט. עס דריקט און קוועטשט פון אַלע זייטן.

דעם אַלטן צאַדיקאָווס אַ שמייכל האָט זיך פאַרלוירן צווישן זיינע אָן־ציינערדיקע יאַסלעס.

---

1 ברודער (אין אוזבעקיש).

2 אַן אַלטער מאַן (אין אוזבעקיש).

www.libtool.com.cn

— דאַוואַי זאַקורים[3]! — האָט יאַנקל אַ פוילן געגעץ געטאָן און פאַרלייגט די פיס הינטער זיך, אויפן אוזבעקישן שטייגער, אַזוי ווי דער אַלטער צאַדיקאָוו.

דער פּאַסטעך האָט אַרויסגעשלעפּט פון זיין הויזן־קעשענע אַ צע־קנייטשטע „טאַשקענטסקאַיאַ פּראַוודאַ"[4], אָפּגעריסן אַ שטיק צייטונג און צוגעוואָרפן יאַנקלען. אויך פאַר זיך האָט דער פּאַסטעך גענומען אַ שטיקל און אָנגעשאָטן מאַכאָרקע, גענומען זיין צינדערל פון וואַטע, און האַקנ־דיק אַ שטיין אין אַ שטיין האָט אַ פונק זיך אַריינגעריסן אין וואַטע און ביידע האָבן פאַררויכערט.

יאַנקל גראָס האָט זיך פאַרהוסט.

— וואָס, עס שמעקט דיר נישט, אַקאַ? — האָט דער אַלטער אַ פרעג געטאָן, אַרויסלאָזנדיק אַ קנויל שוואַרצן רויך.

— פאַרקערט, ס'איז געשמאַק — האָט יאַנקל אַ שטאַרקן צי געטאָן, אַז דער פּאַפּיראָס האָט זיך אינגאַנצן אָנגעצונדן אַרום די ראַנדן — פאַר־קערט, איך האָב עס ליב. אויפן האַרצן איז ביטער, אויף דער נשמה ביטער און אין האַלדז איז אַוודאי ביטער, טאָ וואָס פאַר אַ ווערט האָט שוין די ביטערקייט פון פּאַפּיראָס. פאַרקערט, ס'מאַכט שטימונג, ס'איז האַרמאָ־ניע און איך — קלאַפּט זיך גראָס ווייליוונגעריש מיטן פויסט אין האַרצן, — איך האָב ליב האַרמאָניע, פּאָניעמאַיעש באַבאַי? אַז צרות, זאָלן זיי זיין פון אַלע זייטן. איך האָב נישט ליב קיין דיסהאַרמאָניע. ביטער איז טאַקע ביטער און זיס איז זיס. היינט איז ביטער, פאַרפאַלן. מען דאַרף קאָנען איבערהאַלטן. ווי האָט יענער געזאָגט: „טיערפּי קאָזאַק אַטאַמאַ־נאָם בודיעש"[5], און ביז איך וועל ווערן אַן אַטאַמאַן — האָט ער זיך צע־לאַכט — אָ, אָ, ביז דאַן...

* * *

די זון־שטראַלן האָבן אויסגעטרונקען די לעצטע טראָפּנס גלאַנציק־

---

[3] לאָמיר פאַררויכערן.
[4] נאָמען פון דער טאַשקענטער צייטונג.
[5] לייד, קאָזאַק, וועסט נאָך אַן אַטאַמאַן ווערן.

www.libtool.com.cn

שימערירנדיקן טוי. די צעשרפּהטע זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן גאַנצן קאָלכאָז מיט אַזאַ סמאַלענדיקן אָטעם ווי זי וואָלט זיך פאַרנומען צו פאַרברענען מענטש און קיביטקע, פעלד און בוים, בהמה און וואָרעם.

אוזבעקן און אוזבעטשקעס, יונג און אַלט האָבן זיך גרופּנווייז געזאַמלט אויפן הויף פון דער קאָלכאָז־אופּראַוולעניע [6].

יאַנקל גראָס איז אויך צוגעקומען אַהין און זיך געטראָפן מיט בערל רובינשטיין פון סטאַלין־קאָלכאָז, וואָס איז שוין געשטאַנען מיט זיין קיטמען [7] אויף דער פּלייצע גרייט צו גיין אויסרייניקן דעם אַריק [8], וואָס האָט דורכגעשניטן דעם קאָלכאָז, כדי צו דערמעגלעכן אַ בעסערע באַוואַסערונג.

— ס׳קאָצל קומט, וואָס מאַכסטו יאַנקל?

— מען מאַכט, מען מאַכט זיך נישט וויסן און מען איז צופרידן.

— אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן, יאַנקל, מען זאָל אַרויספאָרן אויף קאָמאַנדיראָווקע [9] קיין קאַטאַ־קורגאַן [10] אויף דער וואָדאָכראַנילישטשע, קודם וועט זיין ווו צו שלאָפן און מ׳ע וועט באַקומען 800 גראַם ברויט אַ טאָג.

— אַ שאלה, צי איך וויל? פאַר 800 גראַם ברויט וואָלט איך אַפילו אין פייער מיט באָרוועסע פיס געלאָפן און שלאָפן אין אַ קיביטקעלע איז אויך אַ געשעפט. אַנוקאַ, לאָמיר אַ פּרווו טאָן מזל.

יאַנקל איז צוגעלאָפן צום בריגאַדיר, וואָס האָט וועררבירט די קאָלכאָזניקעס קיין קאַטאַ־קורגאַן און אים פאָרגעלייגט:

— טאָוואַרישטש בריגאַדיר, איך וויל אויך פאָרן אויף אַרבעט אין קאַטאַ־קורגאַן.

דער בריגאַדיר האָט אים אָפּגעמאָסטן פון אונטן ביז אַרויף און אַ זאָג געטאָן:

— אדרבא, קענסט פאָרן. נאָר וועסט דאַרפן געבן אַ פּלייצע.

---

6 קאָלכאָז־פאַרוואַלטונג.

7 אַ רידל.

8 וואַסער־קאַנאַל.

9 געשיקט ווערן לויט אַ באַשטימונג.

10 נאָמען פון אַ שטאָט 40 קילאָמעטער פון קאָלכאָז.

www.libtool.com.cn

— אַבי נאָר עס וועט זיין וואָס אַריינצולייגן אין מאָגן שפּילט נישט קיין ראָלע צו געבן אַ פּלייצע. אַז עס וועט זיין פרייליך אין מאָגן, וועט שוין די פּלייצע ווערן אַ נאַש־בראַט.

* * *

די זון איז נאָך געלעגן אַ פאַרשלאָפענע הינטער די קיביטקעס און שוין האָבן זיך די אַרבאַקעזשן[11] געפּאָרעט ביי די פערד, אַנגעלאָדן פּראָדוקטן און זיך געקליבן אין וועג אַריין.

ביי דער אופּראַוולעניע האָבן זיך צונויפגעקליבן די קאָלכאָזניקעס פון די דריי שכנותדיקע קאָלכאָזן: פון פּושקין־קאָלכאָז, פון קאָלכאָז קאַגאַנאָוויטש און פון סטאַלין־קאָלכאָז. 3 אַרבאַס[12] האָבן ווי אַן אָבאָז איינער הינטערן אַנדערן זיך אַרויסגעלאָזט אין לאַנגן וועג אַריין.

יאַנקל איז געזעסן פאַרזונקען אין מחשבות, איינגענורעט אין זיין צעריסענעם וואַטע־שפּענצער, מיט אַנגעשפּיצטע אויגן אין די מרחקים.

— פון וואָס טראַכסטו דיעדושקאַ[13]? — האָט אים אַרויסגעריסן פון זיין פאַרטראַכטקייט דער אוזבעק ראַכמאַטאָוו.

יאַנקל האָט ברייט און האַרציק אַ שמייכל געטאָן. — דיעדושקאַ? האָ, כ׳לעבן, ס׳קליידט מיר צו מיין פּנים און גאַנצן געמיט, ביי מיינע 25 יערעלעך צו זיין אַ דיעדושקאַ, זאָג מיר אַקאַ, זע איך טאַקע אויס ווי אַ דיעדושקאַ?

— אַ קאַק־זשעי[14], אַן אמתער זיידע, מיט אַלע פּיטשעוועקעס, יעי באַגו — איז ראַכמאַטאָוו באַשטאַנען אויף זיינס.

— קאָן זיין ביסט גערעכט, ראַכמאַטאָוו, שוין אַ שיינע פּאָר יאָר נישט אַריינגעקוקט אין קיין שפּיגל, האָב איך שטענדיק געמיינט, אַז איך בין יונג און צום סוף... אַלע די יאָרן. מע ווערט עלטער, ווערט מען טאַקע קליגער. עס איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן אַזוי גיך צו באַקומען אַזאַ

11 פורמאַנעס.
12 צוויי־רעדערדיקע וואָגנס.
13 אַלטיטשקער.
14 ווי אַזוי זשע.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

חשובן טיטל ווי דיעדושקאַ. אַפּנים, אַז עס האָט מיר נישט געהאָלפן דאָס וואָס איך דריי מייַנע מאַכאָרקע־ציגאַרעטן אין צייטונג־פּאַפּיר, קולטור־רעלער און קליגער דערפון בין איך נישט געוואָרן, די רויך־קולטור איז מיר אין קאָפּ נישט געקראָכן, נאָר מיר בלויז געפרעסן די לונגען.

ראַכמאַטאָוו האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

די אַרבאַ האָט זיך צעטרייסלט איבער די פּאַרטריקנטע ליים־גרודעס און ביי גראָסן האָבן זיך די אויסגעהונגערטע און צום פּרעס־גיריקע קישקעס צעוויגט אינעם טאַקט פון פערדישע טלאָען...

רחבותדיק און ברייט מיט זיין גאַנצן מרה־שחורהדיקן פּייזאַזש האָט זיך אַנטפּלעקט דער גאָלאָדני־סטעפּ[15]...

---

15 הונגעריקער סטעפּ.

www.libtool.com.cn

מע גליכט אוים די ערד...

ווי אַ מוראַשניק זעט אויס דאָס גרויסע פעלד. אויף ווי ווייט דאָס אויג קאָן דערגרייכן שוויבלט עס און גריבלט פון אַן אומגעהויערער מאַסע מענטשן באַלאָדנט מיט רידלען, לאָמען און איינגעשפּאַנט אין טאַטשקעס.

מען בויט אַ וואָדאָכראַנילישטשע [1]. אַ גרויסער שטח ערד ווערט אויסגעגליכט און צוגעגרייט איינצוזאַמלען אַ סך וואַסער בכדי צו באַוואַסערן די אַריקן [2]

* * *

שלעפּט זיך יאַנקל מיט זיין נאַפּאַרניק [3], דעם אַלטן אוזבעק ראַכמאַטאָוו,ביידע פירן טאַטשקעס און פרייכן אונטער די שטראַלן פון דער ברענענדיקער זון. דער שווייס רינט אים, יאַנקלען, מיט שמוציקע שטראָמען איבערן פּאַרוואַקסענעם שטעכיקן בערדל. אונטערן וואַטע־שפּענצער ראַיעט עס און שוויבלט, עס צופּט און בייסט און לאָזט אים נישט ווייל באַקומען דעם ריח פון דער פריש־צעגראָבענער ערד און דעם מילדן גלי פון די זונשטראַלן.

— זעסט — זאָגט יאַנקל צו ראַכמאַטאָוון — אַ קלוגע וועלט. די ערד קאָן מען נאָך יאַקאָש אויסגלייכן, בערג ווערן פאַרוואַנדלט אין פלאַכלאַנד, גרודעס גלייכן זיך אויס, טאָלן פאַרשווינדן און די מענטשן וועסטו שוין קיינמאָל נישט אויסגלייכן. האָט ווער אַ הויקער — האַלט ער זיך מ'ט אים. אַ לאַנגע נאָז אויף אַ שיין פּנים וועט שוין פאַרמיאוסן זיין אייגנטימער, גייסטו קרום און לאָם — וועסטו שוין אַזוי גיין. האָסט אַ קרומען שכל — וועסטו שוין אַזוי בלייבן און אָנטאָן צרות דיינע מיט־מענטשן, פאַרשאַפן אומכבוד דער מענטשלעכקייט. מע קאָן עס נישט

---

[1] וואַסער־קאַנאַל.

[2] וואַסער־קאַנאַלן.

[3] מיטהעלפער צו דער אַרבעט.

www.libtool.com.cn

אויסגלייכן. דאָ ביי אונדז אין לאַנד זיצן רעגירונג־מענער, דיפּלאָמאַטן און פּאַרטיי־פירער. זיי האָבן זיך דווקא פאַרלייגט אויסצוגלייכן די וועלט. אָבער נישט פון אָרט, עס גייט נישט.

— מען קאָן, — רופט זיך אָן ראַכמאַטאָוו — ווייסט זען מע וועט אויסגלײַכן די וועלט. אונדזערע, אַז זיי נעמען זיך אונטער, מוזן זיי דער־גרייכן. מען וועט מאַכן נאָך אַ פּיאַטילעטקע[4] און נאָך איינע און אַז מען דאַרף — אַפילו צען. מען וועט אויסגלייכן, אַט פונקט אַזוי ווי דאָס פעלד.

— מ׳האָט שוין געזען, געזען, — האָט זיך יאַנקל צוגעזעצט אויף אַ בערגל פריש אָנגעשאָטן זאַמד — אַזאַ מעשה האָט מען געמאַכט אין סדום, נאָך גאָר אַמאָל. נו, האָט מען אויסגעגלייכט? דעם יעניקן וואָס האָט גע־האַט לאַנגע פיס... האָט מען זיי אים טאַקע אָפּגעהאַקט און די מיט קור־צע פיס האָט מען זיי די פיס אויסגעצויגן, צוזאַמען מיט דער נשמה. נו, וואָס פאַר אַ נאָמען האָבן איבערגעלאָזט די וועלט־אויסגלייכער פון סדום? עס איז מיר פשוט אַ חרפּה פאַרן מין מענטש, אַז מע דערמאָנט זיך וועגן דעם.

* * *

די פאַנפאַרן האָבן דורכגעריסן דעם חלל און דער גאַנצער מוראש־ניק האָט זיך אַ וויג געטאָן. אין איין אויגנבליק האָט זיך דאָס גאַנצע פעלד אָפּגערייניקט. אַלץ איז געלאָפן אין די קיביטקעס פון זייערע ברי־גאַדעס אויף מיטאָג.

דער שענסטער מאָמענט פון מענטשנס לעבן: אָנשטאָפּן דעם מאָגן — איז יאַנקל צופרידן. אַט אַזוי ווי די בהמות: אָנגעשלעפּט זיך אַ גאַנצן טאָג, שיער נישט אויסגעשפּיגן די נשמה און מיט די לעצטע כוחות זיך דערשלאָגן צום שטאַל, צום צעבער און צו דער קאָריטע. מיט וואָס זענען מיר בעסער און שענער און קליגער פון דער בהמה? אַנוקאַ ראַכמאַטאָוו, זיך אויסגעגלייכט? האַ? צוגלייך מיט דער בהמה: אַרבעטן, עסן און שלאָפן.

* * *

[4] פינף־יאָר־פּלאַן.

www.libtool.com.cn

דער ריח פון פריש־געקאָכטן אַטטאַלאַ[5], האָט זיך צעטראָגן איבער דער קיביטקע. די גאַנצע בריגאַדע איז געזעסן אַרייַנגעטון מיט לייב און לעבן אין דער אכילה. יאַנקל האָט אַרייַנגעבראָקט אַ פולע שיסל מיט רויע ציבעלעס און מיט איין מאָל פאַרשלונגען זיינע 800 גראַם ברויט. די פּנימער זענען אָנגעגאָסן געוואָרן מיט רויטקייט און צופרידנקייט. אַלע וועלט־פּראָבלעמען, פּערזענלעכע דאגות און שמערצן האָבן געפונען זייער לייזונג אין דער פאַרעדיקער זופּ.

דער בריגאַדיר קאגראַמאַנאָוו, האָט זיך נאָכן עסן פויל אויסגעצויגן אויף זיין באַקוועמער ווייכער נאַרע, אויסגעשפּרייט מיט ראַגאָזשעס און פאַרדרייט אַ מאַכאָרקע פּאַפּיראָס. די זאַטע אוזבעקן האָבן זיצנדיק מיט די פיס הינטער זיך געטרונקען גרינעם טיי פון איין „פּיאַלע"[6] און מיט העפלעכקייט זיך איינגעטיילט דערמיט איינער דעם צווייטן. אַלטע אוזבעקן האָבן זיך אָנגעלענט אויף זייערע זיצפּלעצער, אונטערגעבעט צוקאָפּנס מיט זייערע אַלטע לאַכעס און זיך דערציילט די אַלטע געשיכטע וועגן מעכטיקן „טאַמערלאַן"[7], וועמענס קבר עס געפינט זיך אין דער אַלטער שטאָט סאַמאַרקאַנד.

יאַנקל איז געזעסן אָט אַזוי ווי אַלע אוזבעקן אַ צופרידענער און באַרואיקטער, אַ זאַטער און גליקלעכער...

דער קאָמאַנדיר קאגראַמאַנאָוו, האָט אַרומגערעדט וועגן די אַרבעט־פּלענער און פאָרגעשלאָגן מע זאָל מאַכן אַ וועט־געיעג מיט אַ צווייטער בריגאַדע:

— מיר דאַרפן באַווייזן, אַז מיר זענען גוטע און פלייסיקע אַרבעטער — האָט קאגראַמאַנאָווס צופרידן און זאַט קול דורכגעבויערט די זאַטיקייט פונעם עולם. מיר דאַרפן וואָס מער אַרבעטן און אַרויסווייזן אונדזער הילף־ און קרבנות־גרייטקייט... .

די שטימונג ביים עולם איז געבראָכן געוואָרן. ראַכמאַטאָוו האָט שטיל אַ בורטשע געטון און זיך אויסגעצויגן אויפן דיל מיט פאַרגלאָצטע אויגן

[5] אוזבעקישער מאכל.

[6] טיי־שיסעלע.

[7] אוזבעקישער מושל.

www.libtool.com.cn

צום סופיט. יאַנקל האָט זיך אומגעקערט מיט אַ זייט צו ראַכמאַטאָוון און שטיל אים איינגערוימט: — אַליין כאַליעט ער אַ גאַנצן טאָג אויף דער ווייכער נאַרע זיינער, טוט נישט אַריין קיין פינגער אין קאַלטן וואַסער, און וויפל מיר זאָלן נישט אַרבעטן איז אים ווייניק.

— סוקין סין! — האָט ראַכמאַטאָוו אַ העשע געטאָן. — ער איז יע־נער פויגל. ער האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס. ער ווייס ווי זיך איינצו־אָרדענען אין לעבן. שטיין איבער יענעם מיט דער בייטש איז לייכטער, ווי אַליין געשלאָגן צו ווערן. אָט „פּראָקליאַטי״ [8] — האָט ראַכמאַטאָוו אויסגעשפּיגן דעם גרינעם טאַבאַק פון זיין „נאַסאַוואַי״ [9].

* * *

אַ שטאַרק כראָפּען האָט זיך צעטראָגן איבער דער פויל צעוואַרעמטער קיביטקע פול אָנגעפּרייעט מיט מענטשן־לייב און שוויס. אַ געדיכטער טומאַן פון אָנגערויכערטער מאַכאָרקע האָט איינגעהילט די לופט און זיך אַריינגעריסן טיף אין די לונגען מיט ביטערקייט. דאָס „קאָניעצל״ [10] אויף דער קיך האָט זיך געלאָשן און גרויסע אימהדיקע שאָטנס האָבן געציטערט אויף די ווענט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן צו שלעפּן די לאַנגע נאַכט מיט אַ באַפאַל פון אַלע מינים וואַנצן, וואָס זענען געקומען פאַדערן און מאָנען און מיט געוואַלד אויסזויגן די גוט פאַרדייעטע אַטאַלאַ און דאָס ביסל פרישע בלוט, וואָס די הייסע זופּ האָט צעוואַרעמט.

אָנגעלייגטע, קאָפּ אויף קאָפּ, הענט און פיס איינגעפלאָכטענע ווי אַ קראַנץ האָט די גאַנצע בריגאַדע אויסגעזונגען איר נאַכטיקן שלאָף, נאָך דער מידקייט פון שווערן טאָג...

* * *

דער רבונו של עולם אין הימל האָט זיך נאָך זיכער איבערגעדרייט

---

[8] פאַרשאָלטענער.

[9] נאָז־טאַבאַק.

[10] אַ שטיקל ברענענדיק העלצל.

www.libtool.com.cn

אויף דער אַנדערער זייט, זיך אַריינגעלאָזט אין זיסן פאַרשיכורנדיקן דרעמל, און שוין האָבן זיך פאַנפאַרן אַריינגעריסן אין דער פרימאָרגן־בלייכקייט פון דער נאַכט מיט זייער געוואַי, וועקנדיק צו דער אַרבעט.

מידע, אויסגעפּייניקטע פון דער נאַכטיקער וואַנצן־אַטאַקע, פאַרשי־כורטע פון גוטע חלומות האָבן זיך איינציקווייז די קאָלכאָזניקעס אַרויס־געריסן פון זייער שלאָף, אויסגעצויגן הענט און פיס און וואַקלדיקע זיך אויסגעשטעלט אין דער ריי אַרויסצומאַרשירן אויפן אַרבעט־פּלאַץ. דער בריגאַדיר אין זיך ווייטער געלעגן אויף זיין נאַרע און נאָכן לעצטע אָפּ־הילך פון די שלאַבעדיקע טריט, האָט ער איבערגעצויגן זיין קאָלדע איבערן קאָפּ און ווייטער געשלאָפן.

נאָך גוט טונקל איז אויף די אַרומיקע פעלדער. די זון שלאָגט זיך נאָך מיט דער דעה, צי זי זאָל מזכה זיין אַזאַ מין וועלטל מיט ליכט און וואַרעמקייט. די באַראַנעס, קי און קעלבלעך האָבן זיך אין ווילדן גאַלאָפּ געלאָזט באַרג־אַראָפּ צום פּאַשע־פעלד און זייערע נאָכיאָגנדיקע שאָטנס האָבן נאָך שוואַרצער געמאַכט די ערב־טאָגיקע שוואַרצקייט.

ראַכמאַטאָוו מיטן קיטמען אויף דער פּלייצע האָט געשפּאַנט פאָראויס, הינטער אים זיין נאַפּאַרניק יאַנקל גראס.

— גערעכט דיעדושקאַ — האָט ראַכמאַטאָוו זיך אָפּגערופן דער ערש־טער — ביסט גערעכט. מען קאָן טאַקע די וועלט נישט אויסגלייכן. אייב־מאָל קרום איז קרום. דער בריגאַדיר קאגראַמאַנאָוו דאַרף ליגן אויסגע־צויגן רחבותדיק אויף זיין נאַרע, אַ יונג מיט ביינער, אויסגעפּאַשעט פון נישט אַרבעטן און פון אַראָפּגנבענען פון אונדזער ברויט־נאַרמע, פון וואָס ער ווערט לענגער און ברייטער און פעטער, און אונדז אַלטוואַרג, ווען מיר דאַרפן האָבן אַביסל רו — טרייבט ער אַרויס אויפן פעלד צו דער אַרבעט. נישטאָ קיין יושר. אַזאַ מין וועלטל קאָן מען טאַקע נישט אויסגלייכן. גע־רעכט, דיעדושקאַ, ביסט גערעכט. אַפילו דער טאַטער וועט שוין אויך בע־סער נישט מאַכן...

* * *

די זון האָט באַוויליקט צו ברענגען ליכט און וואַרעמקייט און האָט זיך

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

אַ פֿאַרשייטע, ווי וועלנדיק אויסשפּאָטן פֿון מענטש, אָנגעהויבן שיטן מיט פֿייער־סנאָפּעס און זודיק ברענענדיק איינגעהילט דאָס גאַנצע אַרבעט־פֿעלד פֿון דער קאַטאַ־קורגאַנער „וואָדאָכראַנילישטשע“.

מענטש, אַרבעטער, האָרעפּאַשניק און פּראָלעטאַריער האָבן געבויגע־נערהייט, איינגעשפּאַנטע אין טאַטשקעס, געבויט אַ וואַסער־ווערק פֿאַר דער פֿאָרויס־שפּאַנענדיקער מענטשהייט...

www.libtool.com.cn

אין אַ פאַרבלאָנדזשעטן פּוילישן וואַגאָן

יאַנקל מיט בערלען זענען געלעגן אויף די שטרויענע ראָגאָזשעס אין דער קיביטקע און נישט געקאָנט איינשלאָפן.

— וואָס טויג מיר די גאַנצע מעשה — רופט זיך אָן יאַנקל — מיטן מאַרקסיזם, וויטאַליטעט, צוויי טריט פאָרויס, איין טריט צוריק לויטן לע־ניניזם, אַז בסך־הכל האַלטן מיר מיט גאַנצע טויזנט יאָר צוריק און עס העלפט נישט קיין שום פּאָליטיק מיט קיינע פילאָזאָפיעס.

— אַי, יאַנקל, צו וואָס טויג דיר די גאַנצע פילאָזאָפיע — האָט בערל רובינשטיין אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און זיך איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט צו יאַנקלען — וואַרף אַוועק די פוילע געשעפטן מיטן טראַכטן און זיך אַריינטראַכטן. נישט דו, נישט איך, און נישט אַלע אַרום אונדז וועלן קאָנען עפּעס ענדערן. גלאַט זיך ברעכן דעם מוח? גיי נאַר, לאָז זיך אַרויס פון די פוילע עסקים.

— איך ווייס, זאָגן אַז דו ביסט אומגערעכט איז מיר שווער, — האָט זיך יאַנקל אַריינגעפלאָכטן מיט די פינגער אין זיין פאַרוואָקסענעם האָריקן קאָפּ, ווי ער וואָלט דאָרט עפּעס געוואָלט אָנטאַפּן און געפינען — אָבער עס טראַכט זיך פאָרט און עפּעס אַ מאָדנע זאַך, וואָס מער אַ מענטש איז הונגעריק, מעג ער זיין אַפילו אַ קאָלכאָזניק, אָט אַזוי ווי איך און דו — אַלץ מער טראַכט זיך. אויף צו להכעיס קריכן אין קאָפּ אַריין מחשבותן. דו ווייסט בערל, איך האָב אַן איינדרוק, אַז אַלע דערפינדער און גאונים האָבן נאָר געקאָנט שאַפן עפּעס גרויס, אָט טאַקע דאַן, ווען זיי זענען גע־ווען הונגעריק. זאַטע מענטשן טראַכטן נישט, אַ נעכטיקער טאָג. ווערסט מיר נישט איינרעדן, איך בין אין דעם פּרט אַן עקשן און טו מיר עפּעס...

בערל רובינשטיין האָט זיך פאַרטראַכט.

— זעסט — האָט יאַנקל גראָס באַטראַכט זיין חבר — איך בין פאָרט גערעכט. אָט האָסטו זיך פאַרטראַכט און דו פילסט עס אַפילו נישט. נו, אדרבא, זיי זיך מודה וועגן וואָס למשל טראַכסטו?

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

— הלמאַי זאָל איך זאָגן, ביסט געדעכט יאַנקל — האָט בערל רו־בינשטיין זיך אָנגערופן — דאָס טראַכטן מאַכט פון אונדז אַ תל. אַ בהמה טראַכט נישט און לעבט אַפּילו בעסער פאַר אונדז. אַנוקאַ, פּרווו זיך אומ־פאַרזיכטיק אומגיין מיט אַ פערד ביי דער אַרבעט, אָדער פאַרשאַף אים עפּעס אַ פיזישע עוולה און פּרווו אים נישט געבן זיין אָרעם עסן צו דער צייט, וועט מען דיך פאַרמשפּטן. אַזאַ געזעץ איז דאָ פאַראַן. און אַ מענטש אַפּילו אַ קאָלכאָזניק קאָנסטו אָנטאָן געברענטע צרות און לייד, אים פאַר־פייניקן ביי דער אַרבעט און אים לאָזן זיך גאַנץ לייטיש אויסהונגערן, וועט אַפּילו קיין פויגל נישט אַ פּיפּס טון.

— האַ, זעסט שוין — האָט זיך יאַנקל טריאומפירנדיק אָפּגערופן — וועסט די וועלט מיט אירע צוויי־פיסיקע באַשעפענישן נישט איבערמאַכן. זיי זענען באַשאַפן געוואָרן צו טראַכטן און פון זייערע אַלע טראַכטענישן איז נאָך די וועלט נישט געהאָלפן געוואָרן. פאַרקערט, פון די אַלע גוטע און לייטישע אויסטראַכטענישן, ווי זיי מיינען, האָבן זיי דווקא די מענטשן וואָס קאָנען ווייניקער טראַכטן פאַרשקלאַפט און אָנגעטון געברענטע צרות.

אין דער קיביטקע איז געוואָרן שטיל, דער עולם האָט זיך איינגענו־רעט אין זייערע לאַכעס און מידע איינגעשלאָפן.

* * *

היינט איז יום־טוב. מען גייט נישט אַרויס צו דער אַרבעט. נישט הלילה ווייל עס איז אַ מלוכהשע פייערונג, נאָר דאָרטן אויבן אין הימל האָט מ'ען זיך מרחם געווען אויף די קאָלכאָזניקעס, עס איז דאָרט פול גע־וואָרן דער כוס פון אַרבעטער־שווייס און די וואָלקנס האָבן זיך אויפגע־שפּאָלטן און געגאָסן ווי פון צעבערס.

דער הימל האָט געוויינט מיט ביטערע שווייסיקע טרערן. די ליימיקע ערד האָט זיך צעטייעט, אַז אַרויסשלעפּן אַ פוס פון דער צעווייקטער אויפ־געכראַסטעטער ערד איז אוממעגלעך. נישט אַלע קאָנען באַווייזן די קונץ צו קאָנען דורכגיין מיט די צעריסענע טאַפּקעס און האַלב־נאַקעטע פיס אַ שטיקל וועג. שטעלסט אַריין אַ פוס, איז נישט אַרויסצוציען. איינער שלעפּט דעם צווייטן.

www.libtool.com.cn

גיסט עס און גיסט, דער רעגן ווייקט און נעצט, די אַריקן פליסן נישט איצט מיט קיין ריין וואַסער, ווי שטענדיק, נאָר מיט געלער ליימיקער צעבלאָטיקטקייט. אויפן האַרצן איז טריב און קאַלעמוטנע, אין קיביטקע ווײַנט שוין אויך דער סופיט מיט ביטערע טרערן. יעדע אַראָפּגעטריפּטע טרער פון סופיט שלעפּט מיט אַ שטיק ליים און צענעצט דעם דיל, קליינ־טשיקע ריטשקעלעך געל־ברודיק וואַסער צעשווימען זיך רחבותדיק און נעסטן זיך איין אונטער די ראָגאָזשעס און דאָס ביסל שמאַטע־אָרעמקייט פון די קאָלכאָזניקעס ווערט צעווייקט...

— אַ טייערע זאַך — רופט זיך אָן יאַנקל אויפן קול, און זיין שטימע צעקלינגט זיך אַזוי מונטער איבער דער צעווייקטער מיט געלבלעכע פלעקן באַצירטער קיביטקע — אונדזערע בייס־חייהלעך ווייקן זיך, אַ שיינע ריי־נע כפּרה אויף זיי. זאָלן זיי אויך פילן דעם טעם פון געהאַקטע צרות. זיי האָבן זיך צופיל אָנגעוואַרעמט און איינגעפּרייעט אין אונדזערע לאַכעס. זאָלן זיי איצט כאַפּן אַ שווים און אַ ציטער. אויף אַלעמען און צו אַלעם קומט אַ סוף.

אַ הילכיק געלעכטער האָט זיך אויסגעמישט צום טאַקט פון די קלאַפּנ־דיקע רעגן־טראָפּנס איבערן פלאַכן דאַך פון דער קיביטקע.

* * *

— איז טאַקע היינט הוליע קבצן. אויב יום־טוב, דאַרף מען די פרייע צייט אויסנוצן — פאַרכלינעט זיך יאַנקל גראָס. אין קיביטקע איז שווער צו בלייבן. די ערד איז וואַזשנע צעווייקט און עס איז נישטאָ וווּ צו זיצן, לייג איך פאָר אַריבערצוגיין פון דער קיביטקע אין דעם פּרעכטיקן פאַר־יתומטן וואַגאָן פון דער ווילנער באַן־דירעקציע, וואָס שטייט אויף דער זייטן־ליניע און זעט אויס ווי אַ לעגענדאַרער פּאַלאַץ פון טויזנט און איין נאַכט. דאָרט איז טרוקן און דער עיקר עס איז פאַראַן אַ באַנק. אין קי־ביטקע דאַרף מען זיצן אויף דער ערד, אַ באַנק שמעקט מיט אייראָפּע און דאָ איז עס נישט מאָדערן, דאָ האַלט מען נישט דערפון.

קוים זיך דורכגעשלעפּט דורך דער צעווייקטער ערד, מיט סכנות נפשות זיך דערשלעפּט און זיך אַריינבאַקומען אין וואַגאָן.

www.libtool.com.cn

יאַנקל האָט נאָך מיטגעשלעפּט מיט זיך אויסער זיין חבר בערל רו־בינשטיין דעם אַלטן אוזבעק ראַכמאַטאָוו, זאָל ער זען דער אַזיאַט, ווי שיין און עלעגאַנט ער זיצט אויף אַ באַנק און זאָל ער וויסן ס׳אַראַ שיינע וואַ־גאָנען מיר האָבן אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, פאַרמאָגט...

יאַנקל גראַס האָט זיך בנעימותדיק אויסגעצויגן אויף דער שיין פּאָ־לירטער און נאָך מיט פרישער פאַרב שמעקנדיקער וואַגאָן־באַנק, פאַררוי־כערט אַ מאַכאָרקעלע, אַרויסגעלאָזט דעם בלוילעכן רויך און מעשה תקיף אַ זאָג געטון:

— סמאָטרי אַקאַ, זעסט וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, ראַכמאַטאָוו, ביי אונדז זענען אַלע וואַגאָנען געווען אַזעלכע שיינע.

ראַכמאַטאָוו האָט באַטראַכט דעם וואַגאָן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן פון התפעלות און געשוויגן.

— אָ, איצט איז טאַקע גוט — האָט זיך אָנגערופן גראָס — ס׳איז טרוקן אַ מחיה דאָ אין וואַגאָן, נאָך דערצו אַז ער איז אַן אונדזעריקער. ס׳שמעקט מיט היים, מיט היימישקייט. איר ווייסט, רעביאַטאַ, וועגן וואָס עס טראַכט זיך איצט, אין אַזאַ פאַסקודנעם רעגנדיקן וועטער? עס איז גוט צו טראַכטן וועגן זון און לבנה. מיר דאַכט זיך אַז דאָ איז גאָר אַן אַנ־דערע זון, אַן אַנדערע לבנה. זאָלן מיר די אַסטראָנאָמען נישט פּרווון איינ־רעדן, אַז די זון און די לבנה איז איינע איבער דער גאַנצער וועלט. אַ נעכ־טיקער טאָג. איך גלייב זיי נישט. דאָ שיינט די זון אַנדערש. דאָ ברינט זי און פרייעט אויס די גלידער און פאַרשווייסיקט ביז עקל דעם גוף. ביי אונדז האָט זי געשיינט מחיהדיק, אַ פאַרגעניגן. דאָ דאַרף מען זי נישט. ווער פרייט זיך מיט איר? די לבנה איז אויך נישט בעסער. ביי אונדז איז זי געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט, זי איז געקומען מיט ראָמאַנטישער סודות־דיקייט און שעלמיש צוגעוווּנקען צו די פאַרליבטע פּאָרלעך, היינט שווימט זי איבערן הימל אַזאַ סודותפולע, אָבער מיט אַנדערע פאַרדעכטיקע סודות, פאַרעטערישע. ווער קוקט זיך אום אויף איר, ווּעמען לאָקט איר פאַר־בלייכטע שיינקייט, אויסער אפשר דער זאַמדיקער וואָדאָכראַנילישטשע און דעם געל־אָפּגעקראַכן־אויסגעדאַרטן הינטל, וואָס צעבילט זיך אַ הונגערי־קער אַקעגן איר, מיינענדיק, אַז זי וועט אים צוּוואָרפן אַ פעטן ביין.

www.libtool.com.cn

— לאָז אָפּ מיט דיינע ווילדע שטיק — האָט זיך אָנגערופן בערל רובינשטיין — דו האָסט זיך שוין נישט מיט וואָס צו פאַרנעמען. אָט זעסטו, יאַנקל, אין דעם וואַגאָן וואָלט זיך געפּאַסט צו זיצן ביי אַ גאַנצן לעבל ברויט. און האָבן איינמאָל אין לעבן דאָס אַלטע פאַרגעניגן צו שניידן פרישע פּעניצער מיט אַ שאַרפן מעסער און עסן, און פילן איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַ זאַטקייט, אָבער ווייסט דאָך, אַזאַ גוטע רואיקע זאַטקייט. און דאַן מעג די זון פרייען דעם גוף וויפל נאָר זי וויל, מעג די לבנה שעל־מיש ווי אַן ענקאַווערדיסטקע אַריינקוקן אין פענצטער, און מעג דער הימל זיך צעוויינען מיט אַ טריבער רעגנדיקייט. אַלצאיינס. זעט איר רעביאַטאַ, אָט די פילאָזאָפיע פאַרשטיי איך, און אַפילו דער אַלטער ראַכמאַטאָוו, און אַלע אונדזערע קאַלכאָזניקעס. די פילאָזאָפיע וואָס קומט פון מאָגן קריכט אַריין שנעלער אין קאָפּ און מע פאַרדייעט עס לייכטער.

יאַנקל גראָס האָט צוגעבאָמקעט מיט פריידיקער הנאה.

* * *

גרויסע טראָפּנס רעגן האָבן זיך צעפּויקט איבער די מאַסיווע וואַגאָן־פענצטער, צעטענצלט איבערן פעסטן בלעכענעם דאַך, אויסשפּילנדיק אַ מעכטיקע טרויער־סימפאָניע אין דער צעכראַסטעטער און צעווייקטער ליי־מיקער ערד...

www.libtool.com.cn

אַלץ פאַרן שטיקל ברויט

יאַנקל גראָס האָט אַוואַנסירט. ער האָט זיך שוין אַביסל אונטערגע־לענט דאָס האַרץ. דער מאָגן האָט זיך באַרואיקט, פאַר דער גאַנצער צייט, זינט ער איז אויף דער וואָדאָכראַנילישטשע האָט ער נאָרמאַל באַקומען זיין ברויט־פּאַיאָק און די טעגלעכע זופּקע, ס׳איז אים געווען ווויל. וואָסי, וואָס דאַרף דען אַ קאָלכאָזניק מער?

האָט מען אים צוגעשטעלט פאַר אַ נאַפּאַרניק צום יונגן צאַדיקאָוו, אַ שיינער יונגינקער אוזבעקל פון אַ יאָר זיבעצן מיט אַ מילדן אָוואַלן שוואַרצחנעוודיקן פּנים, מיט אַ פּאָר העל־ליכטיקע אויגן, מיט שניידיק־שאַרפע ווייסע ציין אין זיין פיין געשניצטן מויל. אַ יונג מיט ביי־נער. דער עולם האָט זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. מען האָט צענומען אַ באַן־ליניע און געדאַרפט אָפּרייניקן די שפּאַלעס.

אמת, צאַדיקאָוו איז אַביסל שטאַרקער און פעסטער פון גראָסן. קיין אידעאַלע גלייכע פּאָר זענען זיי נישט, אָבער עס גייט. יאָ, טאַקע ווי האָט יענער חכם דאָרט געזאָגט: טיערפּי קאָזאַק — אַטאַמאַנאָם בודיעש... האָט זיך טאַקע אונדזער „קאָזאַק" יאַנקל אויסגעליטן און אָנשטאָט ווערן אַן אַטאַמאַן, אָדער כאָטש אַ בריגאַדיר ווי קאגראַמאַנאָוו, האָט ער געשלעפּט שווערע שפּאַלעס. אָבער נישקשה, אַ לעבעדיקער מענטש און דערצו נאָך אַ קאָלכאָזניק קאָן אַלץ איבערלעבן און דורכמאַכן, וואָרום, ווו שטייט עס געשריבן אין דער תורה, אַז ס׳זאָל זיין אַנדערש. אַזוי איז אויך גוט.

יאַנקל קאָלכאָזניק האָט זיך אויסגעמענטשלט. מען האָט באמת גע־האַט אַן איינדרוק, אַז ער שטאַמט פון דור דורות קאָלכאָזניקעס, אַז זיין טאַטע און זיידע און עלטער־זיידע האָבן אויסגעטראַכט די דאָזיקע טייערע דערפינדונג פאַר דער מענטשהייט, ווי עס זענען די קאָלכאָזן, און דער זון און אייניקל איז אַריינגעראָטן אין זיי.

אָבער פריער די פאַרמאַטערטע און אויסגעפּייניקטע קאָלכאָזניקעס און דערנאָך דער אויסגעוואָרצלטער יאָנקל און די גאַנצע פרייע וועלט,

www.libtool.com.cn

ווייסן, אַז זיי זענען נישט שולדיק אין דער דאָזיקער פּלאָג. דאָס האָבן ערגעץ רואיקע און זאַטע מענטשעלעך מיט ווייסע אויסגעפּוכלטע הענטעלעך, מיט אויסגעגאָלטע קעפּ און געדיכטע וואָנסעלעך פאַרשאַרצטע אויף אַרויף אָנגענומען דעם באַשלוס און איינגעשפּאַנט אַ וועלט מיט מענטשן אין דאָזיקן שווערן און ביטערן יאָך...

ווי האָט יענער ליך געפרעגט: וואָס איז דער אונטערשייד פון כל־נדרי ביז קאָלכאָז, און געענטפערט, אַז ביי כל־נדרי פאַסט מען אַ גאַנצן טאָג און אין קאָלכאָז אַ גאַנץ יאָר. אַבי מע געוויינט זיך צו...

* * *

אַבי מען האַלט שוין באַלדביים סוף. די מלחמה גייט שוין באַלד צו ענדע און עס איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז עס וועט בעסער ווערן. יאַנקל האָט שוין געמאַכט דעם חשבון:

— ווייסט אַקאַ — רופט ער זיך אָן צו צאַדיקאָוון — לאָמיר זיך אַביסל צוזעצן אויף אַ זאַקורקי[1] און אַ חשבון טון וויפל קילאָ ברויט מ׳יר דאַרפן נאָך אויפעסן, ביזן סוף פון דער מלחמה.

— דיר איז גוט צו חשבונען — ענטפערט אים צאַדיקאָוו — דו ווייסט אפשר נאָך דער מלחמה אַוועק פון אונדז און מ׳יר, וועלן שוין אָפּפינצטערן דאָס פעקל בידנע יאָרן.

— אוי, גוטער ברודער — האָט יאַנקל אָפּגעזיפצט — ביז אַלץ וועט זיך שוין ענדיקן, וועט נאָך נישט איין אַריק מיט וואַסער אָפּפליסן און אונדז פאַרגיסן מיט מוטנער פליסיקייט.

— דאַ, דאַ, טאָוואַרישטש — האָט צאַדיקאָוו צוגעבאָמקעט.

— ווייסט, עפּעס מאָדנע — האָט זיך יאַנקל אָנגערופן — עס טראַכט זיך שוין ווידער. אַ מאָדנע זאַך, דאָ זאָגן אַלע צו מיר: וואָס טראַכסטו, וואָס זאָרגסטו, עס איז שוין דאָ ווער עס זאָל פאַר דיר טראַכטן, אונדזער רעגירונג טראַכט שוין פאַר דיינעטוועגן און אויף להכעיס ווילן דווקא מיינע געדאַנקען ווערן קאָנטררעוואָלוציאָנערן. און לעבן ווילט זיך אַ שרעק.

[1] צום פאַרויכערן.

www.libtool.com.cn

כאָטש וואָס איז די נפקא־מינה פון אַזאַ לעבן ביזן טויט. כמעט גאָרנישט פאַראַן קיין אונטערשייד. אָט הער זיך גוט צו צאַדיקאָוו און פאַרשטיי: דו ביסט אַלט אַ יאָר זיבעצן און איך שוין פינף און צוואַנציק, דו זיצסט אויף אַן אָרט און שוין, אַ וואָרעם אַז ער קריכט אַריין אין כריין, מיינט ער אַז ס׳איז זיס. איך האָב דער פאַר דער צייט פאַרלוירן אַלץ, פאַרלוירן מ׳יין מענטשלעכן פרצוף און אויב טראַכטן, טראַכט איך נאָר וועגן עסן, הערסט, ווען האָט אַן אונדזעריקער גערעדט וועגן אַזאַ נאַרישקייט, און היינט איז דאָס גאַנצע לעבן געבויט אויפן עסן.

צאַדיקאָוו האָט פאַרויכערט און זיך צוגעהערט.

— הערסט — האָט זיך יאַנקל פאַרקוקט אויף אַ שוואַרץ וואָלקנדל וואָס האָט אומגעשוועבט איבערן האָריזאָנט — עס ווילט זיך לעבן און דערלעבן און איבערלעבן. כאָטש אַ שענערן פון מיר לייגט מען שוין אַריין אין דער אדמה. דאָ עסן מיר ווערעם און נאָכן טויט וועלן זיי מיך עסן, נאָר מיט דעם אונטערשייד וואָס איצט פיל איך אַז זיי עסן מיך לעבעדי־קערהייט...

* * *

די זון האָט זיך געזעצט הינטער די בערג. אַ מחיהדיק פריש ווינטל האָט אַ בלאָז געטון און אויסגעטרונקען דעם שווייס פון יאַנקלס פנים.

די פלייצע האָט אים געשטאָכן פון אַ גאַנצן טאָג שלעפּן אויף זיך די שווערע שפּאַלעס. אויפן האַרצן אַזאַ ביטערקייט, און אין דער נשמה אַ פוסטקייט.

אין דער קאַלכאַזנער קיביטקע האָט נאָך אַלץ געאַווירט מיט טוכלער אַנגעצויגנקייט. דער נעכטיקער רעגן האָט געלאָזט גרויסע שוואַרצע פלעקן אויף די ווענט און אַ צעווירנקייט אויפן סופיט. די זאַכן זענען געלעגן אַנגעוואָרפן אין אַ קופּע. פון קיכל האָט זיך געריזלט אַ פּאַרע פון פריש געקאָכטן געקעכטס.

די מידע קאַלכאַזניקעס זענען געזעסן מיט די פיס הינטער זיך און געוואַרט אויפן בעסטן מאָמענט פון זייער לעבן: צוכאַפּן צו דער שיסל עסן און נאָכדעם פאַלן מידע אויף דער פייכטער ראָגאָזשע.

www.libtool.com.cn

דער בריגאַדיר קאַגראַמאַנאָוו, האָט זיך געפּאָרעט ביי זיין געלעגער און געוואָרטשעט. ער האָט באַקומען אַ פאָרוווּרף פון דער לייטונג, אַז זיין בריגאַדע שטייט אָפּ פון דער אַרבעט.

פאַרן עסן געבן האָט ער באַפוילן די בריגאַדע זיך אויסזעצן און אים אויסהערן, ער האָט מיט שוים אויף די ליפּן זיך געוואָרפן זידלען און בייסן.

— מערזאַוועצי — האָט ער ווי אַ באַנומענער געשריגן — איר זענט פוילענצער און סאַבאָטאַזשניקעס. מיר גיבן אייך אַלץ. מיר זאָרגן פאַר אייך און איר מאַכט אַלע קונצן זיך אַרויסצודרייען פון דער אַרבעט. ווייטער וועט עס אַזוי נישט גיין, מיר וועלן פאַרקלענערן די ברויט־נאָרמע און איר וועט זדאַכניען פאַר הונגער.

אַ שטילשווייגן האָט געהערשט אין דער קיביטקע.

דער אַלטער אַטשיל לאַכמאַראַדאָוו, אַ זקן פון קרוב 70 יאָר, וואָס איז געלאָפן זוכן גליקן אויף דער וואָדאָכראַנילישטשע פאַרן שטיקל ברויט האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די עלנבויגנס און מיט אַ פאַרלאָפן רויט פּנים פון כעס האָט ער מיט זיין אָן־ציינערדיקן מויל אָנגעהויבן שרייען:

— קאַק טעביע ניע ווסטידנאָ, אַן אונדזעריקער זאָל ריידן אַזוי געמיין. וואָס האָבן מיר מער ווי דאָס פּיצל טרוקן שוואַרץ ליימיק ברויט. אין אַנדערע צייטן האָבן עס הינט נישט געגעסן און פון דעם גנבעסטו נאָך אַראָפּ אַ שפּאָר שטיקל, דיר איז נאָך אַלץ ווייניק, סוקין־סין, מיר איז שוין אַלצאיינס, איך האָב נישט פאַר וועמען מורא צו האָבן, אין מיין עלטער דאַרף איך שוין רואיק ליגן אין קבר, און נישט אויסציען דעם קליאָק פון מיינע ביינער דאָ. געדענק קאַגראַמאַנאָוו, אַללאַ וועט דיך שטראָפן, ער האָט פיינט עוולות.

קאַגראַמאַנאָוו איז אָפּגעטראָטן און זיך אַוועקגעזעצט מיט פאַרביילטע פויסטן אויף זיין נאַרע און נאָך צוגעוואָרפן:

— מאַלטשי, שווייג אַלטער נאַר, מאָרגן פרי פאָרסטו צוריק אין קאָלכאָז, קיין אַלטע און נאַרישע בונטאָווטשיקעס דאַרפן מיר דאָ נישט און דאָרט וועט מען שוין מיט דיר אַלץ דערליידיקן...

* * *

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

דער פאַרעדיקער זופּ האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן חלל פון דער קי־ביטקע, שטיל האָט דער עולם געזשאַמקעט דאָס עסן. אַ שווערע שטימונג האָט געהערשט.

— איך פּאָר מאָרגן אויך אַוועק פון דאַנען צוריק אין קאָלכאָז — האָט יאַנקל געזאָגט זיין חבר בערל — קום פאָר אויך, מ׳וט אָט דעם חברה־מאַן וועט שוין זיין שווער צו אַרבעטן. אונדזער כפּרה זאָל ער זיין.

שטיל, איינער האָט נישט גערעדט צום צווייטן. אַ שווערע געדריקטע שטימונג האָט אַלעמען אַרומגענומען.

די שטראָף־רייד פון אַלטן אַטשיל לאַכמאַראַדאָוו האָט גענאָגט און געטאָטשעט. קיינער האָט רואיק נישט געקאָנט איינליגן אויפן געלעגער.

לאַנגע אימהדיקע שאָטנס האָבן זיך צעצויגן איבער די ווענט און נאָך פיינלעכער און אימהדיקער געמאַכט די שווערע נאַכטיקע שלאָפלאָזיקייט.

ערגעצוווו האָבן זיך דאָרט צווישן די בערג־שפּאַלטן צעוויינט מיט אַ פיינלעכן געוואָי די שאַקאַלן אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון די הונגע־ריקע הינט...

www.libtool.com.cn

ביים קאַנאַל

גרילצנדיקע פּאַנפּאַרן־שאַלן האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער כראָ־פּענדיקער זעמליאַנקע, וואָס האָט איינגעטוליעט אין איר ענגשאַפּט אַכצן צעקנוידערטע גופים.

— העי, רעביאַטאַ! — האָט מיט אַ פאַרשלאָפענער שטים אַראָפּגע־שריגן פון זיין באַקוועמער נאַרע, דער בריגאַדיר ראַכמאַנאָוו.

אַ שטילער פליסטער האָט זיך דורכגעטראָגן אין דער פינצטערניש פון דער זעמליאַנקע.

— צו דער אַרבעט! ס׳איז שוין שפּעט! — האָט דער בריגאַדיר גע־שריגן ווי אַ באַנומענער, ליגנדיק אויף דער ווייכער באַקוועמער נאַרע.

איינציקווייז האָט די צעקנוידערטע מענטשן־מאַסע זיך אַ ריר גע־טאָן. איינער נאָכן אַנדערן האָט זיך דער עולם אַרויסגערוקט דורך דער נידעריקער טיר־לאָך און פאַרשוואונדן אין דער גראָקייט פון שטילן פרי־מאָרגן, אין גרויסן ברייטן סטעפּ.

מיט די קיטמענעס [1] אויף די פּלייצעס האָבן זיי האַלב־פאַרשלאָפענע געכאַפּט אַ ציטער אין דער פרימאָרגנדיקער קעלט. נישט אויסגערוטע האָט מען שלאַבעריק געשלעפּט די מידע פיס אין די האַלב־צעריסענע שטי־וואַלעס אַרויפגעצויגן אויף נאָך נישט אויסגעטריקנטע פאַרטיאַנקעס.

די בלייכע לבנה האָט מיט אויסגעקרימטע אויגן, ווי אַ מיד־פאַר־פּייניקטע געזוכט צו אַנטרינען ביים ראַנד פון פאַרשמאַכטן און פאַר־שרפהטן סטעפּ.

סטאַדעס קאַלכאָזנע באַראַנעס מיט פּעטע אַראָפּהענגענדיקע קורדיו־קעס [2] האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער בידנער פּאַשע און זיך געצויגן צום משופּעדיקן באַרג־אַרויף. אויף זיין איינגעהויקערטן רוקן האָבן זיך

[1] רידלען צו גראָבן ערד.
[2] פּעטע, ברייטע עקן.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

מיט גרויס מי אַרויפגעדראַפּעט די אַכצן קאַלכאַזניקעס צו זייער אַרבעט־פּלאַץ ביים בויען דעם אורטאַ־אַולסקי סעווערני טאַשקענטסקי קאַנאַל[3].

* * *

ווי אַ מוראַשניק האָט געראַנגלט דער אַרבעט־פּלאַץ, ווו עס איז געגראָבן געוואָרן אַ קאַנאַל צו באַוואַסערן דעם סטעפּ. טויזנטער מענטשן האָבן מיט קיטמענעס געגראָבן דעם ליימיק־האַרטן באָדן און אויף הענ־געגדיקע הילצערנע פּלעצאַקעס אויף איינגעהויקערטע פּלייצעס געשפּאַנט פון די טיפעניש פון קאַנאַל אַרויס פופציק מעטער ווייט אַפּצושיטן דעם זאַמד.

אינעם ברייטן סטעפּ האָט אָפּגעהילכט די האַקעריי פון די קיטמע־נעס. דער אויפזעער האָט שפּאַצירט ביים ראַנד פון קאַנאַל און צוגעגוקט:

— רעביאַטאַ, סקאָרעי! סקאָרעי[4]! אַרבעט שנעלער, מיר זענען שוין היפּש פאַרשפּעטיקט אין דער אַרבעט.

אַן אָפּגעהאַקטער געפּליסטער, וואָס האָט זיך פאַרלוירן אין דער טיפ־קייט פון קאַנאַל האָט רעאַגירט.

דער אוקראַינער סערגיי פּוזענקאָ וואָס איז געשטאַנען אין די טיפע־נישן פון קאַנאַל אַן איינגעהויקערטער באַלויכטן פון די אָקערשט אויפ־גייענדיקע זון־שטראַלן, האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן:

— אַרבעט שנעלער, חבר אויפזעער — האָט ער סאַרקאַסטיש אַ לאַך געטאָן אין דער ברייטער קודלעוואַטער באָרד זיינער — נו, און כוח? חברל, ווו נעמט מען כוחות?

— ניע ראַזגאַוואַריוואַי! מאַלטשי, טי סוקין־סין[5] — האָט דער אויפ־זעער, אַ הויכער בייזער אוזבעק, ווי אַ באַנומענער זיך צעשריגן. — פּאָד

---

[3] נאָמען פון דער געגנט, ווו דער קאַנאַל איז געגראָבן געוואָרן.
[4] חברה, שנעלער!
[5] נישט ריידן, שווייג.

www.libtool.com.cn

סוד פּאַידיאָש![6] איך וועל דיך אַריינוואַרפן אין תּפיסה און דיך אויס־לערנען ווי אַזוי זיך אויסצוטענהן מיט דער סאָוויעטסקי וולאַסט!

דער גאַנצער עולם האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און זיך צוגעהערט צום ווערטער־געפּעכט.

פּוזענקאָ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן קיטמען ווי אַ רעזיגנירטער און שטיל אַרויסגעהעשעט:

— ס'איז מיר אַלצאיינס, חברל! אַלצאיינס. סטראַשע נישט, נישט דו פּאַרטרעטסט די סאָוויעטסקי וולאַסט, די מאַכט ווייסט נישט דערוועגן. יאָגסט צו דער אַרבעט, לאָזסט נישט דעם אָטעם אָפּכאַפּן, און וועגן עסן פּאַר אונדז זאָרגסטו נישט. די נאַרמע ברויט שטעלסטו צו דער צייט נישט צו. און פון וואַנען זאָל זיין כוח? האַ, חבר!

— איך וועל דיר באַווייזן בונטאָווששיק! איך וועל דיר שוין אָנ־לערנען פּאַר דיין חוצפּה — האָט דער אויפזעער, אַן אויפגערעגטער מיט אַ פּאַרלאָפּן רויט־אָנגעזויפּטן פּנים, אַוועקגעשפּרייזט איבערן וועג.

* * *

פּוזענקאָ האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ גרודע ערד און זיך קאָנוויל־סיוו געטרייסלט. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַרויִקן:

— אַזאַ מערזאָוויעץ, אַזאַ ווילדע בריאה. אים איז גוט, ער שפּאַ־צירט אַרום אַ זאַטער, אַן אָנגעפּרעסענער און ראָזקאָזעוועט[7]. און איך דאַרף אַ הונגעריקער, אַ צעפּרעסענער פון לייז, שטיין פון זון־אויפגאַנג ביז זון־פאַרגאַנג און אַרבעטן. ס'איז מיר שוין אַלצאיינס. אין תּפיסה אַרבעט מען נישט אַזוי שווער און מען טרייבט נאָך אַרויס אין באָד אַריין. דאָ איז דאָך נאָך ערגער פון קאַטאָרגע.

די קאָלכאָזניקעס האָבן זייטיק געבליקט צו פּוזענקאָן, לייכט צוגע־שאָקלט מיט די קעפּ און געשוויגן.

---

[6] אין געריכט וועסטו גיין.
[7] באַפעלט.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

די קיטמענעס האָבן זיך ווידער איינגעגראָבן אינעם האַרטן באָדן און שלאַבעריק האָט זיך די אַרבעט געצויגן ווייטער.

די זון האָט זיך אַ בריענדיקע ווי אַ פייער־לאַווינע אַריינגעוואָרפן אין די טיפענישן פון קאַנאַל און צעפרייעט די שמוציק־פּאַרלייזיקטע פּופּייקעס. עמערס שוויס האָט זיך געגאָסן פון די פּאַרוואָקסענע פּנימער.

מען האָט געבראַכט די נאָרמע ברויט און יעדער איינער האָט זיך צוגעכאַפּט צום עסן.

איינער בלויז אַ יונגער אוזבעק פון פּושקין־קאָלכאָז האָט זיינע 800 גראַם ברויט איינגעוויקלט אין אַ שמוציק טיכל, עס באַהאַלטן אין זיין פּופּייקע און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד.

— פּאַרוואָס עסטו נישט? — האָט אים פּוזענקאָ אַ פרעג געטאָן, אָפּווישנדיק די ליפּן נאָכן צונויפקלייבן די ברעקלעך פונעם ברויט.

— איך עס שוין נישט דעם צווייטן טאָג. איך פּאַרטראַג נישט קיין עסן. איך האָב אַ קרוואַוון פּאָנאָס[8], — האָט דער יונגער אוזבעק קוים אַרויסגעשטאַמלט.

— ניטשעוואָ, ניע פּאָדאָכניעש[9]! — האָט זיך ביטער אַ וויצל געטאָן דער אַלטער קאַגראַמאַנאָוו, אַ גוטמוטיקער אַלטיטשקער, וואָס נעמט אויף אַלץ מיט לייכטקייט — וועסט נישט פּגרן! אָן אונדזעריקער קאָן אַלץ אויסהאַלטן. פּריוויקניעש[10], וועסט זיך צוגעוווינען, וועסט ווערן געזונט. אָבער דערפאַר וועסטו האָבן אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר פּאַיקעס ברויט — האָט ער שוין דאָסמאָל מיט קנאה באַטראַכט דעם קראַנקן.

— גיב אַכטונג, באַהאַלט אויס גוט דאָס ברויט, מען זאָל עס דיר נישט צוגנבענען — האָט אים פּוזענקאָ געוואָרנט.

* * *

די גאַנצע אַכצן־פּערזאָניקע בריגאַדע, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו

[8] בלוט־דיזענטעריע.
[9] וועסט נישט פּגרן.
[10] וועסט זיך צוגעוווינען.

www.libtool.com.cn

העלפן בויען דעם קאַנאַל אין אורטאַ־אַאול, איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון דריי שכנותדיקע קאָלכאָזן אויף די נעמען פון פושקין, סטאַלין און קאַגאַנאָוויטש. שוין דריי חדשים ווי די בריגאַדע אַרבעט און ווינט אין אַן אייגנהענטיק אויסגעגראָבענער זעמליאַנקע אונטער אַ באַרג. אַ טיפֿע גרוב ווי אַ לעבעדיקער קבר. פון פריען פרימאָרגן ביז שפעט נאָכן זונפאַרגאַנג ווערן מיט מי און פיין געגראָבן מעטער נאָך מעטער. טיפער און ברייטער ווערט דער קאַנאַל וואָס וועט באַוואַסערן און באַפרוכפערן דעם הונגעריקן סטעפ.

ביינאַכט עסט די בריגאַדע אין געאייל, שוין מיט האַלב־פאַרשלאָפענע אויגן, די איינציקע שיטערע זופ. און אין אָנטועכץ, פאַרוויקלט און פאַרפלאָנטערט גוף אין גוף, פיס פאַרוואָרפן איינער אויפן צווייטן און באַפאַלן פון מחנות לייז, פון אַלע גרויסן און קאָלירן, וואָס קריכן חוצפהדיק פאַרשייטע אין אַלע אָפענע און פאַרבאָרגענע ערטער פונעם מענטשלעכן גוף. זיך קראַצנדיק, וואַרפנדיק און פרייכנדיק, ווערן זיי מידע איינגעשלאָפן ביז די גרילצנדיקע פאָנפאַרן־שאַלן וועקן זיי ווידער צו דער אַרבעט.

* * *

אינעם קאַנאַל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ גאַנצע דעלעגאַציע, מיטן אויפזעער בראש.

— פוזענקאָ! — האָט אויסגעשריגן אַ באַבייכלטער פאַרשוין מיט ווייס־אויסגעקעכלטע הענט, — קטאָ זדיעס פוזענקאָ[11]?

— יאַ, — האָט זיך פוזענקאָ אויסגעגלייכט און אַראָפּגענומען דעם פלעצאַק פון זיין איינגעהויקערטער פלייצע.

— ווי וואַגסטו צו רעדן אַזוי קעגן דער וולאַסט, דו מערזאַוויעץ — האָט זיך דער פאַרשוין צעשריגן ווי אַ באַנומענער — דו גייסט מיר בונטעווען די אַרבעטער.

פוזענקאָ האָט אויפגעהויבן די אויגן און אַדורכגענומען די גאַנ־

[11] ווער איז פוזענקאָ?

www.libtool.com.cn

צע דעלעגאַציע, וואָס איז געשטאַנען אַ רואיקע און זעלבסטצופרידענע, מיט אַ שאַרפן בליק און האָט זיך אָפּגערופן:

— הייסט עס בונטעווען, דאַן ווען דער אויפזעער זאָרגט נישט פאַר אונדז און יאָגט אומאויפהערלעך צו דער אַרבעט. צי קאָנען מענטשן לעבן אין אַזעלכע שוידערלעכע באַדינגונגען... שוין דריי חדשים, נישט געווען אין באָד, ווי קען מען עס אויסהאַלטן? בײַטאָג אַרבעטן און בײַנאַכט זיך קראַצן ביז בלוט. פאַרוואָס קומט נישט קיינער אַ קוק טאָן ווי מיר לעבן?

— מאַלטשי [12] — האָט זיך דאָס בײַכל ביים פאַרשוין געוואָרפן ווי אין קאָנוולסיעס און דאָס פּנים איז נאָך רויטער געוואָרן. אין זיינע גלאַנציק געפּוצטע שטיוועלעך האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די זון, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט טיפער הינטער די זאַמדיקע בערגלעך.

— קום מיט אונדז — האָט ער אַ כעסיקער אויסגעהעשעט — מיר וועלן דיר באַווייזן ווי אַזוי צו רעדן קעגן אונדז.

פּוזענקאָ האָט זיך אויסגעגלייכט, אַ בליק געטאָן אויף זיינע אַרבעט־חברים מיט אַ פאַרנעפּלטן גלאַנץ אין די אויגן און אַ גלייכגילטיקער פאַר־לאָזט דעם קאַנאַל, באַגלייט פון דער גאַנצער דעלעגאַציע.

* * *

די זון האָט מיט אירע לעצטע בלאַסע שטראַלן באַלויכטן דעם עק פון סטעפּ און צונטער־רויט באַפאַרבט די גרודעס ערד.

מידע, קוים זיך אויף די פיס האַלטנדיק, זענען טויזנטער מענטשן אַרויסגעקראָכן פון די טיף־אויסגעגראָבענע קאַנאַלן, וואָס האָבן זיך גע־צויגן טויזנטער מעטער ווייט און געשפּרייזט צו זייערע זעמליאַנקעס.

מיט טיפער מרה־שחורה האָבן זיך געצויגן פּוזענקאָס אַרבעט־חברים, באַהערשט פון זאָרג פאַרן גורל פון זייער חבר.

פאַר דער זעמליאַנקע איז פונאַנדערגעלייגט געוואָרן אַ גרויסער קאָס־טיאָר [13] און דער בריגאַדיר האָט באַפוילן:

---

[12] שווייג.
[13] פייער.

www.libtool.com.cn

— טוט זיך שנעל אויס! נעמט אייערע זאַכן און טרייסלט זיי אויס איבערן פייער, ווען מיר פטור ווערן פון די לייז.

אַלע האָבן דערשטווינט זיך איבערגעקוקט און דער אַלטער קאַגראַמאַנאָוו האָט זיך ווי זיין שטייגער אַ וויצל געטאָן:

— זיי האָבן אויסגערעכנט פּוזענקאָן און מיר ווען אויסראַמען די כנים. פּוזענקאָ וועט זיכער ווערן אויסגערוימט — אונדזערע לייז זענען אָבער שטאַרקער פון זיי.

מיט אַן איינגעהאַלטן פאַרבאָרגן שמייכל איז די בריגאַדע געשטאַנען אינגאַנצן נאַקעט און געשאָקלט זייערע אַלטע טראַנטעס איבערן רויטן קאַסטיאָר, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם גאַנצן סטעפּ...

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

„מיליאָנערן“

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

קאַגאַנאָוויטש קאָלכאָז

נישט ווייט פון באָלשאָי־אַריק[1], שלענגלט זיך דער וועג, וואָס פירט צום פּושקין־קאָלכאָז, וואָס געהערט צום קאַטאַ־קורגאַנסקי, אַריקסקי סעל־סאָוויעט[2] און באַלד דערנעבן אַן ערד אַ קילאָמעטער צוויי ליגט דער סטאַ־לין־קאָלכאָז, און אין שכנות פון אים דער קאַגאַנאָוויטש־קאָלכאָז. די אַלע דריי קאָלכאָזן געהערן צום זעלבן סעלסאָוויעט.

אָבער זיי אונטערשיידן זיך פולשטענדיק אין אַלץ און אַלעם איינער פון אַנדערן. אין פּושקין־קאָלכאָז ווערט נאָר געפלעגט דער וואַטע־צוכט און ער איז אַן אָרעמאַן אין זיבן פאָלעס. דער סטאַלין־קאָלכאָז, כאָטש ער טראָגט אַ נאָמען פון אַ גאָר גרויסן, איז אויך לאַ עליכמדיק געשלאָגן אויף דער קעשענע, דערפאַר איז טאַקע דער קאַגאַנאָוויטש־קאָלכאָז אַ מיליאָ־נער. אין די הויכע פענצטער רופט מען אים: קאָלכאָז־מיליאָנער. אפנים, אַז אויך די סאַמאָראָדנע סאָציאַליסטן שעמען זיך נישט צו טיטולירן אַ קאָלכאָז מיט אַזאַ ווילקלינגעוודיקן נאָמען ווי מיליאָנער. וואָרשיינלעך, אַז געלט און אַ סך געלט, שפּילט דאָ אויך אַ ראָלע.

פאַרוואָס איז דער קאַגאַנאָוויטש־קאָלכאָז אַ מיליאָנער? אַ פּשוטע מעשה, ער איז באַשאָנקען געוואָרן פון דער נאַטור מיט אַ סך גוטע תבואה־פעלדער און דער עיקר מיט אַ שפע פון פירות מכל־המינים. פון אַלץ וואָס נאָר אַ פאַנטאַזיע קאָן זיך אויסמאָלן וואַקסט דאָרט. און פרוכטן קאָסטן נישט אַזוי טייער, דער עולם איז הונגעריק און עסן דאַרף מען, איז קויפט מען און מען פאַרקויפט און אין קאַסע פאַלן אַריין אַ סך רובלס. וויפל מען זאָל נישט גנבענען און שלעפּן מוז עפּעס בלייבן אין דער קאַסע פון קאָל־כאָז און עס בלייבט אַזויפיל, אַז מען קאָן באמת מיט שטאָלץ טיטולירן דעם קאַגאַנאָוויטש־קאָלכאָז — מיליאָנער.

---

1 גרויסער וואַסער־קאַנאַל.

2 נאָמען פון דאָרפראַט.

www.libtool.com.cn

און ווי זעען אויס די מיליאָנערן פון קאַגאַנאָוויטש־קאָלכאָז?

אויסגעהושכטע, פאַרצערטע און אויסגעדאַרטע אוזבעקן מיט אויז־בעטשקעס; פאַרשמאָדערטע קליינינקע שוואַרצע אוזבעקעלעך מיט שיינע גלאַנציקע אויגן, מיט שוואַרץ־פאַרברענטע פנימער, נאָך שוואַרצער און קויטיקער פון דער בלאָטע. מ׳דראַף גאָר נישט זיין קיין גרויסער מבין צו זען, אַז ס׳איז זיי נעבעך טרויעריק און ביטער, אַז זיי זענען הונגעריק, נאַקעט און באָרוועס, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן ווי די אמתע שפּאַנאַ [3].

קאָן דאָך פּלוצים קומען אַ קלוגער און פרעגן: וואָס הייסט, זיי זענען הונגעריק? ווי איז עס מעגלעך?

איז טאַקע קלאָר וואָס מען זאָגט, אַז קרעפּלעך עסן ווערט אויך דער־עסן. מיט קרעפּלעך אַליין קאָן מען זאַט נישט זיין. מען דאַרף האָבן דערצו ברויט און פון עסן כסדר פּרוכטן באַקומט מען אַ קרוואַוון פּאָנאָס [4], אַז אַפילו אַ טאַטער קאָן שוין אויך נישט העלפן. איז ווי נאָר אַזאַ קאָל־כאָזניק דערזעט אַ פּרי צום עסן — אַנטלויפט ער פון איר ווי אַ שד פאַר ווייַרויך.

גייען זיי אַרום אומעטיק און פאַרמרהשחורהט די קאָלכאָזניקעס. וואָס קומט זיי אַרויס דערפון, וואָס זייער קאָלכאָז איז אַ מיליאָנער, וואָס די מלוכה־קאַסע איז רייך, אַז זיי זענען אַזוי אָרעם, אָט טאַקע הויל־קאַטויל, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט. ביי אַזאַ לאַגע איז אסור אַ וואָרט צו רעדן, און צו וואָס רעדן? אָ, ווען דאָס קאָן העלפן? אַז העלפן, העלפט עס אַזוי ווי אַ טויטן באַנקעס.

* * *

אַ קאָלכאָזניק באַקומט נישט קיין ברויט ווי אַלע בירגער אויף קאַרט־לעך אין די מאַגאַזינען. אַז מען אַרבעט אָפּ אַ גאַנץ יאָר און מע מאַכט סוף יאָר אַ באַלאַנס, וויפל עס זענען געבליבן פּראָדוקטן נאָכן אָפּגעבן דעם

[3] וואַגאַבונדן.

[4] בלוט־דיזענטעריע.

www.libtool.com.cn

טייל דער מלוכה — ווערט עס צעטיילט יעדן לויט זיינע אַרבעט־טעג. דאָ האָט דער קאָלכאָזניק אויף אַ שטיקל צייט צו עסן. אַז די פּראָדוקטן לאָזן זיך אויס, טוט ער אַזוי ווי אַלע: ער קאָמבינירט, דרייט, גנבעט צוביסלעך פון די קאָלכאָזנע פעלדער, שלינגט אַראָפּ דעם ביסן צוגלייך מיטן שטענ־דיקן פּחד און לעבט זיך יאַקאָאַש אַזוי דורך דאָס יאָר.

אָבער פונדעסטוועגן איז נישט אַזוי שלעכט. דאָס לעבן איז שטאַר־קער און מעכטיקער פון אַלע רעוואָלוציעס און אויפטרייסלונגען. אַבי מען געוויינט זיך צו — גייט עס. מען קאָן זיך צוגעוווינען צו אַלץ, והראיה, אַ וואָרעם לעבט אויך.

* * *

איר האָט אַמאָל געזען הינט? איר האָט זיך אוודאי צוגעקוקט אויף שיין געפלעגטע הינט ביי רייכע באַלעבאַטים און געזען ווי אַזוי מען פּיעש־טשעט זיי און מען קעכלט. איר האָט אָבער געדאַרפט אַ קוק טון אויף די קאָלכאָזנע הינט. דאָס איז אַזאַ מין ראַסע הינט, וואָס זענען נישט בנימצא אויפן גאַנצן ערד־קיילעך. עס דאַכט זיך אייך, אַז דאָס זענען הינט אויפן ערשטן אויגנבליק, מיטן גאַנצן הינטישן געשטעל, מיט שאַרפע פּאַרי־סענע ציין, מיט אַ פעל און מיט אַלע אַטריבוטן וואָס אַ הונט דאַרף האָבן. אָבער דער קאָלכאָזנער הונט איז נישט קיין הונט, ער קריכט שלאַבעריק, און פּחדנותדיק, מיט אַן אָפּגעצויגן צעבאַרעטע פעל מיט אַן אָפן מויל, אָבער אָן רציחה. בילן האָט ער שוין פאַרגעסן, די דאָזיקע בעסטע מלאכה האָט ער שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפן. אויף וועמען זאָל ער בילן, אויף דער לבנה? די אַמאָליקע הינט האָבן געבילט אויף דער לבנה, זיי האָט זיך נאָר געדאַכט, אַז די לבנה טוט זיי אָפּ אויף טערקיש און כאַפּט צו ביי זיי אַ פעטן ביסן. די היינטיקע לבנה, די קאָלכאָזנע האָט אַליין נישט וואָס צו עסן און דער הונט האָט נישט קיין כוח צו בילן. איז במילא שטיל אין די קאָלכאָזנע און אַרום די קאָלכאָזנע קיביטקעס. דער געוואַי פון הינט אין די נעכט אין די אַלט־באַקאַנטע היימישע דערפער איז אַנטשטומט. עס שוויַיגן אַלע. עס איז געקומען אַ שטומעניש אויף דער וועלט. נאָר בלויז די שאַקאַלן — שרייען נאָך דערווייל, ווייל זיי צוואָיען זיך אין די היילן,

www.libtool.com.cn

ווו קיין לעבעדיקער מענטש קאָן נישט צוקומען צו זיי. האָבן זיי נישט קיין מורא. שרייען זיי אויס זייער הונגער און פּראָטעסט אין די נעכט און נישטערן מיט די שנוקעס אויף די בית־עלמינס, אפשר וועלן זיי זיך קאָנען דערגראָבן אין דער טיפעניש פון אַ קבר און אָפּגריזשן אַ ביינדל.

די שאַקאַלן וויינען און יאָמערן אויס זייער ביטער געוויין אויף דער וועלט, וואָס האָט אַפילו פאַר זיי קיין שיריים נישט געלאָזט, נישט געהאַט אין זינען, אַז אויך די דאָזיקע גאָטס באַשעפענישן דאַרפן לעבן און עקזיסטירן.

* * *

דער קאַלכאָז לעבט אַזוי אין זיין אייביקער שווייגעניש. די טראָפּנס שווייס פון די קאָלכאָזניקעס ביי דער אַרבעט מאַכן פעט די קאָלכאָזנע פעלדער און דער קאַגאַנאָוויטש־קאָלכאָז ווערט אַלץ רייכער. אין די הויכע פענצטער איז מען שטאָלץ דערויף, אַ קליינינקייט, אַ יחסן אין דער משפּחה. אין אַלע רעדעס אין אַלע אַגיט־פּונקטן [5] ווערט גערעדט וועגן דער גרויסקייט און רייכקייט פון קאָלכאָז. אויפן הויף פון דער אופּראַוולעניע וואַלגערן זיך אין שמוץ קליינטשיקע אוזבעקעלעך מיט פּיטשעמאָנטשיקע אוזבעטשקעלעך מיט שיין פאַרקעמטע צעפּעלעך, און זוכן מיט גיריקע אויגעלעך מיט עפּעס וואָס צו קאָנען איבעררייבן די ציין. זיי פאַרשטייען נישט אַפילו, די דאָזיקע קינדערלעך, און ווייסן נישט, אַז זיי זענען מיליאָנערסקע קינדער, וואָס האָבן על פּי יושר געדאַרפט געקאָוועט ווערן ווי בני־מלכים, פאַרוויגט ווערן אין גאָלדענע בעטעלעך, טרינקען פויגל־מילך און עסן מאַרצעפּאַנעס. זיי וואָלטן איצט געוועז צופרידן ווען מען וואַרפט זיי צו אַ שטיקל שוואַרץ ברויט צו דער זעט.

קוקן זיי מיט ברייט־צעעפנטע פעך־שוואַרצע אויגעלעך אויף גאָטס וועלט און זוכן באַשייד.

זיי פאַרשטייען נישט נעבעך, די דאָזיקע קליינטשיקע מיליאָנערעלעך, זייער קאַבצאַנסקע דאָליע. זיי פילן בלויז אַ צופעניש אין מאָגן און אַ

---

[5] אַגיטאַציע־קלובן.

www.libtool.com.cn

געבּרום אין די געדערעמלעך, זיי פּילן אַ שוואַכקייט אין די פּיסעלעך און די סלינע רינט זיי פון זייערע פּיסקעלעך...

און דאָרט ערגעצוווּ אין די הויכע פענצטער ליגט אַ קאַרטאָטעקע, אין וועלכער עס איז פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס: די רויטע אַרבעט־פאָן, פאַר ערלעכער סטאַכאַנאָווישער אַרבעט, האָט באַקומען דער קאַגאַנאָוויטש־קאָלכאָז פון קאַטאַ־קורגאַנסקי אריקסקי סעלסאָוויעט — דער קאָלכאָז־מיליאָנער...

www.libtool.com.cn

קאַראַבטשוק ![1]

— ווי לאַנג קאָן אַ מענטש הונגערן?

— איך ווייס, מומחים זאָגן, אַז אַ וואָך, און אַנדערע — מער, אַזוי לאַנג ביז מען ציט אויס די קאָפּיטעס און שוין, געענדיקט. אַדיע...

— און איך, — כוואַסטעוועט זיך יאַנקל גראָס פּאַר זיין שכן דעם אוזבעק פון פּושקין־קאַלכאָז — איך הונגער שוין אָט אַזוי עפּעס מער ווי צוויי יאָר און אַ נעכטיקער טאָג. עס שטאַרבט זיך נישט, כאָטש עס ווילט זיך שוין פּטור ווערן פונעם גאַנצן עסק, און ווי אויף צו להכעיס גייט עס נישט.

עפּעס אַ מאָדנע טבע האָט דער הונגער. וואָס מער דו הונגערסט, אַלץ מער ווילט זיך דיר עסן. איז דאָך דער מאָגן אַזאַ ווילער בחורעץ, מעגסט אין אים אַלץ אַריינלייגן. אַלץ פאַרדייט ער און שווייגט. טאָמער דער־שמעקט ער אָבער אין דיר אַ פּוילענצער, אַ לאַ־יוצלה, הייבט ער אָן צו ברומען אינעווייניק און צו שפּילן — אַ שרעק. ער שפּילט אויף אַלע כלים. דאַן קוקט שוין יאַנקל אויף גאָרנישט, וואָס עס פאַלט אים אונטער דער האַנט, אַ צעפּוילטער פּאָמידאָר, אַ צעקוועטשט הערצל פון אַן עפּל, פול מיט פליגן־קויט. און אַ כאַפּ טון עפּעס וואָס נישט איז פון מיסט־בערגל, עפּעס אַ מציאה, וואָס די הינט האָבן פאַרזען, איז אויך אַ קרן.

נישט געפערלעך. מע קאָן אַ מאָגן אויך צוגעווינען. אַז מען קאָן דרעסירן בייזע חיות, מאַכן אַז הינט זאָלן טאַנצן אַ טאַנגאָ און מאַלפּעס זאָלן זיך פירן אַזוי לייטיש ווי מענטשן, קאָן מען אַ מאָגן, און דערצו אַ מאָגן פון אַ קאָלכאָזניק אויך אויסלערנען דרך ארץ. מען צוימט אַביסל זיין גיריקן אַפּעטיט, מען גיט אים איבער דער מאָרדע דעם זולל וסובאניק, מען הערט אים אויף צו באַלעווען און עס גייט אַ גאַנג. אַי, די הויט פונעם גוף ווערט איינגעשרומפּן ווי ביי אַ זקן, די פיס שלאַבעריק און דער מוח

[1] אַ גנב (אין אוזבעקיש).

www.libtool.com.cn

הערט אויף צו אַרבעטן, איז מילא, אַ קאָלכאָזניק קאָן לעבן אָן אַ מוח, די מוחות דאַרפן האָבן די קאָרפּן־קעפּ, די וואָס פירן אָן מיט דער מדינה. פאַר אַ נאַש־בראָט איז עס אַן איבעריקע זאַך. צו וואָס טויג עס אים? בעסער אָן דעם...

* * *

אָבער דאָס אַלץ זענען בלויז שיינע ווערטער. דורכצומאַכן אויף די אייגענע פּלייצעס איז עס אַ שווערער ביסן. אָבער גאָרנישט...

— מיין באָבע — זאָגט יאַנקל — איז געווען אַ קלוגע יידענע. אַ מענטש — פלעגט זי זאָגן — איז שטאַרקער פון אייזן, ער קאָן אַלץ אויס־האַלטן און אויב ער האַלט נישט אויס, איז מילא, פאַרפאַלן. שפּילט אַ ראָלע אַ מענטש... קאַרג מענטשן זענען פאַראַן אויף דער וועלט? דערצו דאָ אין דער מדינה, זענען מענטשן ווי מיסט...

אָבער כאָטש בלויז איינמאָל אין טאָג, דאַרף מען עפּעס טועם זיין, איינמאָל בלויז, עס איז דען אַן עוולה?

אין טשייכאַנאַ דאַרף מען האָבן אַ רובל אויף אַ זופּ, איז ווו נעמט מען דעם רובל? אַ קאָלכאָזניק באַקומט דאָך נישט קיין ברויט אין מאַגאַ־זין, ער דאַרף אָפּאַרבעטן אַ גאַנץ יאָר, כדי צו באַקומען פאַר די „טרודאָ דניעי״ [2], איז פאָלג מיך אַ גאַנג... אַ גאַנץ יאָר וואַרטן, און ביז צום יאָר? אָדער מען קאָן טאַקע צוגעווינען דעם מאָגן, אָדער איינגאַנצן אים אָפּגעווינען. ער איז דאָך נישט פון אייזן. וואָס וועסטו אים טון, אַז ער וועט אויפהערן צו ברומען און צו בורטשען און וועט אויף אַן אמת אַנט־שוויגן ווערן?

און לעבן ווילט זיך, איבערלעבן די שווערע צייט. אַ מענטש האָט דאָך האָפענונגען, מען גלויבט, מען קעמפט און מען האָפט, אַבי נאָר ווייטער.

* * *

עס איז די שווערסטע צייט פון יאָר. די ביימער האָבן זיך באַשאָטן

[2] אַרבעטס־טעג, נאָכן אָפּאַרבעטן אַ גאַנץ יאָר באַקומט יעדער קאָלכאָזניק פּראָ־דוקטן לויט דער צאָל אַרבעטס־טעג וואָס ער האָט.

www.libtool.com.cn

מיט פרישע יונגיטשקע עפּל, באַרנעס, פלוימען און נאָך אַנדערע מינים פירות. קוקסט אויף דיביימער און האָסט הנאה. באַלעקסט זיך פון דער קומענדיקער באַטעמטקייט און זאַטקייט, אָבער היינט ווילט זיך דאָך פּאַרטעסן, אויף מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן.

וואַרט אויס יאַנקל ביזן אָוונט. עס וועט פינצטער ווערן. די קאָלכאָז־ניקעס וועלן מידע אַוועקפאַלן פון זייער שווערער אַרבעט, און ער? ער קאָן דען שלאָפן? אַ נעכטיקער טאָג. פאַרמאַכט ער אַן אויג, און שוין באַלד וועקט אים דער מאָגן און צופּט און רייסט, ברומט און בורטשעט און אַ טבע האָט ער דער מאָגן, ער צופּט אונטערן האַרץ־לעפּעלע און עס ווערט אַזוי פּוסט און איבלדיק, עפּעס אַ זיסקייט באַפאַלט דיר צו פאַרמאַכן די אויגן אויף אייביק, איז ער דאָך אַן עקשן, דער יאַנקל, לאָזט ער זיך נישט. דראַפּעט ער זיך ווי אַ קאַץ אַרויף אויפן בוים, כאַפּט אין דער פינצטער די קליינע „זשעלעפּעכעס“, לייגט אָן פולע קעשענעס, אַ סך, אַ סך אין די צענדליקער באַרן, פאַרקלייבט זיך צוריק אויפן האַרטן ליימיקן באָדן פון דער קיביטקע און גריזשעט, שלינגט איינע נאָך דער אַנדערער און אַלץ ווייניק, ווידער אַרויף אויפן בוים און ווידער געריסן און אַזוי אַ גאַנצע נאַכט. די ציין ווערן אייליק, די צונג ווי געליימט, דער בויך ווערט אָנגעבלאָזן, שיר צום פּלאַצן און דער מאָגן, אוי דער מאָגן, איז נאָך אַלץ נישט צופרידנגעשטעלט.

באַשליסט ער, יאַנקל, אַזוי טויג עס נישט. צוויי ברירות האָסטו. קלייב אויס: אָדער איבערלעבן, אָדער שטאַרבן און טאָמער באַשליסטו צו לעבן און איבערלעבן, מוזסטו ווערן אַ גנב.

דערשרעקט ער זיך, יאַנקל פאַרן וואָרט גנב, אַז זיין טאַטע איז נישט געווען קיין גנב, זיין זיידע איז געווען אַן אָרנטלעכער מענטש, איז זאָל ער ווערן אַ גנב!...

דערמאָנט ער זיך, אַז זיינער אַ חבר איז יאָ אַ גנב, איז אים טאַקע ווויל. ער איז געווען קליגער פון יאַנקלען, ער האָט זיך אויסגעטויגט, איז געוואָרן אַ נאַטשאַלניק פון אַן אַרטעל און עסט צו דער זעט. אַי, מוסרט אים יאַנקל, פּע, ס'איז נישט שיין, אַ גנב גאָר אויף דער עלטער. מען דאַרף עס האָבן אין בלוט, ענטפערט אים זיין חבר: נו, און שטאַרבן פון

www.libtool.com.cn

הונגער איז בעסער? דאָ גיט קיינער גאָרנישט... קענסטו — מעגסטו, און אַז נישט ביסטו אַ דר׳ערד ליגער, ווי דו יאַנקל... אַ קאָלכאָז האָט זיך דיר פאַרגלוסט. ערלעך לעבן איז שווערלעך לעבן. דאָ איז עס אַ גוט פּאַך. אַ, מען קאָן אַריינפּאַלן אין תפיסה, אַז מען כאַפּט דיך אונטער. איז וואָס? קלערט אים אויף זיין חבר, אַ תפיסה איז דאָך נישט קיין בית־עלמין. איינמאָל אין טאָג אַ יושקע גיט מען און דערצו 350 גראַם ברויט איז דאָך נאָך אַלץ בעסער ווי אין קאָלכאָז...

ליגט ער יאַנקל און טראַכט. אַביסינקעלע זאָט איז ער שוין, אַ פּאָר טעג וועט ער שוין ווי נישט איז אויסהאַלטן, און ווייטער? אַ קאָלכאָזניק דאַרף נישט טראַכטן וועגן ווייטער. אַ פערד טראַכט מער?

* * *

אינדערפרי איז ער אַרויס אויף די קאָלכאָזנע פעלדער. ער האָט זיך דערקוויקט מיטן זון־אויפגאַנג און באַוווּנדערט גאָטס שיין וועלטל. אַ פּראַכט, אַ מחייה. זעסט, פילאָזאָפירט ער מיט די אויגן צום הימל. אַ שיין וועלטל האָסטו באַשאַפן. גוטער ברודער, נאָר באַזאָרגן ווי געהעריק דיינע ברואים קאָנסטו נישט. איינעם גיסטו אַלץ בשפע און דעם צווייטן אַ מכה. נאָר גיי טענה זיך אויס... ער, דאָרט אויבן, וועט דיר דען ענטפערן, אַז זיי, דיינע מיטמענטשן שווייגן, וועט ער דען זיין בעסער?

און אָט זעט יאַנקל אַן אָפענע קיביטקע און אויפן טיש אַ שיסל מיט זון־רויטע פּאָמידאָרן איז ער נישט טראַכטנדיק לאַנג אַריין און זיך אָנגע־שטאָפּט פולע קעשענעס און דאַוואַי פּאַקן אויףביידע באַקן. ער עסט און האָט הנאה, דער פּאָמידאָרן־זאַפט היילט דעם צעווייטיקטן מאָגן. דאַרף ער דען מער?

פלוצלינג האָט זיך אַריינגעריסן אין הויז אַן אוזבעטשקע מיט אַ שטעקן און האָט אים אָנגעהויבן שלאָגן און זידלען, און ער, ווי נישט אים מיינט מען עס, קייט אויף ביידע באַקן און שווייגט. דער שטעקן ברעכט אים די ביינער און ער שטייט עקזאַלטירט מיט די אויגן צום געוועלבטן סופיט, גיט נישט קיין קרעכץ און עסט.

— קאַראַבטשוק! קאַראַבטשוק! — האָט די אוזבעטשקע זיך צעשריגן

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

— קאַראַבטשוק!! און פון אַלע זייטן זענען זיך צונויפגעלאָפן אוזבעקן. ווער עס האָט נאָר געהאַט מיט וואָס, האָט געממיתט און געקנאָטן איבערן אויסגעדאַרטן גוף.

— קאַראַבטשוק, אַנאַניעסקי [3], קאַראַבטשוק!!!

און יאַנקל קאַלכאָזניק איז געלעגן אויף דער ערד, געקוויקט זיך מיטן זאַפטיקן פּאָמידאָר און געשוויגן.

— שווער צו זיין אַן ערלעכער גנבֿ! פּיקט אים אין זיין מוח. גנבֿענען דאַרף מען גרויס, האָבן דעם טיטל פון אַ נאַטשאַלניק, אָדער דירעקטאָר. גנבֿענען פּאָמידאָרן גאָר, פּע, נישט שיין צו זיין אַזאַ מין גנבֿ...

* * *

זיינע צעממיתטע ביינער האָט שוין יאַנקל אויסגעגלייכט אויף אַ שפּיטאָל־בעטל... ער איז זייער צופרידן געווען. כאָטש איינמאָל זאַט. דער מאָגן איז באַפרידיקט. די ביינער ברעכן און טרעשטשען. ביינער זענען שטאַרק. זיי האַלטן אויס. און אַז דאָס פּעקל ביינער וועט זיין — טרייסט זיך יאַנקל — וועט שוין פלייש אויך זיין...

[3] אַן אוזבעקיש זידל־וואָרט.

www.libtool.com.cn

די אוזבעטשקע פּאַרוואַ

שיין איז זי ווי די גאַנצע וועלט, די באַחנטע שוואַרצאויגיקע פּאַרוואַ. אָבער נישט ווי די וועלט. די דאָזיקע וועלט דאָ איז אַזוי פּאַסקודנע און קאַלעמוטנע, אַז די דאָזיקע שיינקייט קלעפּט זיך דאָ ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט...

דער טאַטע אירער, דער אַלטער אוזבעק צאַדיקאָוו, וויל פּטור ווערן פון אַן איבעריק מויל, זוכט ער אַלע מיטלען וואָס גיכער זי אַרויסצופּטרן און זי חתונה צו מאַכן, באָדאַי פאַר אַן אַלטן, אָבער וואָס גיכער...

דער ראַיס [1] פון קאָלכאָז, דער כיטרער ראַכמאַנאָוו, איז שוין אַריבער די זעכציקער. אינדערהיים טשאַפּעט אַרום זיין אַלטע מרשעת, שילט און זידלט די קינדער און די אייזלען און שוינט נישט אַפילו איר מאַן — אים אַליין, דעם גאַנצן שמעלקע פון קאָלכאָז, פאַר וועלכן אַלע האָבן מורא ווי פאַר פייער. דער אַלטער זולל־וסובאניק ראַכמאַנאָוו גייט אָנגעטון ווי אַ פּריץ, מיט שיינע גלאַנציקע גאַרמאָשקע־שטיוועלעך, אַ העל־בלויע פּופייקע [2]. זיינע אַלטע צעקנייטשטע באַקן זענען גלאַט אויסראַזירט, מיט אַ שיין געהאָפטענער טיפּעטייקע [3] אויפן קאָפּ. ער קוקט זיך אָן אין שפּיגעלע פון דער נאָענט און האָט הנאה פון אַללאַס וועלט. פאַר אַזעלכע חברה איז דער קאָלכאָז אַ פעטער ביסן.

מיט זשעדנע גיריקע אויגן קוקט ער אויף דער שיינער פּאַרוואַ, וואָס׳? פּאַרוואָס נישט? אַ פּאָזיציע האָט ער, מאַכט פאַרמאָגט ער, בלאַט איז ער מיט דער גאַנצער נאַטשאַלסטוואָ. טאָ פאַר וועמען האָט ער מורא? ווער וועט אים נישט לאָזן? ער קאָן דער שיינער פּאַרוואַ געבן אַ גוט לעבן און פאַר זיין ווייב דאַרף ער נישט ציטערן. אַלט איז זי, די שקאַפּע זיינע, קיין ציין צום בייסן האָט זי נישט און אַז ער וועט איר צוואַרפן פון צייט צו

[1] פאָרזיצער פון קאָלכאָז.

[2] אַ וואַטע־שפּענצער.

[3] אַ געהאָפטענע יאַרמעלקע, וואָס די אוזבעקן טראָגן.

www.libtool.com.cn

צייט עפּעס בעסערס צום פרעסן, וועט זי זיין צופרידן און ער וועט זיינע עלטערע יאָרן וואַרעמען ביי דער זיבעצן־יעריקער פאַרוואַ, וואָס איז הייסער ווי די זון פון אוזבעקיסטאַן.

פאַרוואַ פילט אויף איר לייב די בריענדיקע תאווה־בליקן פון אַלטן ראַיס. זי האָט מורא אויסצודרייען דעם קאָפּ, כדי זיך נישט צו באַגעגענען מיט זיין בליק. ער קריכט איר נאָך אויף טריט און שריט און לאָזט זי נישט קיין מינוט צו רו.

* * *

פאַרוואַ איז יונג און אַזוי שיין, אַז עס איז אַ מחיה זיך צו שפּיגלען אין אירע שוואַרצאַפּלען. כאָטש עס איז איר ביטער אויף דער נשמה און קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, פאַרבלענדט זי די בלייכקייט פון די קאָלכאָזנע פעלדער מיט איר זוניקער פריידיקייט. די סמאַליעדיקע זון ווערט פאַרבלאַסט פון איר שיינקייט און חנעוודיקייט.

אָבער הונגעריק איז זי, פאַרוואַ, אָט אַזוי ווי אַלע דאָ. און פאַר אַ שטיקל ברויט וואָלט זי אין עק וועלט געלאָפן.

און שווייגן קאָן זי, די שיינע פאַרוואַ, זי שווייגט אַזוי שיין, קוקט מעלאַנכאָליש אין טיף־בלויען הימל אַריין און זוכט אַ רעטונג.

עסן וויל זי, די שיינע פאַרוואַ. זי אַליין פאַרדינט ווייניק, איר טאַטע האָט נאָך אַ סך עסער חוץ איר און דער ראַיס לויערט אויף איר שיינקייט ווי אַ רויב־חיה אויף איר קרבן.

וועט זי ביישטיין דעם נסיון?

* * *

דער ראַיס בויט זיך אַ שיינע קיביטקע. אַ הויז פאַר זיין שיינער פאַרוואַ. אַלע אין קאָלכאָז מורמלען צו אין דער שטיל און שעלטן מיט טויטע קללות דעם אַלטן בעל־עבירהניק.

די שיינע פאַרוואַ גייט פאַרטרויערט, פאַרשלאָסן אין זיך. ס׳פּנים בלאַס, די אויגן פאַרנעפּלט. די זון אין קאָלכאָז האָט זיך אויסגעלאָשן.

נאָך אומעטיקער זענען געוואָרן די קאָלכאָזנע פעלדער. די כלאָפּאָק[4]

4 וואַטע.

www.libtool.com.cn

שטענגלעך האָבן זיך צו דער ערד אויסגעבויגן. די אַלטע אוזבעטשקעס גייען פּאַראומערט, מיט שנאה־בליקן אויף אַלץ און אַלעם. נאָר זי, פּאַר־וואַ, שווייגט. זי שווייגט ווי דער גאַנצער אַרום דאָ.

נאָך גלאַנציקער און אויסגעפּעכלטער איז דער גוט־אויסראַזירטער פּנים פון ראַיס. ער גייט אַרום אַ האָפערדיקער איבער די וועגן און האָט הנאה פון זיך. ער איז צופרידן פון זיין פּאָזיציע און מאַכט. אַלע בייגן זיך פאַר אים הכנעהדיק און טראָגן אים דעם גוטמאָרגן פאָרויס.

זיין פערד איינגעשפּאַנט אין דער בריטשקע קלאַפּט, מעשׂה יחסן, מיט זיינע טלאָען אין האַרטן באָדן און הירזשעט זיך הויך פונאַנדער קוקנדיק אויף די שלעפּנדיקע פערד אין די אַרבאָס[5], אויף די קליינע דאַ־רע אייזעלעך, וואָס שלעפּן די שווערע משאות. זיי פאַרהייבן זייערע מאָר־דעס און קוקן אויף זייער אויסגעקעכלטן ברודער מיט קנאה און פאַרדראָס.

אָ, ווען פערד קאָנען רעדן און ווען מענטשן מעגן רעדן!...

* * *

אין קאָלכאָז איז יום־טוב. דער גרויסער גערוימער זאַל פון אַגיט־פּונקט[6] איז אילומינירט. די גאַנצע פּני — די נאַטשאַלסטוואָ פון קאָלכאָז איז אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק. דער רויטער קאַגאַר־ווייַן שי־מערירט אין די פּיאַלעס[7], און די פריש־געבאַקטע לעפּיאָשקעס ווייסן זיך אויף די דערנעבנדיקע טישן. זיי זיצן די קאַרפּן־קעפּ, אויסגעזעצט אויפן דיל מיט די פיס הינטער זיך, טרינקען גרינעם טיי פון איין און דער זעלבער פּיאַלע, וואָס זיי גיבן איבער מיט אַ האַנט־באַוועגונג צום האַרצן איינער דעם צווייטן. זיי ווינטשן גליק דעם ראַיס, וואָס זיצט אַ צופרידענער און אַ גליקלעכער אינמיטן זאַל. די טיפּיטייקע פאַרשאַרצט אַרויף ווייט איבערן שטערן און טראָפּנס שווייס רינען אים אַראָפּ איבער דער צעפּליישיקטער פעטער גאַמבע.

אויפן הויף פון דער אופּראַוולעניע[8], שטייען די קאָלכאָזניקעס איינ־

---

5 צוויי־רעדערדיקער וואָגן.

6 קלוב.

7 פאַרצעליי־שיסעלעך.

8 פאַרוואַלטונג.

www.libtool.com.cn

געהילט אין זייערע לאַנגע כאַלאַטן און פאַרביקע טורבאַנען, שטייען שטום און הכנעהדיק.

דער זאַוומאַג [9] האָט באַגאָסן מיט קעראָסין אַן אַלט־אויסגעדאַרטן אוריוק־בוים און אים אונטערגעצונדן. דער בוים האָט זיך צעשפּריצט מיט טויזנטער פונקען און באַלויכטן דעם קאָלכאָזנעם הימל. יונגע אוזבעקן און קליינטשיקע אוזבעקעלעך האָבן קוקנדיק אויפן בילד זיך צעפּילדערט. די נייגעריקע פון זיי האָבן אַריינגעקוקט דורך די פענצטער פון די רחבות־דיקע זאַלן פון אַגיט־פּונקט און זיך, סמאַיעדיק, באַלעקט קוקנדיק ווי זייערע פאַרזאָרגער פרעסן און זויפן...

דאָס פייער האָט זיך געריסן אַרויף צום הימל, באַלייכטנדיק ווייט אַרום די קאָלכאָזנע וועגן. איינציקע שטערן האָבן געגלאַנצט אין הימל און אַ פאַרבלייכטע לבנה האָט אַרויסגעשפּאַצירט פון הינטער די הויכע בערג אויפן וועג צום קאָלכאָז.

די אייזלען און די קאָלכאָזנע סטאַינעס האָבן זיך צערעוועט מיט אַזאַ געוואָי, ווי מען וואָלט באַוויינט אַ טויטן. די הינט אויף די קייטן האָבן זיך צעוואָיעט, און פון אַגיט־פּונקט האָבן זיך דערטראָגן שיכורע געזאַנגען.

* * *

די שיינע פאַרוואַ איז צומאָרגנס אַרויס אין גאַס און איר שיין פּנימל איז געווען צוגעדעקט מיט אַ פאַראַנטשאַ [10].

שוואַרץ איז געוואָרן דער הימל איבערן קאָלכאָז, אומעטיק האָבן זיך די קאָלכאָזניקעס געשלייכט צו דער אַרבעט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. קיינער האָט מער נישט געקאָנט אַריינקוקן אין די שמאָלע טרויעריקע שוואַרצע מאַנדל־אויגן פון דער שיינער פאַרוואַ, וואָס זענען געווען פאַרשטעלט מיטן געדיכטן שוואַרצן שלייער...

דער ראַיס ראַכמאַנאָוו האָט זיך צעיאָגט מיט זיין ברישקע אי־בער די וועגן אַ זאַטער, אַ צופרידענער און אַ באַזויפענער...

---

[9] פאַרוואַלטער פון מאַגאַזין.

[10] אַ שלייער.

www.libtool.com.cn

ווען איז זי געשטאָרבן ?

די שאַקאַלן אין די היילן פון די בערג האָבן זיך צעווײנט אין דער נאַכט אַרײַן. פון דעם נאָענטן אוזבעקישן בית־עלמין האָט אַ צווייטע באַנדע זיך אומהיימלעך צעוואָיעט, אָנוואַרפנדיק אַן אימה אויפן גאַנצן שמעקעוודיקן אַרום.

די לופט האָט געשמעקט מחיהדיק. די פּערסיקעס און די פלוימען, די קאַרשן און די עפּל פון די אַרומיקע קאָלכאָזנע סעדער האָבן צו להכעיס דעם אימהדיקן אַרום פאַרשמעקט און פאַרזיסט די ביטערניש פון די הונגעריקע לעבעדיקע באַשעפענישן. און די לבנה ווי נישט זי מיינט מען גאָר האָט פּונקט ווי פון איר ערשטן טאָג פון איר באַשאַף אַראָפּגעקוקט, געהיט, צי קיינער כאַפּט זיך נישט צו צו קיין בוים רייסן פּרוכטן. אַ באַרויִקטע איז זי געשוואומען צווישן די וואָלקנס און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי איז אויסן בלויז צו באַלייכטן די געדיכטע פינצטערניש פון אַרום, אָבער אָן דערפאָלג. עס איז במילא געווען פינצטער און טרויעריק אויפן געמיט און נשמה...

* * *

אויפן נאַקעטן דיל פון דער וועראַנדע פון יואל וואַסערמאַנס קיביטקע איז געלעגן זיין פרוי, איינגעהילט אין איר מאַנטל, דאָס איינציקע פאַרמעגן נאָך פון דער היים, אין גרויסער היץ און שטיל געקרעכצט. אײנווייניק אין דער קיביטקע איז וואַסערמאַן אַליין געלעגן אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד, קיינער אַרום איז נישט געווען.

שטיל זענען געפאַלן די אָפּגעריסענע קרעכצן וואָס זענען אויפגעגאַנגען צווישן די פיר ווענט.

נישט געווען דאָ קיינער וואָס זאָל העלפן לינדערן די ווייטיקן, צוטראָגן אַביסל קאַלט וואַסער צו די פאַרטריקנטע ליפּן, פאַרשמאַכטע און פאַרשרפהטע פון דער פערציק גראַדיקער היץ.

www.libtool.com.cn

ער, וואַסערמאַן, אויפֿן דיל אין קיביטקע און זי, זיין פרוי, אַ פֿאַכנ־דיקע מיט דער נשמה אויף דער ווערענדע. צוויי האַלב־גוססע מענטשן, וואָס ווילן אַנטרינען פֿון לעבן, וואָס איז ערגער ווי דער טויט. זיי פֿאָכען מיט זייער לעצטן אָטעם אין דער שטילקייט פֿון דער שמעקעוודיקער נאַכט, אונטער דער באַגלייטונג פֿונעם שאַקאַלן־געוואָי אין די היילן...

* * *

צוויי יונגע מענטשן.

געריסן זיך צום לעבן, אַנטלאָפֿן פֿון פייער און וואַסער, זיך געמאַ־טערט, פאַרמאַטערט געוואָרן און אַוועקגעפאַלן אין געראַנגל מיטן מלאך־המות.

ס'איז זיי שווער געווען זיך אַריינצופּאַסן אין דעם אַרום. זיי האָבן נישט געהאַט גענוג כוח צו קעמפן. אויספאַרקויפט פֿון זיך דאָס לעצ־טע העמד, אַפילו קיין תכריכים נישט געבליבן אויפֿן לעצטן וועג. אויס־געזויגן די מידע, קראַנקע ביינער, אויסגעזויגן און אויסגעפרעסן פֿון דער טראָפּישער מאַלאַריע. אָן אַ קרוב, אָן אַ גואל מיט פאַרהוילענער בענקע־ניש אין די אָפּגעשוואַכטע הערצער.

די שאַקאַלן וואָיען מאוימדיק און באַגלייטן צוויי יונגע לעבנס מיט אַ געיאָמער צו זייער לעצטן גאַנג.

שמעקן די סעדער אַרום, שפּראָצן מיט לעבן. ווייַנט די נאַכט אויס איר טרויער און העלפֿן קאָן נישט קיינער. פאַרקליידט זיך דער הימל אין שוואַרצן און גיסט מיט ביטערע טרערן.

צוויי יונגע מענטשן גוססן אין אַן אוזבעקישער קיביטקע, נישטאָ אַפילו קיין לעבעדיקער ווזן דערביי.

זי האָט אַ לעצטן שווערן קרעכץ געטון און געשטאָרבן .

ער האָט לאַנג געכאָרכלט אין דער נאַכט אַריין...

* * *

יואל וואַסערמאַן האָט געעפֿנט די אויגן. אַ ווייס־געקליידטע פרויען־געשטאַלט איז געשטאַנען נעבן זיין בעט און אַ שמייכלענדיקע זיך אָנגע־רופן.

www.libtool.com.cn

— מיר האָבן דיר דאָס לעבן געראַטעוועט.

— ווו בין איך דאָ? — האָט ער אַ דערציטערטער מיט אַלע אברים, קוים שטאַמלענדיק זיך אָנגערופן.

— אין שפּיטאָל, — האָט אים די פרוי געענטפערט.

וואַסערמאַן האָט קוים, קוים געקאָנט אויסשיילן די סילועטן פון די ווייסע בעטלעך אַרום. קוים פאַרנומען מיטן געהער די קרעכצן פון די אַרומליגנדיקע קראַנקע.

פון שעה צו שעה האָט זיך זיין געזונט־צושטאַנד געבעסערט, זיין מוח האָט אָנגעהויבן אַרבעטן. ער האָט זיך דערמאָנט:

זיין פרוי איז קראַנק געוואָרן אויף בלוטיקער דיזענטעריע. געקאָנט זי ראַטעווען, ווען ער וואָלט פאַרמאָגט יעדן טאָג 16 רובל צו קויפן 100 גראַם רייז. האָט זי ווי אַ סאַקסאַול (אַזאַ מין טרוקענער בוים, אַן אויסגעקרומטער) זיך אויסגעדרייט און דערצו נאָך געכאַפּט טרינקען פון אַריק דאָס וואַסער, געקריגן דערצו נאָך אַ טראָפּישע מאַלאַריע און איז אַוועקגעפאַלן אויף דער וועראַנדע. מיט הונגעריקע אויגן געקוקט אין דער ווייטקייט פון די קאַלכאָזנע סעדער, פאַרביסן די ציין און געשוויגן...

ער האָט געזוכט עצות און מיטלען, אָבער אָן דערפאָלג. ביז אויך ער איז אין אַ געוויסן אָוונט געקומען פון דער אַרבעט און געפילט ווי די ביינער ברעכן אים. ס'האָט אים געוואָרפן און געשווידערט אין היץ און אין קעלט, און אויפגעכאַפּט זיך אָט דאָ אין שפּיטאָל...

* * *

אויסגעשטעלטע ווי זעלנער אין דער ריי, שטייען זיי, די בעטלעך, אָפּגעקראַכן דער ווייסער לאַקיר, פאַרשפּרייטע מיט גרינע קאָלדרעס און אונטער זיי סקעלעטן. אין דער נאַכט דרייט זיך איינער, אָדער צוויי פון זיי אויס צו דער וואַנט. סאַניטאַרן טראָגן זיי אַרויס און אויף צומאָרגנס ליגט שוין אַ נייער קאַנדידאַט אויפן זעלבן אָרט...

איינער אָראָף, דער צווייטער אַרויף.

www.libtool.com.cn

אָבער יואל וואַסערמאַן פּילט זיך שוין בעסער. דער אַפּעטיט ווערט שטאַרקער. נאָך דעם שפּיטאָל־עסן, ווילט זיך ערשט רעכט אָפּעסן און ס׳איז נישטאָ. ער ליגט אויסגעצויגן מיטן פּנים אַרויף צום אָפּגעשיילטן קאַלכיקן סופיט אַ פאַרטראַכטער. פון וואָס צו טראַכטן פעלט נישט. אַט באַקומען אַנדערע קראַנקע צוגעשיקט פון דרויסן עסן. אַ טייל פון זיי קרעפּטיקן זיך און גייען אַרויס פון שפּיטאָל און צו אים קומט נישט קיינער.

ער דערמאָנט זיך, אַז זיין פרוי ליגט דאָרט אַליין אויף דער וועראַנדע און האָט אויך נישט וואָס צום עסן. טאָ וואָס קאָן זי אים ברענגען.

ער ליגט געדולדיק און וואַרט, וואַסערמאַן, ער זאָל נאָר קאָנען אַראָפּשטעלן אַ פוס און גיין, אַרויסגיין פון דאַנען...

דער טאָג איז געקומען.

* * *

יואל וואַסערמאַן שלעפּט זיך אויפן זאַמדיק־אַנגעגליטן טראַקט, ער שלעפּט קוים די פיס. דער גומען פאַרטריקנט, די אויגן ברענען, דער קאָפּ איז שווער, די הענט באַוועגן זיך מאַכטלאָז. ער שפּאַנט אַזוי טריט נאָך טריט, די שעהן ציען זיך ווי פון פעך. ער וויל וואָס גיכער קומען צו דער קיביטקע.

אַ קלעפּיקער שווייס באַגיסט אים. די שוויים־טראָפּנס ברענען זיינע אויגן־אַפּלען, באַזאַלצן די ראַנדן פון זיין אויסגעטריקנט מויל. די זון שיט מיט פייער, פאַרברענט צו ווערן.

קוים זיך דערשלעפּט. אויפן טיר פון דער קיביטקע הענגט אַ שלאָס. וואָס קאָן דאָס זיין? וואַסערמאַן זעצט זיך אויף דער ווערענדע אויסצורוען זיינע מידע ביינער און וואַרט, ביז פאַרנאַכט איז קיינער נישט געקומען. דאָס האַרץ הייבט אָן אומרואיק צו ווערן און ס׳נעמט טיאָכקען. ער קאָן דאָס נישט פאַרשטיין.

די זון האָט זיך אַרונטערגעלאָזט הינטער די בערג אַ פלאַמיקע און צעגליטע, אונטערגעצונדן מיט פורפור־רויט די ביימער־שפּיצן.

און קיינער איז נישטאָ. גיין זוכן — נישטאָ קיין כוח. איז ער אַ

www.libtool.com.cn

מידער אַנידערגעפאַלן אויף דער נאַקעטער הוילער וועראַנדע. אויף דער טיר הענגט אַ שלאָס און שאַ, שטיל, קיין שום שפּור פון לעבן...

* * *

— טי זשיוו? ¹ האַ — האָט אים דעם ערשטן ברוך־הבא אָפּגעגעבן זיין שכן, דער אוזבעק באַכמאַטאָוו, אים אָנקוקנדיק אויף בייז ווונדער — פון וואַנען נעמסטו זיך אַהער דאָ?

— פון שפּיטאָל אַרויס. געקומען אַהיים. די טיר איז פאַרשלאָסן. נישט געזען מיין פרוי?

— הע, הע, טוואָיאַ זשענאַ פּאָמראַל, דיין פרוי איז געשטאָרבן — האָט ער אין אַ צעקאַליעטשעטן רוסיש גלייכגילטיק און קאַלט אַרויס־געזייט צווישן די ציין.

וואַסערמאַנען איז אַדורך אַ שוידער דורך די ביינער.

— ווי אַזוי איז דאָס געשען? ווען?

— מיר האָבן געזען, אַז קיינער פון אייך באַווייזט זיך נישט. זענען מיר געגאַנגען אַ קוק טון. דיין פרוי איז געלעגן אויף דער וועראַנדע טויט און דו האָסט קוים געזשיפּעט. האָבן מיר דיך אָפּגעפירט אין שפּיטאָל און דיין פרוי אויפן צווינטער.

אַ שטילער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון וואַסערמאַנס האַרץ.

— יאָ, יאָ, באַכמאַטאָוו. אָט דאָס הייסט לעבן, וואָס? אַפילו שטאַרבן ווי קיין מענטש איז אויך נישט באַשערט.

— ניטשעוואָ ניע פּאַדיעלאַיעש, וועסט גאָרנישט מאַכן, בראַטאָק, אַ נאַש־בראַט איז ביטער, נישט גוט.

— נישט גוט צו נישט גוט, איז נישט גלייך — האָט וואַסערמאַן אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, געלאָזט דעם אוזבעק שטיין מיט אַן אָפן מויל און אַ רעזיגנירטער אַוועק.

* * *

— אויף וועמען פרעגסטו, האַ? — האָט דער פאַרוואַלטער פון בור־

¹ לעבסט נאָך?

www.libtool.com.cn

כאַרישן בית־עלמין זיך אַפילו נישט אויסדריייענדיק געפרעגט וואַסער־מאַנען.

— אויף מיין פרוי.

— ווען געשטאָרבן?

— איך ווייס נישט גענוי — האָט וואַסערמאַן געענטפערט — אפשר שוין דריי חדשים.

— ווי אַזוי ווייסט עס נישט קיין מענטש ווען זיין פרוי איז גע־שטאָרבן? — האָט זיך דער פאַרוואַלטער צעלאַכט מיט אַ ווילד געלעכטער.

— אַט אַזאַ מין מענטש בין איך — האָט אים וואַסערמאַן גלייכ־גילטיק געענטפערט.

— נאָך נישט געזען אַזעלכע מענטשן — האָט דער פאַרוואַלטער אַ קוועטש געטון מיט די פלייצעס און ערשט באַוויליקט אַנצוקוקן דעם פאַר־שוין, וואָס איז צו אים אַזוי שטאַרק צוגעשטאַנען.

— אַ שלעכטער מאַן, ווייס אַפילו נישט דעם טאָג פון זיין פרויס טויט — האָט ער שפּאָטיש אַ צי געטון זיינע פאַרוואַקסענע ווייעס איבער די פאַרוואַסערטע אויגן.

* * *

וואַסערמאַן האָט שפּאַצירט צווישן די אָנגעהויפטע בערגלעך אויפן בייכיקן רוקן פון בוכאַרישן באַרגיקן בית־עלמין. ביי יעדן פרישן קבר איז ער געבליבן שטיין. געמיינט אפשר דאָ, אפשר דאָרט, אפשר יענץ בערגל, אפשר דאָרט אין טאָל.

מיד פון אַרומגיין האָט זיך וואַסערמאַן צוגעזעצט אויף אַ פּאַסאַדע פון אַן אַלטער מצבה איינגעשפּיזט די אויגן אין די מרחקים און געטראַכט וועגן די רייד פונעם פאַרוואַלטער.

טאַקע וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש, וואָס ווייסט נישט אין וועלכן טאָג זיין ווייב איז געשטאָרבן?

און טאַקע אַזוי, וואָס פאַר אַ מענטש איז ער?...

www.libtool.com.cn

אויף אַ ברית־מילה ביי אוזבעקן

עס איז טאַקע קאַלעמוטנע אויף דער נשמה, אָבער אין קאָלכאָז איז אַזוי שיין. עס איז איצט אָנהייב פּרילינג. די ביימער האָבן אַרויסגעלאָזט די ווייסע קנאָספּן, די ערשטע גרעזעלעך רייסן זיך אַרויס פון אונטער דער לײמיקער ערד, באַפּוצן גאַטס וועלטל אין גרינער פּראַכט און עס שמעקט אַ מחיה. פייגל לאָזן זיך מחנותווייז מיט שירה בציבור פון בוים צו בוים — צעזונגענע און צעהוליעטע.

היינט איז אין קאָלכאָז יום־טוב. אָטשילס בן־זקונים, דער צוועלף־יעריקער צאַדיקאָוו מאַכט היינט דורך זיין ברית־מילה.

צום טוי [1] זענען זיך צונויפגעקומען די שכנים פון די אַרומיקע קי־ביטקעס, אוזבעקן מיט צעשטראַלטע פינקלדיקע אויגן, איינגעהילט אין פאַרביקע טורבאַנען און צעשטרייפטע כאַלאַטן, אוזבעטשקעס מיט איינגעהילטע פאַראַנטשאַס, דורך וועלכע עס גלאַנצן אַרויס תאווהדיקע שוואַרצאַפּלען, יונגע אוזבעקינס מיט צענדליקער פאַרפלאָכטענע שוואַרצע צעפּלעך, יונגע אוזבעקעלעך מיט קיפּיטייקעס אויף די גלאַט־ראַזירטע קעפּלעך.

דער הויפּט־מחותן, דער באַביי אָטשיל לאַכמאַראַדאָוו, שטייט פאָרפאָרעט ביים צעפלאַקערטן קאַסטיאָר אויף וועלכן עס שטייט אַ גרויסער טשוהונענער קאַטיאָל, פון וואַנען עס טראָגן זיך אָנגענעמע נאָז־אויפרייסנדיקע ריחות פון צעזשאַרעטן באַראַן־פליייש, צעבראָקטע פריטשן ציבעלע, לאַנג־צעשניטענע מערן־פּאַסן, אַרויפגעשאָטענעם רייז. עס ווערט געקאָכט דער טראַדיציאָנעלער פּלאָוו, דער בעסטער מאכל ביי די אוזבעקן.

די פונקען פון די צעברענטע האַלב־נאַסע כלאָפּאָק־שטענגעלעך צעשפּרייטן זיך איבערן גאַנצן הייפל אין סאַמע געטומל, געלעכטערן און שטיפעריִען פון די יונגע אוזבעקן. די אַלטע אוזבעקן זענען סטאַטעטש־

[1] יום־טוב.

www.libtool.com.cn

נער. די מענער שטייען באַזונדער און די פרויען באַזונדער פאַרטאָן שטיל און דביקותדיק אין געשפרעכן.

* * *

די זון האָט זיך אַ בלוטיק־רויטע אַראָפּגעלאָזט הינטער די הויכע שפּיצן פון די גאַרטל־בערג, וואָס רינגלען אַרום ווי אַ פעסטונג די גאַנצע ריי קאָלכאָזן פון דעם קאַטאַ־קורגאַנסקי אַריקסקי סעלסאָוויעט. די קאָל־כאָזנע וועלט האָט זיך אַ פאַראומערטע איבערגעגעבן אין די פליגלען פון דער אָנקומענדיקער נאַכט.

אָטשיל האָט באַגאָסן מיט אַ פלאַש בענזין אַן אַלטן אויסגעהוילטן אוריוק־בוים, אַ פאַרדאַרטן פון זקנה, וועמענס פלאַמען עס האָבן זיך מיט געררויש געריסן צום סאַמע קרוין וועלנדיק אונטערצינדן גאָטס וועלט.

אַ צעקלונגענער פרייד־אויסגעשריי האָט זיך צעטראָגן איבער די אַרומיקע היילן און זייער עכאָ האָט ווייט אָפּגעהילכט איבער די צעטריקנ־טע קאָלכאָזנע וועגן.

דער יידישער מוהל, ר׳ אברהם פיינטוך, אַ פּליט פון פוילן, האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַ נעכטיקער און פרעמדער צווישן דעם צעיובלטן אוז־בעקישן עולם. די הענט פאַרלייגט אויף הינטן האָט ער שפּאַצירט הין און צוריק איבערן גרויסן באַביימערטן און צעגרינטן הויף.

אויף אַ ספּעציעל בעטל האָט מען אַוועקגעלייגט דעם „רך הנימול", דעם 12־יעריקן צאַדיקאָוו און דאָס בעטל אַוועקגעשטעלט נישט ווייט פון דעם פייער־שפּריצנדיקן בוים, וואָס האָט מיט זיין העליש פייער באַלויכטן דעם גאַנצן הויף. די העל־בלאַסע לבנה, וואָס האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון אונטער די בערג־שיפּועים, האָט ממש אויסגעזען ווי אַ בלאַס חלב־ליכטל קעגן דעם צעהעלטן און צעלויכטענעם אוריוק־בוים, וואָס דאָס פייער האָט פאַרצוקט און פאַרלענדט.

עס איז פּלוצלינג געוואָרן שטיל. די מענער האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום בעטל. דער מוהל האָט קאָנטראָלירט דעם חלף. טראָפּנס שווייס זענען אים גערונען פון זיין צעהיצטן שטערן. פּלוצים האָט די נאַכט־שטיל־קייט דורכגעריסן אַ יאָמערלעך אויסגעשריי פון „רך הנימול", וואָס איז

www.libtool.com.cn

פאַרשלונגען און פאַרטויבט געוואָרן מיט די פרייד־ און וויוואַט־אויסרופן פון אַלע געסט.

* * *

דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט מיט די פיס הינטער זיך אין אַ גרויסן קרייז, מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער. אין מיטן פלאַץ האָט לאַכמאַראַדאָוו אויסגעשטעלט עטלעכע לײמענע שיסלען, קאַגאַר ווײַן און פיאַלעס, מיט זידנדיקע הויכע קרוגן גרינעם טשיי. יעדע גרופּע האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום אַ שיסל און מיט די הענט געשטאָפּט זשמעניעס־ווייז דעם פעטן און באַטעמטן פּלאָוו.

פאַרן מוהל האָט אָטשיל לאַכמאַראַדאָוו צוגעטראָגן אַ קליין שיסעלע פּלאָוו מיט אַ הילצערנעם לעפל.

שטיל איז אַרום. עס האָבן זיך בלויז געהערט די אַלץ זיך אָפּשוואַכנדיקע קרעכצן פונעם געמלטן צאַדיקאָוו, דאָס טשמאָקעניש פון די צענד־ליקער ליפּן און געזשומעריי פון די זשוקעס אין די אַרומיקע קוסטעס.

דער אוריוק־בוים האָט זיך אונטערגעגעבן דעם פייער, קרעכצנדיק און שיסנדיק מיט צעגליטע פונקען האָט ער זיך אַלץ נידעריקער און נידערי־קער געזעצט צום באָדן.

די געסט האָבן געענדיקט עסן דעם פּלאָוו. מיט די פעטע האַנט־פלאַכן האָבן זיי אויסגעשמירט די כאַלעוועס פון זייערע גאַרמאָשקע־שטי־וועלעך און דערציילנדיק זיך פאַרצייטיקע אוזבעקישע מעשיות האָבן זיי געזופּט פיאַלעס טשיי, איבערגעבנדיק איינער דעם צווייטן די פיאַלע מיט אַ העפלעכן קאָפּ־פאַרנייג און מיט דער האַנט צום האַרצן.

* * *

נאָכן יום־טוב מיט דער שמחה איז ווידער קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. נישט דער פּלאָוו און נישט דער קאַגאַר ווײַן האָבן געקענט פריילעך מאַכן און צענעמען דעם דורכשווידערנדיקן נאַגנדיקן ווייטיק.

אָטשיל לאַכמאַראַדאָוו זיצט מיט זיין שכן דעם פּליט פון פוילן אויפן צעדופּטן פעלד און גיט אַכטונג אויף זיינע באַראַנעס וואָס פּיטערן זיך דערנעבן. דער אַלטער האַלט פאַררייסן זיינע באַברעמטע אויגן צו די הויכ־

www.libtool.com.cn

קייטן, אַריבער די בערג פון יענער זייט, ווו עס שלענגלט זיך דורך די איראַנישע גרענעץ.

— וועט זיך עס ענדיקן, די דאָזיקע שפּיל, — רייסט זיך אַרויס פון דער טיפקייט פון זיין האַרצן אַ פראַגע, גלאַט אַזוי אין דער נאַכט אַריין.

— אפשר — וויל אים טרייסטן דער פּליט. און פאַר זיך אַליין זעט ער נישט קיין טרייסט.

די מלחמה איז אין פולן ברען. די וועלט פאַרוואַנדלט זיך אין חורבות און אַש. ערגעצווו רייסן זיך שטאָלענע מחבלים און שלינגען איין אונטער זיך שטעט און דערפער, פאַרניכטן און פאַרברענען.

לאַכמאַראַדאָוו אַנט נישט, קאָן נישט פילן דעם ווייטיק פון זיין שכן, דעם פּליט פון פוילן, וואָס זיצט דאָ לעבן אים אַן אויסגעוואָרצלטער, אַן אַרויסגעריסענער פון זיין היים.

פון אָטשילס הייפל דערטראָגן זיך פריילעכע קולות. געלעכטערס. די באַראַנעס שטייען מ׳יט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און צופן דעם פרישן גראָז־אויסשפּראָץ. די לבנה שוועבט זיך בהחרבההדיק פון איין וואָלקנדל אַרויס און אין צווייטן אַריין אַ בנעימותדיקע, אַ רואיקע ווי גאָרנישט וואָלט געשען אויף דער וועלט.

* * *

אָטשיל לאַכמאַראַדאָוו איז אַ געביפטער און פראַקטישער קאָלכאָז־ניק. ער איז געווען פון די ערשטע אוזבעקן פון זיין דאָרף, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט איינצוימען אין אַ קאָלכאָז. ער איז געווען איינער פון די ערשטע וואָס האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער טייערער ביסן, וואָס הייסט קאָלכאָז, וועט זיך שווער לייגן אויף זיינע פּלייצעס און ער האָט רעוואָלטירט. ווען בודיאָני איז אָנגעקומען אַהער אין די דרייסיקער יאָרן מיט פייער און שווערד צו באַצווינגען די ווידערשפּעניקע, איז ער אַנטלאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן אין די בערג. ביז היינט איז ער אַ דם־שונא דער אויפגעצוווּנגענער קאָלעקטיוויזאַציע, וואָס הונגערט אויס די פּויערים, וואָס רייסט ביי זיי אַרויס דעם לעצטן שווייסיקן ביסן ברויט פון מויל.

— זיי וועלן ווייט נישט אַוועק מיט אַזאַ רעזשים — צאָרנט ער אַרויס אין דער נאַכט — קאָלכאָזן האָט זיך זיי פאַרוואָלט, אויסמאָרדן

www.libtool.com.cn

דעם נאַראַד האָט זיך זיי פאַרגלוסט, די מערזאַוועצעס. יאַמאַן אַקאַ, נאַן יאַק[2].

— אַבי רואיק און ווייט פון מלחמה־שטורעם — טרייסט אים דער פּליט — אַלץ וועט גוט ווערן.

— עד, אַקאַ, דו קענסט זיי נאָך נישט. ביז וואַנען זיי וועלן זיך באַזינ'ען וועט מען פוילן אין דער ערד.

אין אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך אַטשיל אָנגערופן:

— דו ביסט דאָך אַ גראַמאַטנער מענטש, סקאַזשי־קאַ, אַקאַ, ווער איז געווען דער מערזאַוויעץ פּושקין, וועמען זיי גיבן אָפּ אַזויפיל כבוד און רופן אָן אַזאַ גרויסן קאָלכאָז אויף זיין נאָמען. ער איז מן־הסתם געווען אַ גרויסע שישקע, וואָס האָט אויף זיין געוויסן אַ סך פון אונדזערע פאַרפייניקטע.

דער פּליט האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו? עס איז דען דאָ פון וואָס צום לאַכן?

— פּושקין? דו ווייסט טאַקע נישט ווער פּושקין איז געווען?

— אַ טשאָרט יעוואָ זנאַיעט, פּראָקליאַטי סוקין־סין, אַזאַ מערזאַוויעץ ווי אַלע אַנדערע — האָט אַטשיל געשיפּעט ווי אַ בייזע שלאַנג.

— מען האָט אייך אין קאָלכאָז קיינמאָל נישט דערקלערט, ווער ער איז און פאַרוואָס ער האָט זוכה געווען צו אַזאַ כבוד? דו האָסט טאַקע קיינמאָל נישט געהערט פון אַזאַ נאָמען?

— טשאָרט יעוואָ זנאַיעט.

— ווייסט, אַז אַלעקסאַנדער פּושקין איז געווען אַ גרויסער דיכטער, וואָס האָט געשריבן זייער שיינע לידער און דערפאַר האָבן זיי דיין קאָלכאָז אָנגערופן אויף זיין נאָמען.

— טשטאָ אָן פּיסאַל[3]?

— לידער...

— נישט געהערט קיינמאָל פון אַזאַ פאַרשוין. מיר גייט נישט אָן וואָס ער האָט געשריבן. איך ווייס נאָר, אַז ער האָט זיך פאַרלייגט אויף

---

[2] שלעכט ברודער, קיין ברויט נישטאָ (אין אוזבעקיש).

[3] וואָס האָט ער געשריבן?

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

אונדז אַלע און זויגט אויס אונדזער מאַרך, טאַקאַי פּראָקליאַטי. ווי אַזוי האָט ער נישט קיין חרפּה... אַללאַ וועט אים זיכער דערפאַר באַשטראָפן. ביי אַללאַ זענען נישט פאַראַן קיין פאַרפאַלענע זאַכן.

* * *

אָטשיל לאַכמאַראַדאָוו ווייסט נישט און האָט אַפילו נישט קיין אַנונג ווער עס איז געווען דער געניאַלער פּושקין. ער ווייס בלויז איינס, אַז עס טויג אויף כפרות.

און פאַרוואָס טאַקע האָט מען קודם־כל נישט אויפגעקלערט די קאָל־כאָזניקעס ווער פּושקין איז. זיי וואָלטן זיכער זייערע ליידן לייכטער אי־בערגעטראָגן, וויסנדיק, אַז פּושקין איז גאָט די נשמה שולדיק און נישט ער האָט צוגעלייגט אַ האַנט צו דער אידייע פון די קאָלכאָזן.

* * *

אין דער נאַכט פון זיין בן־זקונימס מל־זיין האָט ער אויסגערעדט זיין האַרץ פאַר די צעבליטע שיינע פעלדער, וואָס פּילן־אָן מיט אומרו און רעוואָלט די הערצער פון די קאָלכאָזניקעס.

— יאָ, אויך מיין צאַדיקאָוו וועט אַריין אין שפּאַן און דאַרפן טראָגן דעם שווערן יאָך. באַזאָרגן מיט כל־טוב זיינע נאַטשאַלניקעס און פאַר זיך אַליין וועט ער נישט האָבן אַפילו קיין ברויט צו דער זעט.

דער אוריוק־בוים האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַש. געבליבן בלויז אַ צייכן פון אָפּגעסמאַליעטע וואָרצלען אויפן פּאָן פון דער פּריש־צעגרינ־טער גראָזיקייט...

www.libtool.com.cn

שײַן זענען דײַנע נעכט, סאַמאַרקאַנד

אין דער קיביטקע געוועלטיקט דער ווינט, לויפט אַרײַן און אַרויס. קײַן פענצטער זענען נישט פאַראַן. קומט ער דורך דער צעפּראַלטער טיר, שטויבט אויס די נישעס און געוועלבטן סופיט, פאַרגנבעט זיך מיט געברום צווישן די בלעטער פון צעצווײַגטן טיטאָווניק[1], צעוויגט זײַנע בלעטער און שיט אים אַראָפּ אויף דער ערד.

אין אַזאַ נאַכט איז גוט. עס איז ממש ווי געווונטשן פאַר אַ הונגעריקן מאָגן. דער ווינט האָט אָנגעטרייסלט אַזויפיל טיטאָווניק, אַז דו ציסט זיך אויס אויף דער ערד און שלינגסט עס הויפנווייז.

ווי אָנגענעם עס איז אַזאַ נאַכט...

די לבנה שפּאַצירט זיך בנעימותדיק אַרומגערינגלט מיט מיליאָנען גלאַנציקע שטערן און דו ביסט זי מקנא. ווײַל זי איז זי דאָ מיט דיר, געפעלט איר נישט — בליקט זי אַרײַן אין בעסערע ערטער, דו אָבער מוזסט דאָ בלײַבן.

דער אַלטיטשקער אוזבעק אָטשיל לאַכמאַראַדאָוו, שטייט מיט פאַרשאַרצטע הויזן אינעם גרויסן אַריק און באַוואַסערט דעם גאָרטן. ס׳איז אָנהייב פרילינג, די ביימער בליען מיט ווייסן און רויטן צוויט און שמעקן, עס רייצט דער ריח פון בליעכץ מיט זאַפטיקע פערסיקעס, פליישיקן אוריוק און באַטעמטע עפּל און רויט־סאַמעטענע קאַרשן, אַזש די סלינע קומט אין מויל אַרײַן. באַלעקסט זיך שוין באַצײַטנס ביים געדאַנק פון די רײַפע פּירות וואָס וועלן אויסוואַקסן. און דערווײַל קוויק זיך מיט פאַנטאַזיע.

אין אַזאַ נאַכט איז טאַקע גוט און אנגענעם צו פאַנטאַזירן. וואָס קען אַ פאַרוואָגלטע נשמה טאָן? ערגער וואָלט געווען אָן דעם.

* * *

שײַן זענען די נעכט אין סאַמאַרקאַנד, אַ פּראַכט. קענסט ליגן אויס־

[1] אַ בוים וואָס גיט אַזאַ מין פרוכט, ענלעך צו מאַלינעס.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

געצויגן אויפן רוקן און קוקן אין פּרעכטיק־בלויען הימל, זיך לאָזן לאַש־טשען פון מילדן ווינטל, שמעקן און איינזאַפּן אין זיך דעם געשמאַקן אַראָמאַט פון עם פעלדישן אַרום.

דער אַלטיטשקער אָטשיל לאַכמאַראַדאָוו באַגיסט זיין גאָרטן און די טראָפּנס וואַסער זילבערן זיך אינעם שיין פון דער לבנה. און ער זינגט צו אַ פאַרבענקטן מעלאַנכאָלישן ניגון. נאָך וואָס בענקט ער? אַז דאָ איז ער געבוירן און דאָ דערצויגן, דאָ שקלאַפּט ער צוגלייך מיט אַלע און ס'איז אים ווויל. זיין ניגון שניידט זיך אַריין און קלינגט אָפּ מיט אַן עכאָ אין די צעקייטלטע בערג, וואָס שניידן זיך אַריין מיט זייערע שפּיצן אין די וואָלקנס.

די באַראַנעס צופּן די גראָזן, זענען אַריינגעטאָן אין דער אכילה. זיי איז גוט, זיי קאָנען כאָטש עסן גראָז. דאָס מין פעלט איצט נישט דאָ אין באַגראָזטן אַרום, אָבער... הלוואַי וואָלטן עס מענטשן אויך געקענט פאַר־דייען. ווי גוט אַז עס איז פאַראַן ערגעץ דאָרט עמעצער, וואָס באַזאָרגט זיינע באַשאַפענישן. און דעם מענטש? אים איז טרויעריק, קוקט ער אויף די באַראַנעס און איז זיי מקנא...

אָטשילס טאָכטער, כאַסיאַ, איז אַ שיינהייט. אין נויט און צרות, ביי די באַדינגונגען קאָן אויסוואַקסן אַזאַ פּרעכטיקע רויז. זי גייט פאַרפלאָכטן איר קאָפּ האָר אין צענדליקער שוואַרצע צעפּעלעך, וואָס פאַרדעקן אירע שולטערן מיט אַזאַ גראַציע, אסור צי אַ בת־מלכה קאָן זיך צו איר גלייכן.

זי שטייט מיט פאַרחלומטע שוואַרץ־פאַרבענקטע אויגן און שפּיגלט זיך אין פליסנדיקן אַריק. זי זוכט באַשייד אין זיין סודותדיקן געפּליסטער. דערווייל איז איר ווויל, זי קאָן נאָך האַלטן אָפּגעדעקט איר געזיכט און אַז זי וועט חתונה האָבן וועט זי אים מוזן צודעקן מיט אַ פאַראַנטשאַ [2], כדי אַ פרעמדער מאַן זאָל זיך נישט זעטיקן מיט איר שיינקייט.

פון וואָס טראַכט אַזאַ פּרעכטיקייט איז אַזאַ שיינער נאַכט, איינע פון די הונדערטער, פון אַ סך, אין דער שיינער שטאָט סאַמאַרקאַנד?

און פון וואָס טראַכסטו?

---

[2] אַ געדיכטער וואַל וואָס פאַרדעקט די פּנימער פון די פאַרהייראַטע אוזבעטש־קעס, כדי אַ פרעמדער מאַן זאָל נישט זען איר פּנים.

www.libtool.com.cn

איינס איז קלאָר: פאַר דיר און פאַר איר טראַכט מען שוין. מען גייט אין שפּאַן און אַזוי מוז עס זיין.

קענסט זיך בלויז קוויקן מיט דער רחבותדיקייט, קענסט שעפּן לופט מ׳יט פולע הויפּנס און שוין. זי, כאַסיאַ, וועט מאָרגן ביים זון־אויפ־גאַנג אַרויס אויף די קאָלכאָזנע פעלדער און באַאַרבעטן די גערטנער, זייען גרינסן און טראַכטן וועגן בעסערע טעג, וואָס וועלן אפשר אַמאָל קומען. דערווייל פלעכט זי אַלץ שענער אירע צעפּ און לייגט אַריין אין דעם גע־פלעכט אירע מיידלשע טרוימען...

ווי שיין זענען דיינע נעכט, סאַמאַרקאַנד...

* * *

שווימט זיך די לבנה עפּעס אַזוי מאַיעסטעטיש, גראַציעז, קוקט אַראָפּ שעלמיש און אַזוי כיטרע אויף די קאָלכאָזנע פעלדער, אַז מען ווערט ראָ־מאַנטיש. די ראָמאַנטישקייט קריכט אַזש אַריין אין מאָגן און הייבסט אָן צו טראַכטן וועגן אַ פּרייטיק־צונאַכטיקן טיש אין אַ קליין יידיש שטע־טעלע ערגעץ־צווו אין פּוילן און אויפן טיש שטייען אויסגעשטעלט אַלע מ׳עדני־מלכים, געפּילטע פיש, פליייש און חלה און... די זעלבע לבנה קוקט אַריין אין די צעעפנטע פענצטער אויך אַזוי ווי איצט... נאָר דאָ איז זי אַזאַ גרויסע, אַזאַ מאַיעסטעטישע, אַזאַ גראַציעזע, ווונדערבאַר שיין, אַזאַ ווי די פּרעכטיקע נעכט פון סאַמאַרקאַנד.

ווי שיין זענען דיינע נעכט, סאַמאַרקאַנד...

* * *

מיין שכנס אייזל האָט זיך צערעוועט ווי אַ באַנומענער, ער האָט הויך פאַררויסן זיין שפּיציקע מאָרדע צו דער לבנה און זיך אויף איר צעביי־זערט. אים צוהילף האָבן זיך אין כאָר פאַראייניקט די איבעריקע אייזלען פון קאָלכאָז. די הונגעריקע הינט האָבן זיך גרויזאַם און האַרצרייסנדיק צעשריגן און די שאַקאַלן האָבן זיך צעגרילצט אין דער נאַכט...

אַטשיל לאַכמאַראַדאָוו האָט זיך נאָך מעלאַנכאָלישער צעזונגען מיט אַ האַרצרייסיקער מעלאָדיע.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

פישטשען די שרצים אין די גראָזן, און די גרילן אין די בערגיקע היילן, ווײַנט אַלץ אַרום אַזוי טרויעריק און קאַלעמוטנע, און די לבנה שפּאַצירט באַזוימט מיט וואָלקנדיקן זילבערנעם ראַם גלײַכגילטיק און קאָלט. אָט אַזוי ווי דאָס לעבן דאָ.

ווי שיין זענען דײַנע נעכט, סאַמאַרקאַנד.

* * *

אינעם גלאַנציקן קופּאָל פון דײַן מעטשעט באַנעסטעט מיט פלעדער־מײַז און סאָוועס שפּיגלט זיך מאַיעסטעטיש אין דײַן מאָזאַיק די עלע־גאַנטע נאַכט־מלכה — די לבנה, און וואַרפט אַזאַ סודותפולן זילבער־גלאַנץ. און אונטן, אין שטאָט־גאָרטן, ליגן אויסגעצויגן אויפן גראָז פאַר־שידענע היימלאָזע וואַגאַבונדן און שוצלאָזע קינדער, וואָס חלומען האַלב־וואַך וועגן פּראָזאַישע זאַכן. עס קוקן זיך אויס די אויגן די האַלב־הונגע־ריקע, פאַרשמאַכטע קינדער נאָך אַ קרישקע ברויט, נאָך אַ זאַפטיקן פּאָ־מידאָר צו קוויקן זיך דאָס האַרץ.

און די לבנה שפּאַצירט אַזוי קאַלט און רואיק, און קוקט אַרײַן אין באַפּאָרהאַנגטע פענצטער, ווו עס רוען די זאַטע, די בעסערע מענטשן, וואָס האָבן זייער לעבן אָרגאַניזירט לײַטישער און באַקוועמער, בליקט אַרײַן אין אָפענע קיביטקעס מיט צעפּראַלטע טירן און גייט זיך רואיק איר וועג, פונקט ווי די אַלע לײַדן און פּיין וואָלטן זי נישט אָנגעגאַנגען. זי גייט רואיק אַ קאַלטע און אַ באַזילבערטע איר וועג און שווײַגט אַזוי שטום און גרויזאַם, ווי די אַלע וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַר־בעסערן און פאַרשענערן די וועלט...

ווי שיין זענען דײַנע נעכט, סאַמאַרקאַנד...

www.libtool.com.cn

אילוזיעס...

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אויף דער עוואַקואַציע

געוועזענע מענטשן

אָט זע איך זיי, אונדזערע יידישע שרייבער, אַרטיסטן און מאָלער פון וואַרשע, פון לאָדזש און ווילנע און ווילנע אייגנעקנאָדערטע און צעבראָכענע, אויסזיכטלאָזע און פאַרהונגערטע. זיי שלעפּן זיך אָפּגעריסענע מיט פאַר־חושכטע פּנימער איבער די צעליימיקטע וועגן ווינטער־צייט און צעשרפּה־טער ערד אין לאַנגן אויסמאַטערנדיקן זומער פון די קאָלכאָזן אין די שטעט אַריין.

געוועזענע מענטשן. העט, אַמאָל געשפּילט אַ ראָלע אין דער ליטע־ראַטור און פּרעסע, באַשיינט יידישע בינעס מיט זייערע אויפטריטן, גע־גלאַנצט אויף פּרעכטיקע בילדער־אויסשטעלונגען. זייערע נעמען האָט מען געזען אָראָפּשיינען פון צייטונג־שפּאַלטן און אַפישן, פון שער־בלעטער אויף ביכער.

איצט איז דאָס יאָר 1942, אין סאַמאַרקאַנד, — מיטלאַזיאַטישער קלימאַט, געמיש פון פיבער, היץ און מאַלאַריע.

דער זשורנאַליסט ב. ק. איז געווען פּאָפּולער אין יידישן צייטונג־וועזן אין וואַרשע. אַ גוטער פאַרדינער מיט אַן ערנסטער פּאָזיציע, אַנגע־זעענער מיטאַרבעטער פון „היינט“, אַ רעדאַקטאָר פון אַן אָפּטיילונג. ער איז אַנטלאָפן פון וואַרשע אין די ערשטע טעג פון סעפּטעמבער 1939, געלאָזט זיין פרוי און איינציקן זון אין אָקופּירטן פּוילן, געגלויבט זיך צוריקצוקערן אין אַ קורצער צייט אַרום און... איצט: אין פאַרוואָרפענעם סאַמאַרקאַנד, אין אַ נידעריק ליימענער קיביטקע אין עק באַן־קוואַרטאַל, קומט ער אָפּ די שווערע טעג פון אַ באַפרייטן לאַגערניק. די שיקאַרסקי־אַמנעסטיע האָט אים געראַטעוועט. קיין אַרבעט האָט ער נישט. ער איז אָפּגעשוואַכט און צעבראָכן. ער קוקט אויס אויף זיין רייכן שכן דעם גאָלד־שמיד פון וואַרשע. אויס דרך־ארץ פאַר אַ שרייבער, אַ פּרעסע־מענטש,

www.libtool.com.cn

האָט יענער אים אַריינגענומען צו זיך, ער וואַרפט אים צו שיריים פון זיין זאַטן טיש.

פון צייט צו צייט כאַפּט ער זיך אַרויס, דער שרייבער ב. ק., פון זיין קיביטקע; דערשלעפּט זיך אויפן באַזאַר און פאַרקויפט אַראָפּ פון זיך אַ לעצטע שמאַטע, אַ לעצטן זכר וואָס איז אים נאָך פאַרבליבן פון זיין רו־איקער, זאַטער היים.

ער קרעכצט שוין נישט מער. פאַרגעסן אין די אַמאָליקע צייטן. זיי ליגן איצט פאַרנעפּלט ווייט־ווייט אין זכרון. ער וויל בלויז איינס: איבער־לעבן, דערלעבן צוריקצוקומען קיין וואַרשע, אפשר וועט זיך אָפּגעפינען אַ שפּור פון זיין פאַרשוואונדענער היים, פון דער פאַרלוירענער משפחה.

אַ צופרידענער

דעם קינסטלער מ־ג גייט עס נישט שלעכט. ער האָט זיין פּענדזל פאַרקויפט פאַר אַ בולקע מיט פּוטער. אָנשטאָט מאָלן בילדער, שטייט ער אויף אַ לייטער אין דער אַטעליע און מאָלט די נאָז מיט די וואָנצעס פון גרויסן פירער פון די פעלקער. ער דראַפּעט זיך אַרויף מיט אַ שטאַפּל הע־כער אַרויפצומאָלן אַ געדיכטע שוואַרצע ברעם איבער די גרוזינישע שוואַר־צע אויגן. ער איז אַ סטאַכאַנאָוויעץ, באַקומט אַ ליטערנעם פּאַיאָק ווי אַ קינסטלער: פלייש, ווורשט, צוקער, מאַרמעלאַד, פרישע פּוטער. און צומאָל אַ פלעשל וואָדקאָ. אַ טייל פאַרקויפט ער אויפן באַזאַר, מיטן איבעריקן דערנערט ער זיך אַליין מיט זיין פרוי און פיצלעך קינדער. ער איז צו־פרידן און געהערט צו די גליקלעכע... דאָס ווייב ווערט קראַנק אויף פלעק־טיפוס. זי ליגט מיט פערציק גראַד היץ און ער מוז לויפן צו דער אַרבעט מאָלן דעם פריינד פון די פעלקער.

שויבן צו פאַריכטן!

אין סאַמאַרקאַנד, אין דער אַלטער שטאָט, וואָס איז פאַנטאַסטיש שיין און שמוציק מיט אויפגעהיטענעם סטיל פון אָריענט, טרעפט מען אים, דעם יידישן אַקטיאָר פון וואַרשע, שטיין מיט זיין גלאָזקאַסטן אין

www.libtool.com.cn

געלן ליימיקן געסל וואָס פירט צום באַזאַר. ער איז דאָ געוואָרן אַ גלעזער. ס׳איז אַ גוטע פרנסה. די פענצטער־שויבן האַלטן זיך דאָ נישט לאַנג, נישט חלילה ווייל ס׳דערגרייכן אַהער די באָמבאַרדירונגען, זיי זענען אַזוי שוואַך פאַרקיטעוועט, אַז נאָך איידער מע זעצט זיי אַריין, פאַלן זיי אַרויס. און קיינער וויל דאָ נישט זיצן ביי אָפענע פענצטער, מ׳איז נישט זיכער מיטן מינדסטן מויל־קלאַנג. איז ממש די לעצטע פאָר רובל גיט מען אַוועק אויף אַריינצושטעלן אַ שויב. און ער, דער געוועזענער באַרימטער אַקטיאָר, וואָס האָט „געשפּילט אַ ראָל" אויף דער יידישער בינע, געוועזן אַ זייל פון יידישן טעאַטער, שוין געהאַט אויסגעוועזן אַ וועלט, האָט דאָ כמעט ווי פאַרגעסן אין זיין טעאַטראַלער פאַרגאַנגענהייט. וואָס לאָמע טיען? פרנסה איז דאָ? וועגן מאָרגנדיקן טאָג דאַרף דאָ קיינער נישט טראַכטן, גייט ער מיטן קלאָזקאַסטן איבער די טיפע ליימיקע אַלטשטאָטישע געסלעך און שרייט:

— שויבן צו פאַריכטן, — שויבן!!!

אַ טרעמפּ

דער באַקאַנטער ווילנער זשורנאַליסט ע. ה. איז שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן. מ׳טרעפט אים שטענדיק אַן איינגעהויקערטן, אַן אָפּגעריסענעם און באַוואַקסענעם. דאָס קויטיקע העמד צעכראַסטעט, מע זעט אַרויס זיין געל־וואַקסן איינגעדאַרט לייב. ער גייט קוים אויף די פיס. זיינע קורצזיכטיקע אויגן זוכן אויף דער ערד אַ צעפוילטן פּאָמידאָר, אַן אַוועקגעוואָרפן הערצל פון אַן עפּל, ער עסט עס אויף גיריק, געשווינד, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, מ׳זאָל אים די מציאה נישט אַרויסכאַפּן פון דער האַנט. ער שלאָפט אויף אַ באַנק אין פאַרק, אין די קוסטעס פון אַ סעדל הינטערן שטאָט.

ס׳איז אים שווער געווען זיך צופּאַסן צו די האַרטע שווערע באַדינגונגען פון אַ לאַגער־מענטש, אַ בעזשעניעץ, אַ בראָדיאַגע. אַ שוואַכער פון דער נאַטור, אַ נישט פאַרהאַרטעוועטער האָט ער לסוף שלום־געמאַכט מיטן געדאַנק: ער לעבט ווי אַ טרעמפּ...

www.libtool.com.cn

אַ הענדלער

אויפֿן סאַמאַרקאַנדער אַלטשטאָטישן באַזאַר זעט מען אים שטיין דעם יונגן אַקטיאָר א. ר. פֿון וואַרשעווער טעאַטער, מיט אַ פּאַק העמדער און שאַליקעס אויף דער האַנט. דאָס היטל ווילינגעריש פּאַרוקט אויף אַ זייט, מיט אַ פּאָר גאַליפֿע־הויזן, לייגט ער פּאָר זיין סחורה.

ער טויג זיך אויס צום דאָזיקן לעבן דאָ. ער ווייסט שוין ווי אַזוי אָפּצובלאָטירן אַ מיליציאָנער, ווי אַזוי אָפּצווזעצן זיין סחורה און אויפֿן טאָג לעבן פּאַרדינט ער. ער איז אויסגעזאָרגט.

פּאַרלוירן אַלע שפּורן פֿון דער היים, פֿון די אייגענע. ווער קען וויסן זייער גורל? זיין אייגענער גורל איז נישט אינגאַנצן פֿויגלדיק:

— קויף, גראַזשדאַנין, אַ גוטן שאַליק פֿון „פּאָלשע", ביליק, ביליק!...

אַ סאָוויעטישער פּאָעט

מיט גיריקע אויגן, אַרויסגעסטאַרטשעטע פֿון שטענדיקן הונגער, לויפֿט ער אַרום איבערן באַזאַר ווי אַ פּאַרסמטע מויז, דער סאָוויעטישער דיכטער מענדל ל. ער קוקט זיך אַרום, כאַפּט אַ בליק אין דעם פּעסל, אין יענעם. דער אומרואיקער בליק גיט אַ פּאַרבלאָנדזשע צום פּאַרפּאַ־רעטן פּאַרקויפֿער, וואָס דינגט זיך מיט די קונים, און באַלד גיט דער דיכטער אַ שטעק אַריין אַ לאַנגע גרויסע האַנט אין פּעסל זויערע אוגער־קעס. שטופּט גיך אַריין די אוגערקע אין מויל, גייט און שלינגט עס איין שטיקערווייז און פּילט נישט און זעט נישט ווי דער קאָלכאָזניק שלאָגט אים מיטן שטעקן איבער דער פּלייצע, מויל און הענט. ער לויפֿט און קייט און שלינגט און שמייכלט שעלמיש דעם קאָלכאָזניק אין די אויגן אַריין:

— וואָס העלפֿט דיר דיין שלאָגן, נאַר איינער, אַנו, לאָמיר זען, קריג עס צוריק אַרויס פֿון מיין מאָגן?

אַ נאַכטוועכטער

געווען אַמאָל אַ באַוווסטער יידיש־סאָוויעטישער שרייבער אורי פֿינ־קעל, אַ ייִד פֿון אַריבער די פֿופֿציק. ער האָט אָנגעשריבן אַ מאָנאָגראַפֿיע

www.libtool.com.cn

— די אײנציקע — װעגן זײדן מענדעלע, אַ צװײטע װעגן שלום עליכמען. געהאַט זיבן קינדער — מײדלעך אײנס און אײנס. די קינדער זענען אים פֿאַרשװוּנדן געװאָרן, װען ער איז געלאָפֿן פֿון די אָנגרײפֿנדיקע דײַטשע חיילות אין דער מהומה בעת דער עװאַקואַציע פֿון װײַסרוסלאַנד, און גע־בליבן איז ער בײַם װײַב מיט צװײ קינדער, די ייִנגסטע.

ער היט שױן מער נישט זײַנע כתבים. ער היט אַ פֿאַבריק. געװאָרן אַ נאַכטװעכטער איבער מלוכהש פֿאַרמעגן. בײַטאָג לױפֿט ער אין אַטשע־רעד נאָך ברױט, נאָך 300 גראַם צוקער אױפֿן װאָכנקאַרטל, סתּם אין אַן אַטשערעד, אפֿשר װעט מען „אַרױסװאַרפֿן" הענטשקעס, װאָלענע שקאַר־פּעטן אױפֿן מלוכה־פּרײַז, און בײַנאַכט זיצט ער אין דער בודקע מיטן אױטאָמאַטישן זײגער, װאָס קאָנטראָלירט זײַן װאַכזאַמקײט, ער זאָל נישט כאַפּן קײן דרעמל. ער גײט מיט אַ סענקעװאַטן שטעקן — זײַן אײנציק געװער אין די שטאָקפֿינצטערע רעגנדיקע נעכט. ער היט דאָס פֿאָלקס־אײגנטום פֿון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה מיט אַ פּוסטן מאָגן...

נאָטע מאַנגער

נאָטע מאַנגער, דער ברודער פֿון באַרימטן דיכטער איציק מאַנגער, האָט זיך אַ לאַנגע צײַט נישט געקענט צופּאַסן, אַרײַנפּאַסן. ער האָט ערנסט און ערלעך געאַרבעט און װאָס מער ער האָט געאַרבעט, אַלץ װײי־ניקער האָט ער פֿאַרדינט אױף ברױט.

די הײמישע בגדים האָבן זיך צעדריװעלט, די שיך זענען צעריסן גע־װאָרן און אַ כראָנישער הונגער איז געװען זײַן שטענדיקער באַגלײטער. ער איז געװאָרן אײַנגעדאַרט און אײַנגעקװאַרט. ערגעצװוּ אױף אַ בױדעם־שטיבל האָט ער אױסגעהױכט זײַן נשמה.

געװען אַמאָל אַ מענטש אַ שטילער, אַ פּליט פֿון רומעניע פֿאַרװאָרפֿן אין װײַטן מיטלאַזיע און נישטאָ. ערגעצװוּ אין אַן אײנזאַמען קבר אױפֿן בוכאַרישן בית־עלמין פֿון דער סאַמאַרקאַנדער אַלטשטאָט פֿױלן די רעשטן פֿון אַ האַרציק־ייִדישן מענטש, װאָס האָט זיך געראַנגלט מיט אַלע כּוחות איבערצולעבן... געחלומט צוריקצוקומען, זיך טרעפֿן אַמאָל מיט זײַן ברו־דער, דעם באַרימטן דיכטער, און אים דערצײלן אין נחת די טרױעריקע

www.libtool.com.cn

איבערלעבונגען אין שיינעם זוניקן סאַמאַרקאַנד... און נישט באַוויזן. ער איז געפאַנגען געוואָרן פון דער ווילדער מיטלאַזיאַטישער שיינקייט אויף אייביק, אויף מער זיך נישט צו באַפרייען פון איר.

אַז גאָט וויל...

אַ קליינטשיקער, אַ דאַרער ווי אַ נזיר — הויט און ביין, מיט אַ קאָזע־בערדל, צעכראַסטעט דעם שפּענצער מיט באָמבלענדיקע ציצית. ער גייט נישט, נאָר לויפט, גיך־גיך. ווו איילט ער, דער עסייאיסט און דיכטער מ. אָ.? ער איז געווען אַ צאַרטער, אַ פריידענקער, אַ דענקענדיקער מענטש, אַ סימפּאַטיקער פון דער רעוואָלוציאָנערער שרייבער־גרופּע אין פּוילן. דאָ איז ער איבערגעדרייט געוואָרן, נישט דער זעלבער, געוואָרן אַ פרומער, נישט אַרויסגעלאָזט גאָטס נאָמען און אם־ירצה־השם פון מויל... גאָט וועט שוין העלפן... השם יתברך וועט זיך מרחם זיין... געלויבט זיין לי־בער נאָמען.

ער גייט אַרום איבער די הייזער ווו עס זענען פאַראַן יונגע בחורימ־לעך און לערנט מיט זיי עברי, זיי רופן אים רבי, די תלמידים. ער לעבט פון מלמדות און איז זיך מפרנס מיט שווערער מי.

— איר האָט געגעסן, חבר אָ.?

— אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען, אַז גאָט וויל לעבט מען.

מיט זיין באָרד האָט מען אים אין ערגעץ נישט געוואָלט אַריינלאָזן. אָפּשערן זי האָט ער נישט געוואָלט. דער דיכטער משה קנאַפּהייס, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין סאַמאַרקאַנד, האָט אים אין אַ פינצטערן אָוונט פול מיט קלעפּיקן נעפּל אַוועקגעשלעפּט אין אַ פאַבריקמאַכערסקע. קיינער האָט זיך נישט געוואָלט צורירן צו זיין באָרד, אויס מורא זיך נישט אָנצו־שטעקן מיט פלעקטיפוס וואָס האָט געפאַנעוועט אין שטאָט. ענדלעך האָט זיך אויף אַזאַ הינטערגאַס אָפּגעפונען איינער אַן אַמאַטער. דער אוזבעק, דער פריזירער, האָט אים מקצר געווען די גרויסע קאַלטענעוואַ־טע באָרד, געמאַכט פון איר אַ בערדל, אַ קליין שיטער קאָזע־בערדל. און נאָך דער רעפּאַטריאַציע האָט מ. אָ. אהיימגעפירט אַ גרויסע שיינע ברייטצעוואקסענע געדיכטע באָרד... אַז גאָט וויל...

www.libtool.com.cn

אַנדערע צייטן

יידישע שרייבער, אַקטיאָרן, מוזיקער זענען מיט אַלע אַנדערע פאַרכאַפּט געוואָרן פון מלחמה־שטורעם. זיי האָבן צוזאַמען מיט דער מאַסע ליידנדיקע, פאַרהונגערטע און גערודפטע געוואָגלט איבער אַלע וועגן און שטעגן, געטיילט דעם שווערן גורל פון נאָכאַנאַנדיקן הונגער און געפונען אַ טרייסט אין דער מוזע.

יאָ, די מוזע, אַ טייערע זאַך איז עס געווען אין יענע יאָרן. מע האָט פאַרגעסן אינעם נאָגעניש און מאָנעניש פון מאָגן, דאַן ווען מ׳איז געווען פאַרטראָגן אין די הויכקייטן פון די הימלען, זיך געקוויקט מיטן געבלי פון ביימער און אויסבליק פון פרעכטיקע פייזאַזשן. ביים אָנבליק פון אַ שטיקל ברויט, וואָס אַ גליקלעכער האָט אַזוי זשעדנע געלייגט אין מויל אַריין, צי פון אַ צעפוילטן פּאָמידאָר האָט אַ צופּ געטאָן ביים האַרץ און די מוזע איז במחילה אָפּגעטרעטן אויפן אַנדערן פּלאַן.

פונקט ווי צווישן אַלע נאָרמאַלע מענטשן האָבן זיך אויך צווישן אחינו שרייבער און קינסטלער געפונען פּראַקטישע און ענערגישע מענטשן וואָס האָבן באַשלאָסן צו ווערן מיט לייטן גלייך.

* * *

כמעט אין שווערסטן מאָמענט פונעם פּליטים־לעבן, ווען די פיס האָבן זיך שוין אָפּגעזאָגט צו גיין, דער מוח איז געוואָרן אָפּגעטעמפּט, דער מאָגן שוואַך, אַז דער „קרוואַווער פּאַנאָס“ (בלוטיקע דיזענטעריע) האָט אָפּגעשוואַכט ביז צום סוף און די מאַלאַריע האָט פאַרכאַפּט דעם גאַנצן גוף, אים צעהיצט און צעשוידערט, געוואָרפן פון קעלט אין היץ און פון היץ אין קעלט, אָט דעמאָלט האָט זיך געגרינדעט דער ז. פּ. פּ. (פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן). די יידישע פּליטים פון פּוילן האָבן אין דעם דערזען אַ ישועה. קודם־כל האָבן זיך געגרינדעט פּוילישע פּלאַצוווקעס. מע האָט אָנגעהויבן געבן פּראָדוקטן און זאַכן וואָס זענען אָנגעקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן. מע האָט געעפנט גאָרקיכן, ווו מען האָט באַקו־

www.libtool.com.cn

מען אַ געשמאַקע זופּ און אַמאָל טאַקע אויך אַ פּאָרציע קאָנסערוון־פלייש. אויפן געמיט איז געוואָרן אַביסל פרייל֞עכער.

די פאַרשמענדריקטע יידעלעך פון פוילן, אַסימילירטע אינזשיניער־לעך און נישט־פאַרענדיקטע דאָקטוירימלעך, האָבן זיך געשטעלט בראש פון די פלאַצוווקעס. זיי האָבן טאַקע געמאַכט געלט, געלעבט אַ גוטן טאָג, אָבער אויך געהאַט דעם קאָפּ אויף די פּלייצעס און פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף די שרייבער און קינסטלער נישט פאַרזען און עפּעס צוגעוואָרפן פאַר זיי. אַט אַזוי למען ידעו, זאָלן זיי אויך וויסן פון אַ לעבן.

שרייבער האָבן אָנגעהויבן באַקומען פּאַיאָקן מיט עסנוואַרג. די רע־גירונג האָט אויף דער רעקאָמענדאַציע פון ז. פּ. פּ. צוגעטיילט די שרייבער אַ „ליטערנעם פּאַיאָק" פון דער ערשטער קאַטעגאָריע — אַט אַזעלכן ווי עס באַקומען העכערע פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן און באַאַמטע פון נ. ק. וו. ד.

אין אָנבליק פון דער עסנוואַרג־פּאַנאָראַמע, פון די גוטע וורשטלעך, פּוטער, מאַרמעלאַד און פּריאַניקעס־קיכעלעך מחוץ קאַשעס און ווערמישעל — האָט זיך די מוזע צעשפּילט אויף אַלע כלים, מ'איז געוואָרן שעפעריש און געשריבן אויף דער גאַנצער פּאַרע.

* * *

שרייבער און אַקטיאָרן האָבן געשאַפן אַ געזעלשאַפט פון „ראַבאַט־ניקאָוו קולטורי אי איסקוסטוואַ" (פּאַראיין פון אַרבעטער פון קולטור און קונסט). מ'האָט אָפּגעדרוקט לעגיטימאַציעס, געשאַפן אַ ווערפיקאַציע־קאָמיסיע, וואָס זאָל אונטערזוכן די קוואַליפיקאַציעס פון די שרייבער און אַקטיאָרן צי זיי זענען ראוי אָנגענומען צו ווערן אין דער דאָזיקער גע־זעלשאַפט און ס'איז אַוועק אַן אַרבעט.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ טעאַטער־טרופּע און מ'האָט טאַקע גע־שפּילט טעאַטער. יידן זענען געקומען און הנאה געהאַט. מ'האָט אייב־געאָרדנט שעפערישע אָוונטן. די אַקטיאָרן האָבן רעציטירט די נייעסטע שאַפונגען פון די שרייבער. די מוזיקער האָבן געשאַפן דערצו מוזיק. מיט איין וואָרט ס'איז אַריינגעטרעטן אַן אמתע אויפלעבונג.

און וווּנדער איבער ווונדער. מ'האָט זיך איינגעשפּילט, איינגעאָר־

www.libtool.com.cn

בעט און זיך איינגעלעבט צווישן זיך, גאָרנישט ווי דער אַנגענומענער און איינגעוואָרצלטער שטייגער ביי שרייבער און אַקטיאָרן. אַלע פּאַר איינעם און איינער פּאַר אַלע. ממש אַן אידיליע, אַ באחרית הימימדיקע סימפּאָניע. איינער האָט פאַרגונען דעם צווייטן, מ׳האָט זיך ממש געקושט אין די פּיסקעלעך, און פאַרוואָס טאַקע נישט? אַלע האָבן באַקומען גלייכע פּאַיאָקן און גלייכן כבוד. איינער נישט העכער פון צווייטן. נישטאָ קיין גדול, קיין ספּעציעל־אָנערקענטער, קיין פּרעמירטער, אַלע אויף איין און די זעלבע באַדינגונגען, אויף די זעלבע צרות, פאַרבראָקט מיט אַ ליטער־נעם פּאַיאָק צו פאַרשטאָפּן דאָס מויל.

* * *

דער פירער פון פּוילישן פּונקט איז געווען אַ לעמבערגער ייד, אַ געוועזענער קאָמוניסט נאָך פון פּוילן, וואָס האָט זיך אויסגעטשוכעט און זיך גלייכגעשאַלט מיט אַלע אומצופרידענע דאָ. אַז ער האָט דערשמעקט, אַז מען קאָן ביי דער איצטיקער קאָניונקטור אָפּלעקן אַביינדל, איז ער אַריינגעקראָכן צוריק אין זיין אַלטער פעל. ער האָט געוועלטיקט ביד חזקה. אין דער אַרבעט האָט אים צוגעהאָלפן זיין ווייבל זאָשע, אַ יידענע מיט אַ פעסטער האַנט וואָס האָט געטראָגן די הויזן. זיי ביידע (דער עיקר זי) זענען געוואָרן די צענזאָרן און דעה־זאָגער איבער אַלץ און אַלעם.

זיי האָבן איבערגעקוקט אַלע פּראָגראַמען פון די אָוונטן, געלייענט אַלעמענס כתב־ידן, געפּסקנט וואָס איז ראוי און וואָס נישט, וואָס איז כשר און וואָס טריף, וואָס איז אין איינקלאַנג מיט דער ליניע און וואָס נישט.

דער עולם האָט זיך צוגעפּאַסט. אַ ברירה האָט מען דען געהאַט? זיי זענען דאָך פאָרט געווען באַלעבאַטים אויפן מאָגן. טויג נישט די קאָפּ־אַרבעט, ס׳געפעלט זיי נישט — באַקומט נישט דער מאָגן דאָס זייניקע און מ׳האָט זיך געמוזט צופּאַסן, זיך רעכענען מיט דער געהויבענער מיי־נונג פון דער פּאַני זאָשע.

איז זאָשע אַהער און זאָשע אַהין, זאָשע דאָ און זאָשע דאָרט. ווער ס׳האָט געהאַט די טבע פון אַ חונף, האָט זי געלעקט, געחנפעט פון אַלע

www.libtool.com.cn

זייטן און ווער עס האָט נישט געטויגט צום דאָזיקן פאַך, איז אים טאַקע געווען ביטער.

דער געוועזענער קאָמוניסט פאַן גלאַט, האָט פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף אַביסל זיין וויכער צו די שרייבער. אָט שטייט מען ערב דער רע־פּאַטריאַציע. מע וועט פאָרן אין גיכן אַהיים און דאָרט איז בעסער צו האָבן אַ גוטע מיינונג פון די דאָזיקע חברה שרייבער. איז ער טאַקע גע־ווען צו זיי וויכער און צוגעלאָזענער.

* * *

די פאַרוואַלטונג פון די „ראַבאָטניקאָוו קולטורי אי איסקוסטוואַ" האָט באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ שעפערישן אָוונט מיטן גאַנצן פאַרנעם און קנאַק. זאָלן יידן קומען, הערן און הנאה האָבן, פאַרוואָס נישט. די דיכטער האָבן אויסגעלאָדן זייער גאַנצע מוזע, בעלעטריסטן זייער טאַ־לאַנט, די קאָמפּאָזיטאָרן האָבן געשאַפן מוזיק, די אַקטיאָרן האָבן אויס־געלערנט די רעציטאַציעס און געזאַנג־נומערן, די מוזיקער האָבן איינגע־אַרבעט מיטן אָרקעסטער. עס איז געווען ליהודים.

זי די פּאַני זאָשע, איז פאַרשמייעט מער ווי אַלע. זי קומט צו די פּראָבן, רעאַגירט אויף יעדן אויסדרוק, וואַרפט אַרויס זאַצן וואָס געפעלן איר נישט, געוועלטיקט ביד רמה. אַ יידענע, אַן אמתער קאָזאַק, מיט שווונג.

די חברה שרייבער און אַקטיאָרן איז אָבער אַזאַ מין פאָלק, וואָס אַבי מ'עז איז שוין מער ווייניקער זאַט און לייטישער אָנגעטאָן, קומט די שטי־מונג, מען פאַרגינט זיך שוין אַ שמייכל צו טאָן, מאַכן אַ הלצהלע, נעמען יענעם אויפן צימבל און אַריינשטעכן אַ שפּילקעלע, וואָסי? מע קאָן זיך שוין דערלויבן. עס איז שוין ערב יציאת אוזבעקיסטאַן, מע וועט שוין באַלד פּטור פון פּרעהן, פון גלאַטן און פון דער פּאַני זאָשע.

— פּאַני זאָשע — רופט זיך אָן דער דיכטער ב. — אפשר זאָל איך אייך ווידמען דאָס לידל?

די פּאַני זאָשע טוט אַ זיס שמייכעלע. עס געפעלט איר דער איינ־פאַל. זי איז גערן מסכים.

www.libtool.com.cn

דער דיכטער לייענט איר פאָר בקול־רם זיין געדיכט פון וואָס זי איז זייער צופרידן, ממש גליקלעך. זי לאַכט, לאַכט די חברה מיט און ס׳איז פריילעך אויפן האַרצן.

* * *

אַ גרויסער עולם האָט פאַרפולט דעם זאַל פון אוזבעקישן שטאַטישן טעאַטער. אַלע יום־טובדיק פאַרפוצט. עפּעס אַ קלייניקייט, אַזאַ דערגריי־כונג, נאָך גאַנצע זעקס יאָר...

דער חבר גלאַט און די פּאַני גלאַטאָווע זיצן אין דער ערשטער ריי ברחבותדיק, פילן די בליקן פון גאַנצן עולם, וואָס לאַשטשען און גלעטן זייערע פּלייצעס און קוקן גלייך צו דער בינע, ווו ס׳שטייט דער יונגער אַקטיאָר און רעציטירט די שאַפונג פון דיכטער ב.:

„און אָט גייט זי, די פּאַני,
מיט דער גרויסקייט־מאַניע,
אַ יידענע אַ קאָזאַקל, אַ כוואַט,
די פרוי פון פּאַן גלאַט“...

קוקט זי זיך איבער מיטן פּאַן גלאַט, די פּאַני זאָשע, ווערט צונ־טער רויט, גיט זיך אַ ריס פון אָרט און הייבט אָן צו שרייען ווי אַ באַ־נומענע:

— ווער האָט דאָס דערלויבט? ווי וואַגט איר!

דער אַקטיאָר וויל ווייטער רעציטירן, אָבער זי שרייט אים איבער מיט איר שאַרפער שטים. עס ווערט אַ טומל אין זאַל. די פּאַני גלאַטאָווע האָט אויסגעפירט — אַ יידענע אַ כוואַט — דער אַקטיאָר איז פאַרשטומט געוואָרן. ער איז אַראָפּ פון דער סצענע אין סאַמע מיט.

די פּאַני גלאַטאָווע איז אַריינגעפאַלן הינטער די קוליסן און אָנגע־הויבן אַלץ קאָנטראָלירן. און דער אָוונט איז אַוועק ביז צום סוף נאָרמאַל.

אויף צומאָרגנס איז דער דיכטער ב. געזעסן אין דער קאַנצעלאַריע פון דער ז. פּ. פּ.[1] און אויסגעהערט די מוסר־רייד פון דער פּאַני זאָשע:

---

[1] ראשי־תיבות פון זוויאַנזעק פּאַטריאָטוו פּאָלסקיך (פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַ־טריאָטן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער פּראָגרעסיווער פּוילישער שרייבערן, וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ).

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

— ווי שעמט איר זיך נישט אונדז אָפּצודאַנקען פֿאַר אַלע גוטס־קייטן וואָס מיר האָבן געטאָן פֿאַר אייך, אַזוי געצערטלט און געזאָרגט פֿאַר אייך.

דער דיכטער ב. איז געזעסן רואיק און געשוויגן און די פּאַני זאָשע האָט געצאָרנט מיט גיפֿט.

— שוין נישט לאַנג, פּאַני זאָשע — האָט דער דיכטער ב. שוין באַקומען לשון — שוין נישט לאַנג. מיר וועלן זיך באַלד געזעגענען און אונדזערע וועגן וועלן זיך צעטיילן, נישט איר וועט מיך אָנזען און נישט איך אייך. עס לוינט נישט צו מאַכן קיין סקאַנדאַלן.

די פּאַני זאָשע איז רויט געוואָרן פֿאַר כּעס. רויטע פּאַסן בלוט האָבן פֿאַרצויגן איר געשטופּלט פּנים. זי האָט אַראָפּגעשלונגען דעם ביטערן אמת און זיך געשטיקט מיט אים ווי מיט אַ ביין.

— ס׳לוינט זיך נישט צו דענערווירן, פּאַני זאָשע — האָט דער דיכטער זיך אָנגערופֿן — מע מעג אַ שפּאַס טאָן אַמאָל אויך. צו וואָס זיך איצט איינרייסן האַרט פֿאַרן אַוועקפֿאָרן אין דער אָיטשיזני[2] אַריין.

די פּאַני זאָשע האָט פֿאַרביסן די ליפּן און געשוויגן.

זי האָט ענדלעך פֿאַרשטאַנען, אַז זי האָט אירס אויסגעשפּילט. אַז עס לוינט טאַקע נישט היינט צו מאַכן קיין רייד מיט דער דאָזיקער חבֿרה, וואָס קאָן זי נאָך שפּעטער באַשרייבן אין די גאַזעטן.

אַנדערע צייטן — אַנדערע שטימונגען.

---

[2] פֿאָטערלאַנד.

www.libtool.com.cn

אַ שרייבער-פּליט

אויף דער גאַס מאַכאַטשקאַלאַ אין אַלטשטאָט פון סאַמאַרקאַנד האָט אין אַ ליימיקער אָפּגעלאָזענער קיביטקע געבידעוועט זיינע אויסגעמאַטערטע אַלטע יאָרן דער יידישער שרייבער פון וואַרשע, בערל וויינגאָרטן, אין איינזאַמקייט, הונגער און נאָגנדיקער בענקשאַפט צו זיינע היימישע, וואָס ער האָט געלאָזן אין זיין אַלטער היים, אין וואַרשע.

די אַלטשטאָט פונעם פּרעכטיקן מיטלאַזיאַטישן סאַמאַרקאַנד, מיט די פאַרצווייגטע, פאַרבלאָטיקטע געסלעך און זאַאולקעס, מיטן אייביקן געשטאַנק פון דער צעפּליעסקעטער ליימיקער ערד, וואָס האָט זיך זעלטן אויסגעטריקנט אַפילו אונטער די גליענדיקע שטראַלן פון דער בריענדיקער זון, האָט גיכער דערמאָנט אין אַ שטייענדיקן זומפּ. דאָך האָבן דאָ געוווינט מענטשן, געהאָפט, געבענקט, געאַרבעט, געשלעפּט דעם שווערן עול פון פּרנסה און געוואַרט אויף בעסערע צייטן, וואָס נישט אַלע האָבן געגלייבט אַז זיי וועלן אַמאָל נאָך קומען.

בערל וויינגאָרטן, דער יידישער שרייבער פון וואַרשע, האָט שוין באַוויזן אין משך פון די עטלעכע יאָר, וואָס ער געפינט זיך דאָ אין דער שטאָט, זיך צוצוגעוווינען צום האַרטן אכזריותדיקן לעבן. ער איז גרוי געוואָרן פאַר דער צייט, איינגעהויקערט, דאָס פּנים זיינס ווי ביי אַן אַסקעט, מע זעט אָן ממש יעדער אָדערל פון זיין בלייך פּנים. די הענט ציטערן אים שוין און קוים וואָס ער שלעפּט די פיס.

ער זיצט נאָך, דאַן ווען ער איז פריי פון זיין אַרבעט, איינגעבויגן איבער צעקנייטשטע בלעטלעך פּאַפּיר, וואָס ער האָט זיך מיט גרויס מי איינגעשאַפט און רעדט אַריין זיין פאַרבענקט און אויסגעמאַטערט האַרץ אין קליינע ציקלדיקע אותיות, וואָס ער וויל לאָזן לדורות. אפשר וועט ער איבערלעבן און קענען דערציילן דער וועלט זיין עוולה וואָס איז אים געשען. אפשר וועט ער איינער דערלעבן...

אָבער בכדי צו קענען לעבן, דערלעבן און איבערהאַלטן דאַרף מען

www.libtool.com.cn

אַרבעטן. און די אַרבעט דאָ איז אַ שווערע, נישט פאַר זיין אויסגעמאַטערטן גוף. האָט ער אָנגענומען אַ פּאָסטן פון אַ נאַכט־וועכטער אויף איינעם פון די היגע זאַוואָדן און ער האָט יעדע נאַכט מיט זיין סענקעוואַטן שטעקן, אויף וועלכן ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט בייטאָג אין גיין, געהיט דאָס פאָלקס־פאַרמעגן פון דער מלוכהשער שיך־פאַבריק, געהיט דער עיקר פון אייגענע גנבים, וואָס ווילן שעדיקן און גנבענען.

זיין לעבן, דאָס בידנע לעבן פון בערל וויינגאָרטן, איז אויך נישט געווען קיין זיכערס. ער האָט אין די שפּעטע פינצטערע און קאַלעמוטנע נעכט, געמוזט אָנשטרענגען זיינע האַלב־בלינדע אויגן און גוט אַכטונג געבן, טאָמער שמוגלט זיך דורך אַ גנב. אַז ער וועט אים נישט כאַפּן, ריזיקירט ער מיט זיין אייגן לעבן. ער מוז אָפּהיטן זיין פּאָסטן, וואָס שטייט שטענדיק אין סכנה, צוליב זיין פּאַרזון קאָן ער צו יעדער צייט אַריינפאַלן אויף די עלטערע יאָרן אין אַ נייער שווערער תפיסה.

* * *

אויפן זעלבן שיך־זאַוואָד האָט געאַרבעט ווי אַ טאָג־וועכטער אַן אוזבעק, וואָס פלעגט פאַרטרעטן בערל וויינגאָרטן אין די טעג. אינדערפרי האָבן זיך ביידע פאַבריק־וועכטער געטראָפן, איינער ביים אַוועקגיין און דער צווייטער ביים אָנקומען.

— סאַלאַם אַלייקום! אַקאַ[1] בערקאַ — האָט דער אוזבעק מאַכמודאָוו זיך העפלעך פאַרנייגט פאַר וויינגאַרטענען.

— אַלייקעם סאַלאַם, באַבאַי[2].

— ווי גייט דיר, בערקאַ, ווי האָט זיך דיר געאַרבעט די נאַכט, נישט געקומען קיין „שפּאַנאַ“ דיך באַאומרואיקן?

— געלויבט צו גאָט, טאָוואַרישטש מאַכמודאָוו, געווען אַ שטילע נאַכט. די נעכטיקע נאַכט איז מיר אַריין אין די ביינער. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך זיך נישט געקאָנט באַרואיקן. אַ גאַנצע כאַפּטע גנבימלעך האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום דער פאַבריק ווי זלידנע פליגן, זיך געוואַלט

1 ברודער.
2 אַלטער.

www.libtool.com.cn

אַריינרייסן... נעבעך הונגעריקע, עס ווילט זיך זיי עסן, קוקן זיי נישט אויף קיין זאַך. דער הונגער, באַבאַי, קאָן אַ מענטש אין גיהנום פאַר־שלעפּן. נישט גוט, נישט גוט, באַבאַי, ווען ווערט זיך עס ענדיקן די נאַ־רישע שפּיל, דער קאַמף פון מענטש מיט זיין הונגעריקן מאָגן.

— יאַמאַן, יאַמאַן אַקאַ [3], — האָט מאַכמודאַוו אָפּגעזיפצט — שווע־רע צייטן געקומען. אונדזערס אַ מענטש גייט עס מיט דער פוטער אַראָפּ און זיי, די דירעקטאָרן מיט די נאַטשאַלניקעס, גייט עס דורך טיר און טויער. זיי האָבן נישט קיין מורא פאַרן פאָלק, לאָזן אים סדיכאַיען [4] און זיי לעבן אַ גוטן טאָג און האָבן נישט קיין מורא נישט פאַר פּאָליציי און אפילו נישט פאַר אַללאַ.

דער אַלטיטשקער מאַכמודאַוו איז צוגעלאָפן צו דער טשאַיכאַנאַ אַנטקעגנאיבער און געבראַכט אַ טשייניקל גרינעם טיי מיט אַ פּיאַלע, זיך אַוועקגעזעצט מיט די פיס פאַרלייגט הינטער זיך אויפן ליימיקן דיל פון דער פּראַכאָדנאַי [5] פון דער פאַבריק, אָנגעגאָסן בנעימותדיק אַ פּיאַלע טיי, אויפן מזרחדיקן שטייגער זיך פאַרנויגט צולייגנדיק די האַנט צום האַרצן און דערלאַנגט ווייגאַרטענען.

— נאַ, טרינק, אַקאַ, אויפן פולן פרימאָרגן, ביי אַ ליידיקן מאָגן איז טיי אַ גוט מיטל. אי עס פאַרטרייבט דעם הונגער און אי עס וואַשט אַראָפּ די ביטערקייט פון דער נשמה.

— עך, מאַכמודאַוו, דאַראָגאַי, וואָלט איך איצט זיך אָנגעזשלאָקעט מיט אַביסל וואָדקאַ — האָט ווייגאַרטן אָפּגעזיפצט ווי פון אַ הוילן פאַס אַרויס, — עס איז אָנגעזאָליעט אויף דער נשמה, אַז מען וואָלט די צרות געדאַרפט אָפּטובלען אין ביטערן טראָפּן, אפשר וועט עס העלפן צום פאַר־געסן.

ווייגאַרטן האָט אַ זופּ געטאָן פון דער פּיאַלע, זיך פאַרקרימט פון ביטערניש און אַ וואָלקן פון צער האָט זיך אויסגעלייגט אויף זיין דאַר אַסקעטיש פנים.

---

[3] שלעכט ברודער.
[4] פּגרן.
[5] אריינגאַנג־טיר.

www.libtool.com.cn

מאַכמודאָוו האָט זיך פאַרטראַכט.

— מע טאָר נישט אַזוי, אַקאַ בערקאָ, מען דאַרף זיך האַלטן, דער עיקר איז איבערהאַלטן, נישט אַלץ וועט אייביק דויערן. עס מוז זיך בייטן און עס וועט זיך בייטן. אָט אַזוי ווי עס גייט ביז היינט קאָן עס נישט גיין ווייטער.

ער האָט איבערגענומען די פּיאַלע טיי פון ווייגאַרטענען און אָנגע־הויבן בנעימותדיק צו זשלאָקען.

— זאָג מיר, אַקאַ, עס געפעלט דיר דיין אַרבעט — האָט זיך מאַכמודאָוו אָנגערופן נאָך אַ ווייל — וואָס האָסטו געטאָן אינדערהיים. אַז דו פּיעשטשעסט זיך אַזוי? מיר זענען געוווינט צו אַלעם, צו וואָס פאַר אַן אַרבעט מע שטעלט צו אַן אונדזעריקן גייט ער. וואָס איז די נפקא־מינא וואָס מען טוט. אַז די אַרבעט גיט במילא נישט אויפן עסן, איז שוין בעסער אַ לייכטע אַרבעט, נישט צו דאַרפן אויסגעריסן ווערן אַזוי. וואָס האָסטו געטאָן אינדערהיים, סקאַזשי־קאַ אַקאַ [6], שעם זיך נישט, דערצייל!

— איך בין געווען אַ שרייבער — האָט בערל ווייגאַרטן שטיל אַרויסגערעדט.

— אַ וואָס?

— אַ שרייבער — האָט ווייגאַרטן נאָכאַמאָל איבערגעחזרט — איך האָבן געאַרבעט אין אַ צייטונג און געשריבן ביכער.

מאַכמודאָוו האָט טיפער איינגעגראָבן זיינע בליקן אין ווייגאַר־טענען און געשמאַקעט מיט די ליפּן:

— אַ שרייבער? האָסט געשריבן אין אַ קאַנטאָר?

— ניין — האָט ווייגאַרטן דערווידערט — נישט אין קיין קאַנטאָר, נאָר אין אַ צייטונג. איך האָב געשריבן אַרטיקלען, לידער, דערציילונגען און מענטשן האָבן עס געלייענט.

---

[6] זאָג ברודער.

www.libtool.com.cn

דער אַלטער אוזבעק האָט אים דורכדרינגענדיק מיט רחמנותפולע בליקן אָנגעקוקט מיט שטוינונג.

— ביסט אַ טשודאַק, בערקאָ... אויב אַזוי געפעלט מיר בעסער דאָס וואָס דו ביסט אַ נאַכט־וועכטער אויף אַ פאַבריק, עס איז אַ רואיקער לעבן און אַ זיכערער. עס איז טאַקע נישטאָ מיט וואָס דעם מאָגן אָנצושטאָפּן, אָבער מען לייגט זיך פאָרט רואיק שלאָפן. אָט האָט אונדזער שכן, ראַכ־מאַטאָוווס אַ זון, אַ גאַנצער געלערנטער, שרייבט אויך אין דער אוזבע־קישער צייטונג, האָט ער אַזוי לאַנג געשריבן ביז מ׳האָט אים אינמיטן נאַכט ערגעצוו פאַרשלעפּט און מ׳ען ווייסט נישט ביז היינט צו טאָג ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען. ביי אונדז, אַקאַ, איז בעסער, אַז מע קען וואָס ווייניקער, אַז מען מאַכט אַ תמעוואַטן פּנים און מ׳ענטפערט אויף אַלץ ני׳ע זנאַיו [7]. עס איז געזונט פאַר דיר און פאַר דער משפחה. טאָמער הייבסטו אָן מיט די געלערנטע מעשיות, איז ניע שוטקי בראַט...

בערל וויינגאַרטן האָט זיך צוגעהערט צו זיין חברס רייד און געשוויגן. מאַכמודאָוו האָט פאַרלייגט אונטער דעם גומען אַ פּאָרציע נאַסאָוואַי, פּרום פאַרגלאָצט די אויגן און אויסגעשפּיגן מיט גרינעם לייכעץ, געגנ־מען דעם שטעקן אין דער האַנט און אַוועק צו דער אַרבעט. בערל וויינ־גאַרטן האָט זיך מיט שלאַבערדיקע טריט אויפגעהויבן און אַוועק צו זיך אין דער ליימיקער קיביטקע.

* * *

אַזוי זענען געגאַנגען וואָכן און חדשים ביז זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין יאָרן. בערל וויינגאַרטן ווערט פון טאָג צו טאָג מידער, ער שלעפּט שוין קוים די פיס. אין די טעג, נאָך די שלאָפלאָזע נעכט, זיצט ער איינ־געבויגן איבער די אַלטע אָפּגעוועלקטע פּאַפּירלעך און שרייבט און מעקט. זיין גאַנצע נשמה, זיין לייב און לעבן לייגט ער אַריין אין די פאַרגעלטע שמות, זוכט טרייסט און האָפענונג און וואַרט מיט אומגעדולד אויף די טעג פון דער אמתער באַפרייאונג. ביז צו דער באַפרייאונג האָט ער זיך קוים־קוים דערוואַרט. ער האָט צוזאַמען מיט אַלע פּליטים פאַרפּאַקט די

[7] איך ווייס נישט.

www.libtool.com.cn

לעצטע שיריים פון געוועזענע בגדים, און אַוועק זוכן שפורן פון דער פאַר־שוואונדענער היים, וואָס ער האָט געטראָפן צעגרוזט און צעשטויבט צוזאַ־מען מיט אַלע חלומות און האָפענונגען.

ער איז אַ מידער אַוועקגעפאַלן אויף די חורבות פון זיין אַמאָליקער היים, מיטן בינטל כתבים צוקאָפּנס און מיט מידע אויגן, בלאָנדזשענדיקע און זוכנדיקע, מאָנענדיקע און בעטנדיקע צום צערעגנטן הימל. ער איז איינגעשלאָפן זיין אייביקן שלאָף נאָך יאָרן־לאַנגע וואַך זיין אויף זיין פּאָסטן אין דער סאַמאַרקאַנדער אַלטשטאָטישער שיך־פאַבריק.

www.libtool.com.cn

דער אַקראָבאַט

געווען איז שלמה פּריזאַמענט אַ יידישער אַקטיאָר אין פּוילן. מאַלע־וואָס געווען. און אַז ער איז געווען אויך אַ מענטש אַחוץ אַן אַקטיאָר, פון דעם געדענקט ער שוין נישט, און אַפילו זיינע חברים אַקטיאָרן ווילן דער־פון נישט וויסן. זיין ווייב אַליין, אויך אַ געוועזענע אַקטריסע, ווייסט שוין דערפון אויך נישט און זי צווייפלט שוין בכלל צי ער איז אַמאָל עפּעס יאָ געווען.

אַז אַלע צווייפלען, צווייפלט שלמה אַליין שוין אויך.

איז גייט ער אַזוי. אַט עס רעדט זיך אַזוי, דאָס איז אויך מיר אַ גיין, ער שלעפּט קוים די פיס. די פיס וואָלט ער שוין יאָ געשלעפּט, נאָר די צעפּליקטע שיך מיט די אויפגעשוואָלענע פּאָדעשוועס לאָזן אים נישט שטעלן קיין טראָט.

קוקט ער אַזוי אויף זיינע כמו־שיך, עפּעס אַזעלכע טרעטערס, וואָס אין קיין שום פאַבריק ווערן זיי נישט אויסגעאַרבעט. אַזאַ מין פאַ־סאָן און אַזאַ מראה קאָנען נאָר אויסאַרבעטן די סאַמאַרקאַנדער בלאָטעס, וואָס זענען פון אַ ספּעציעלן סאָרט. דער באָדן איז אַ קלעפּיקער, אַ ליי־מיקער און אַז עס נעמט רעגענען, צעקוואַטשעט זיך אַזוי די בלאָטע ווי אַ טייג. און גייט זייט אַ בריה אַרויסצושלעפּן אַ פוס פון דאָרטן. אָבער נאַטשאַלניקעס, דירעקטאָרן און גלאַט חשובע לייט ביי מלכות ציען יאָ אַרויס די פיס. זיי האָבן געזונטע שטיוול. פאַר אַ געזונטן באַטשוועקטן שטיוול האָט אַפילו די סאַמאַרקאַנדער בלאָטע אויך דרך־ארץ.

איז טאַקע דער אַקטיאָר נישט געפאַלן ביי זיך. אַמאָל האָט ער אויף די בינעס פון גאָר דער וועלט באַקומען אַפּלאָדיסמענטן. אָבער פון אַן אַק־טיאָר ביז אַן אַקראָבאַט איז נישט קיין ווייטער מהלך. איז טאַקע געווען נאָר בילעטן צו נעמען און צו קוקן ווי אַזוי דער אַקטיאָר שלמה פּריזאַמענט שפּרינגט איבער די בלאָטעס, אָסור צי אַן אַקראָבאַט פון גרעסטן וועלט־צירק וואָלט עס באַוויזן בעסער.

www.libtool.com.cn

טאַנצט ער איבער די בלאָטעס, שמייכלט אונטער און באַמקעט צו דערביי אַ נייעם ניגון, אָט אַן אָקערשט געבוירענעם אין זיין קאָפּ. דאָס האָט ער געשאַפן זיין נייע מעלאָדיע צו דער „באַלאַדע פון די סאַמאַרקאַנ־דער בלאָטעס אין די האַרבסטיקע טעג".

— שיין, האַ? זעט ווי עס זינגט זיך מעלאָדיש אונטערן טאַקט פון דער קוואַטשענדיקער בלאָטע...

ער בלייבט שטיין אַ ווײַלע, כאַפּט אָפּ דעם אָטעם און די אַרומיקע חברה הערן זיך צו פאַרגאַפט צו דער נייער מעלאָדיע.

— וואָס זאָגט איר, חברה, וועט נאָך דער טאַטע פון די פעלקער דערלעבן צו זען ביי מיר אַ פּאָר גאַנצע שיך?...

* * *

נישט בלויז די פראַגע פון אַ פּאָר גאַנצע שיך שטייט ביים אַרטיסט אויפן סדר־היום. נישט נאָר דאָס באַאומרואיקט אים די טעג און לאָזט נישט צוטאָן מיט קיין אויג ביינאַכט. מיט די פיס קאָן מען דורכקומען, זיי זענען גלאָט ווײַלע חברה־לייט. איז וואָס אַרט אים, אַז ס'איז אים קאַלט, וואָס אַרט אים, אַז זיי זענען אויסגעווייקט און אויסגענעצט, אָבער עסן בעטן זיי דאָך נישט. ערגער איז מיטן מאָגן. מיט אים איז זיך נישט צו שפּילן. אים קאָן מען נישט פאַרוויגן מיט אַמאָליקע דערפאָלגן. ווי נאָר דער אַקטיאָר שטייט אויף פון זיין געלעגער, הייבט אָן דער מאָגן זיינער צו אַרבעטן מעשׂים. ער נעמט אים צופּן און שלעפּן, פאָדערט איינס: עסן.

איז טאַקע ווו נעמט מען עסן? אויף עסן דאַרף מען אַפילו דאָ אויך פאַרדינען. און פון וואָס זאָל פאַרדינען אַן אַרטיסט? — אַז די פּלייצעס זענען שוואַך און אויסגעפּייניקט — קאָן ער נישט ווערן קיין גרוזטשיק, און עפּעס אַריבערגעכאַפּט די צאָל יאָרן האָט ער שוין אויך, איז ווו נעמט מען כוח? קיין טעאַטער שפּילן דאָ קאָן מען נישט. פאַר ווועמען? און אַז מען זאָל שוין מאַכן אַ טעאַטער, מען זאָל אויסגעריסן ווערן, וועט עס נישט קלעקן אויף קיין טאָג לעבן.

איז וויל דער מאָגן זיינער עסן. ער, שלמה פריזאַמענט, וויל אים טאַקע מהנה זיין. פאַרוואָס דען נישט? אַז דער מאָגן וועט זאַט זיין, וועט אים,

www.libtool.com.cn

דעם אַרטיסט אַליין, אויך לייכטער ווערן אויף דער נשמה און אַז אויף דער נשמה ווערט לייכטער, צעזינגען זיך אין אים אַלע חושים, איין מע־לאָדיע נאָך דער צווייטער צעשווימען זיך אַט אַזוי האַרציק. עס ווערט אים גוט אויפן געמיט. ער באַקומט האָפענונגען אַמאָל צוריק צו ווערן אַ מענטש. און אפשר? אפשר וועט ער, דער געוועזענער אַרטיסט פון פּוילן, דער באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר, נאָך זיצן ביי אַ טיש און אויפן טיש אַ ווייס טישטוך, אויפן טישטוך אַ גרויסער לאַבן ברויט פון אויבן באַשאָטן מיט קימל. ער וועט זיצן מיט אַ מעסער און שניידן פּעניצער ברויט און עסן.

— ווי מיינט איר, חברה, איך וועל עס נאָך אַמאָל דערלעבן?...

* * *

איז צוגעקומען נאָך אַ נייע קאָמפּאָזיציע „די באַלאַדע וועגן הונגע־ריקן מאָגן“.

איז ער געלאָפן ווייטער איבער די בלאָטעס, דער טאָג איז געווען נאָך אַן ערגערער פונעם נעכטיקן. אַ דריבנער רעגנדל האָט צעווייקט די פּופּייקע. די בלאָטעס זענען שיטערער געוואָרן. די פּאָדעשוועס זענען אויפגעשוואָלענער געוואָרן און ער האָט ווי אַן אמתער געניטער אַקראָבאַט געשפּרונגען איבער די בלאָטעס ווי אַמאָל זיינע אויסגעאיבטע פינגער איבער פּיאַנאָ־קלאַווישן, די אויגן פאַרגלאָצט צום פאַרכמאַרעטן בייזן הימל און שטיל אין זיך געברומט אַ נייע מעלאָדיע: „די באַלאַדע פונעם וויינענדיקן הימל אויפן גורל פונעם יידישן אַקטיאָר“.

— אַ שיינער ניגון, האַ? — האָט ער פאַרהאַלטן ביים אַריינגאַנג פון דער טשייכאַנאַ אַ באַקאַנטן פריינד זיינעם.

* * *

אין דער צעפּאַרעטער און שווייסיקער דומפּיקייט פון דער אָנגע־פּאַרעטער אוזבעקישער טשאַיכאַנאַ איז דער אַקטיאָר געזעסן און געטרונ־קען צוזאַמען מיט זיין פריינד אַ פּיאַלע גרינע טשאַי און זיך פּאָסמאָ־קעוועט.

www.libtool.com.cn

— וואָס זאָגט איר, טאָוואַרישטש בינשטאָק — האָט דער אַקטיאָר, זופנדיק דעם פּאַרעדיקן טיי, זיך אָפּגערופן — מע וועט נאָך אַרויס פון דאַנען מיט גאַנצע ביינער?

דער אח־לצרה איז געזעסן און געשוויגן. ער האָט באַטראַכט דעם אַקטיאָר און זיך דערמאָנט אין יענע גוטע יאָרן, ווען ער האָט אים געזען אויף די טעאַטער־ברעטער, געזען זיינע טריאומפן, אָבער ווי הימל־ווייט איז דאָס אַלץ דאָ אין דער מדינה...

— וואָס שווייגט איר? — האָט דער אַקטיאָר אַ טאָרע געטאָן פאַרן ארבל זיין פריינד — וואָס זענט איר אַזוי פאַרקלערט, האָ?

— נישטאָ וואָס צו זאָגן, מע דאַרף קוקן ס׳גרייטע.

— מ׳יר וועלן נאָך איבערלעבן און דערלעבן, איר וועט זען — האָט דער אַקטיאָר נישט פאַרלוירן זיין האָפענונג — איר וועט זען, ער, דער פאַרזאָרגער אונדזערער, וועט נישט דערלעבן צו זען, ווי איך וועל זאָגט זיין, ווי איך וועל נאָך האָבן אַ פּאָר גאַנצע שיך, ווי איך וועל נאָך דער־פרייען מענטשלעכע הערצער מיט אַ האַרציקן יידישן ניגון.

—עך, וועל איך נאָך טאַנצן, זינגען, אים, דעם וועלט־פאַרזאָרגער, אויף צו להכעיס...

* * *

יאָרן־לאַנג האָט דער אַקטיאָר געשפּילט אַן אמתע ראָל פון אַ צעפּיי־ניקטן וואַגאַבונד, פון אַ צעוויייטיקטן מענטש און זי בשלימות אויפגע־פירט אויף דער לעבנס־אַרענע. אויף דער בינע אין טעאַטער, וואָלט ער נישט געווען מער נאַטירלעכער, אמתדיקער און שלימותדיקער ווי אין לעבן.

איינע נאָך דער אַנדערער, איינע בעסער פאַר דער צווייטער האָט זיין צעפּייניקטער מוח אויסגעשפּינט האַרציקע דביקותדיקע מעלאָדיעס, וואָס זענען געגאַנגען פון מויל צו מויל איבער די קיביטקעס פון די פּליטים — צו להכעיס דער פאַרשאָלטענער וועלט האָט ער געזונגען הייסער, התלהבותדיקער, האַרציקער, לעבעדיקער.

דאָס האָט דער אַקטיאָר און קאָמפּאָזיטאָר, מיט זיין גלויבן, מיט זיין

www.libtool.com.cn

אָפּטימיזם געצונדן די הערצער, זיי זאָלן זיך נישט אונטערגעבן דעם גורל, נישט זיין געפאַלן ביי זיך, נישט פאַרלירן דעם חשק צום לעבן.

* * *

דער אַקטיאָר שלמה פּריזאַמענט טראָגט שוין גאַנצע שיך און גייט איבער צעזוניקטע גאַסן, אונטער צעהעלטע הימלען און שאַפט אויף ס'ניי זיינע פאָלקסטימלעכע יידישע מעלאָדיעס.

ער האָט טאַקע איבערגעלעבט. ער האַלט שטאָלץ זיין קאָפּ וואָס האָט זיך נישט געלאָזט בייגן אין דער שווערער צייט פון נסיון. גייענדיק אין די נייע גאַנצע שיך דערמאָנט ער יענע טעג, ווען מ'האָט געמוזט זייז אַן אַקראָבאַט, נישט בלויז אין די בלאָטעס, נאָר אין לעבן און נישט בלויז ער אַליין איז עס געווען, נאָר אַלע, אַ גאַנץ פאָלק.

www.libtool.com.cn

אַ יידישער קינסטלער

דאָס לעבן פון די יידישע פליטים ציט זיך שוין אַ קימאַ־לן קרוב צו אַכצן יאָר. אָנגעהויבן האָט זיך עס אין די ערשטע טעג פון סעפטעמבער 1939, ווען מ׳האָט זיך אַרומגעשלעפּט אין טויט־געפאַר איבער צעבאָמ־באַרדירטע שטעט, צעהאַקטע שאָסייען, קראַכנדיקע און ברענענדיקע היי־זער, נאָכדעם איבער לענדער און קאָנטינענטן, מדבריות און ימען, תפי־סות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, נייע מדינות, נאָענטע און ווייטע.

נישט געטאָגט און נישט גענעכטיקט, פריער אין גרויל פון מלחמה־יאָרן, שפּעטער אין וואַנדער אויף וועגן און אומוועגן, אָן אַ רואיק ווינקל פאַר זיך, אָן אַ וואַרעמען געלעגער, אַפילו אָן היגטישע בודעס... שפּעטער, נאָך שפּעטער אין נייע „היימען", וואָס איז נישט קיין היים, נישט קיין זיכערער פלאַץ. פריער צרות און לייד, שפּעטער קאָשמאַר און נאַכט־חלומות מיט צעווייטיקטע נשמות פון בענקשאַפט, מיט האַרצווייטיק פין פאַרשווונדענעם אַמאָל.

אין די שורות ווילט זיך אויסווייזן די אָנגעלאָדנקייט פון יאָרן נאָך אַ פריצייטיק פאַרשטאָרבענעם חבר, אַן אח־לצרה פון יענע ביטערע יאָרן פון וואָגל און וואַנדער, מיט וועלכן איך האָב דורכגעמאַכט אַ שטיקל וועג צוזאַמען מיט אים, אַ שווערן, פּיינלעכן וועג פול מיט דערנער אוןליידן.

נישט פילאָזאָפירן וועגן לעבן וויל איך, ווייל דער טויט איז שטאַר־קער פון אַלע מינים פילאָזאָפיעס און דאָגמעס. אָט לעבסטו און אָט שוין, איז מילא: אַ מענטש און בפרט אַ מענטש אין פליטימשאַפט נעמט אויף זאַכן אָט אַזוי ווי זיי זענען, אָן סענטימענטן, אָן פחד און אָן טרערן. אַזוי איז דער גורל און פאַרפאַלן.

יאָר 1942, סאַמאַרקאַנד, טאַשלאַצקע 4.

אין אַ „סטאַנציאָנאַר" (אַמבולאַטאָריע פאַר קראַנקע) אין אַ ריי נאָך אַביסל זופּ. אַ סך מענטשן, איך צווישן זיי און אַ פּרוי לעבן מיר. שווער צו זאָגן איר עלטער. אויסגעמאָרעט, איינגעקוואַרט און אויסגעדאַרט. מיט

www.libtool.com.cn

שמאַטעס אַרומגעוויקלט די פיס. זי ציטערט פון קעלט. די ציינער קלאַפּן צו צום טאַקט פון הונגעריקן מאָגן און צום געקלאַנג פון בלעכענעם לעפל, וואָס באַמבלט זיך אין פּוסטן אינגעווייד פון טעפּל.

אויף דער גאַס אַרום סטאַנציאָנאַר, צענדליקער דורך דער נאַכט אויס־געגאַנגענע נפשות פון הונגער און קעלט. זיי ליגן צוגעדעקט מיט צייטונג־פּאַפּיר, פאַרשטעלט פאַר דער קאַלטער ווינטערדיקער זון.

די פרוי, וואָס שטייט לעבן מיר אין דער ריי, קרעכצט און זיפצט. אַז אַ מענטשן איז שווער אויפן האַרצן, קרעכצט ער, בפרט אַ שוואַכע באַ־שעפעניש ווי עס איז אַ פרוי, און דערצו אין אַזאַ מעמד.

זי דערציילט: — איך בין אַ פרוי פון אַ קינסטלער, כ׳הייס נעני איך האָב אַ ברודער אין אַרגענטינע, אַ יידישער שרייבער.

פאָלג מיך אַ גאַנג: סאַמאַרקאַנד אין מיטלאַזיאַטישן אוזבעקיסטאַן און בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע.

דאָס יאָר 1943.

ער האָט געוווינט אין דער זעלביקער ליימענער קיביטקע, אַנטקעגן דער פינפטער פּאָליקליניק ביים וואָקזאַל, וווּ איך האָב די ערשטע יאָרן געוווינט.

שפּעטער האָב איך זיך געשלייכט איבער קאָלכאָזן, צוריקגעקומען אין שטאָט סאַמאַרקאַנד גופא און בייגעווען אויפן ברית־מילה ביים ערשטן זונעלע פון קינסטלער. צווישן די געסט זענען געווען אַ פּאָר יידישע שריי־בער. מ׳האָט זיך משמח געווען ווי אויף אַ יידישער שמחה.

מאַנדעלצווייג אַרבעט אין אָבלאָיספּאָלקאָם [1] ביי זיין פּאַך. ער מאָלט די גרויסע פּאָרטרעטן פון דעם „פאָטער פון די פעלקער — סטאַלין״. ער שטייט אויף אַ הויכן לייטער מיטן פּענדזל אין דער האַנט, פאַרשמירט און אויסגעשמירט און מאָלט אַ ברעם פון אַ האַלבן מעטער, אַ גרויס חיהש אויג ווי אַ קופּערנע פּאַן, די ברייטע סאַדיסטישע וואָנצעס. דער קינסטלער כאַפּט אַ קוק מיט זיין מבינישן בליק און שמייכלט צופרידן.

ער שאַפּט, קאָפּירט נאָך דעם אָפּגאָט, דעם געטש, דאָס בילד פאַר

[1] וואָיעוואָדישע אויספיר־מאַכט.

www.libtool.com.cn

וועלכן מאַסן מענטשן ווערן אַנטציקט און דערשיטערט, באַגייסטערט און אויפגעציטערט. מאַנדעלצווייג האָט אים געמאָלט און געטריי אויסגעגעמענטשלט געגנוי ווי ער זעט אים אויף אַלע בילדער, קיין שטריך נישט מער און נישט ווינציקער.

דער גורל פון אַ פּליט איז וואַנדערן: טרעפן מיר זיך שפּעטער אין קאַטאָוויץ (פּוילן), דערנאָך הערט מען גרוסן: מ׳אַנדעלצווייג האָט זיך אַרויפגעאַרבעט... אָט איז ער אין אורוגווייַ, אין אַרגענטינע, אין דרום־אַפריקע, ווענעזועלאַ, מעקסיקע, נאָרד־אַמעריקע.

ער האָט נאָך די וואַליזעס נישט אויסגעפּאַקט, די מורא פאַרן מאָרגן האַלט נאָך אָן. ער וויל זיך פאַרזיכערן, קומען צו אַ פּאָזיציע, זיך דערשלאָגן צו אַ היים, צו אַן אייגן רואיק ווינקל.

מיין ליבער חבר רפאל מאַנדעלצווייג האָט הפנים פאַרגעסן, אַז אַ פּליט איז נישט קיין נאָרמאַלער מענטש. צו שווער איז פאַר אַזעלכן צו טראָגן די לאַסט אויף די פּלייצעס. דער קערפּער דאָרשט נאָך אַביסל רו־איקייט. מ׳האָט דעם גוף צופיל פאַרנאַכלעסיקט. אין די נעכט האָט מען אים נישט געלאָזט רוען נאָרמאַל, עס פעלט אים שיינע עטלעכע רעכט נישט געלעבטע יאָרן. מיט וויפל שלאָפלאָזע נעכט איז ער הינטערשטעליק. דער קערפּער האָט נאָך נישט דערכאַפּט זיך צו דער נאָרמאַלער פאָר־ציע פון וויטאַמינען, אַז דאָס האַרץ, וואָס האָט ווי אַ שטומער עדות אַלץ דורכגעלעבט און דורכגעטראָגן גיט אַמאָל אַ צאַפּל, אַ ברי ביים מינדסטן אויפברויז, און ס׳דראָעט יעדע ווײַלע מיט סכנה, מיט קאַטאַסטראָפע. אַז ס׳זאָל איבעררייסן די קאָנטאַקטן, זיך אָפּשטעלן, אויפהערן צו קלאַפּן...

דו האָסט, זעט אויס, פאַרגעסן, אַז דו ביסט אַ פּליט, אַז האָסט זיך נאָך אין דער נייער הויט נישט אַריינגעפּאַסט און פון דער אַלטער נאָך נישט אַרויס.

האָסטו געלעבט ווי דו האָסט געקענט, און געשטאָרבן אַזוי מאָדנע, אַזוי גיך מיטן פאַרביסענעם שמייכל אונטער די פאַרשטשעמעטע ציין, אַ בעסיקער אויף דער וועלט, אַ נישט דערזעטיקטער, אַ נישט צופרידנגעשטעלטער.

www.libtool.com.cn

פרי, זייער פרי, ביי 47 יאָר, האָסט נישט דערלעבט זיך איינצולעבן מיטן נייעם שטייגער אין דער נייער היים.

זאָל דאָס זיין מיין בלימל אויף דיין פרישן קבר אויף טאַבלאַדאַ און אַ וואָרענונג פאַר אונדזער פּליטימשאַפט, צו טראַכטן אַנדערש און זיך באַנעמען אַנדערש אין לעבן. אפשר וועלן אויך די אַרומיקע פאַרשטיין דעם גורל פון נע־ונד, דערפילן אַ צענט־חלק פון דער משא, פון די איבער־לעבונגען, דעם מאַטערנדיקן ווייטיק נאָך די יאָרן פון פיין און קאָשמאַר איבער די צעפאָרענע וועגן פון דער צעטרייסלטער וועלט, פון וועלכער מיר זענען אַרויס ווי נאָך אַן ערדציטערניש.

און דו איינער צווישן זיי.

www.libtool.com.cn

דער אימפּרעסאַריאָ

אין פאַרוואָרפענעם קאָלכאָז „קראַסנאַיע זנאַמיע", אַ פּופּצן קילאָ־מעטער פון דער יישטאָט איז מאַניע פלאַסקאָוו, דער אַמאָליקער אימ־פּרעסאַריאָ, געלעגן אויסגעצויגן אויף דער הוילער פּאָדלאָגע אין דער ליימיקער קיביטקע.

הענט דאַרע ווי שטעקנס אָן אַ פאַרב. די לאַנגע אָדלער־נאָז אויסגע־צויגן נאָך לענגער, די שוואַרץ־ציגיינערישע אויגן זענען אַריינגעקראָכן אַזוי טיף, אַז מע זעט בלויז אַרויס טיפע גריבער, וואָס שרעקן מיט זייער אומהיימלעכקייט פון אַ סקעלעט. די שטימע שוואַך, דער אָטעם אָפּגע־האַקט און קורץ.

עך, פלאַסקאָוו! ווו איז פאַרשוווּנדן געוואָרן דער אַמאָליקער ענער־גישער און לעבנסלוסטיקער פלאַסקאָוו, דער באַקאַנטער אינטערנאַציאָ־נאַלער אימפּרעסאַריאָ, דורך וועמענס הענט עס זענען אַדורכגעגאַנגען דער באַרימטער שאַליאַפּין, דער סאָוועטישער פידל־ווירטואָז דוד אויס־טראַך און נאָך אַ סך גרויסע וועלט־באַרימטע יידישע און נישט־יידישע אַקטיאָרן.

היינט ליגט ער אויף דער ערד און שוין גאָר נישט קיין סך איז אים פאַרבליבן צו ליגן אַזוי אויסגעצויגן אויף דעם צעליימיקטן באָדן פון זיין קיביטקע.

— געדענקסט — רעדט ער אָפּגעהאַקט ווי פון אַ הוילער פּאַס אַרויס — געדענקסט, מע איז אַמאָל געווען אַ מענטש. עך, מאַלע וואָס געווען...

אַ זלידנע פליג האָט אינעם בין־השמשות זיך געקלאַמערט אין אַ פאַרבלאָנדזשעטן זונען־שטראַל צווישן דער טשופּרינע פון פלאַסקאָוון און ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין כוח אויפצוהייבן אַ האַנט אויף איר. איז ער נערוועז געוואָרן, צוגעמאַכט די גריבער־אויגן און טיף געשוויגן.

www.libtool.com.cn

פון צייט צו צייט אַרויסגעלאָזט אַ טיפן קרעכץ פון דער שוואַכער ברוסט ווי פון אַ הוילן פאַס אַרויס.

ער האָט נאָך אַמאָל אויפגעריסן די אויגן, אַ מוטנעם בליק געוואָרפן אויף די הוילע וועַנט פון דער אוזבעקישער קיביטקע, אויסגעדרייט זיך מיטן פנים צו דער וואַנט און פטור געוואָרן פון לעבן.

עס פעלט שוין נאָך אַ מענטש אינעם אָרקעסטער פון די צרות. אַוועק שוין נאָך איינער וואָס האָט זיך געמאַטערט און געפּלאָגט די לעצטע יאָרן און אָנגעהאַלטן זיך ביי די פּאָלעס פונעם לעבן מיט אַלע כוחות, געוואָלט לעבן, איבערלעבן.

ער איז אַוועק און געלאָזט אָבער נאָך זיך אַ פרוי מיט צוויי קינדער אויף נאָך גרעסערע צרות, אויף הונגער און פיין, אויף ווייטערן נע־ונד.

* * *

עס איז כדאַי זיך אַמאָל צו דערמאָנען אין אַ מענטשן, וועמען דו האָסט געטראָפן אין לעבן, מיט וועמען דו האָסט דורכגעמאַכט אַ שטיקל וועג צוזאַמען און שטעלן אים כאָטש אַ שטיקל מצבה אויף זיין אומבאַ־ווּסטן קבר, ערגעץ אויף אַ קאָלכאָזנעם מאָגילניק אין ווייטן מיטלאַזיע. עס איז כדאַי.

געטראָפן האָבן מיר זיך אין עשאַלאָן, וואָס האָט אונדז געפירט גע־שלאָסענע אין באַזונדערע וואַגאָנען פון ווייסרוסלאַנד. אים האָט מען אין דער נאַכט פון 28סטן יוני 1940 אַריינגעוואָרפן אין אַ וואַגאָן אין גראָדנע און מיך פון סאָקאָלקע, און אויף צומאָרגנס אין דער נאַכט, האָט אונדז דער שטויס פון לאָקאָמאָטיוו געמאַכט פאַר שכנים. אייניקע טעג שפּעטער האָב איך דורכן פאַרקראַטעוועטן וואַגאָן־פענצטערל דערזען די פאַרשפּיצטע אָדלער־נאָז זיינע. אויף דער פּלאַטפאָרמע אין כאַרקאָוו האָט ער געטראָגן אַן עמער זופּ פאַרן גאַנצן וואַגאָן זיינעם און אין 17 טעג שפּעטער האָט דער לאָקאָמאָטיוו אָפּגעטשעפּעט 5 וואַגאָנען וואָס האָבן אויסגעשפּיגז פון זיך אַן ערך 400 ביעזשענצעס מיט ווייבער און קינדער, אין אַ געדיכטע־ניש פון אוראַלטע וועלדער אויפן ווייטן צפון, אין אַרכאַנגעלסקער אָב־לאַסט.

www.libtool.com.cn

אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. אַזעלכע פּרעגנדיקע בליקן זע איך צום ערשטן מאָל. איך געדענק אים פון שטענדיק אַן אויסטויגער. אַ מענטש אַזאַ, וואָס ווו דו זאָלסט אים נישט וואַרפן בלייבט ער שטיין אויף די פיס. און דאָ אַזאַ רחמנות־פּנים. ווען נישט זיין פאַרשפּיצטע אָד־לער־נאָז, וואָלט איך אים זיכער נישט דערקענט.

און אָט שלעפן מיר זיך ביידע צווישן נאַכט און טאָג מיט האַק און זעג אויף דער פלייצע אויף דער האָלץ־בירזשע און זעגן אַ גאַנצן טאָג האָלץ. זיין פלייצע ווערט פון טאָג צו טאָג איינגעהויקערטער. ער טוט זיין אַרבעט ערלעך און אויפריכטיק. ער וויל נישט נאַרן זיך און נאַטשאַל־סטווע. אָט אַזוי ווי אין יענע גוטע יאָרן. גיב מיר מיין חלק און דאָס אי־בעריקע געהערט דיר. סוחריש, מענטשלעך און אויסגעהאַלטן.

אָבער אינעם ווייטן צפון האָט פלאַסקאָווס חשבון נישט געשטימט. ער האָט אַוועקגעגעבן זיין שווייס און כוח, זיין לייב און לעבן און באַקו־מען דערפאַר קדחת. אַפילו נישט זאַט אָפּצועסן בכדי צו קענען שלעפן דעם עול פון דער שווערער אַרבעט.

דער זעלבער פלאַסקאָוו, דער זעלבער כאַראַקטער. איינגעשלאָסן אין זיך, שטום, שווער אַ וואָרט אַרויסצוקריגן. ער באַקלאָגט זיך נישט אויף זיין גורל. אָבער די אָדלער־נאָז ווערט אויסגעצויגענער, די פלייצע איינ־געהויקערטער, די פיס שלאַבעריקער, אָן כוחות.

* * *

אין 14 חדשים שפּעטער האָט אונדז אַן עשאַלאָן אויסגעשפּיגן, נאָך אַ פיר־וואָכיקער רייזע, הינטערן פלויט פון סאַמאַרקאַנדער וואָקזאַל אין ווייטן מיטלאַזיע. פון דער דורכנעמענדיקער קעלט אויפן ווייטן צפון אַריינ־געפאַלן אין הייסן ברייענדיקן אוזבעקיסטאַן.

עס איז חודש סעפּטעמבער, ערב ראש השנה. ליגן מיר אין שכנות אויפן נאַקעטן ליימיקן באָדן אונטער דופּטיקע אַקאַציע־ביימער. ער, פאַר־ריסן זיין נאָז צום הימל ווי ער וואָלט געוואָלט דורכשפּיזן אים, דעם באַשעפער, מיט זיין אייביקער און איינאיינציקער פראַגע: פאַרוואָס? און איך, אָנגעשפּיזט די אויערן צום משונהדיקן און צום ערשטן מאָל אויפ־

www.libtool.com.cn

רייסנדיקן געוואָי פון די שאַקאַלן. די נאַכט איז אַזאַ שיינע, די לבנה אַזאַ לויטערע, דער הימל אַזוי ריין, ווי די אויגן פון אומשולדיקע קינדערלעך. אַרום שטיל, אַזאַ בית־עלמין־שטילקייט הער איך צום ערשטן מאָל. ביים זייט ליגן די פרויען און קינדער צוגעטוליעט צו די קלומיקעס און לעצט־געבליבענע חפצים פון דער אַלטער היים. זיי שלאָפן מיד און שווער.

שוין גלייך מיטן ערשטן זון־אויפשפּראָץ האָבן מיר זיך ביידע אויפ־געהויבן און אַוועק אין דער אַלטער שטאָט, אַן ערך זיבן קילאָמעטער פון דאַנען און אָנגעהויבן זוכן תכלית. אפשר אַ דירה, אַרבעט.

פלאַסקאָוו האָט שוין באַוויזן צו רעדן מיט פריערדיקע פּליטים וואָס וואַלגערן זיך שוין אַזוי אַן ערך זעקס וואָכן אונטערן פרייען הימל. די מי איז אַרויסגעוואָרפן. שווער מיט דירות און שווער מיט אַרבעט. בכדי צו באַקומען אַ דירה דאַרף מען האָבן קודם־כל אַ באַשטעטיקונג פון אַ פאַ־בריק אַז מען אַרבעט און בכדי צו באַקומען אַ פּאָסטן אויף אַ פאַבריק דאַרף מען האָבן אַ צעטל פון דאַמקאָם, אַז מען האָט אַ דירה. און ווו נעמט מען דאָס אָדער יענץ? די וואָס האָבן געלט, באַקומען אי דאָס אי יענץ. זיי פירן אַוועק זייערע קלומיקעס אויף זיכערע ערטער, אונטער אַ פאַר־שלאָסענע טיר און אונטער אַן אייגענעם דאַך.

מיר האָבן נישט ביידע זאַכן. און דערצו קיין געלט אויך נישט.

שפּרייזט ער, פלאַסקאָוו מיט זיינע שווערע פיס, נישטערט מיט זיין לאַנגער נאָז, אפשר וועט ער פאָרט עפּעס דערשמעקן.

— דו ווייסט, דאָ וועט מען פון הונגער נישט שטאַרבן — ווייזט ער אויף פולע עמערס מיט ווייַנטרויבן, ניס, פּאָמידאָרן און מייערן. — אויפן פּאָסיאָלאָק האָט מען קיין ציבעלע נישט אָנגעזען פאַר די אויגן און דאָ אַזויפיל. וועסט זען, מען וועט איבערלעבן, וועסט זען — האָט ער אָנגע־הויבן שטעלן האַסטיקערע טריט — מען וועט זיך אַן עצה טאָן.

און נישט געאַנט האָט דער אָרימער פלאַסקאָוו, אַז בכדי צו באַקו־מען די אַלע גוטע זאַכן קלעקט נישט דער לוין פון דער אַרבעט. בכדי דאָס צו קויפן, דאַרף מען טאָן עפּעס אַזוינס וואָס איז נישט אין איינקלאַנג מיט זיין גאַנצער נאַטור, ער איז צו אָרנטלעך דערצו.

* * *

www.libtool.com.cn

שוין צען וואָכן אַריבער זינט מיר ליגן הינטערן פּלויט פון וואָקזאַל. שוין אויספאַרקויפט די לעצטע שיריים פונעם אַנטוועכץ בכדי צו קויפן זיך אַ שטיקל ברויט. וועגן קיין דירה קאָן מען נישט חלומען. האָט זיך פאַרמירט אַ בריגאַדע פון פּליטים, וואָס אַ פּיפּיקער פּאָליאַק האָט אָרגאַניזירט און מען איז אַוועק אַרבעטן אין זאַגאָט־זיערנאָ [1]. הונגעריק איז מ'ען אַ שרעק. האָט ער דערשנאַפּט ערגעץ אין אַ ווינקל פון אַ סקלאַד מאָן, האָט ער נישט געקאָנטביישטיין דעם ערשטן נסיון, ער האָט מיט זיינע שפּיציקע נעגל אויפגעטערענט דאָס זעקל און זשמעניעווייז געשטופּט אין זיין מויל אַריין, געשלונגען. אַ שרעק געווען צו קוקן ווי אַ מענטש עסט. ער האָט קיינעם נישט געזען, אויף קיינעם נישט געקוקט, ווי אַ פרומער ייד האָט ער זיך דבקותדיק פאַרכליניעט אין דער אכילה. קיינער און גאָרנישט האָט אים אינטערעסירט.

— פּלאַסקאָוו! פּלאַסקאָוו! — האָט אים דער אָנקומענדיקער ברי־גאַדיר געטאָרכעט ביים אַרבל — מ'ען וועט כאַפּן, וועט זיין שלעכט.

נישט לאַנג האָט געדויערט די אַרבעט. עס איז אַוועק אַ סדרה נייע זוכעניש און וואָגלעניש. בלית ברירה איז ער אַוועק אין קאָלכאָז „קראַס־נאַיע זנאַמיע". ער האָט באַקומען אַ קיביטקע און געוואָרן אַ קאָלכאָזניק.

אויך דאָרט האָט ער דעם הונגער נישט געקאָנט איינשטילן. עס איז שוין געווען אָנהייב ווינטער. די פעלדער זענען געשטאַנען אָפּגעפּליקטע און פוסטע, די ביימער נאַקעטע און הוילע. נישט געווען וואָס אַראָפּצו־נעמען פון זיי, כאָטש נעם און גריזשע די קאָרע. אַפילו ער, פּלאַסקאָוו, האָט עס שוין נישט באַוויזן.

הונגער!

אינעם גאַנצן גרויל האָט ער דערפילט דעם דאַזיקן שוידערלעכן טעם. די אויגן זענען אים אויסגעסטאַרטשעטער געוואָרן, די פּיס שלאַ־בערדיק, די גערערעם אויסגעהוילט און אַ צופּעניש און אַ נאָגעניש, אַ שרעק!

האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפן נאַקעטן דיל מיט אַ בלוטיקער די־

[1] סקלאַד, ווו די קאָלכאָזניקעס ברענגען די פּראָדוקטן פאַר דער מלוכה.

www.libtool.com.cn

זענטעריע, און בלית־ברירה פאַרלאָזט די זינדיקע וועלט, וואָס איינעם האָט זי געגעבן אַלץ, מיט דער פולער האַנט און אַ צווייטן קדחת, מאַלאַ־ריע און דיזענטעריע. ער איז אַוועק פון דער וועלט יאָ כעסיק נישט כעסיק. עס האָט קיינעם נישט אינטערעסירט. קיינער האָט נישט באַדויערט, אויסער זיינס גלייכן, די זעלבע פּליטים, אויף די זעלבע געהאַקטע צרות ווי ער, וואָס זענען אים שוין מקנא געווען: איבערגעקומען און אַן עק.

* * *

זיין ווייב טאַניע מיט די צוויי קינדערלעך סאַרע און קובע, זענען געבליבן אויף הפקר. כאָטש מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס האָט ער, דער פאַר־זאָרגער זייערער, געקענט טאָן פאַר זיי? ער האָט זיך געטיילט מיט זיין הונגער צוזאַמען מיט דער משפּחה. ער אַ שלונג שפּייעכץ אויפן ניכטערן מאָגן, זיי דאָס זעלבע. אים האָט געקראַמפט אין בויך, זיי אויך. נאָר מיט איין אונטערשיד, אים האָט געבראָכן דער מוח פאַר דער גאַנצער משפּחה, ער האָט גענישטערט מיט דער לאַנגער נאָז די ערד און געזוכט, געזוכט אַזוי לאַנג ביז ער האָט געפונען דעם טויט.

אויף די קינדער איז געקומען אַ ישועה. די אַנדערס־אַרמיי האָט זיך איבערטראַנספּאָרטירט קיין איראַן, האָט זי מיטגענומען יידישע קינדער־לעך אויך. ממש אַ נס. האָט טאַניע פלאַסקאָוו זיך דעצידירט אויך אויף דעם. איידער די קינדער זאָלן שטאַרבן דאָ ביי איר, איז בעסער אַז זי וועט זיי אַוועקשיקן. זיי וועלן זיך שוין זיכער דערשלאָגן ערגעצוווּ, אפשר גאָר קיין ארץ־ישראל.

ווי ווייטיקדיק עס איז אָנגעקומען דער אָרעמער מאַמע נעבעך זיך צו צעשיידן מיט אירע קינדער און פאַרבלייבן איינע אַליין אין אַזאַ אכזריות־דיקער וועלט, ווו אַ מענטשלעך לעבן שפּילט אַזאַ קליינע ראָל. וואָס האָט זי געזאָלט טאָן, די אָרעמע נעבעך?

שוין אייניקע יאָרן ווי מיר האָבן נישט געזען טאַניען. זי איז געווען אַ ווילע פרוי, אַן אמתע יידישע האַרציקע טאָכטער. בעת מאַניע האָט געלעבט, איז זי געווען פאַרשאָטנט. שטיל און באַשיידן האָט זי געפירט דאָס לעבן, געניסנדיק פון דער שוץ פון איר מאַן. ווער האָט דאַן, אין יע־

www.libtool.com.cn

נע יאָרן, זיך געקאָנט אָפּגעבן מיט מענטשן, אַז דאָס לעבן איז געווען אַזוי שווער און ביטער. בכלל איז מען שוין געוווינט געווען צו זען היינט דעם מענטשן און מאָרגן זאָל ער שוין נישט זיין. וואָס איז דען געווען דער אונטערשייד צי ער לעבט, צי חס־וחלילה נישט. האָט דען דאַן אַ מענטש געשפּילט אַ ראָלע?

מיר האָבן זיך דערוווסט, אַז אין יאָר 1943 איז טאַניע פלאַסקאָוו געפאָרן אַרבעטן אין אַ קאָלכאָז ערגעצווו הינטער דער שטאָט און אַז די אַרבאַ[2], מיט וועלכער זי איז געפאָרן, האָט זיך דערטרונקען אין אַ טייך. צי איז עס געווען אַן אומגליק־פאַל, צי גאָר עפּעס אַנדערש, דעם דאָזיקן רעטעניש האָט מען נישט אויפגעקלערט ביז היינטיקן טאָג.

* * *

האָט זיך מיר אָפּגעפרישט אין זכרון די גאַנצע געשעעניש נאָך אַזוי־פיל יאָרן פון וואַנדער. עס האָט מיר אַ פּיק געטאָן אין מוח אַ געדאַנק, אַז ערגעצווו אין אַ שטאָט אָדער קיבוץ אין ישראל לעבן די טאָכטער און זון פון מאָניע און טאַניע פלאַסקאָוו און ווייסן זיכער נישט דעם גורל פון זייערע עלטערן, פון וועמען זיי האָבן נישט באַקומען קיין ידיעות. ווען זיי עס ערגעץ לייענען און דער סוד וועט פאַר זיי ווערן אויפגעקלערט.

---

[2] צוויי־רעדערדיקער וואָגן.

www.libtool.com.cn

עשאַלאָנען

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

ענדלעך דערלעבט

דער גרויסער ראַדיאָ־הילכער אויפן וואָקזאַל האָט זיך אַ פריידיקער צעגרילצט אין דער שטילקייט פון פרימאָרגן.

אַ גרויסער עולם מענטשן, וואָס פלעגט דאָ אין די פרימאָרגנס אויס־הערן די ראַדיאָ־אוידיציעס פאַרן גיין צו דער אַרבעט, האָט די פריידיקע ידיעה: ש ל ו ם ! אויפגענומען מיטן פאַלן זיך איינע די אַנדערע אויף די העלדזער, מיט וויינען פון גרויס גליק. אַלט און יונג, מענער און פרויען, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע האָבן זיך געאָרעמט און געהאַלדזט.

יעדער איינער האָט געהאָפט, אַז דער סוף פון דער מלחמה וועט ברענגען אַ דערלייכטערונג און אַ בעסער לעבן. די שטאַרקע אייזערנע דיסציפּלין און דער שטענדיקער פחד וועט פאַרשווינדן. אַזוי ווייטער וועט עס נישט גיין! אַזוי קען עס נישט זיין!

היינט, אין טאָג ווען די גרויזאַמע מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, האָט יעדער פריי אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען.

דער אַלטער 85־יעריקער איוואַן אַנדרייעוויטש קוטשעריאַוויך האָט יעדן טאָג נישט פאַרפעלט ביים וואָקזאַל־בנין. ער האָט שטענדיק צוגלייך מיט אַלעמען אויסגעהערט די ראַדיאָ־ידיעות. ווי נאָר ער האָט דערהערט די דאָזיקע פריידיקע ידיעה, האָט ער זיך אָנגערופן:

— עך מאַטושקאַ ראָסיאַ, קאַק סומאַשעדשאַיאַ סאָבאַקאַ [1]! אפשר וועט זי ערשט די מאַטושקאַ ווערן לייטישער.

אַלע האָבן אים אָנגעקוקט מיט שטוינונג און פחד. ער, דער אַלטער איוואַן קוטשעריאַוויך, איז געשטאַנען — נישט געקוקט אויף זיין הויכער עלטער — אַ שטאָלצער און געשטאַרקטער. זיין לאַנגע ווייסע באָרד האָט זיך צעהוידעט אינעם פרימאָרגן־ווינטל און זיינע אויגן האָבן מיט אַ

[1] מאַמעלע רוסלאַנד, ווי אַ משוגענע צויג.

www.libtool.com.cn

פריידיקן בליק אַרומגענומען די שיינע סאַמאַרקאַנדער לאַנדשאַפט, ווי ער וואָלט תפילה געטאָן צו זיין גאָט:

— אפשר וועט איצט ווערן בעסער? אפשר וועט שוין איצט ווערן לייכטער צו לעבן אויף דער וועלט?

דער איינדרוק פון אַלטנס רייד האָט נאָך לאַנג געשוועבט אין חלל. דער ראַדיאָ האָט הילכיק געשפּילט. די קלאַנגען פון דער נצחון־מוזיק האָבן זיך צעטראָגן אין דער לופט און צעוויגט די אַקאַציע־ביימער פון די שיינע אַלייען.

שלום!, שלום אויף דער וועלט!

יעדעס גרין צעשפּראָצטע גרעזעלע, וואָס האָט זיך געלאָזט טרעטן פון די באַשטיוולטע פיס, האָט זיך פריידיק געריסן צום קלאָר־בלויען הימל. די אַקאַציע־ביימער האָבן זיך דופטיק צעשמעקט מיט פאַרפומען־ריחות. די צווייגן האָבן זיך געשטרעקט ווי צו אַ באַגריסונג. די גאַנצע לופט איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער פריידיקער ראַדיאָ־ידיעה: שלום! שלום!

ווי לויט אַ פריקאַז, ווי אַ געניטער דיריגענט וואָלט ערגעצוו געזעסן און אָנגעפירט מיטן גאַנצן הערלעכן ספּעקטאַקל אין די גאַסן, האָבן זיך שוין פון פרימאָרגן אָן אַרויסגעלאָזט מענטשן אָנגעטאָן אין שענסטן וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, געזונגען און געטאַנצט אין מיטן גאַס.

מאַמעס, וואָס האָבן זייערע זין געהאַט אויף די פראָנטן, פרויען וועמענס מענער האָבן פון זיך נישט געלאָזט הערן פון ערשטן טאָג ווען זיי זענען אַוועק אויף דער מלחמה, האָבן מיט פריידיק־צעפינקלטע אויגן פול מיט טרערן געטאַנצט האַפּנדיק, אַז איצט וועלן זיך זייערע פאַרלוירענע אָפּגעפינען.

די גאַסן זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד, גליק און האָפענונג.

* * *

שלום אויף דער וועלט! שוין, געענדיקט דאָס בייזע פינצטערע קאָש־מאַרפולע לעבן!

www.libtool.com.cn

די פּוילישע יידן, די ערשטע געליטענע, די ערשטע און גרויליקסטע קרבנות פון דער מלחמה, וואָס האָבן גענומען דעם זאַק אויפן פּלייצע און אַרויס פון דער היים, געגנבעט גרענעצן, געלאָפן פון דייטש צום רוס, פון רוס צו די ליטווינער און צוריק — שטייען היינט ווידער מיטן זאַק אויף די פּלייצעס, מיטן זעלביקן זאַק, מיט וועלכן זיי האָבן זיך נישט געשיידט, ווען מען האָט זיי פאַרשיקט אין די לאַגערן און פּאָסיאָלקעס, פון דאָרט קיין אוזבעקיסטאַן, קאַזאַכסטאַן, טאַדזשיקיסטאַן — איצט וואַרטן זיי צו פאָרן צו זיך אַהיים.

— אַהיים? אַהיים???

— ווו האָט אַ וואַנדערנדיקער הונט אַ היים? — האָט זיך בערל רויטמאַן אָנגערופן, זיצנדיק מיט זיינע פריינד ביי אַ גלעזל ווײַן, „באַ־נעצנדיק" די היינטיקע גרויסע שמחה.

אויף אַלעמענס פּנימער איז געלעגן אַ גרויסער אומעט און טרויער. די ידיעה וועגן סוף פון דער מלחמה האָט דערוועקט פרייד, אָבער אויך זאָרג. היינט ווען די שמחה איז גרויס האָט יעדער איינער דערשפּירט דעם טיפן ווייטיק, דעם גרויסן ריס אין זיין נשמה. יעדער איינער האָט דערפילט, אַז ערשט איצט הייבן זיך אָן נייע ליידן.

— ווו עפּנט מען אַ טיר? — האָט זיך בערל רויטמאַן אָפּגערופן — צו וועמען וועלן מיר קומען, אַז אונדזערע היימען זענען וויסט און לער? צו וועמען צו רעדן וועלן מיר נישט האָבן. די גאַנצע פרייד און באַגער ס'זאָל שוין נעמען אַ סוף האָט זיך איצט פאַרוואַנדלט אין אַ ברענענדיקן גיהנום. עס איז גוט ווען מע ווערט באַפרייט פון אַזאַ שווער לעבן. אָבער ווער ווייסט וואָס עס שטייט נאָך פאָר? ווי וועלן מיר אויסהאַלטן, ווען מיר וועלן מיט די אייגענע אויגן דערזען דאָס טראַגישע בילד און זיך איבערצייגן, אַז מיר זענען געקומען בלויז אויף קבר־אבות.

— עס איז אַ סוף צו די צרות, עס קומען אָבער נייע פרישע צרות און זאָרגן.

* * *

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

ביי רויטמאַנען אין אַרטעל איז היינט יום־טוב. דער נאַטשאַלניק האָט געגעבן געלט אויף ווייַן און פעניע, די געניטע און געריבענע אובאָר־שטשיצע [2], האָט אָפּגעבאַקן לעפּיאָשקעס [3], געמאַכט פּיראָזשקעס, געבראָטן שאַשליק [4] און דער גאַנצער עולם האָט זיך געלאָזט ווילגיין.

די שניידערינס האָבן אין האַלב־שיכורן צושטאַנד זיך צעטאַנצט מיט אָנגעגאָסענע אויגן פון טרערן.

העלענאַ וולאַסאָוואַ, וואָס איר מאַן איז אַוועק אויפן פראָנט און ביז היינט האָט זי נישט געהאַט פון אים קיין שום ידיעה, האָט זיך אַוועקגע־לאָזט אין אַ ווילדן טאַנץ, פול מיט האָפענונג, אַז דער שלום וועט איר צוריקברענגען דעם מאַן.

קלאַוואַ שטוטשקאָ, וועמענס צוויי זין זענען געוואָרן אויסגעצייכנט ווי טאַנקיסטן ביים דעראָבערן סטאַלינגראַד, און וועמענס מאַן עס איז שוין געקומען צוריק פון פראָנט, האָט ווי אַ גליקלעכע פרוי און מאַמע אַראָפּגעוואָרפן דעם גאַנצן שווערן עול און נישט געקוקט, וואָס זי איז שוין נישט קיין יונגע, זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ קאָזאַטשאָק, אַזש דער דיל האָט געציטערט אונטער אירע פיס. דער עולם האָט צוגעפּליעסקעט מיט די הענט און זי נאָך מער דערמוטיקט. קלאַוואַ האָט זיך לאַנג, לאַנג געדרייט אין ווילדן טאַנץ, ווי זי וואָלט אין אים אַריינגעלייגט די מאַמעשע בענקשאַפט צו אירע צוויי שיינע יונגע זין, וואָס וועלן אַהיימקומען ווי גרויסע העלדן.

דער אַלטער זאַדישלעווער יעפים אייזיקאָוויטש באַרשאַפּ, וועמענס איינציקער זון ס'איז געווען אויפן פראָנט, האָט אַרויפגערוקט זיינע שטענ־דיק אַראָפּגעפאַלענע ברילן איבער דער נאָז, זיי אַרויפגעזעצט אויפן שטערן און מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן אַרומגענומען דעם עולם און אויסגעשריגן:

---

2 אויפרוימערין.

3 קוכנס.

4 געבראָטן שעפּסן־פלייש.

www.libtool.com.cn

— רוקט זיך אָפּ, מאַכט אַ פּלאַץ, לאָזט אַן אַלטן טאַטן אויך אויס־טאַנצן זיין פרייד און גליק!

נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער צעשפּרייט זיינע לאַנ־גע הענט און מיט די אויסגעדרייטע באַוואָליקטע קראַנקע פיס, האָט ער אָנגעהויבן ווילד צו טופּען איבערן דיל, ווערנדיק אויפגעמונטערט פון עולם:

— אַ גו־קאַ, באַרשאַפּ, פּאָקאַזשי פּאָקוס[5]!

דער אַלטער באַרשאַפּ האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ גאַלאָפּירנדיקן טאַנץ, אַ קאַזאַטשאָק, געמישט מיט אַ יידישער שערעלע. ער האָט זיך געדרייט און געדרייט, שווער געווען אים צו פאַרהאַלטן.

דער גאַנצער עולם האָט אין אַ קאַראַהאָד געטאַנצט אַרום די שטומע מאַשינען, וואָס זענען היינט, לכבוד דער גרויסער שמחה, געשטאַנען פאַר־יתומט, ווי אומנייטיקע חפצים.

דער עולם איז אַריין אין עקסטאַז. אין אַרטעל און אויפן גאַס האָבן מענטשן געטאַנצט און געהוליעט.

— שלום! שלום!

* * *

בערל רויטמאַן איז געזעסן אין אַ ווינקל מיט די אויגן פאַרקוקט אי־נעם זאַל. ער האָט בלויז געזען טאַנצנדיקע, הייבנדיקע פיס, אַ געפלעכט פון פיס, באַשטיוולטע, באַוואָליקטע, מיט כאַדאַקעס, טאַפּקעס און דאָס רוב באָרוועס.

ער האָט זיך איצט מיט די געדאַנקען אַוועקגעטראָגן אַהין, אַהין צו זיך אַהיים, נאָך וועלכער ער האָט געגאַרט און געבענקט, די היים וואָס האָט אים אָפּגענומען דעם שלאָף פון די אויגן, די היים וואָס האָט אים געלאָקט צו געפינען אַן אָפּרו נאָך די אַלע ליידן און פּיינען.

ער האָט דערפילט אַ שטאָך אין האַרצן, ער איז געווען מער ווי זי־

---

[5] גו, באַרשאַפּ, ווייז פּאָקוס.

www.libtool.com.cn

כער, אַז עס איז נישטאָ צו וועמען צו פאָרן און וווהין, ווו עפּנט מען אַ טיר און ווער וועט דיך טרייסטן און באַרויִקן?

— וואָס זיצט איר אַזוי פאַרזאָרגט און צעטראָגן, טאָוואַרישטש נאַטשאַלניק? — האָט דער אַלטער באַרשאַפּ, אַ פריילעכער און אויפגעלייגטער, סאַפּענדיק און פרייכענדיק פון אויסמאַטערנדיקן טאַנץ זיך אָפּגערופן צו רויטמאַנען, אים אויפגעוועקט פון זיינע מחשבות און אים אַריבערגעטראָגן אין דער ווירקלעכקייט.

— העי באַרשאַפּ, באַרשאַפּ! וואָס פאַרשטייסטו דען נישט? ווי אַזוי קאָן איך זיין פריילעך? אויפן היינטיקן טאָג האָב איך געוואַרט און געחלומט. דער היינטיקער טאָג אָבער וואָס האָט געדאַרפט זיין דער גליקלעכסטער פון מיין לעבן און דער פינאַל פון מיין פיין, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין מיין שווערסטן טאָג. היינט גיב איך זיך אָפּ אַ דין־וחשבון. איך מאַך דעם אמתן ווירקלעכן חשבון, נישט אַ חשבון פּאָ פּלאַנו[6], אַ ציפער מיט וועלכער איך פלעג זיך אָפּפּטרן, וועלנדיק דערווייזן, אַז אַלץ קלאַפּט אין דער בעסטער אָרדענונג. נאָר היינט האָב איך געמאַכט אַ ריכטיקן חשבון. איך האָב דערזען מ'יין נאַקעטקייט און מ'יין איינזאַמקייט, מיין טרויער און אומבאַהאָלפנקייט.

— וווהין גייט מען, טאָוואַרישטש באַרשאַפּ? — האָט רויטמאַן אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרטרערטע אויגן, אָנגעפילטע מיט זאָרג — ווו עפּנט מען אַ טיר? ווער וועט דיך דערוואַרטן, אַז דער שונא האָט פאַרטיליקט אונדזערע היימען. איך קאָן זיך נישט טרייסטן, ווי אַ סך פון אונדזערע פוילישע, אַז מיך האָט עס אויסגעמיטן. איך ווייס, אַז עס איז צום באַדויערן אַן אמת. אַן אמת, אַ גרויזאַמער און שוידערלעכער.

— אפשר איז פּאָרט ביי אייך עמעצער לעבן געבליבן און איר וועט עמעצן געפינען? — האָט באַרשאַפּ געפּרוווט טרייסטן רויטמאַנען. ער, באַרשאַפּ — אַליין אַ געליטענער, אין וועמענס נשמה עס טליעט נאָך אַ פונק פון יידישקייט — האָט דערפילט דעם טיפן שניידיקן ווייטיק פון

---

[6] לויטן פּלאַן.

www.libtool.com.cn

וואַנדערנדיקן ייד, וואָס ווערט געפּלאָגט אויף אַלע וועגן און קאָן נישט דערגרייכן קיין ציל.

— קומט באָריס כּאַאימאָוויטש — האָט זיך באַרשאַפּ אָפּגערופן מ׳יט רחמנות — טרינקט אַביסל, דער ווייַן וועט פאַרטרייבן אייער מרה־שחורה.

גלאָז נאָך גלאָז, וווהין עס האָבן אַריינגעקאָפּעט גרויסע וויִיטיקדיקע טרערן, האָט רויטמאַן געזשלאָקעט. און אויף די גאַסן און אינעם אַרטעל, האָבן זיך די פריידיקע געזאַנגען געטראָגן און געשאַלט:

שלום! שלום אויף דער וועלט!...

www.libtool.com.cn

נע-ונד

צו אַלץ דאַרף מען מזל. גרינשטיינען האָט דאָס מזל צוגעדינט. ער איז אַריינגעפאַלן אין ערשטן עשאַלאָן.

אויפן זעלבן וואָקזאַל פון סאַמאַרקאַנד, ווו ער איז געלעגן אויף דער גאַס מיט אַ סך האָפענונגען און טרוימען אויף דער באַפרייאונג, איז ער איצט געזעסן און געוואַרט אַרויסגעלאָזט צו ווערן אויפן פעראָן. ער איז אַריין אין עשאַלאָן מיטן פעקל זאַכן אויף די פּלייצעס און פאַרנומען אַ נאַרע.

באַקאַנטע און שכנים האָבן זיך צוזאַמען איינגעאָרדנט, כדי זיך צו מאַכן אנגענעמער די רייזע.

דער לאַנגער עשאַלאָן איז געשטאַנען אויף אַ זייטיקער באַן־ראַמפּע. ער איז באַשטאַנען פון זעכציק וואַגאָנען פאַרפולט מיט אַ סך הונדערטער פּוילישע יידן.

אין טאָג פונעם אָפּפאָר זענען זיך געקומען מיט אים געזעגענען אַר־בעטער רוסן, אוזבעקן, יידן, טאַטאַרן.

דער אַלטער באַרשאַפּ האָט די ברילן אַרויפגערוקט אויפן שטערן, זיך שטאַרק און הייס צעקושט מיט גרינשטיינען:

— איר זענט אַ גליקלעכער מענטש — האָט באַרשאַפּ מיט אַ ציטערדיקער שטים געזאָגט — איר פאָרט שוין אַהיים און איך וואַרט נאָך אַלץ אויף מיין זון, וואָס דאַרף קומען פון פראָנט און מוז זיך נאָך פּרעג־לען דאָ אין די גרויסע היצן.

אין לעצטן מאָמענט, ווען דער עשאַלאָן האָט שוין געהאַלטן ביים רירן, איז אָנגעקומען אַ פאַרסאָפּעטער קים מיט קאַוואַלינען. זיי האָבן זיך האַרציק גוטברודעריש געזעגנט מיט גרינשטיינען:

— פאַרגעס נישט אָן אונדז — האָט קים געזאָגט אַ געריךטער — דערמאָן אונדז צום גוטן! מען דאַרף אַלץ פאַרגעסן... אויך מיר פאַרגעסן אַ סך זאַכן.

www.libtool.com.cn

דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ האַסטיקן שלעפּ געטאָן די וואַגאָנען און צוגעפּאָרן אויף דער פּאָדערשטער ליניע האַרט ביים וואָקזאַל, ווו ס׳האָט שוין געוואַרט אַ גאַנצע דעלעגאַציע מיט פאָרשטייער פון פּוילישן פּאַטריאָטן־פאַריין און פון דער מאַכט. הונדערטער פּוילישע יידן, וואָס האָבן געוואַרט אויף די ווייטערדיקע עשאַלאָנען, האָבן זיך דאָ צונויפגעקליבן. דער פּרעדסעדאַטעל פון גאָראיספּאָלקאָם האָט געהאַלטן אַ שיינע און רירנדיקע רעדע. דער עולם אין די וואַגאָנען האָט אָפּגעענטפערט מיט הוראַ־אויסגעשרייען באַגלייט פון געזאַנג, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון טויזנטער קעלן און דער עשאַלאָן האָט גערירט פון אָרט.

די אַלע באַגלייטער צוזאַמען מיט דער שטאָט סאַמאַרקאַנד האָבן זיך גענומען דערווייטערן, פאַרקלענערן און צום סוף פאַרשווינדן פון אויג.

זיי געזעגנט סאַמאַרקאַנד! אַדיע! — האָבן אַלע געפאָכעט מיט די הענט.

ביי דער ערשטער ראָגאַטקע איז דער עשאַלאָן באַוואָרפן געוואָרן מיט אַ האָגל שטיינער, וואָס האָבן הילכיק אָפּגעקלונגען אויפן דאַך.

אין ערשטן מאָמענט ווי נאָר עס האָבן זיך באַוויזן די באַגריגטע פעלדער און די נאָענט ליגנדיקע ביי די ליניעס קישלאַקן, האָט גרינשטיינען אָנגעהויבן צופן ביים האַרץ. עס האָט אים געדריקט אַ שטאַרקער ווייטיק און בענקשאַפט. ער האָט אויפן סאַמאַרקאַנדער בית־עלמין איבערגעלאָזט זיין פרוי, וואָס איז אויסגעגאַנגען פון הונגער. פאַר די אויגן איז אים געשטאַנען אין דער גאַנצער לענג און ברייט דער פאַרוואַלטער פון אַלטן בוכאַרישן בית־עולם, אַ בוכאַרער ייד מיט אַ פּאַטריאַרכאַלישער ווייסער באָרד. דער דאָזיקער ייד האָט אים געפירט ווייזן דאָס קבר פון זיין פרוי. זי איז נקבר געוואָרן דאַן ווען ער איז געלעגן אין שפּיטאָל.

— איר זעט — האָט דער פאַרוואַלטער פון בית־עלמין אָנגעוויזן מיט דער האַנט — אָט דאָס גאַנצע בערגל שיפּוע פון אויבן ביז אונטן איז פאַרלייגט מיט אייערע מענטשן. אַ שיינעם חלק האָבן זיי צוגעטראָגן צו דער באַרייכערונג פון אונדזער בית־עלמין.

יאָ, דער בית־עלמין איז געווען גרויס און ברייט, מיטן אויג נישט צו דערגרייכן. אַ סך נאָמענלאָזע און עלנטע האָבן דאָ געפונען זייער רו. ער־

www.libtool.com.cn

געצווו באַווײַנט זיי אַ מענטש, וואָס ווייסט אַפּילו נישט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

דער עשאַלאָן האָט אַלץ ווייטער און ווייטער געשניטן די מרחקים. מיטן זעלבן וועג ווי מען איז אַהערגעפאָרן, האָט ער געצויגן צוריק — צו טאַשקענט אויפן וועג אַהיים.

— אַהיים? אַהיים? ווו האָבן מיר דען אַ היים? ווו פאָרט מען און צו וועמען? פון איין גיהנום אַרויס — אין צווייטן אַריין.

אַ שטילע נאָגנדיקע בענקשאַפט האָט אַרומגעכאַפּט גרינשטיינען. סאַמאַרקאַנד וועט אייביק זיין איינגעקריצט אין זיין האַרצן. אַזעל־כע שווערקייטן און יסורים דאָ אויסגעשטאַנען און דאָך האָט מען דאָ דורכגעקעמפט און דורכגעלעבט די מלחמה־צייט.

ווי גוט וואָלט געווען, ווען מען קומט צופאָרן אין אַ רואיקע און גליקלעכע היים! אָבער...

— וואָס זיצט איר אַזוי פאַרטרויערט? — האָט גרינשטיינען אי־בערגעריסן זיינע געדאַנקען מיכל ווײַנטרויב, זיין שכן פון דער נאַרע.

— אָט עס טראַכט זיך... מיר האָבן דען נישט וועגן וואָס צו טראַכטן? ווייניק האָבן מיר דאָ איבערגעלאָזט? יעדער איינער פון אונדז האָט דאָ עפּעס טייערס פאַרלוירן און זייער ווייניק גליקלעכע געפינען זיך צווישן אונדז.

— אַבי אַרויס מיטן לעבן — האָט ווײַנטרויב געענטפערט, — וועלן נאָר זיין ביינער, וועט דערויף פלייש אויסוואַקסן.

— אייך איז גוט וואָס איר גלייבט... אַ ווילע זאָך בטחון, אָבער ווייסן מיר דען נישט, אַז מיר פאָרן אַט גלאַט אַזוי, צו נייעליידן און נייע אַנטוישונגען. פאַר אונדז איז שוין גאָרנישט אָנגעגרייט. נישט קיין היים, נישט קיין רואיק לעבן... צעבראָכענע און פאַרפּייניקטע מענטשן זענען מיר, אויסגעמאַטערטע, דערנידעריקטע און באַליידיקטע.

די ייִנגערע חברה אינעם וואַגאָן האָבן זיך אויף זייער אופן געזעגנט מיט אוזבעקיסטאַן. דעם גאַנצן וועג האָבן זיי געזונגען. ווו נאָר דער עשאַ־לאָן האָט זיך געשטעלט, זענען זיי אַראָפּ, איינגעקויפט צום עסן און זיך

www.libtool.com.cn

געלאָזט ווילגיין. די געזאַנגען האָבן זיך געריסן פון די אָפענע טירן. זייער עכאָ האָט אָפּגעשלאָגן איבער אוזבעקישע פעלדער.

די נאַכט איז האַסטיק צוגעפאַלן. אַ פרישע אויסגעלייטערטע לבנה האָט זיך געיאָגט אין גאַלאָפּ וועלנדיק אָניאָגן דעם עשאַלאָן, וואָס איז געלאָפן מיט איין אָטעם. אַ געשמאַקע דופטיקייט האָט זיך דערטראָגן פון די פעלדער און אָפּגעפרישט די שווערע טאָג־היץ.

פון אַלע וואַגאָנען האָבן זיך געטראָגן געזאַנגען און זיך צוזאַמענגע־מישט אינאיינעם, פונקט ווי איין מעכטיקער כאָר וואָלט אַרויס אין פאַר־מעסט.

ביי גרינשטיינען אין וואַגאָן האָט געהוזשעט ווי אין אַ בינשטאָק, ווי די מענטשן וואָלטן גאָרנישט מיד געווען, און פונקט ווי זיי וואָלטן זיך איצט דערפרישט. קיינער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן די שווערע זאָרגן וואָס האָבן געדריקט און געפּייניקט און אַרונטערגעבויגן דעם גוף.

אַלץ איז ווי פאַרגעסן געוואָרן. קיינער האָט מער נישט געטראַכט פון סאַמאַרקאַנד, ווי די שטאָט וואָלט אינגאַנצן נישט עקזיסטירט און דאָס נייע וואָס שטייט פאַר איז נאָך נישט געקומען צו זייער באַוווּסט־זיין. דערוויילּ פאָרט מען. וואָס עס וועט זיין דאָרט אינדערהיים, וועט מען שפּעטער זען. קיינער האָט דערפון נישט געטראַכט. דער עשאַלאָן האָט זיך געריסן אַלץ ווייטער אין דער נאַכט.

* * *

אַ בלייכער פרימאָרגן־שטראַל האָט אַריינגעבליקט אין דער צעכראַס־טעטער טיר פון וואַגאָן. מידע פון דער נאַכט־רייזע אויף די האַרטע נאַ־רעס האָט זיך דער עולם רעפּאַטריאַנטן גיך אויסגעטשוכעט און ערשט דערפילט דעם אמתן ביטערן טעם פונעם נע־ונדן פאָרן. יעדער איינער האָט געזוכט ווי אַזוי זיך איינצואָרדענען באַקוועמער אין וואַגאָן, זיך אונ־טערגאַרטלען אויף לאַנגע טעג און נעכט, וואָכן גאַנצע וויפל ס׳דראַף דויערן די רייזע פון איין עק וועלט צום אַנדערן.

די פרוי באַרמאַן, וואָס האָט געלאָזט איר מאַן אויפן סאַמאַרקאַנדער בית־עלמין, — ער איז אויסגעגאַנגען אין מיטן גאַס פון אַ בלוטיקער

www.libtool.com.cn

דעזינטעריע, — איז איצט, ווי אויפגעכאַפּט פון אַ לעטאַרגיע, אַרויס מיט אַ געוויין:

— ער האָט עס נישט דערלעבט... ער האָט אַזוי געוואַרט אויף דער באַפרייאונג, שטענדיק געחלומט פון דעם גליקלעכן מאָמענט צוריקצו־פאָרן אַהיים און ער האָט נעבעך נישט דערלעבט.

אַלע אָנוועזנדיקע האָבן קוקנדיק אויף דער פּרוי שטיל אין זיך מיט־געכליפּעט. יעדער איינער האָט זיך דערמאָנט אין אייגענע און נאָענטע, פריינד, באַקאַנטע, וואָס זענען אַוועק אויף אייביק, געפונען זייער רו אין דער ליימיקער ערד פון סאַמאַרקאַנד.

מ׳האָט דער פרוי באַרמאַן אָנגעהויבן באַרואיקן, אָבער די שטימונג איז שוין געבליבן אַ שווערע און דערדריקטע.

יעדער איז שטיל געזעסן אין זיין ווינקל אַ פאַרטראַכטער און פאַר־שלאָסענער אין זיך.

דער צוג איז שטיין געבליבן אין טאַשקענט. דאָס יונגוואַרג האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער שטאָט.

* * *

דאָס לעבן אין וואַגאָן האָט זיך נאָרמאַליזירט. יעדער איינער איז געווען פאַרטאָן מיט זיך, מיט זיינע פּערזענלעכע דאגות און זאָרגן. דער צוג איז נישט לאַנג געשטאַנען אויף דער סטאַנציע און ווידער זיך גענומען רייסן אַלץ נענטער און נענטער צום ציל.

די זון האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון די טיפענישן פון די וועלדער. אַ מילדער און זומערדיקער פרימאָרגן האָט אַ בליאַסק געטאָן מיט דער גאַנצער פּראַכט.

אויף דער גרענעץ־סטאַנציע איז געוואָרן אַ באַוועגונג. די באַפּול־מעכטיקטע פאָרשטייערין פון דער סאַמאַרקאַנדער מאַכט, וואָס האָט באַ־גלייט דעם עשאַלאָן, האָט זיך געגרייט אָפּצופאָרן צוריק צו זיך אַהיים, קיין סאַמאַרקאַנד. דער סטאַראָסטע פון עשאַלאָן, אַ פּוילישער ייד, איז געגאַנגען איבער אַלע וואַגאָנען און צונויפגעקליבן מתנות פאַר דער רו־סישער באַגלייטערין. יעדער האָט גערן וואָס געגעבן, ווייל זי האָט דעם

www.libtool.com.cn

גאַנצן וועג אַרויסגעוויזן גרויס פאַראינטערעסירונג מיט די פוילישע יידן. די „אופּאָלנאָמאָטשעני״ האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט יעדן באַזונדער.

אויף דער צווייטער זייט ראַמפּע איז אָנגעקומען אַ פּראַכט־עשאַלאָן מיט אוקראַינער, וואָס האָבן פאַרלאָזט פּוילן און געפאָרן צו זיך אויף אוקראַינע. די וואַגאָנען זענען געווען אָנגעפּראָפּט מיט פערד און בהמות, ציגן, הינט און קעץ. זיי האָבן דורכגעשפּיזט מיט די אויגן די אָפענע טירן פון פּוילישן עשאַלאָן. זייערע בליקן האָבן קיין גוטס נישט אויסגעדריקט.

ביי זיי אין עשאַלאָן איז די רעוויזיע געווען אַ גרינטלעכערע. זעלנער האָבן מיט לאַנגע שפּיזן דורכגעשטאָכן די הויכע סטויגן היי און שטרוי. זייערע פּרויען זענען אַרויס פון די וואַגאָנען און גלייך ביי די שינעס צעלייגט אַ פייער און זיך גענומען צום קאָכן און פּרעגלען.

באַוואָנצטע פּויערים מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און באַזויפטע פּנימער זענען געזעסן אויף די צוגעשטעלטע לייטערלעך פון די וואַגאָנען און שטיל צווישן זיך גערעדט, קוקנדיק געהיימנישפול פאַרדעכטיקט צום פּוילישן עשאַלאָן.

* * *

די עשאַלאָן־באַדינונג האָט זיך געביטן. מ׳האָט געפילט, אַז גאָר אין גיכן וועט דער צוג רירן פון אָרט. דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרשטאַרטקייט, אָנגעהויבן צו סאַפּען. אַרויסגעלאָזן פון זיך שוואַרצע קנוילן רויך, וואָס האָבן פאַרשטעלט די זון און זיך אַוועקגעקוילערט צו די אַרומיקע וועלדער.

אַלץ איז געזעסן אין געשפּאַנטער דערוואַרטונג.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך האַסטיק אַ ריס געטאָן פון אָרט און ראַש אַ שלעפּ געטאָן נאָך זיך די וואַגאָנען. פון שטאַרקן שלעפּ האָבן זיך אַלע אַ וואַקל געטאָן. אַ שטאַרקער פייף פון לאָקאָמאָטיוו האָט זיך צעשלענגלט אין דער לופט און זיין עכאָ האָט ווייט אָפּגעקלונגען אין דער וואַלדיקער אַרומיקייט.

אַלע האָבן זיך געשטעלט אין דער גרויסער אָפענער טיר פון וואַגאָן און געזוכט מיט די אויגן די גרענעץ־סלופּקעס. מ׳האָט געוואָלט דערשנאַפּן די היימישע לופט.

www.libtool.com.cn

ביי אַ קלענערער סטאַנציע, ווו דער עשאַלאָן האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, איז אַרויפגעשפּרונגען אַ פּוילישער זעלנער מיט אַן אויטאָמאַט אויף די פּלייצעס און פאַרגעלייגט צו טוישן רובלס אויף זלאָטעס. ער האָט געגעבן אָנצוהערן געהיימניספול, אַז מען זאָל זיך פאַר אים נישט זשענירן, סײַ־ווי האָבן די רובלס נישט קיין ווערט אין פּוילן. ער האָט געוואָלט צאָלן טייערער ווי ביי דער גרענעץ. קיינער האָט קיין שום מסחרים מיטן זעלנער נישט געשלאָסן. אַלעמענס אויגן זענען געווען אָנגעשטעלט אויפן יונגן באַוואָפנטן שייגעץ, ווי וועלנדיק דערגייז ביי אים דעם גרויסן סוד און די האַרבע פראַגע וואָס האָט יעדן געמאַטערט:

— וואָס איז געשען מיט די יידן אין פּוילן?

אַלע האָבן געשוויגן. דער זעלנער האָט זיך אַריבערגעכאַפּט אין אַ צווייטן וואַגאָן. דער צוג האָט ווייטער געריידט אין וועג.

— שוין, מיר זענען אין פּוילן — האָט זיך טשעמנינסקי אָנגערופן.

— מיר פאָרן איצט אויף היימישער ערד.

ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער אָפענער טיר, אַראָפּגעצויגן פון זיין הויזן־רימען דעם פאַרזשאַווערטן קאָטיאַלאָק, אַרומגענומען דאָס שטיקל שמוציקע בלעך, צוגעדריקט צו זיין האַרצן און הויך אויפן קול אַריינגערעדט דערין ווי ס׳וואָלט געווען אַ לעבעדיק באַשעפעניש:

— מיין טייערער, האַרציקער חבר און באַגלייטער, דו האָסט מיך נישט געלאָזט אויסגיין פון הונגער, דו האָסט אין מיר דערהאַלטן דאָס חיות און מיך דערפירט ביז דאַנען. זיי געזעגנט, גוטער ברודער! — ער האָט אָנגענומען דעם קאָטיאַלאָק ביים הענטל און מאַיעסטעטיש אַרויסגעוואָרפן דורכן וואַגאָן אין דער ריכטונג פון דער גרענעץ:

— גיי אַהין פון וואַנען דו ביסט געקומען, אפשר וועסטו ווערן אַ חבר פאַר אַן אַנדערן, נויטבאַדערפטיקן ווי איך בין געווען. איך האָב באַשלאָסן קיין זאַך נישט צו געניסן פון דאָרט. איך וויל בלויז ברענגען מיינע אויסגעדאַרטע טרוקענע ביינער. מיין געוויסן איז מיר ריין און די הענט זענען ווי קרישטאָל. איך האָב נישט געגנבעט, נישט גערויבט. זיך געמאַטערט פון ערשטן טאָג אָן ביז צו דער לעצטער מינוט.

www.libtool.com.cn

טשעמנינסקי איז נאָך לאַנג געשטאַנען ביי דער טיר און געקוקט מיט זיינע אויגן אין דער ריכטונג פון דער גרענעץ, וווּ זיין קאַטיאָלאָק האָט זיך אַוועקגעקוילערט.

אַלע אין וואַגאָן האָבן זיך צוגעקוקט פאַרגאַפט צו דער דאָזיקער סצענע מיט טרערן אין די אויגן...

www.libtool.com.cn

אויף דער פוילישער טעריטאָריע

מיט קלאָפּנדיקע הערצער האָט יעדער פּאַסאַזשיר אַרויסגעקוקט דורך דער אָפענער וואַגאָן־טיר. אויף יעדער באַן־סטאַציע האָט מען באַמערקט איינציקע פּאָליאַקן, וואָס האָבן געזוכט צו טוישן רובלס אויף זלאָטעס. נישט געווען צו דערקענען די פּוילישע ערד.

דאָ האָט מען אָנגעזען מערער חורבות ווי אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע, אַרויסשטאַרצנדיקע קוימענס פון פאַרברענטע הייזער, איינ־געלייגטע קופּעס ציגל האָבן פאַרפולט דעם גאַנצן אַרום. אַן אומהיימ־לעכקייט האָט געווייעט פון אַלע זייטן.

פאַרשווונדן מיט איין מאָל דער כאַראַקטעריסטישער טומל פון פוי־לישן וואָקזאַל פון פאַר דער מלחמה, מ׳האָט נישט אָנגעזען קיין יידיש פּנים. פרעמד און האַרט האָט אָפּגעקלונגען די פּוילישע שפּראַך ביי די באַן־באַאַמטע.

דער עשאַלאָן איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַ האָגל שטיינער פאַר־בייפאָרנדיק אַ סטאַציע, און הילכיקע אויסגעשרייען „זשידקי״ האָבן זיך דערטראָגן פון אַלע זייטן.

גרינשטיין איז געזעסן ווייט פאַרוקט אויף זיין נאַרע און אַרויסגע־קוקט דורכן קליינעם פענצטערל.

די פעלדער זענען געשטאַנען אין פולן בלי. דער קאָרן האָט זיך גע־וויגט הויך אינעם לייכטן ווינטל מיט פאַריסענע זאַנגען. אַלץ ווי אַמאָל און דאָך אַזוי קאַלט און פראָסטיק. די גרין־באַשאָטענע פעלדער מ׳יט מענגעס קאָלירפולע בלימעלעך, האָבן אומהיימלעך געווייעט אויף דער נשמה. יעדעס גרעזל און בלימל, זאַנג און געוויקס איז געווען איינגעהילט אין סודות, ווי זיי וואָלטן נישט דערזאָגט דעם גרויסן סוד פון זייער וווקס. גרינשטיין האָט אַרויסגעפילט פון דער שטילער צעוואַקסענער ערד דעם גרויסן סוד וועלכן זי טראָגט מיט זיך, דעם סוד פון שוידערלעכן אומקום פון אַלע יידן.

www.libtool.com.cn

שווער איז געווען אויף דער נשמה. אַן אומהיימלעך געפיל האָט גע־דריקט און געצופּטביים האַרץ.

טשעמנינסקי איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע אין זיין גאַנצער לענג, דעם קאָפּ אַרויסגערוקט דורך דער צעבראָסטעטער וואַגאָן־טיר, מיט אָנגעשטעלטע אויגן און אָנגעשפּיצטע אויערן, ווי ער וואָלט גע־וואָלט דערגיין ביי די רחבותדיקע פעלדער דעם גרויסן באַשייד.

גרינשטיין האָט זיך איינגאַנצן געענדערט. ער האָט נישט געקאָנט טועם־זיין פון גאָרנישט, אים איז קיין זאַך נישט אָנגעגאַנגען. ס׳האָט אים גאָרנישט אינטערעסירט. צופיל איז ער געווען אָנגעווייטיקט אינעם אָנ־בליק פון דער גרויסער שטומעניש און סודותדיקייט.

— ווי לאַנג נאָך וועלן מיר אַזוי פאָרן? — האָט זיך גרינשטיין אָנ־געוופן צו טשעמנינסקין, וואָס האָט איצט אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ העלד. ער געדענקט אים נאָך פון סאַמאַרקאַנד מיט זיין מאָדנעם הילוך און משונהדיקער האַלטונג. איצט זעט ער, אַז ער איז געווען אויסגע־האַלטן ביזן סוף. דער דאָזיקער מענטש איז ביי אים געוואַקסן אין די אויגן.

טשעמנינסקי האָט אַ קנייטש געטאָן זיין בלאַסן שטערן און געענט־פערט: — איך ווייס? מע פרעגט דען ביי אונדז. מיר קאָנען דאָך נישט אַראָפּגיין ווו מיר ווילן, ווו אונדזער עשאַלאָן וועט בלייבן שטיין וועלן מיר צוגלייך מיט אַלע אויסשטייגן. וואָס איז די נפקא־מינה ווו. ווו האָט אַ הונט אַ בודע? מיר האָבן דאָ נישט וואָס צו זוכן. עס איז קלאָר, אַז מיר זענען געקומען אויף קברים און אין חורבות וועלן מיר הויזן...

גרינשטיין האָט געשוויגן.

— מיר האָבן נאָך אונדזערע זעקלעך מיט שמאַטעס נישט אויסגע־פּאַקט — האָט טשעמנינסקי פאַרגעזעצט — מיר וועלן נאָך געננג וואַנ־דערן ביז מיר וועלן געפינען אַ רואיק ווינקל. דאָ איז אַלץ צייטווייליק. איר הערט, יידן, — האָט ער זיך געווענדעט צו אַלעמען אויפן קול — נישט געווען כדאַי דער גאַנצער קאַמף אייערער און מיינער, אויב מיר וועלן זיך איצט נישט אויסקעמפן קיין מקום־מנוחה וועט עס אונדז קיי־נער נישט געבן.

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

— יאָ. יאָ! — האָט גרינשטיין געענטפערט — אַ שווערע און בייזע צייט קומט אויף אונדז. דערליידן־בעכער איז נאָך נישט פול. איך האָב געהאָפט, אַז איך וועל איבערלעבן די מלחמה און קומען אַהיים צו נאָענטע און אייגענע, האָבן ווו צוצוטוליען דעם קאָפּ, פּאַר וועמען אַראָפּצורעדן די שווערקייטן פון האַרץ און דאָ פאָרן מיר שוין צוויי טעג און מען זעט נישט קיין יידיש פּנים, נאָר בייזע בליקן, שפּיזיקע אויגן פון די פּאָליאַקן. שיין דערלעבט, נישטאָ וואָס צו רעדן.

אַ טייל מענטשן האָבן זיך גלייך צוגעוווינט צום געדאַנק, שלום געמאַכט מיטן גורל; נישטאָ קיינער און שוין, מען דאַרף דאָס לעבן ריכטן אויף נייע רעלסן. מען קאָן דאָך אייביק נישט טרויערן.

טשעמנינסקי האָט זיך צעקאָכט:

— ווי קאָן מען פאַרגעסן, זעק מיט אַש דאַרפן מ'יר אייביק טראָגן! אַ גאַנץ פאָלק איז אומגעקומען אויף קידוש השם, פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט און די זון לויכט נאָך און די וועלט פירט זיך נאָך, מענטשן לעבן און גייען אַרום, פאַרזייען פעלדער, וואָס זענען אויסגעווייקט געוואָרן מיטן בלוט פון אונדזערע טייערסטע און מיר וועלן נאָך עסן דאָס ברויט פון די דאָזיקע פעלדער און עס וועט אונדז נישט קרענקען, צי וועט איר קענען רואיק אַראָפּשלינגען דעם ביסן?

— דאָס לעבן איז שטאַרקער פון אונדז — האָט ווייסמאַן זיך געפּרוווט פאַרטיידיקן.

— שווייגט בעסער! — האָט טשעמנינסקי געדונערט מיט זיין שטים און געשאָטן מיט מוסר — איר האָט זיך גלייך צוגעפּאַסט צום לעבן. איר האָט זיך פאַרזאָרגט מיט אַנדערע פרויען, אין דער צייט ווען איר האָט אינדערהיים געלאָזט פרויען מיט קינדער, דאַן נאָך, ווען איר האָט נישט געוווסט וועגן גרויסן אומגליק. נאָר וועגן מאַכן געלט און לעבן אַ גוטן טאָג האָט איר געטראַכט.

טשעמנינסקיס שטראָף־רייד האָבן געשטאָכן און געשפּיזט. די שטימונג איז געוואָרן אַ דערדריקטע און פיינלעכע. יעדער איז געזעסן אין זיין ווינקל און געשוויגן.

* * *

www.libtool.com.cn

דער עשאַלאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין קאַטאָוויץ. יונגעלייט זענען אַרומגעגאַנגען אַרום די וואַגאָנען און געזוכט בעלנים אין די קיבוצים פון די פאַרשיידענע פּאַרטייען וואָס האָבן זיך שוין דאָ באַוויזן צו שאַפן.

טשעמנינסקי איז געשטאַנען מיט אייניקע יונגעלייט און געפירט מיט זיי אַ הייסן וויכוח. ער האָט געשלונגען יעדעס וואָרט פון די בחורים, וואָס האָבן אים פאַרגעלייגט אַריינצוטרעטן אין זייער קיבוץ.

טשעמנינסקי איז אַריינגעלאָפן אין וואַגאָן, צונויפגעכאַפּט זיינע פּאָר שמאַטעס און אַ שטאָלצער אויסגערופן:

— איך בין שוין פּטור פון אַלץ. איך וואַנדער מער נישט מיט קיין עשאַלאָנען. איך וועל פאָרן קיין ארץ־ישראל, און דאָרט וועל איך בויען מיין נייע היים. דאָרט וועל איך קאָנען פאַרגעסן אין מיינע צרות, דאָרט וועל איך שטילן מיין בענקשאַפט נאָך מיין פאַרלוירענער משפחה, נאָך מיין פאַרשניטענער היים.

— זייט געזונט מיינע ליידנס־ברידער, פאָלגט מיך און טוט נאָך מיין ביישפּיל. איר וועט זיך אויסהיילן פון אַלע אייערע פּיינען און ספיקות.

ער האָט אַ וואַרעמען בליק געוואָרפן אויף אַלעמען, זיך צעקושט מיט גרינשטיינען און איז אַרויס אַ פריידיקער און שטאָלצער.

— געֶרעכט, זייער קלוג האָט טשעמ'נינסקי געטאָן — האָט זיך גרינ־שטיין אָפּגערופן — ער האָט אויסגעקליבן דעם בעסטן וועג. אונדז האַלטן דאָ די זעק מיט די פּעק, אַלע האָבן מיר פּאַקטיש געדאַרפט גיין מיטן דאָ־זיקן וועג.

אייניקע באַקאַנטע זענען אַוועק צום קאַטאָוויצער קאָמיטעט און אויס־געפּועלט מען זאָל אַראָפּנעמען אייניקע פאַמיליעס אין שטאָט.

גרינשטיינען איז שוין מיאוס געוואָרן דאָס שלעפּן זיך אין עשאַלאָן. מ'האָט געשמועסט, אַז דער גאַנצער עשאַלאָן דאַרף פאָרן קיין נידער־שלעזיע, ווו עס זענען פאַראַן פרייע וווינונגען פון די אַרויסגעטריבענע דייטשן. אָבער געטוי האָט קיינער נישט געוווּסט.

גרינשטיין איז אַריינגעפאַלן אין דער גרופּע מענטשן, וואָס האָבן

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

אויסגעפּועלט ביים קאַטאָוויצער שטאָטישן קאָמיטעט מען זאָל זיי דאָ פאַרהאַלטן.

אין געאייל האָט גרינשטיין פאַרכאַפּט אַלע זיינע זאַכן און פעקלעך, ביים באַן־פּלויט איז אַלץ צונויפגעלייגט געוואָרן און מען האָט געוואַרט אויף אַן אויטאָ.

* * *

דער עשאַלאָן האָט גערירט פון אָרט שלעפּנדיק מיט זיך אין ווייטערדיקן גלות־וועג די פּוילישע יידן, אין דער באַגלייטונג פון שטעכיקע בליקן פון פּאָליאַקן, אָבער נישט אין זייערע געוועזענע היימען, וווּ זיי האָבן געגאַרט און געחלומט אַזויפיל יאָרן וועגן זיי, נאָר ווו עס האָט זיך געלאָזט.

קיינער האָט נישט געטראַכט פון זיין געבוירן־שטאָט, פון זיין היים. יעדער איז געווען איבערצייגט, אַז קיינער איז נישטאָ און אינסטינקטיוו אויסגעמיטן צו טראַכטן וועגן אַ באַזוך אַ אויף די קברים און חורבות.

דער עשאַלאָן איז פאַרשוווּנדן פון אויג און אַ גרויסע פּוסטקייט און ליידיקייט האָט אַרומגעכאַפּט גרינשטיינען...

www.libtool.com.cn

מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

קאַטאָוויץ

אַרומגערינגלט מיט די אַלטע און נייע מאָגילקעס איז אין גרינס געשטאַנען איינגעטונקען אַן אַלטער באַראַק. אַ לאַנגער הילצערנער בנין מיט אַ סך צימערן, אין וועלכן עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די געקומענע פוילישע יידן. יידן פון לאָדזש און פון וואַרשע, פון ווילנע און פיאָטרקאָוו, פון ביאַליסטאָק און פון וואַנען נישט. יידן וועלכע האָבן זיך צוגעטוליעט אויף דערווייל, מידע פון שלעפן זיך וואָכנלאַנג אין די עשאַלאָנען.

אין יעדן צימער — פיר רייען אויסגעשטעלטע צוויי־עטאַזשיקע נאַרעס, מיט שטרוי־מאַטראַצן. ביי דער טיר זענען געשטאַנען יידישע וועכטער מיט ביקסן אויף די פלייצעס און באַוואַכט דאָס לעבן פון די נייגעקומענע. דער באַראַק איז אויף שלעסער פאַרמאַכט געוואָרן אין די אָוונטן.

גרינשטיין איז אַ מידער צוגעפאַלן אויף זיין געלעגער. די אַרומיקע שכנים אויף די נאַרעס זענען געלעגן צונויפגעקורטשעטע אין דרייען, פאַרזונקען אין שווערע געדאַנקען.

אויף דער היימישער ערד איז דאָס לעבן געוואָרן נאָך פיינלעכער און האַרבער. אָן אַ ציל און אָן אַן אויסוועג.

אַ מחנה וואַנצן זענען באַפאַלן די נייע געסט און מיט שוידערלעכער אַכזריות האָבן זיי אָפּגעגעבן אַ נייעם און היימישן שלום עליכם.

די וואַך ביי דער טיר האָט געשפּאַנט הין און צוריק צוגעבנדיק נאָך מער אומעט און אומהיימלעכקייט.

גרינשטיין האָט נישט געקענט באַנעמען די נייע לאַגע. צו וואָס דאַרפן שטיין באַוואָפנטע וועכטער ביי די טירן?

יאָ, דאָס לעבן פון די יידן איז דאָ נישט געווען זיכער. אַרומגערינגלט מיט שונאים און פיינטלעכע בליקן איז דאָס לעבן געשטאַנען אין געפאַר.

דאָס עלעקטרישע ליכט האָט געברענט, כדי אָפּצוויאָגן פון זיך די

www.libtool.com.cn

מחנות וואַנצן, וואָס האָבן אומעטום געראַיעט אומגעשטערט. שווער גע־ווען צוצומאַכן אַן אויג. כאָטש די מידקייט האָט זיך פויל איינגעגעסן אין די ביינער.

יעדער האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער און זעענ־דיק, אַז די היינטיקע נאַכט וועט נישט געלינגען צו שלאָפן, זענען די מענטשן אַראָפּגעקראָכן פון די נאַרעס און אָנגעהויבן שפּאַצירן איבערן גרויסן האַלב־טונקעלן קאָרידאָר.

יצחק פּערלשטיין איז שוין דאָ געווען אַ לאַנגער תושב. אַליין אַ גע־בוירענער אַ קאַטאָוויצער, האָט אים גלייך געצויגן אַהער אין זיין געבוירן־שטאָט. אמת, דאָ זענען קיין חורבות נישט געווען. אָבער קיין יידן זענען דאָ נאָכן גרויסן מבול נישט פאַרבליבן. די יידישע הייזער זענען געווען פאַרנומען, באַזעצט מיט פּאָליאַקן און די נייע שכנים האָבן אויף דער שוועל נישט אַריינגעלאָזט די אַלטע באַלעבאַטים, און אַנדערע האָבן זיי פּשוט אַרויסגעיאָגט ווי איבעריקע און אומגעוווּנטשענע.

יצחק פּערלשטיין איז אַרומגעגאַנגען איבערן קאָרידאָר, אַ פּאַרטיפּ־טער אין שווערן אומעט. ער האָט באַמערקט גרינשטיינען און זיך מיט אים צעשמועסט:

— אַ בידנע און פּיינפולע לאַגע. אָן שום אויסזיכטן אויף דער צו־קונפט — האָט ער אָפּזיפצנדיק געזאָגט — זיך אויסגעפּייניקט אין די קאָנצלאַגערן, געווען אַ קאַנדידאַט אין קרעמאַטאָריע, מיט גרויס מי זיך אַרויסגעריסן פון די נעגל פון טויט און איצט בין איך אינגאַנצן צעבראָכן, אָן שום אויסוועג. פאַרלוירן אַלץ און אַלעמען און ליג דאָ אין פאַרוואָנצטן באַראַק אויפן חסד פון די קאָמיטעטשיקעס, וואָס לעבן אַ גוטן טאָג אויפן חשבון פון די ליידן און נויטן פון די אומגליקלעכע און היימלאָזע.

פאַר זיינע אויגן האָט ער ערשט דערזען דעם אמתן קרבן פון דער גרויליקייט, וואָס איז על־פּי־נס ניצול געוואָרן פון טויט און איצט לעבט ער אין פּחד פאַרן לעבן.

— אַזוי דראָענדיק איז אונדזער לעבן, אַז מען דאַרף אונדז היטן? — האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּווונדערן פון די יידישע באַוואָפנטע יונגע־

www.libtool.com.cn

לייט, וואָס זענען געשטאַנען ביי דער טיר, אָנגעצויגענע און אין פולער גרייטקייט און וואַכזאַמקייט.

— ליידער, ליידער, אַזוי איז עס. מען מוז זיין שטאַרק געהיט און פאָרזיכטיק. מיר זענען אַרומגערינגלט מיט אַ סך שונאים. די פּאָליאַקן ווילן מ׳יט ציין און נעגל איינהאַלטן זייער אָנגערויבט יידיש פאַרמעגן און ווי נאָר זיי האָבן דערזען יידן, האָבן זיי אויסגעשטעלט גרויסע פרעגנדי־קע אויגן, זיך פאַרוואונדערט. לויט זיי האָט שוין קיין איין ייד נישט גע־טאָרט פאַרבלייבן, און דאָ, פּלוצלינג, זענען אָנגעקומען יידן...

— ווי נאָר איך בין באַפרייט געוואָרן פונעם לאַגער און זיך דער־שלאָגן אַהיים מיט די לעצטע כוחות — האָט פערלשטיין פאָרגעזעצט אַ דערשלאָגענער און אַנטמוטיקטער — בין איך געלאָפן צו זיך אין דער וווינונג, זוכן שפּורן פון מיין משפחה און פאַרמעגן. אַ פרעמדער מענטש האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג, אויף האַלב געעפנט די טיר און איך האָב דערקענט מיינע מעבל, אַלע מיינע זאַכן... אַפילו די בילדער אויף די ווענט זענען געהאַנגען נישט גערירט, און ווי נאָר דער פּאָליאַק האָט דערהערט, אַז איך בין דער באַלעבאָס, האָט ער האַסטיק אַ פאַר־קלאַפּ געטאָן די טיר פאַר מיין נאָז.

— מיר איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן — האָט פערלשטיין פאָרגעזעצט — אַ צום טויט־חלשות האָט מיך אַרומגענומען. איך האָב געמיינט, אַז אָט, אָט פאַל איך אַוועק אין אָנמאַכט. צו וואָס האָט געטויגט דאָס מאָרדעווען זיך און דער קאַמף צו דערהאַלטן דאָס בידנע לעבן אין די שוידערלעכסטע באַדינגונגען, אַז דיווירקלעכקייט איז אַזאַ האַרבע און ביטערע. אָן שום רחמנות און מיטגעפיל צו אונדז פון דעם גאַנצן אַרום.

— און וואָס ווייטער? אָן איינזאַמער און פאַרשטויסענער, אַ באַ־רויבטער פון דער משפחה און פאַרמעגן וואַלגער איך זיך איצט אין באַ־ראַק, כ׳ווער משוגע פאַר ווייטיק און בענקשאַפט, און אין האַרצן צופּט עס און נאָגט. און אַלץ שווייגט, דערצו נאָך איז דאָס לעבן נישט זיכער; מען איז אויסגעשטעלט אויפן חסד פונעם קאָמיטעט, וואָס וואַרפט צו שיריים. די נייע באַלעבאָטים, די פריש־געבאַקענע פאַרזאָרגער, האָבן קודם

www.libtool.com.cn

כל זיך באַזאָרגט מיט די שענסטע דירות, זיי וווינען נישט אין באַראַק, זיי לעבן אַ גוטן טאָג פון אונדזער נויט און אומבאַהאָלפנקייט.

גרינשטיין האָט אַרומגעשפּאַצירט מיט פּערלשטיינען הין און צוריק איבערן לאַנגן קאָרידאָר. ווי מיד ער איז נישט געווען, האָט ער שלאַבעריק פויל געשלעפּט די פיס. ס'האָט אים אַרומגענומען אַ רחמנות צו דעם אָרעמען און פאַרצווייפלטן פּערלשטיינען, וואָס האָט מיט האַרץ און נשמה זיך אַראָפּגערעדט ווי ער וואָלט געזוכט אַ טרייסט אין זיין פּיין און עלנט.

— מיט וואָס קאָנען מיר זיך העלפן איינער דעם צווייטן — האָט גרינשטיין אים איבערגעשלאָגן די רייד — מיר זענען אַלע איצט אומבאַהאָלפן... וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?

גרינשטיין איז נאָך געווען אַ גרינער דאָ, ערשט היינט אין אָוונט געקומען און ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַזאַ שווערער פּיינלעכער לאַגע, אָן אַן אויסוועג און אָן אַ ציל.

— וואָס טוט מען? — האָט גרינשטיין ווי געוואָלט זוכן אַ באַשייד ביי דעם אַלטן צעבראָכענעם פּערלשטיינען, וואָס האָט איבערגעלעבט מער פאַר אים, אין שווערע און שוידערלעכע טויט־באַדינגונגען.

— מיינע ליידן קעגן אייערע זענען אַ נול. מיר האָבן זיך געמאַטערט און געליטן, שווער געאַרבעט און געהונגערט. יעדע ווילע האָט געדראָט תפיסה און לאַגער. אָבער דעם טויט פאַר די אויגן האָבן מיר נישט געזען, און דאָך איז אונדזער גורל אַ געמיינזאַמער. מיר האָבן אַלץ און אַלעמען פאַרלוירן.

— ווער ווייסט צי איך וועל איבערהאַלטן דעם מאָמענט ווען איך וועל קומען אין מיין היים און זען מיט די אייגענע אויגן דאָס אַלץ?

— איר וועט איבערהאַלטן, איך האָב אויך איבערגעהאַלטן, צום סאַמע שווערסטן און ערגסטן געוווינט מען זיך צו.

גרינשטיין האָט געשוויגן.

* * *

דער גרעסטער טייל מענטשן זענען געלעגן אויף די נאַרעס, זיך אָפּגעיאָגט פון די וואַנצן און האַרטנעקיק געשוויגן.

— אַ מאָדנע וועלט — האָט זיך אָנגערופן דער אַלטער גרינשפּאַן,

www.libtool.com.cn

וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט גרינשטיינען מיטן זעלבן עשאַלאָן — קיין לייטישער אָרט ווי אַ באַראַק, פאַררוקט הינטער דער שטאָט, אַרומ־גערינגלט מיט מאַגילקעס האָבן זיי פאַר אונדז נישט געפונען? זיי האַלטן אונדז וואַרשיינלעך פאַר ערב־מתים, און זיי ווילן פאַרשפּאָרן די לוויה־הוצאות, אונדז צו פירן אַ לאַנגן וועג.

ווי שווער עס איז נישט געווען אויפן האַרץ, האָבן אַלע זיך פונאַנ־דערגעלאַכט.

— מיר וועלן אויסהאַלטן, אויסהאַלטן צו להכעיס אונדזערע שונאים — האָט זיך גרינשטיין אָנגערופן — ווי שווער עס וועט נישט זיין דאַרף מען האָבן מוט. אויסגעהאַלטן ביז איצט, מוז מען ווייטער זיך שטאַרקן און אויסהאַלטן, אויסהאַלטן פאַר יעדן פרייז.

אַ שווערע און אומהיימלעכע שטילקייט האָט געהערשט אין באַראַק. די הין און צוריק מאַרשירנדיקע טריט פון די באַוואָפנטע וועכטער האָבן אָפּגעהילכט אין דער נאַכט...

www.libtool.com.cn

נייע צרות

די נייע ווירקלעכקייט האָט איבערגעראַשט מיט איר גרויזאַמקייט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון די רואינען. די שיינע שטאָט פון אויבער־שלעזיע האָט געלויכטן מיט אַלע חנען פון דער סוף־זומערדיקער זון. קליי־נע שוואַרצע קוילן־שטויבעלעך פון די אַרומיקע קוילן־גרובנס האָבן זיך אַרויפגעלייגט אויף די בגדים, פּאַרסאַזשעט די העמדער, דאָס פּנים.

די שטאָט איז איינגעוויקלט אין רויך און רויכערנדיקע קוימענס, וואָס שיטן מיט סנאָפּעס רויכיקע וואָלקנס און פאַרדעקן די לויכטנדיקע זון.

די איינוווינער זענען עלעגאַנט אָנגעטאָן, מיט פריידיק־צעשטראַל־טע געזיכטער גייען זיי אַנטקעגן דעם טאָג.

סך־הכל ווינען דאָ אַ טויזנט יידן, אַ טייל געקומענע פון די דייַ־טשע לאַגערס און אַ קלענערער טייל געקומענע פון די פּאָסיאַלקעס און לאַגערן פון ראַטנפאַרבאַנד. דאָס רוב פון זיי שטייט אָפּ גאַנצע טעג לעבן בנין פון שטאָטישן קאָמיטעט וואַרטנדיק אויף הילף, אויף אַביסל שמאַ־טעס און פּראָדוקטן.

די אַלע שמאַטעס, וואָס מען האָט געפירט מיט זיך פון ראַטנפאַר־באַנד, האָבן דאָ פאַרלוירן זייער ווערט. פאַר גראָשנס ווערן זיי פאַרקויפט. דאָ גייט מען אָנגעטאָן מאָדערן און שענער. די איינציקע רעטונג איז גע־בליבן פאַר די וואָס האָבן מיטגעבראַכט אַביסל „קישמיש" אָדער מאַכאָר־קע, און די סאַמע גליקלעכסטע זענען די וואָס האָבן פאַרהאַלטן זייערע רובלס, נישט נתפּעל געוואָרן פאַר די רעוויזיעס און פון די סטראַשונ־קעס, אַז דאָס געלט וועט אין פוילן פאַרלירן דעם ווערט. אַ רובל באַ־טרעפט דאָ צען זלאָטעס. די וואָס האָבן די רובלס און גאָלדענע „חזי־רימלעך", רייסן זיך די ערשטע אין די רייען און ווענדן אָן אַלע מיני פּראָטעקציעס צו באַקומען וואָס מער און בעסערס פון קאָמיטעט.

אַ מאָדנע אַפּאַטישקייט האָט באַהערשט די מענטשן. מיט איין מאָל

www.libtool.com.cn

האָבן זיי פאַרגעסן אין די אַלע ליידן און צרות פון זייער לאַנגן גלות. עס האָט קיינעם נישט געצויגן צו פאָרן אין זיין געבוירן־שטאָט, יעדער איז געווען איבערצייגט, אַז ער האָט נישט וואָס צו זוכן, און דורכלעבן דעם דאָזיקן שוידערלעכן פיינלעכן מאָמענט, האָט קיינער ביי זיך נישט געקאָנט פועלן.

די דערציילונגען פון די גערעטעוועטע פון די נאַצישע לאַגערן זענען געווען אַזוינע גרויליקע, אַז דאָס אַלץ, וואָס מען האָט אַדורכגעמאַכט אין די פּאָסיאַלקעס און לאַגערן, איז געוואָרן פאַרבלאַסט.

פון אַרומגיין ליידיק, איז דאָס לעבן נאָך מיאוסער געוואָרן און אין די הייסע טעג זענען די איינוווינער פון באַראַק געלעגן אויסגעצויגן אויפן גרינעם גראָז אויפן צווינטער און געוואַרט אויף בעסערע צייטן.

די וואָס זענען פריער געקומען, פון די ערשטע, האָבן זיך געווענדעט צו קרובים אין דער וועלט, געבעטן זיי אַריבערנעמען צו זיך. גאַנצע פּיין־מגילות האָט די פּאָסט געטראָגן צו קרובים אויף יענעם זייט אָקעאַן. די ענטפערס פון דאָרט זענען געקומען קאַלטע און גלייכגילטיקע, איינציקע האָבן געהאַט דאָס גליק צו געפינען פאַרשטענדעניש און האַרציקייט. אָפּטמאָל האָט מען דערהאַלטן אַביסל דאָלאַרן און דאָס האָט די דאָזיקע מענטשן דערמוטיקט.

* * *

גרינשטיין איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרצאָרנטער און צעטראָגענער. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס אַרומגיין ליידיק. ס'האָט אים געפּייניקט דאָס געוויסן.

— איך מוז פאָרן אין מיין געבוירן־שטאָט, איך מוז מיט מיינע אויגן אַלץ זען, זיך נאָכפרעגן ביי שכנים און באַקאַנטע פּאָליאַקן וועגן גורל פון מיינע נאָענטסטע און אייגענע. איך וויל וויסן ווי אַזוי האָבן זיי דורכגעמאַכט דעם לעצטן וועג צו זייער אומקום. אַזוי זיצן אין דער ווייטער־דיקער אומבאַוווסטקייט וועל איך נישט אויסהאַלטן — האָט גרינשטיין איינגעטענהט מיט פערלשטיינען.

— מען קאָן דאָך נישט פאָרן, אַ ייד טאָר זיין נאָז נישט אַרויס־שטעקן. אין די צוגן איז אַ ריזיקע צו פאָרן, מען שלעפּט אַרויס יידן, מען

www.libtool.com.cn

טוט זיי אויס נאַקעט און מען דערמאָרדעט זיי. ווי אַזוי וועט איר זיך לאָזן אין אַזאַ געפערלעכן וועג? — האָט פערלשטיין דערווידערט — איך ראָט אייך אָפּצוואַרטן, אפשר וועט זיך די לאַגע סטאַביליזירן.

— אַ שיין פּנים האָבן מיר — האָט גרינשטיין געענטפערט — כדאַי געווען דאָס ליידן, כדאַי געווען אַזויפיל קרבנות צו ברענגען און היינט שוין אין באַפרייטן פּוילן, צו וועלכן מיר האָבן געגאַרט די אַלע שווערע יאָרן, זאָל אַ יידנס לעבן נישט זיכער זיין. אַ שיין פּנים האָט מיר די גאַנצע וועלט.

— ווייזט אויס, אַז צו ווייניק קרבנות האָבן זיי געהאַט. איר האָט געמעגט זען ווי די פּאָליאַקן האָבן זיך געוווּנדערט דערזעענדיק יידישע פּנימער. זיי האָבן שוין גערעכנט, אַז קיינער איז נישט פאַרבליבן. און דאָ זענען געקומען לעבעדיקע יידן און נאָך געהאַט די חוצפּה צו קומען אין זייערע פריערדיקע וווינונגען און זוכן שפּורן פון זייערע היימען. זיי וועלן גיין אויף אַלץ, זיי האָבן קאָאָפּערירט מיטן דייטש, אים צוגעהאָלפן, אָדער אין בעסטן פאַל געקוקט גלייכגילטיק צו אונדזער אומקום. היינט פייפן זיי אויף אַלץ. דאָס וואָס זיי האָבן אָנגערויבט וועלן זיי נישט צוריקגעבן. זיי וועלן דערמאָרדן די וואָס וועלן קומען צו זיי מאָנען. אַ צו טייערן ביסן האָבן זיי באַקומען. נישט אַזוי לייכט וועלן זיי זיך דערמיט שיידן. רעדט זיך נישט איין, גרינשטיין, אַז די מענטשן האָבן געוויסן און נשמה. זיי זענען ערגער ווי חיות. מיט ציין און נעגל וועלן זיי פאַרטיידיקן זייער נאָרע און אַרויסרייסן ביי יענעם דעם ביסן פון מויל.

— עך, גרינשטיין, איך האָב זיך די באַפרייאונג פאָרגעשטעלט אַנדערש. איך האָב גערעכנט, אַז מיר, די ווייניקע ביים לעבן־געבליבענע, וועלן אַרומגערינגלט ווערן מיט זאָרג און איבערגעגעבנקייט פון די אונדזעריקע, און צום סוף קוקט איינער אויפן צווייטן מיט חשד און אומצוטרוי, אַז עס ווערט נאָך מיאוסער דאָס לעבן און טיילמאָל שווימט אויף די פראַגע: צוליב וואָס האָט געלוינט די גאַנצע פּיין און ליידן? וואָלט נישט בעסער געווען אומצוקומען צוגלייך מיט אַלע יידן און אַ סוף! צו וואָס לוינט דאָס אַלץ, אַז קיין אויסוועג איז נישטאָ. די טויערן פון אַלע לענדער זענען פאַר אונדז פאַרמאַכט. געמיינט, אַז מען וועט קאָנען פאָרן

www.libtool.com.cn

צו לעבנגעבליבענע קרובים, און אַפילו די טויערן פון ארץ־ישראל זענען אויך הערמעטיש געשלאָסן. ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז נאָך דער מלחמה זאָל מען יידן נישט אַוועקגעבן זייער לאַנד, ווו זיי זאָלן קענען בויען זייער צוקונפט און נישט זיין מער אויסגעשטעלט אויף אַזעלכע פּורעניות און נישט זיכער זיין מיטן קאָפּ.

גרינשטיין איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן גראָז, די אויגן פאַרריסן צום בלויען הימל, וואָס האָט זיך דורכגעריסן דורך די געדיכטע צווייגן.

פּערלמאַנען איז געווען שווער אויף דער נשמה, אים האָט זיך גע־וואָלט אויסריידן, אויסטענהן, אפשר וועט אים גרינגער ווערן.

— איר זעט, — האָט ער אָנגעוויזן גרינשטיינען אויף די גרויסע צעצווייגטע קברים־אַלייען, מיט שיינע מאַרמאָרנע מצבות מיט דייטשע אויפשריפטן, לאַנגע רייען מיט באַצלמטע בערגלעך און קברים באַשאָטן מיט אָפּגעבליאָקעוועטע ברעטלעך פון זון און רעגן.

— זיי האָבן כאָטש מצבות, ליגן כאָטש רואיק אין דער ערד, מען וועט זיי קומען באַזוכן, לייגן אַ קראַנץ בלומען... עמיצער וועט נאָך אַמאָל לאָזן אַ טרער אויף זייער קבר. אָבער אונדזערע קדושים זענען אויסגעגאַנ־גען אין פּיין און יסורים, קיין קבר איז נאָך זיי נישט פאַרבליבן. דער ווינט האָט צעטראָגן, צעשאָטן זייער אַש איבער פעלדער און וועלדער. זייער אַש האָט באַפרוכפּערט די פעלדער און מענטשן עסן דאָס ברויט. ווי קאָן מען עס אויסהאַלטן... די וועלט האָט דאָך געדאַרפט ליאַרמען און דו־נערן, זי האָט דאָך געדאַרפט קאָמפּענסירן אונדזער גרויסע עוולה; מען האָט דאָך אונדז געדאַרפט אַרומרינגלען מיט גרויס זאָרג, פלעגן אונדזע־רע גופים און אויסהיילן אונדזערע נשמות. די וועלט האָט זיך דאָך גע־דאַרפט שעמען אין אָנבליק פון אונדזער איינזאַמקייט און צעבראָכנקייט.

אַ צו גרויסן ביישטייער האָבן מיר געבראַכט אין דער איצטיקער מלחמה. אויף אַלע פראָנטן זענען אונדזעריקע אומגעקומען. אַלע לאַגערן האָבן מיר פאַרזייט מיט טויטע; מיליאָנען זענען אומגעקומען ביים דייטש און געבליבן זענען בלויז שאַרבנס און צעבראָכענע, קראַנקע, אויסגעפּיי־ניקטע גופים און פאַרוווּנדעטע נשמות.

* * *

www.libtool.com.cn

לאַנג נאָך איז פּערלמאַן געלעגן אויפֿן גראָז און זיך אַראָפּגערעדט פֿון האַרצן. ער האָט אויסגעגאָסן זיינע טענות צו דער וועלט און צו די מענטשן.

די זון איז, ווי תמיד, אַזוי ווי פאַר דער מלחמה, אַזוי אויך היינט גאָלדיק פאַרגאַנגען צום מערב, באַשאָטנט דעם גרויסן צווינטער און איינגעוויגט די שטומע קברים.

די וועכטער אין באַראַק האָבן זאָרגפעלטיק געשלאָסן די טירן, אַרומגעשפּאַצירט הין און צוריק באַוואַכנדיק מיט געלאָדענע ביקסן די לעבנס פֿון די, וואָס זענען על־פּי־נס געבליבן לעבן...

www.libtool.com.cn

דער אַלטער קאַשטאַן־בוים

דער הימל איז קאַלעמוטנע. נאָך קאַלעמוטנער איז אויף דער נשמה. דאָס קליינע יידישע שטעטעלע איז איינגעהילט אין פיינלעכן אומעט. די בתי־מדרשים פאַרברענט, די גרויסע אַלטע שול שטייט מיט אויסגעהויל־טע פענצטער־אויגן, קוקט אַ פאַרוואונדערטע און אַ פאַרשעמטע צו דער צעשרפהטער זון אינעם אומענדלעך בלאַ־צעשפילטן הימל.

הילכן אָפּ די שלאַבערדיקע טריט פון ניי־געקומענעם תושב פונעם שטעטל, וואָס האָט זיך אומגעקערט נאָך אַ זיבן־יעריקער וואַנדערונג, זוכן שפורן פון פאַרשוווּנדענעם אַמאָל.

שפורן?...

גאַנץ שטייען די יידישע הייזער. עס איז מיטאָג־צייט. די נייע שכנים, די אָרטיקע מעשטשאַנעס, זיצן בנעימותדיק מיט זייערע משפחות ביי די יידישע טישן, סערווירן דאָס עסן אויף יידישע טעלער, עסן מיט אַפּעטיט מיט יידישע לעפל־גאָפּל און האָבן הנאה פון גאָטס וועלטל. אויסגעביטן האָבן זיי די חרובע הייזקעס זייערע, אויף גוטע באַקוועמע יידישע וווינונ־גען, דעקן זיך צו מיט יידישע פּערענעס, טוליען זייערע קעפּ אין פּוכענע יידישע קישנס און זענען צופרידן.

און די יידן?...

פאַרשוווּנדן, אָפּגעמעקט, אָפּגעווישט, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געווען עקזיסטירט. פאַרשוווּנדן דער ספּעציפישער קליינשטעטלדיקער גע־טומל, דער יידישער הר־האַ, דאָס יידישע לשון, דאָס זאָרגלאָזע געלעכטער פון יידישע קינדער און יוגנט.

שטיל ווי אויף אַ בית־הקברות, שטיל, דראָענדיק שטיל, און האַרצ־רייסנדיק...

* * *

מאיר לאַבענדיק איז געווען אַ חשובער ייד אינעם שטעטל, אַן אָנגע־

www.libtool.com.cn

זעענער תושב און אַ גוט־איינגעפונדעוועטער באַלעבאָס. בטבע אַ שוויי־גער האָט ער זיך באַהעפט מיט דער נאַטור, געפלעגט דעם שענסטן גאָרטן אין שטעטל, געהאָדעוועט פיש אין אַן אייגענער אָזיערע. די פּרעכטיקסטע רויזן האָבן באַשאָטנט די אַלייען פון זיין גאָרטן, גרויסע קאַשטאַן־ביימער האָבן אַרומגערינגלט און איינגעוויגט אין טיפן דרעמל זיין שיין הויז. די צעצווייגטע גרויסע קאַשטאַן־ביימער האָבן ווי אַ פעסטונג אַרומגענומען זיין זיכערקייט און זעלבסטצופרידנקייט.

איצט ליגט ער, ר׳ מאיר לאַבענדיק, אויף אַ קרייץ־וועג פאַרשאָטן אין אַ מאַסן־גרוב, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע 30 יידן, וואָס זענען געפאַלן קרבנות פון די מערדער־הענט, שוין אין די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַ־ציע, ווען דער נאַצי־מערדער האָט באַפוילן די אַרומשטייענדיקע פויערים צו פאַרשיטן די גרוב, האָט זיך נאָך די ערד געהויבן, די נישט־אינגאַנצן דערשאָסענע האָבן זיך נאָך באַוועגט אין קבר.

* * *

וויגן זיך די קאַשטאַן־בלעטער אינעם באַריר פון לייכטן זומערדיקן ווינטל, באַשאָטענען די אַלייען, פאַרוויגן אין דרעמל די פייגל אין די נעסטן, די נייע שכנים זענען זיך מחיה און האָבן הנאה...

צעפּישטשעט זיך אַ פאַרוואָגלטער פויגל איבערן מאַסן־קבר, שרייט אַריין אין דער לופט זיין האַרצרייסנדיק געשריי, טוט אַ פּיק אין הויכן גראָז, צעפּאַכעט זיינע פליגל, און היידאַ מיט געשריי אַרויף צו די הימ־לען — אויסוויינען זיין פּראָטעסט, צו וועמען?

קוקן זיך אויס די אויגן ערגעצוו אין דער גרויסער וועלט די קינ־דער פון ר׳ מאירן נאָך אַ בריוו, נאָך אַ ידיעה פון זייער היים, פון זייער פאַמיליע און וויינען־אויס אין די נעכט זייער בענקשאַפט.

און דאָ בויען די נייע שכנים זייער ניי לעבן. זיי זענען צופרידן, נישטאָ מער קיין יידן, אויסגעמאָרדעט ביז איינעם, קיינער פון זיי וועט זיי נישט באַאומרואיקן פון זייער איינגעזעסנקייט, קיינער מער וועט זיי נישט אַרויסרייסן פון זייער לייכט דערוואָרבענעם אייגנטום און זיי פאַר־טרייבן פון די נייע באַקוועמע וווינונגען.

* * *

www.libtool.com.cn

קלאַפּט ער אָן, דער ניי־געקומענער, אינעם טויערל פון זיין בעסטן חברס הויז. זיין חבר כאַצקל, מאירס זון, וווינט אין ווייטן אַרגענטינע, מן־הסתם לעבט ער איינער פון אַ גאַנצער פאַמיליע און וווינט זיך דאָרט אויס די אויגן נאָך אַ גרוס פון דער היים. אַט שטייט ער, זיין חבר, ביים זעלבן טויערל, וועלכן ער האָט שוין מער ווי זיבן יאָר נישט אָנגערירט מיט זיין האַנט. אַט אַטעמט ער איין דעם אַלטן־באַקאַנטן דופט פון די פּרעכטיקע קאַשטאַן־ביימער. אַט וועט ער באַלד אַריבערטרעטן די שוועל, די אַזוי גוט באַקאַנטע שוועל פון זיין חברס הויז, און איינזאַפּן אין זיך די אַלטע טייערע אויסגעבענקטע און אויסגעחלומטע היימישקייט, צו וועל־כער ער האָט יאָרנלאַנג אַזוי שטאַרק געגאַרט.

אויף זיין קלאַפּן האָט זיך ווילד צעבילט אַ הונט אויף אַ גרילצנדי־קער קייט און אַ מענער־שטים האָט זיך צעשריגן:

— ווער איז דאָרט?

דער פויער האָט געעפנט אַ שמאָלע שטיקל עפענונג פון טויערל, דערקענט זיין אַלטן שכן, אויסגעגלאָצט אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן פול מיט שרעק און איבעראַשונג, האַסטיק אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שלאָס, און זיינע זיך דערווייטערנדיקע טריט האָבן אָפּגעהילכט אין דער שטילקייט פונעם געסל.

אויף די שפּיץ־פינגער האָט זיך דער ניי־געקומענער אויפגעהויבן צום פּלויט, דערגרייכט איין גרין־צעבליטן בלאַט פונעם אַלטן קאַשטאַן־בוים, אָפּגעריסן, באַגאָסן מיט הייסע טרערן, טיף איינגעזאַפּט אין זיך דעם גוט באַקאַנטן אַראָמאַט, אַ לעצטן בליק געוואָרפן אויפן דאַך פון הויז אי־בערן פּלויט, און מיט שלאַבעריקע טריט זיך דערווייטערט.

* * *

„מיין האַרציקער חבר,

דער קאַשטאַן־בלאַט, איז דער לעצטער זכר פון דיין היים. מיט שווע־רער מי און גרויסע לעבנס־סכנות האָב איך עס באַקומען. פון מיינע אַלע קרובים און פריינד, פאַמיליע און חברים, עלטערן, ברידער און שוועס־טער, איז מיר אַפילו דאָס דאָזיקע פאַרטריקנטע בלעטל אויך נישט פאַר־בליבן. זיי כאַטש גליקלעך און צופרידן פון דער דאָזיקער באַשיידענער

www.libtool.com.cn

מתנה וואָס איך שיק דיר צו. היט עס ווי דעם בעסטן אוצר, ווייל קיין בעסערס קענסטו פון דער היינטיקער וועלט נישט דערוואַרטן. דיין טאַטנס קבר האָט מיר אַ גוטער פויער געוויזן, ער האָט מיר דערציילט וועגן זיינע לעצטע מינוטן, ווען ער האָט זיך געראַנגלט מיטן מערדער און זיך געריסן צום לעבן. אין לעצטן מאָמענט האָט ער אויסגעשריגן דיין נאָמען, וואָס האָט זיך אינאיינעם מיט זיינע גסיסה־כאָרכלען פאַרטראָגן אין פוסטן חלל איבער די צעשטויבטע וועגן און זיין עכאָ האָט זיכער דערגרייכט צו דיר.

נעם אויף שטיל און פאָרכטיק די דאָזיקע ווערטער, באַער דעם אָנדענק פון דיין ליבן פאָטער און פאַרגעס נישט דעם טייערן אַמאָל, גע־דענק עס אויף אייביק און טראָג אין האַרצן אַ שנאה צו דער וועלט, וואָס האָט דאָס דערלאָזט, זוך שטענדיק נקמה אין די פאַרברעכער.

דיין חבר".

* * *

אין דער ווייטער פראָווינץ מענדאָסאָ, פון דער גרויסער אַרגענטינע, האָט דער בריוטרעגער געבראַכט אַ קאָנווערט מיט אַן אויסגעטריקנטן קאַשטאַן־בלאַט.

לאַנג און העשענדיק האָבן די טרערן באַנעצט און צעווייקט דעם אַלטן פאַרטריקנטן קאַשטאַן־בלאַט, וואָס איז גרינער געוואָרן, פרישער און לעבעדיקער אין די ציטערנדיקע הענט פונעם אַדרעסאַט. פאַר זיינע אויגן האָבן אויפגעטויכט בילדער פון זיין פאַרשוווּנדענער היים, פון דעם טייערן אַמאָל, פון אַ וועלט אַ גאַנצע, וואָס איז אַזוי גרויזאַם פאַרניכטעט געוואָרן.

דאָס קאַשטאַן־בלעטל האָט דער חבר פון דער ווייטער אַרגענטינער פראָווינץ איינגעראַמט אונטער אַ גלאָז און עס אויפגעהאָנגען ווי אַ בילד אויף איינער פון די ווענט ווי אַ לעצטן אָנדענק פון זיין פאַרשוווּנדענער היים, ווי אַ זכר לחורבן.

www.libtool.com.cn

אין דער וועלט אַריין

די אויסגעבענקטע היים איז געשטאַנען אַ געשענדעטע, אַ צעפּלינדערטע, אַ צערויבטע. די גאַסן זענען געוואָרן אויסגעפּלאַסטערט מיט מצבות. יידישע שולן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סקלאַדעס און באַזאַרן. אַ ייד אויף קיין רפואה. אויף די פאַרבייפאָרנדיקע וואָקזאַלן אין פּוילן האָט מען געזען בלויז קריסטן, וואָס האָבן שפּיזיק דורכגעשטאָכן מיט די אויגן די צוריקגעקומענע, זיי באַטראַכט ווי אַ בייז וווּנדער.

ווייטער וואָגל און וואַנדער. נישטאָ דעם קאָפּ ווו אַנידערצולייגן. נישט קיין גואל, קיין פריינד פאַר וועמען צו אַנטפּלעקן די אָנגעזאַמלטע פּיין און ביטערניש פון יאָרן, זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן, געפינען אַ טרייסט.

אַפילו פאָרן אויף קבר־אָבות איז נישטאָ ווו. נאָמענלאָז זענען מענטשן פאַרשוווּנדן. זייער אַש איז צעשטויבט איבער אַלע פיר זייטן פון דער וועלט, צעווייעט פון ווינטן, און פעטער געמאַכט די פּוילישע ערד, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט בלוט און טרערן, לעצטע יאָמער־געשרייען פון אונטערגעהאַקטן שטאַם.

* * *

אַ גרופּע סאַמאַרקאַנדער יידן האָבן זיך געטראָפן אין אָשוויענטשים. מע גייט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ איבער זאָרגפעליק אויפגעראַמטע באַראַקן און פּאַווילאָנען, ווו עס זענען איינגעזאַמלט געוואָרן שיריים פון אונטערגעגאַנגענעם פאָלק: וואַליזעס, פּראָטעזן, ברילן, שיך, האָר און אַזויפיל קינדער־שיכעלעך. גאָט אין הימל, ווי ווערט מען נישט פאַרשטיינערט פון זייער אָנגעזיכט. מע גייט אין קאָלאָנעס צום טויטן־לאַגער בירקענאַו, ווו עס שטייען אין חורבות די קרעמאַטאָריע־אויוונס. עס וואַלגערן זיך נאָך מענטשלעכע ביינער. די געגנט איז געדיכט מיט אַש, מיטן אַש פון די אומגעבראַכטע ברידער און שוועסטער.

מע זעט נאָך די וואַנט ביי וועלכער מ׳האָט צעשאָסן ווידערשפּעני־

www.libtool.com.cn

קע, די וואָס האָבן געפּרוווט רעוואָלטירן. די תּליות און די שטראָף־קאָר־צערס. לייענסט די אויפשריפטן אויסגעקריצט מיט נעגל אויף ווענט, לייענסט נאָך יידישע נעמען און אויפשריפטן אויף וואָליזעס.

מ׳האָט פאַרנאַרט אונדזערע טייערסטע און זיי האָבן זיך געלאָזט פירן ווי שאָף צו דער שחיטה, מיינענדיק אַז זיי גייען צו אַרבעט.

די זון שיינט ווי קיינמאָל גאָרנישט, וואַרפט צאַפּלדיקע סנאָפּעס ליכט אויפן אַרום. פּאַליאַקן האָבן אויפגעשטעלט קיאָסקן פון עסנוואַרג און געטראַנקען, לייזן געשמאַק פון יידן וואָס קומען טאָג־איין, טאָג־אויס צו זוכן שפּורן פונעם אַמאָל.

אַזוי גרויס איז דער צער און פּיין, אַז קיין טרערן העלפן נישט, קיין זיפצן פאַרלייכטערן נישט.

דאָס איז דער סוף פון דער אויסגעבענקטער היים.

נישטאָ קיין היים...

* * *

צי קאָן מען דען זיצן אויף חורבות? קאָן מען דען טראַכטן פון בויען אַ היים, ווען די בליקן פון די אַרומיקע טויזנטיעריקע שכנים ווערן שפּי־זיקער און גיפטיקער, ווען אין באַראַקן, אָרגאַניזירטע ביי קאָמיטעטן, ווערן די פּליטים געהיט בייטאָג און ביינאַכט דורך אייגענע שוץ־וועכטער מיט ביקס אויפן אַקסל; ווען ס׳מערן זיך פּאָגראָמען אויף יידן; ווען דו ביסט נישט זיכער מיטן אייגענעם נאַקעטן לעבן, וואָס מ׳האָט אַדורכגעטראָגן דורך אַזויפיל געפאַרן, ממש מיט נסים דערהאַלטן די אָרעמע און נאַקע־טע נשמה.

אויב אַזאַ היים, איז גלייכער אַוועק. און ס׳האָט זיך אויף ס׳ניי אָנ־געהויבן אַ וואַנדערונג. מיט פּלעצאַקעס און פּעקלעך האָט מען ווייטער אָנגעהויבן גנבענען גרענעצן און אַוועק... ווער אויף דער טמאדיקער דייַ־טשער ערד, ווער ווייטער. ווער ס׳האָט מזל געהאַט, האָט זיך אַרויסגע־קריגן אין פרייע לענדער, אין דער ברייטער וועלט, ווו עס לעבט נאָך ער־גע׳ץ אַ פריינד, אַ גואל.

פאַרברענט הינטער זיך לאַנגיאָריקע האָפענונגען, די לעצטע טרייסט פון נישט־דערשלאָפענע נעכט איז אויסגערונען.

www.libtool.com.cn

צוריק צום וואַנדער־שטעקן, צוריק צום פּלעצאַק און געגאַנגען ווו די אויגן וועלן טראָגן. מ׳האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך דאָס גאַנצע לעבן, אַ צעטראָטנס, אַן אויסגעהוילטס און צעבראָכנס.

פאַרברענט אַלץ, דער גוף, די נשמה, די האָפענונגען, אַלץ וואָס דער מענטש האָט נאָך אין זיך פאַרמאָגט.

אויף די וועגן וואַנדערן ווידער פּליטים אויף גאָטס באַראָט.

דער נאָמען פּליט איז נאָך נישט אָפּגעווישט געוואָרן, נישט אויסגע־מעקט געוואָרן פון זכרון. ווען וועט שוין נעמען אַ סוף צום נע־ונד, צום כסדרדיקן זיצן אויף די וואַליזקעס?

www.libtool.com.cn

אויף אַ באַנק ביים אייפעל־טורעם

אין פּאַריז. אין אַ נאָכמיטאָג איז יאַנקל גראָס אַן אויסגערוטעטער אַוועק באַקוקן די שטאָט מיט אירע מערקווירדיקייטן. ער איז געקומען אויפן טראָקאַדעראָ־פּלאַץ און געבליבן שטיין אַ פּאַרגאַפטער פאַרן אויסגעשפּיזטן מיטן שפּיץ אין די וואָלקנס שטאַרצנדיקן אייפעל־טורעם. ער קאָן זיך נישט אָנזעטיקן מיטן הערלעכן בילד. דער גיגאַנטישער סקעלעט פון שטאָלע־נעם ריז האָט אים ווי צעטומלט. ער האָט זיך אויסגעצויגן ברחבותדיק אויף דער באַנק אין צעבליטן גערטנדל צופוסנס פונעם אייפעל־טורעם און זיך פאַרטראַכט.

פון וואָס קאָן טראַכטן אַ געוועזענער קאָלכאָזניק, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג אָנגעטאָן אַ פּאָר לייטישע שיך, אַראָפּגעוואָרפן די צעדריוול־טע פּופּייקע, אָנגעשטאָפּט דעם מאָגן, און איז שוין גאָט־צו־דאַנקען זאַט און געניסט שוין פון אַ סך, אַ סך גוטע זאַכן?

עס איז אים שווער צו קומען צו אַ טאָלק און צו ברענגען אין אָרדע־נונג זיינע מחשבות. אָבער דאַך טויכן אין אים אויף אין זכרון בילדער און בילדלעך, אָפּגעריסענע פראַגמענטן פון פאַסירונגען, וואָס צעוואָלקענען זיך און צעשטויבן זיך ווי די לייכט־שוועבנדיקע וואָלקנס איבערן סאַמע שפּיץ פון אייפעל־טורעם, ווו עס פלאַטערט די דריי־קאָלירקע פאָן פון פרייען פראַנקרייך. עפּעס איז ער נאָך יאַנקל נישט צוגעוווינט צו דער דאָזיקער פרייהייט און צו דער דאָזיקער דעמאָקראַטיע. אַ קאָלכאָזניק, וואָס איז געווען געוווינט צו מאָדנע פירעכצן און צום עקזאָטישן הולך, איז שוין אָפּגעוווינט פון דעם מאָדערנעם נייעם לעבן. די שיך קוועטשן אים, דער אָנצוג איז אים איבעריק און נישט באַקוועם, און דער מאָגן איז גאָר אַ לייט געוואָרן. נישט צום גלייבן. דאָ שטאָפּט מען אים נישט מיט קיין נאָרמעס און פּלענער, מיט קיין קאַרטלעך און שטומשווייגעניש.

אָט געפינט ער זיך ביים שפּיץ פון באַרימטן אייפעל־טורעם, דרייט זיך הין און צוריק, טוט וואָס ער וויל און קיינער שטייט נישט איבער

www.libtool.com.cn

אים. נישט קיין פּרעדסעדאַטעל, נישט קיין בריגאַדיר, ער האָט נישט קיין מורא צו פֿאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט און טראַכט נישט וועגן עסן.

עקזיסטירט טאַקע אַזאַ מין לעבן אויף גאָטס וועלט?

אויב ס׳האָט געקענט געשען אַ נס, און עס עקזיסטירט אַזאַ וועלט, ווו מענטשן לעבן, גייען אַנגעטאָן און מען זעט, אַז אַלע זענען זאַט. מע שטייט נישט אין קיין אָטשערעדן פֿאַר די געשעפֿטן, אין די שויפֿענצטער איז אויסגעשטעלט פֿון כל־טוב, נישט אַזוי ווי דאָרטן — בולקעס און וווּרשטן פֿון רויטלעך־באַמאָלענע שטיקער האָלץ. דאָ טאָפּסטו אָן ממש אמתע ווורשט, אמת ברויט, און געוואַלד־געשריגן, גאַנצע ברויטן! כאַטש נעם אַ מעסער און שנייד פּעניצער גרויסע, און עס וויפֿל דו ווילסט און וויפֿל עס גייט נאָר אַריין. אַ מחיה.

נו, טראַכט ער, יאַנקל, ווען עס מיינע קאָלכאָזניקעס פֿון פּושקין־קאָלכאָז, אין קאָטאָ־קורגאַנסקי אַריקסקי סעלסאָוויעט וועלן גלייבן? אַ נעכטיקער טאָג. זיי וועלן עס נישט פֿאַרשטיין. און איך קאָן עס אויך נישט באַנעמען... וואָס דאָ קומט פֿאָר.

איבער זיין קאָפּ האָט זיך צעפֿלאָטערט אַ טשאַטע טויבן. ער פֿאַר־רייסט דעם קאָפּ אין דער הייך. זיין בליק באַגלייט די טויבן, וואָס האָבן זיך אין אַ קרייז געלאָזט נאָך העכער פֿונעם צעשפּיצטן אייפֿעל־טורעם, וואָס האָט זיך מאַיעסטעטיש געריסן אין די הייכן, ווי ער וואָלט געוואָלט דורכשפּיזן און דורכבאָרעכן מיט זיין שטאָלענעם שפּיץ די הימלען.

ער אָטעמט פֿריי אָפּ און שעפּט נחת פֿון וועלט־באַשאַפֿער, וואָס האָט זיך פֿאַרקליבן אינעם דאָזיקן גן־עדנדיקן ווינקל מהנה צו זיין זיינע ערד־באַוווינער מיט אַזעלכע ווילע תענוגים.

ער קוקט אויפֿן שפּאַצירנדיקן עולם און אַלע זענען גוט אָנגעטאָן, זעען אויס צו זיין צופֿרידן און לאַכן אַזוי האַרציק, ער האָט עס שוין לאַנג נישט געהערט. און ער קאָן איין זאַך נישט פֿאַרשטיין: פֿאַרוואָס טרעפֿט ער דאָ נישט אָן קיין איין קאָלכאָזניק. נישט שוין־זשע זענען דאָ נישט פֿאַראַן קיין קאָלכאָזניקעס? זאָל זיין, אַז מען האָט זיי אַוועקגעשיקט אַרבעטן ביי די קאַנאַלן, צי אויף דער קאָטאָ־קורגאַנער וואָדאָכראַנילישטשע?

די פּראָנצויזן מוזן זיין כיטרע. מן־הסתם האָבן זיי, די גוט־אָנגעטאָע־

www.libtool.com.cn

נע פראַנצויזן, נישט ליב קיין קאָלכאָזניקעס. זיי האָבן זיכער אַזאַ מין געזעץ, אַז אָן אַ קאָמאַנדיראָווקע און אָן אַ פּראָפּוסק קאָן נישט קיין קאָל־כאָזניק אַריינקומען אין פּאַריז.

אָט, וואָס די פאַרפוילטע דעמאָקראַטיע קען צוטראַכטן. איז אויב אַזוי, געפעלן אים טאַקע נישט די פראַנצויזן — באַשליסט יאַנקל ביי זיך. אויב זיי שעמען זיך מיט אַ קאָלכאָזניק, טאָ מיט וואָס זענען זיי בעסער פון יענע לייט, די וואָס האָבן געוועלטיקט איבער די קאָלכאָזן דאָרט, זיך איזדיעקעוועט איבער אים, געלעבט אַ גוטן טאָג, און דער קאָלכאָזניק האָט געפּעכניעט אויפן פּיסק?

מיט איין וואָרט — באַשליסט יאַנקל — די וועלט האָט טאַקע איין פּנים. דאָרט איז דאָ אַ קרעמל און דאָ איז פאַראַן אַן אייפעל־טורעם. נאָר דעם קאָלכאָזניק איז אומעטום ביטער, דאָ און דאָרט. די וועלט אויס־גלייכן וועט מען שוין וואָרשיינלעך נישט קענען, כל־זמן עס וועלן הערשן שפּיצן. דאָרט פינף־שטערנדיקע שפּיצן רויטע, און דאָ איין שפּיץ מיט דריי פאַרבן. מעגסט די וועלט פאַרבן מיט וואָס נאָר פאַרא קאָלירן דו ווילסט, אָבער די פאַרב פון צרות און נויט, דעם אונטערשייד צווישן קאָל־כאָזניק און בריגאַדיר וועט קיינער נישט אויסגלייכן.

אַ שיינע ריינע כפּרה אויף אַזאַ וועלט מיט אַזעלכע מינהגים. אַלע פאַרבן האָבן איין פּנים ווען אין קעשענע איז פּוסט. האָסטו אָבער אַ סך ממתקים, שפּילן זיך אַלע קאָלירן פאַר דיין אויג, די וועלט ווערט פיל־פאַרביק און עס לעבט זיך ווויל, אָט אַזוי ווי דאָרט דער פּרעדסעדאַטעל פון קאָלכאָז, דעם אויסגעקעכלטן און אויסגעפוכלעטן אוזבעק ראַכמאַ־נאָוו, וואָס האָט אים דען געפעלט, האַ?

און נאָך צו אַ זאַך קען ער זיך, יאַנקל, נישט דערטראַכטן: עפּעס האָט אים אויפגעהערט צו בייסן. טאָ ווי איז עס מעגלעך? נישט שוין־זשע זענען דאָ נישט פאַראַן די דאָזיקע חברה־לייט, וואָס פלעגן אים מח־נותווייז באַפאַלן אין קאָלכאָז און אויסזייגן דעם לעצטן ביסל בלוט־זאַ־פּאַס, וואָס ער האָט נאָך געהאַט אָפּגעשפּאָרט פון דער היים. איז אויב עס איז שוין פאַראַן אַזאַ דערפינדונג צו וואָס די פראַנצויזן האָבן זיך דערטראַכט, מוז ער זוכן אַלע מיטלען און תחבולות, אָנשרייבן אַ פּעטי־

www.libtool.com.cn

ציִע אין די הויכע פֿענצטער און אַוועקשיקן עס צו זיינע חברים פֿון פּושקין־קאַלכאַז, זאָלן זיי שוין ענדלעך אויך פּטור ווערן פֿון דער דאָזיקער פּלאָג. אויב דאָ האָט מען עס געקאָנט מאַכן, אַז מענטשן זאָלן זיך מער נישט קראַצן, איז פֿאַרוואָס זאָל ער נישט לינדערן דעם פּיין פֿון זיינע געוועזענע חברים? אויב ער וועט באַקומען אַ סך פּראָשקעס פֿון דעם מיטל, וועט ער דאָרט אַרויסשיקן אַ גאַנצן וואַגאָן. פֿאַרוואָס זאָל מען זיך קראַצן אין אַלע קאָלכאָזן? און ס׳טוט אים הנאה פֿון דאָזיקן איינפֿאַל.

קיין אַרבעט האָט ער נאָך נישט. ער דרייט זיך אַרום ליידיק. וועט מען קאָנען מאַכן אַ לעבן פֿון עקספּאָרטירן אַזאַ מין פּראָשעק און נאָך באַקומען דערפֿאַר אַ מעדאַל אויך און אפֿשר אַ פּרעמיע. יאַנקל וועט האָפֿערדיק. ער פֿילט שוין בחוש ווי אַלע צייטונגען שרייבן וועגן זיין גרויסקייט. ער ווערט פּראָקלאַמירט פֿאַר אַ נייעם סטאַכאַנאָוויעץ.

ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע דורכגייענדיקע מענטשן, אויף אַלע פֿאַרלעך וואָס גייען צוגעטוליעט צו זיך און קוקן זיך אַריין אין די אויגן און מאָדנע: קיינער קראַצט זיך נישט. נישט אַנדערש משיחס צייטן.

ער איז שוין צופֿרידן, יאַנקל, פֿון זיך. בנעימותדיק האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער באַנק און פֿאַרריסן די אויגן צו דער דריי־קאָליריקער פֿאָן פֿון פֿרייען פֿראַנקרייך און אַ צופֿרידענער פֿון זיך איז ער איינגעשלאָפֿן, פֿאַרוויגט פֿון זיסע חלומות מיט האָפֿענונגען אויף בעסערע צייטן.

www.libtool.com.cn

צוויי וועלטן

צוויי געזעסענע האָבן זיך געטראָפן. איינער וואָס איז געזעסן אין אַ תפיסה דאָ אין לאַנד. דער צווייטער אַ געזעסענער דאָרט אינעם „לאַנד פון יושר און גערעכטיקייט“.

ביידע האָבן געקעמפט פאַר איין אידייע און איין ציל: איינער פאַר גערעכטיקייט און דער צווייטער פאַר יושר. דער ערשטער האָט שוין אויסגעגלייכט די וועלט. געזעסן ערשט, אַז זי טויג אויף כפרות, האָט ער רעוואָלטירט און מען האָט אים איינגעזעצט. דער צווייטער האָט ערשט אָנגעהויבן פון דעם וואָס דער ערשטער האָט דערפאַר געליטן. ער האָט נישט אַנדערש געוואָלט ווי איינפירן דאָ אין זיין לאַנד דעם יושר וואָס זיין חבר האָט שוין פאַרזוכט און פון וואָס ער האָט זיך אָפּגעבריט.

מיט איין וואָרט: ביידע האָבן געקעמפט פאַר גערעכטיקייט, און ביידע זענען געזעסן. דער היגער האָט געכאַפּט עלף חדשים און דער געקומענער איז געזעסן פינף יאָר. ביידע זענען געזעסן פאַר איין פאַרברעך: נישט פאַר קיין לאַנגע הענט. זיי האָבן נישט אַנדערש געוואָלט ווי ברענגען די סאָציאַלע רעוואָלוציע, די אמתע — דער דאָ און יענער דאָרט.

דער ערשטער, לאָמיר אים אָנרופן שמערל אויסגעלינקטער, איז אַ געזעסענער פון דאָרט און דער צווייטער, בערל פראָגרעסער, איז אַ געזעסענער דאָ. ביידע מיטן זעלבן יחוס און מיט די זעלבע פאַרדינסטן. אָבער מיט איין אונטערשייד: בערל פראָגרעסער איז געזעסן עלף חדשים, און שמערל אויסגעלינקטער — פינף יאָר. בערל איז געזעסן אין אַ טורמע און שמערל איז אויך געזעסן אין אַ תפיסה. אָבער...

— ווי האָסטו זיך געפילט אין דער תפיסה? — פרעגט שמערל אויסגעלינקטער.

— אַז מען קעמפט פאַר אַן אידייע — ענטפערט בערל פראָגרעסער — איז קיין זאַך נישט שווער.

www.libtool.com.cn

— טשעקאַווע — זאָגט שמערל — ווי אַזוי האָט אויסגעזען דיין תפיסה?

— וועלכע תפיסה זעט דען אויס גוט? — ענטפערט אָפּ מיט רוגזה בערל — אַלע יוונים האָבן איין פּנים און אַלע תפיסות זענען געבויט צו פּייניקן דער אומשולדיקער מענטשהייט.

— אָבער — דערווידערט שמערל — נישט אַלע תפיסות זענען גלייך. פּונקט ווי עס זענען פאַראַן שלעכטע און גוטע מענטשן, אַט פּונקט אַזוי זענען פאַראַן שלעכטע און גוטע תפיסות. איך בין שוין בקי אין דעם. איך האָב שוין פאַרזוכט דעם טעם פון אַ סך תפיסות און ווייסט דאָך, אַז מענטשן וואָס זוכן יושר ביי יענעם און אַן אידייע פאַר זיך, ווילן אויסגלייכן די וועלט, קודם־כל, פאַר זיך און נאָכדעם פאַר דער מענטשהייט — מוזן פאַרזוכן דעם טעם פון תפיסה.

— יאָ, איר דאַרפט נישט פאַרגעסן, אַז בערל פּראָגרעסער איז אַ פּראָגרעסיווער. ער האָט פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ קאַדיזשאַק און אַ היפּש פאַבריקל. ביי אים אַרבעטן אַ פּאָר הונדערט אַרבעטער. האָט ער נישט געזוכט בלויז דעם יושר פאַר זיך נאָר אויך פאַר זיינע אַרבעטער און פאַר די אַרבעטנדיקע פון דער גאַנצער וועלט. נאָר דער אַרבעטער האָט שטענדיק געהאַט קדחת און קוים אויסגעקומען מיטן טאָג חיונה און ער, בערל, האָט בלויז געשפּילט דעם סאַלאָן־קאָמוניסט. אים געפעלט עס: — ווי נאָר, זאָגט ער, זיינע חברים וועלן קומען צו דער מאַכט, וועט ער זיי גלייך אָפּגעבן זיין פאַבריק, אָבער דערווייל שמאַכטן ביי אים די פּאָר הונדערט אַרבעטער און ער לעבט אַ גוטן טאָג. אים געפעלט אָבער נישט די אָרדע־נונג, ער האָט עפּעס גערעדט און מען האָט אים איינגעזעצט.

— עס איז מיר אינטערעסאַנט — זאָגט שמערל — דו וועסט מיר זיכער זאָגן דעם אמת, פאַרט אַן אייגענער חבר, ווי זעט אויס דיין תפיסה?

— וואָס איז פאַראַן צו פרעגן — ענטפערט בערל — אַ תפיסה איז אַ תפיסה ווי אַלע טורמעס... מען זיצט און מען „קווועלט אין נחת". מען ליגט אויסגעצויגן אויף אַן אייזערן בעטל, מען דעקט זיך צו מיט אַ קאָל־דרע, וואָס די ליגע פאַר מענטשן־רעכט טראָגט אַריין. מען גיט עסן... פאַרשטייט זיך, אין דער היים איז בעסער, אָבער מען איז זאַט. אינדער־

www.libtool.com.cn

ג. טערקעל

פרי טרינקט מען מאַטע מיט ברויט, צו מיטאָג גיט מען פלייש. אַ ציי־טונג־פאַרקויפער ברענגט צייטונגען. מען באַקומט פּעקלעך פון די היי־מישע.

— און וויפל מענטשן זענט איר געזעסן אין אַ צעלע? — פרעגט בערל.

— ביי אונדז זענען נישט פאַראַן קיין צעלעס. גאַנצע קוואַדרעס. מען רעדט און מען שמועסט און אַלע האָבן איין פאַרלאַנג צו ברענגען דעם יושר און גערעכטיקייט אויף דער וועלט.

— און ווי דערליידיקט מען דעם מענטשלעכן געברויך? — איז שוין טשעקאַווע בערל.

שמערל שטעלט אויס אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן: — וואָס הייסט? פּשוט: מען גייט אַריין אין „באַניאַ" און שוין...

— אַט אַזוי פּשוט — ווערט שוין פאַרוווּנדערט בערל — אָן אַ שמירה? דער מיליציאָנער קוקט נישט נאָך?

— צו וואָס? — פאַרשטייט נישט בערל.

— אַט גלאַט אַזוי — ענטפערט שמערל — טשעקאַווע צו וויסן אויך דאָס. איך בין אויך געזעסן אין אַ תּפיסה און אָפּגעפּינצטערט גאַנצע פינף יאָר. עפּעס מער ווי אַ יאָר אין אַ סאַמאַראַדנער תּפיסה און די איבעריקע צייט אין אַ לאַגער הינטער די הרי־חושך און פאַרן זעלבן פאַרברעך ווי דו. נאָר מיט דעם אונטערשייד וואָס איך בין שוין געזעסן פאַר אַנטוי־שונג אין דער אידייע און דו ביסט געזעסן אויס ליבע פאַר דער אידייע, אָבער פאַר דער זעלבער אידייע.

— אין מיין צעלע — זעצט פאָר שמערל — איז געווען אַן אָרט בלויז פאַר צוואַנציק מענטשן און געזעסן זענען דאָרט אַריבער זעכציק. ביינאַכט, אַז מען האָט זיך געוואָלט געבן אַ דריי אויס אויף אַ זייט, האָט זיך די גאַנצע צעלע געדאַרפט אויסדרייען. עסן האָט מען באַקומען: 350 גראַם ברויט אַ טאָג און אַביסל יושקע אין אָוונט. וואַנצן זענען געווען לרוב, וואָס האָבן געטאַטשעט דעם גוף און טאָמער האָסטו צעקוועטשט איינע, וואָס איז געקראָכן אויף דער וואַנט אָט גלייך איבער דיין קאָפּ, האָט מען צומאַרגנס — אַז מען האָט נאָר געזען דעם פלעק נעבן דיר אויף

www.libtool.com.cn

דיין וואַנט — אַריינגעוואָרפן אויף אַ טאָג אין קאַרצער. דערליידיקן דעם מענטשלעכן געברויך איז געגאַנגען די גאַנצע צעלע מיט אַ שמירה פון די מיליציאָנערן. די טירלעך פון דער באַניאַ זענען געווען אָפן, ווייל טאָמער אַנטלויפסטו ערגעץ...

— איך גלייב דיר נישט — איז אויפגעקאָכט געוואָרן בערל — דו ביסט אַ רכילות־טרייבער, אַ מלחמה־העצער, אַ פּאַרקויפטער צום אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם! דו מאַכסט גרויל־פּראָפּאַגאַנדע!

— הלוואי וואָלט עס ליגן געווען — האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט שמערל — ליידער איז עס הוילער, נאַקעטער און טרוקענער אמת. איך שווער דיר באמונה, אַז דאָס גאַנצע פאָלק פון דאָרט, אויסער די וואָס פירן מיט אים, וואָלט גערן געזעסן אין דיין תּפיסה זייער גאַנץ לעבן. פון אַזעלכע באַדינגונגען, ווי דו האָסט געהאַט אין דיין טורמע, חלומט אַ גאַנץ פאָלק צו האָבן עס אויף דער פריי.

בערל איז געבליבן שטיין אַ פאַרזונקענער אין מחשבות און ענדלעך אַרויסגעצישעט מיט כּעס:

— אַט אַזוי רעדט מיינער אַ חבר, מיט וועמען מיר האָבן צוזאַמען אין אונדזערע יוגנט־יאָרן געקעמפט פאַרן זעלבן אידעאַל. עס פלאַמט מיר דאָך דאָס פּנים פון בושה. מען טאָר דיך נישט אַריינלאָזן אין אַ יידיש הויז אַריין. ווי קומט עס צו דיר?

— פשוט — האָט געלאַסן גענטפערט שמערל — איך האָב געזען מיט מיינע אויגן די רעאַליזירונג פון אונדזערע חלומות. איך האָב זיך איבערגעצייגט אַז אידייען אויפן פּאַפּיר זענען אַנדערש און אין לעבן, ווען מען דאַרף עס פּאַרווירקלעכן איז אויך עפּעס אַנדערש. עס זענען פאַרקריפּלט געוואָרן אונדזערע האָפענונגען. איך האָב געזאָגט דעם אמת, אַז עס טויג נישט, מען טאָר אַזוי נישט מאַכן. מען דאַרף פּאַרווירקלעכן דעם פּראָגראַם, אַט אַזוי ווי ער איז אָנגעשריבן געוואָרן פון די שעפער פון דער אידייע — האָט מען מיך פאַרמשפּט אויף פינף יאָר. דאָס איז נאָך געווען מיט חסד. פאַר אַזאַ פאַרברעכן באַקומט מען צען און צוואַנציק יאָר, מען זעט שוין מער נישט אָן די שיין פאַר די אויגן. וואָלסט געזען, מיין האַרציקער חבר, ווי מיר זענען געלעגן אין דער תּפיסה אויף דער

www.libtool.com.cn

ב. טערקעל

הוילער ערד אויסגעפלאַסטערט מיט שפּיציקע שטיינדלעך, וואָס האָבן זיך אַריינגעגעבּיסן אין אונדזערע לייבער, וואָלסט דערפילט דעם טעם פון די טאָרטורן אין די דאָרטיקע תפיסות, וואָלסטו פונקט ווי איך אַרויסגעוואָרפן פון קאָפּ די נאַרישע חלומות וועגן אויסבעסערן די וועלט און איינפירן יושר פאַר דער מענטשהייט, טפו מיט אַזאַ יושר.

— דיין תפיסה, ווו דו ביסט געזעסן עלף חדשים, וועט דיך נישט אויסהיילן פון דער אידייע — האָט שמערל פאַרגעזעצט. — אין מיין תפיסה וואָלסטו ערשט געזען, אַז די אידייע איז פאַרקריפּלט געוואָרן, אַז ס׳שטימט נישט קיין זאַך... דו וואָלסט פון איר אַנטלאָפן ווי אַ שד פאַר ווייַרויך. דיינע פּענסיאָנען היילן נישט אויס די לינקע קראַנקייט, נאָר פאַרוואַנדלען אייך — אויף די באַקוועמע בעטלעך און רחבותדיקע צע־לעס — אין מאַרטירער און עס איז מיר אַ רחמנות אויף דיר...

בערל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַ פאַרזונקענער אין מחשבות איז ער אַוועק.

www.libtool.com.cn

אַ הויז אין די בערג

די שטאַמען פון די עקאַליפּטוס־ביימער אין דער סאַנאַטאָריע היג־טערן שטאָט, רייסן זיך אַרויף צום טיפן אויסגעשטערנטן הימל. עס איז אַ מחיה. עס שמעקט. גלי־פליגעלעך שניידן זיך אַריין צווישן די צווייגן און באַגיסן מיט פאָספאָר־ליכט די בלעטער, וואָס ציטערן פון לייכטן ווינטל.

יאַנקל ליגט ברחבותדיק אויסגעצויגן אויף זיין בעטל, אויף דער וועראַנדע, פאַרגלאָצט די אויגן אין די מרחקים פון די באַגרינטע בערג און בערגלעך, וואָס שניידן זיך אַריין אין ווייטן האָריזאָנט אַריין.

— וואָס זאָגסטו חברל, האַ? — האָט זיך יאַנקל קאַלכאַזניק אָפּגערופן צו זיין שכן בערנאַרדאָ גאָלדענבערג, וואָס איז געלעגן פאַרתמט און אויסגעמאַטערט.

— גאָרנישט. וואָס זאָל איך זאָגן? בעסער איז צו שווייגן. האָסטו, גוטער ברודער, צרות — באַהאַלט זיי פאַר זיך. ווער דאַרף עס וויסן און וועמען אינטערעסירט עס?

— גערעכט, בערנאַרדאָ — מאַכט צו אים יאַנקל — גערעכט. דו פאַרשטייסט זע איך די וועלט, ביסט אַ מבין אויף איר חזירישקייט. ווייזט אויס, אַז דו ביסט גוט אָפּגעבריט פון לעבן. נישקשה, ברודערל, אַן אונדזעריקן כאַפּט נישט דער טייוול. מען לעבט און מען מאַטערט זיך און אויף צו להכעיס לעבט זיך ווייטער.

— נאָ דיר אַ שמעק טאַבאַק פאַר דיין גאַנצער פילאָזאָפיע, יאַנקל. אין דער הייַנטיקער וועלט — ווער עס האָט שטאַרקע עלענבויגנס איז אַ לייט און אַ נאַש בראַט טויג אויף כפרות. אַט בעסער גיב אַן אָרגאַניזיר אָפּ אַ שטיקל ברויט. עס חלשט מיר ס׳האַרץ און עס צופּט אונטערן לעפעלע. די הייַנטיקע ביפן האָב איך נישט געקענט אייַנבייסן, אַפילו אונדזער גרויסער הונט קוקי מיט זיינע געזונטע שטאָלענע ציין האָט זיי נישט גע־

www.libtool.com.cn

קאָנט איינבייסן. ער האָט זיי מיט זיינע לאַפּעס פאַרשאַרט ערגעץ. איך גאַראַנטיר דיר, יאַנקל, אַז דער אַדמיניסטראַטאָר אונדזערער עסט זיכער עפּעס בעסערס פון אונדז און אויף אונדז לייגט ער אַפילו נישט קיין אַכט. אַ געשעפט האָט ער מיט אונדז; זיינע טאַשן ווערן געשוואָלענער, ער נעמט אַרויף אויף זיך קילאָס גאַנצע און איך ווער מאָגערער פון טאָג צו טאָג.

— כאַ, כאַ,כאַ, רעדסט נאַרישקייטן, בערנאַרדאָ. פאַרלאַנגסט עפּעס אַזויפילן! ווילסט זיך גלייכן מיטן אַדמיניסטראַטאָר? ער איז דאָך עפּעס אַ לינק־געשטימטער און די דאָזיקע חברה זענען ווי די מייז, זיי שלעפּן אַלץ צו זיך אין דער נאָרע. דיר וועלן זיי קאָרמענען מיט שיינע ווערטער און הויכע טעאָריעס. די חברה האָבן ספּעציעלע ביכער דערצו, און אַז זיי ענדיקן נאָך די שקאָלע, ווערן זיי אמתע פייגל. איך, גוטער ברודער, האָב אין משך פון זיבן יאָר זיך אָנגעפּרעסן מיט אַזויפיל סאָציאַליזם, אַז עס קאָן מיר קלעקן דאָס גאַנצע לעבן. פאַרגעס נישט, חברל, אַז איך האָב דעם דאָזיקן סאָציאַליזם געשטודירט מיט אַ ליידיקן מאָגן. אין אַזוינע באַדינגונגען קריכט עס נישט בלויז אַריין אין קאָפּ, נאָר עס נעמט דורך די ביינער. אָ, גוטער ברודער, איך בין שוין אַ געלערנטער, איך דערשמעק די חברה פונדערווייטנס, ווי אַ הונט דערשמעקט אַ פעטן ביין, נישט פון אונדזער קיך, ביי אונדז גיט מען דעם הונט אויך האַרטס צו גריזשען. אויף די בעסערע זאַכן זענען פאַראַן בילכערע פאַרשוינען.

קוקי האָט פאַרריסן די מאָרדע צו דער לבנה און זיך צעבילט. די עטלעכע צענדליק קאַטשקעס האָבן זיך צעקוואָקעט אויפן הויף און זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן. ערגעצוו צווישן די בערג־שפּאַלטן האָבן נאַכט־פייגל זיך צעטרעלט.

— פאַרשטייסט? — האָט זיך יאַנקל אויפגעזעצט אויפן בעטל — וועסט עס נישט פאַרשטיין. דער כוס איז נאָך נישט פול. שוין אַכט יאָר זענען פאַרפלויגן זינט איך האָב זיך געזעגנט מיטן פושקין־קאָלכאָז אין קאַטאַקורגאַנסקי אַריקסקי סעלסאָוויעט און אָט בין איך דאָ און זעסט דאָך מיין מערכה. דאָרט אין אמתן גן־עדן האָב איך געוויגן 58 קילאָ און געשלעפּט אויף די אויסגעדאַרטע פּלייצעס 80 קילאָדיקע זעק, געגעסן אַ

www.libtool.com.cn

מכה מיט גאַרנישט, געווען צופרידן אַז איך האָב געזען אַ קרישקעלע ברויט, זיך מחיה געווען מיט שהי־פּיה און געווען געזונט ווי אַ פערד. טאָמער האָט אַמאָל עפּעס ערגעצוו אַ צופּ געטאָן, אַ בראָך געטאָן די ביינער האָט דער דאָקטער דיך נישט באַפרייט פון דער אַרבעט. האָסטו נישט געהאַט קיין 39 גראַד היץ, איז דאַוואַי ברודער, אַרבעט מיט די זייטן. איך האָב אויסגערויכערט אַ גאַנצע ביבליאָטעק צייטונג־פּאַפּיר, געדרייט מאַכאָרקע און געווען געזונט, ברודער. דאָרט האָב איך טאָג און נאַכט געהאַט איין דאגה: מיט וואָס שטאָפּט מען אָן דעם מאָגן, און דאָ, — פּאַסמאָקעוועט ער זיך — וואָלט איך איצט עפּעס צוגעביסן. עס גלוסט זיך מיט וואָס צו דערכאַפּן ס'האַרץ, אַז דאָס חיות גייט אַרויס.

— גיי, מאַך זיך נישט נאַריש, יאַנקל — האָט אים בערנאַרדאָ איבערגעשלאָגן — איצט ביינאַכט ווילט זיך דיר אַ נאַש טאָן. אַלץ איז שוין געשלאָסן, וואַרט ביז מאָרגן, וועסטו ווידער גיין צום טיש, עסן ווידער אַ פּאַרציע לאַקשן, מיט נאָך אַ טעלער לאַקשן, מיט אַ האַרטן ביף און וועסט באַקומען צוגעציילט אַ 12 ווייַנטרויבן, אָדער אַ צוגעפוילטן עפּל. וועסטו האָבן קוראַזש און פאַרמאַכן די אויגן, וועסטו שלינגען, און די ביפן, אַ די ביפן וועסטו סיי־ווי אַרויסוואַרפן. אויב קוקי קאָן זיי נישט איינבייסן, וועסטו אַזאַ קונצנמאַכער נישט זיין...

פון דעם אַדמיניסטראַטאָרס הייזקע האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען פון דזשאַז־מוזיק און פריידיקע געלעכטערס פון זייערע איינגעלאַדענע געסט. אויף דער וועראַנדע זענען די קראַנקע געלעגן און געקוקט אין דער פינצטערער ווייטקייט פון די אַרומיקע בערג.

— אָט אַ וועלט געוואָרן. עס וועט דיר נישט העלפן אויב וועסט רעדן. אַ שוואַכינקן און נעבעכדיקן און דערצו נאָך אַ קראַנקן וועט קיינער נישט גלויבן. ווי האָט געזאָגט דער הויפּט־דאָקטער: אַלע קראַנקע זענען נערווען. נו, איז ער נישט גערעכט. על פּי חכמת הדאָקטאָריע שטימט עס. והראיה, אַזוי שרייבן די גראָבע מעדיצינישע ביכער. און גראָבע ביכער פּונקט ווי גראָבע בייכער מוז מען גלויבן.

— אַ וואָזשנער פילאָזאָף ווערסטו מיר דאָ אין די בערג. דאַכט זיך

www.libtool.com.cn

אַז די פּרעכטיקע לאַנדשאַפט וועט דיך נאָך מאַכן פאַר אַ דיכטער אויך. שיינקייט רעגט אָן, זעסט דאָך — האָט זיך בערנאַרדאָ פונאַנדערגעלאַכט.

— ווייסט — האָט זיך יאַנקל אָפּגערופן — היינט האָט מיר דער דאָקטער געזאָגט: שטיינער זאָלט איר עסן, נאָר אַ צען קילאָ דאַרפט איר אויף זיך אַרויפשלעפּן. אַ כיטרער בחור דער דאָקטער. דאָרט ביי מיר אין קאָלכאָז האָבן אַפילו די אוזבעקן געוווסט, אַז קיין שטיינער קאָן מען נישט עסן. וואָלט עס געווען אַ מאכל אַזאַ, וואָלט עס זיכער געווען פאַרשריבן געוואָרן אין קורצן קורס פון דער געשיכטע פון אלקפ״ב. דאָ אין די בערג וויל ער דערמיט אָנקאָרמענען די פּאַציענטן, זיי זאָלן דערפון גענעזן ווערן. ווייזט אויס, אַז לויטן רעצעפּט פון פּאַרוואַלטער איז עס באַקוועם פאַר די פינאַנסן.

די איבעריקע קראַנקע האָבן זיך הילכיק צעלאַכט און דער עכאָ האָט זיך פאַרקייקלט צווישן די בערג־שיפּועים.

— לאַכט נישט — האָט זיך יאַנקל צעבייזערט — אָך און וויי צום געלעכטער. מעגסט אַפילו שרייען וועט עס דיר העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. עס טוט וויי, אַז מען ליידט זיך אָן אַזויפיל אין לעבן און שפּאָרסט אָפּ אַ שטיקל קראַנקייט, קאָנסט נישט פּטור ווערן דערפון. דאָ שפּילט אַ ראָלע אַ מענטש. אויך דאָ אָבער טראַכט יעדער פון זיך און דאָ, גוטער ברודער, איז אויך שווער איבערצומאַכן די וועלט. דאָרט ווו עס שטעקן אַריין אַ פוס אָט די פון יענעם חדר, וועסטו צעריבן ווערן אויף שטויב.

— מאַך זיך נישט נאַריש, יאַנקל, לאָמיר רעדן פון פריילעכערע זאַכן. וואָס וואָלסטו אַ שטייגער איצט געגעסן גוטס? — האָט זיך בערנאַרדאָ אָפּגערופן. נישט וואַרטנדיק אויף קיינעמס ענטפער, האָט ער זיך בנעימותדיק באַלעקט און צמאָקענדיק מיט די ליפּן געזאָגט: — איך וואָלט איצט געגעסן אַ פעט יאַיכעלע, מיט אַ גוט שטיקל געבראָטענע הון, אַ בינטל פרישע שמעקעוודיקע וויינטרויבן און פאַרטרונקען מיט אַ לייטיש גלאָז טיי.

— שרייב אָן אַ ביטע צום פאַרוואַלטער, ער וועט דיר זיכער באַווייליקן, ער איז נישט אַזאַ שלעכטער. אויף זיין טיש וועלן נאָך מסתמא זיך געפינען שיריים פאַר דיינעטוועגן — האָט זיך יאַנקל אַריינגעריסן מיט

www.libtool.com.cn

זיין סאַרקאַסטישער באַמערקונג וועגן בערנאַרדאָס אויסגעטרוימטע מעדני־מלכים.

עס איז אויסגעלאָשן געוואָרן די ליכט אויף דער וואַרענדע און נאָך שפּעט אין דער נאַכט האָט העל געלויכטן אין די פענצטער פון פּאַרוואַל־טער און גרילצנדיק האָבן די מוזיק־טענער זיך פאַרשפּרייט אין חשכות פון דער נאַכט איבער דער סאַנאַטאָריע אין די קאָרדאָבער בערג.

www.libtool.com.cn

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אַבֿרהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־ווידערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן ציילין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אַבֿרהם טייטלבוים — וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

www.libtool.com.cn

31) שמחה פאליאקיעוויטש — א טאג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספארקויפט)
35) יוסף וואלף — לייענענדיק פרצן...
36) צפורה קאצענעלסאן־נאכומאוו — יצחק קאצענעלסאן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פאוויאק
38) נחום סאקאלאוו — פערזענלעכקייטן
39) רחל קארן — היים און היימלאזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאמענטן פון א לעבן
41) מנשה אונגער — פשיסכע און קאצק (אויספארקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פלוינע
43) מ. קיפניס — הונדערט פאלקס־לידער (אויספארקויפט)
44) ז. סעגאלאוויטש — מיינע זיבן יאר אין תל־אביב (אויספארקויפט)
45) ד"ר ח. שאשקעס — א וועלט וואס איז פארביי... (אויספארקויפט)
46) שלמה וואגא — חורבן טשענסטאכאוו
47) אברהם זאק — יארן אין וואנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאן — פאמיליע קארפ (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע 1950)
50) ד"ר א. מוקדוני — מיינע באגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאהאן — אין פייער און פלאמען (אויספארקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פראזע אין פוילן
53) יאנאס טורקאוו — אין קאמף פארן לעבן (אויספארקויפט)
54) יצחק פערלאוו — די מענטשן פון „עקזאדוס 1947" (ראמאן)
55) פנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אש — פעטערבורג־ווארשע־מאסקווע
59) ד"ר פיליפ פרידמאן — אשוויענטשים
60) ב. ראזען — טלאמאצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם
63) יאנוש קארטשאק — משהלעך, יאסעלעך, ישראליקלעך
64—65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע"
(פרעמירט דורכן האפנער־לייב ליטעראטור־פאנד ביים יידישן קולטור־קאנגרעס, בוענאס איירעס 1951)
66) חיים גראדע — שיין פון פארלאשענע שטערן
67) רבקה קוויאטקאווסקא — פון לאגער אין לאגער
68) יואל מאסטבוים — מיינע שטורמישע יארן (זכרונות)
69) אליהו טראצקי — גלות דייטשלאנד
70) ד"ר י. שאצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספארקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אמאל א לעבן... (אויספארקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פלאכטע פון נארקאווע (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע 1951)

www.libtool.com.cn

73) יהודה עלבערג — אונטער קופּערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן פּאַולאָ, בראַזיל, 1952)
74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאַנד
75) זיגמונט טורקאָוו — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) יהושע פּערלע — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשאַרני — ווילנע
79) ז. סעגאַלאָוויטש — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן (אויספאַרקויפט)
80) יזכר־בוך — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פולער וואָך
82—83) יצחק פּערלאָוו — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)
84) יוסף אַקרוטני — דאָס בוך פון די עלנטע
85—86) מרדכי שטריגלער — גורלות
87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פאַרטאָג
89) משה דוד גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)
90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91—92) ד״ר עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלען געשיכטע
93) שמעון האַראַנטשיק — אין גערויש פון מאַשינען (ראָמאַן)
94) גרשם באַדער — מיינע זכרונות (קראָקע)
95—96) יאַנאָס טורקאָוו — פאַרלאָשענע שטערן
(פּרעמירט דורכן צבי קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1954).
97—98) אַלטער קאַציזנע — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)
99) פּועה ראַקאָווסקי — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערן
100) מאַרק טורקאָוו — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) י. הירשהויט — יידישע נאַפט־מאַגנאַטן
(פּרעמירט מיט דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע ביי „די אידישע צייטונג",
בוענאָס־איירעס 1955).
102) משה זאַנשיין — יידיש וואַרשע
103) פּ. מינץ — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)
105—106—107) מיכאל באָרוויטש — אַרישע פּאַפּירן
108—109) מרדכי שטריגלער — געצערעמט מיטן ווינט (היסטאָרישער ראָמאַן)
110—111) ד״ר א. מוקדוני — אין וואַרשע און אין לאָדזש
(פּרעמירט מיט דער האָפּער־לייב־פּרעמיע ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס,
ניו־יאָרק 1956).
112) ברוך האַגער — מלכות חסידות
(פּרעמירט מיט דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע ביי „די אידישע צייטונג",
בוענאָס־איירעס 1956).

www.libtool.com.cn
113) ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 (זכרונות)
114) פּנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון די ליאַלקעס (אויספאַרקויפט)
116) מאַקס ווײַנרײַך — פון ביידע זײַטן פּלויט
117) אליעזר וויזל — ...און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פּרעמירט דורך פּראָפ. הערש־פאָנד, ביים קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל (ראָמאַן)
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צײַט
122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן
123) אברהם טענענבוים ־ ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע
126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען...
(פּרעמירט דורכן ב. אייזנראָוויטש־ליטעראַטור־פאָנד, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפאָרן
129—130) דוד פלינקער — נײַע צײַטן (ראָמאַן)
(פּרעמירט דורכן מרדכי סטאָליאַר־פאָנד, בוענאָס־אײַרעס 1958)
131) מ. י. שעליובסקי — אין דער וועלט אַרײַן . . .
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב־פאָנד, ניו־יאָרק 1958)
132) ד״ר י. שוואַרצבאַרט — צווישן ביידע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלייבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מלך באַקאַלטשוק־פעלין — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) פּנחס וועלנער — אין יענע טעג...
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער
138) הירש אַבראַמאָוויטש — פּאַרשווּנדענע געשטאַלטן
139) ב. טערקעל — צווישן שאָקאַלן

עס גרייט זיך צום דרוק:

נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות
צבי כהן — שטורמישע דורות (ראָמאַן)
י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)

עס דרוקט זיך און דערשײַנט בקרוב:

יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרייאונג
דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פּוילן
שלמה בריאַנסקי — זשעלעכאָווער מענטשן
פּנחס שטיינוואַקס — ייִדישע מאַמעס צום געדענקען

www.libtool.com.cn

Este libro se terminó de imprimir el día 6 de noviembre de 1958, en los Talleres Gráficos de JULIO KAUFMAN, S.R.L., Av. Corrientes 1976, Bs. Aires, Rep. Argentina.

www.libtool.com.cn

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Volumen 139

Copyright by
B. Terkel, Buenos Aires

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

Hecho el depósito que marca la Ley

www.libtool.com.cn

B. TERKEL

ENTRE CHACALES

(M E M O R I A S)

*

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Buenos Aires, 1959